STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09296

IN EYGENEM LAND

Itzjok Perlow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פערלאָוו

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyrygth by
Itzjok Perlow, Jaffa, (Israel)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

יצחק פערלאָוו

אין אייגענעם לאנד

*

פאַרלאַג
„יידבוך"

ביי דער „געזעלשאַפט פאַר ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס איירעס, 1952

ITZJOK PERLOW

IN EIGUENEM LAND

(E N S U H O G A R)

★

E d i t o r i a l
" I D B U J "
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas
en la Argentina
BUENOS AIRES - 1952

אינהאַלט

אין אייגענעם לאַנד

	זייט
דער אָנהויב	7
אונטער איין דאַך	21
רות	39
בן־עמילע גייט שוין אין גן־ילדים	77
בלימעלעס ליבע	99
בדמיך חיי...	115
ווינט און רעגן	129
ברידער	137
אין אויטאָבוס	167
געוועזענע...	175
וויאַ־וויאַ, פערדעלעך!...	203
יוגנט־פריינט	213
„די הענט אַוועק פון קאָרעאַ!"	229
חבר פיש	239
דער אוצר	251

נאָכן שטורעם

דאָס ליטעראַרישע קעצל	273
חוהלע און חיהלע	287
אַ ייִדישע קאַץ	303
אַ דיכטער פירט אונדז אין באָד אַריין	321
איך וויל נישט שטאַרבן	335
פרעסע־שטימען	344

דער אָנהויב

אויף איין שיף זענען זיי געשוווּמען. אויף דער אויבערשטער דעק, ביים פֿאָדערשטן באָרט, זענען זייערע בעטלעך געשטאַנען, אויף די בעטלעך האָבן זיי גערוט, געגעסן, געשפּילט אַ קערטל, גערויכערט, געשאָטן אַש און געטרוימט וועגן דעם נייעם לעבן, וואָס זיי וועלן מאָרגן אָנהייבן אין אויסגעבענקטן לאַנד.

אַלע דריי — שוין נישט קיין יונגעלייטלעך. יעדערער פֿון זיי האָט שוין אויף קליינגעלט צעביטן דעם זעקסטן יאָרצענדליק. זיי האָבן איבערגעלאָזן קבֿרים אין אייראָפּע און פֿירן מיט זיך בית־עולמס אין די הערצער. כאָטש די קעפּ זענען שוין היפּש באַשנייט, זענען נאָך די אויגן פֿלעמלדיקע. די אויגן דערציילן וועגן אַ נישט־אויסגעלעבטן לעבן און פֿאַרלייקענען עקשנות־דיק די גרויקייט אויף די קעפּ, ווי די גרויקייט וואָלט נישט־געזעצלעך אָקופּירט די שלייפֿן, די ברעמען און די בערד.

דער ייִנגסטער פֿון זיי איז וועלוול בערגמאַן. אויסערלעך — אַ ייִד אַ גבֿר. ברייטע פּלייצעס, אַ ברייטער ברוסטקאַסטן, אַ פֿעסטער קאַרק און פֿעסטע מוסקולן. זיין אַטלעטישע צעוואַקסנקייט וואָרנט, אַז פֿון זיינעם אַ פּאַטש קען מען זיך זען מיט דער עלטער־באָבען... אָבער פּאַקטיש איז ער אַ ייִד אַ חלוש, מיט וואַסער אין די לונגען. ער ליגט מער, ווי ער גייט אַרום. אָבער דערביי פֿאַרלירט ער נישט זיין הומאָר און עס שעפּן זיך נישט אויס זיינע וויצן:

— ווען מען קען מיר אויסצאַפּן דאָס וואַסער פֿון די לינגעלעך און באַגיסן דערמיט דעם נגבֿ, וואָלטן מיר ביידע געהאָלפֿן געוואָרן...

דער מיטעלער איז איגנאַצי אַוועֿרבוך. אַ פריזירער. איינער פון די פאָפולערסטע וואַרשעווער מייסטער פון דאַמען־פריזורן. די ווייבעלעך פון די נאַלעווקעס, פון זאַמענהאָף און גענשע פלעגן וואַרטן אין אַ ריי, אַז ער אַליין זאָל זיי אויסצערטלען די קעפּלעך און אויסכשופן אַ פריזור אַלאַ־גרעטאַ גאַרבאָ, אָדער מאַרלענאַ דיטריך... זיין שם איז געוואַקסן פון יידישן פערטל. אָבער היינט געדענקט שוין קיינער נישט זיין נאָמען. פון זיינע קליענטינס איז געוואָרן אַש און פון זייערע האָר — מאַטראַצן אין די דייטשע בעטן. ער פאָרט אין לאַנד אַריין אָן איין פונט אין טאַש, אָן אַ שטיקל געצייג און אָן גרויסע האָפענונגען. ער זעט זיך שוין, ווי אַ געזעלן ביי אַ מייסטער, אויף דער עלטער — אַן אָנגעשטעלטער ביי יענעם... און הלוואי ער זאָל נאָר קריגן אַרבעט.

דער עלטסטער און דער חשובסטער פון די דריי, איז ר׳ בנימין קאַנפער. אַ ייד וועלכער איז חשוב ביי יענעם און נאָך מער — ביי זיך אַליין. זיין הדרת פנים, זיין זויבערע, באַזילבערטע באָרד, זיין געלאַסענער אַרט רעדן מיט געציילטע ווערטער, זיין מאַיעסטעטישער גאַנג, איז פול מיט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. יעדער טראָט זיינער דערציילט, אַז ער איז אַ ציוני־ותיק, דער טאָן איז פון אַ כלל־טוער, יעדע באַוועגונג — פון אַ פרעזעס מיט סטאַזש. דאָס איבעריקע איז ער נישט פויל צו דערציילן מיט ווערטער און טאַקע אויף שריט און טריט אַריינוואַרפן וועגן זיינע לייסטונגען פאַרן קרן־קימת און קרן־היסוד און וועגן זיין פרעזעסעריי אין לאַגער־קאָמיטעט אין דייטשלאַנד. ער האָט נאָך אפילו ביי זיך דעם בריוו צו באַווייזן, ווו מען איז אים מודיע, אַז ער וועט פאַרשריבן ווערן אין ספר־הזהב.

— נישט געזאָרגט ידן! אין אונדזער לאַנד וועט מען נישט פאַרלוירן!... און טאָמער אַ מאָל עפּעס, זאָלט איר זיך ווענדן צו מיר... נישקשה, איך אַן אַלטער ציוני־ותיק, וועל זיך מערצעשעם ווידער פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. מיינע תלמידים פאַרנעמען דאָרט וויכטיקע פּאָזיציעס און מיינע פאַרדינסטן געדענקען זיי...

— מילא פאַר אייך זענען מיר אויסגעזאָרגט, ר׳ בנימין... זיפצט אָפּ איגנאַצי אַוועֿרבוך — אָבער איך וועל מוזן אויף דער עלטער ווערן אַ גע־

זעלן ביי יענעם... און וועלכער מייסטער וועט עס וועלן נעמען אַן אַלטן מאַן?...

און וועלוול בערגמאַן גיט צו:

— ווען נישט דאָס ביסל מים־אחרונים אין מיינע לונגען, וואָלט איך נאָך געלאַכט פון דער וועלט!... אָבער אַזוי...

— נישט געזאָרגט ייִדן, נישט געזאָרגט!...

— וועט איר כאָטש אָן אונדז געדענקען, ר׳ בנימין?...

— איר זענט דאָך עפּעס פּאָרט אַ... כ׳וויס... טאָמער וועט מען עפּעס דאַרפן אַ שטיקעלע פּראָטעקציעלע...

— נישט געזאָרגט ייִדן, נישט געזאָרגט, זאָג איך!... ר׳ בנימין קאַנפּער האָט קיין מאָל נישט געלעבט פאַר זיך אַליין... און דער אויבערשטער וועט העלפן אויך ווייטער.

צופרידן פון זיך און פון דעם, וואָס ער האָט אַזוי גרינג ייִדן געהאָלפן מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ צוזאָג, האָט ער זיך, אָנשפּאַרנדיק אָן באָרט, אונטערגעברומט אַ זמרל... ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין בריוו, ווו מען זאָגט אים־צו צו פאַרשרייבן אין ספר־הזהב און זיך פאָרגעשטעלט דעם קבלת־פּנים וואָס מען וועט אים דאָרט מאַכן. דערביי האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן זיינע בגדים, וואָס ליגן אין דעם צעטרענצלטן טשעמאָדאַן. דאָרט האָט ער זיין יום־טובדיקן סורדוט מיט די זיידענע לאַצן, דעם האַרטן מעלאָניק, אַ פּאָר האַרטע קעלנער מיט אַ שטייף־אָנגעקראָכמאַליעט הערצל און אַ שוואַרצן, ברייטן אויסבינדער. די בגדים האָט ער נאָך פון דער היים. ער איז זיי געגאַנגען אָנגעטאָן בעת דער לעצטער פאַרזאַמלונג פאַרן קריג, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שקל־אַקציע. די בגדים האָט אים זיין ווייב איינגעפּאַקט אין טשעמאָדאַנטשיקל, ווען ער איז אַנטלאָפן פון דייטש. אין שווערע הונגער־יאָרן אין רוסלאַנד, איז אים נישט איין מאָל איינגעפאַלן דאָס צו פאַרקויפן. אָבער קיין סורדוט מיט קיין מעלאָניק האָט קיינער נישט געדאַרפט. עפּעס אַ צירק־אַקטיאָר האָט עס יאָ געוואָלט קויפן, אָבער ער האָט פאָרגעלייגט אַ פּרייז, פאַר וועלכן ער וואָלט קיין ברויט נישט געקראָגן. איצט איז ער שוין צופרידן, ר׳ בנימין ,וואָס ער האָט עס נישט פאַרקויפט. מאָרגן־איבערמאָרגן וועט ער זיי אַרויסנעמען, אויסלופטערן,

אויספּרעסן און ר׳ בנימין קאַנפּער, דער פּרעזעס און ותיק וועט זיך באַווייזן אין זיין פולן גלאַנץ...

זיי זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין נאָך די גרויסע שלאַכטן און נאָך די גרויסע נצחונות. פון דער שיף האָט מען זיי אַראָפּגענומען אין בית־עולים. דאָרט זענען זיי ווידער געלעגן צוזאַמען אין אַ לייוונטענעם געצעלט.

צוזאַמען זענען זיי געשטאַנען אין דער לאַנגער ריי צו דער רעגיסטראַציע. ר׳ בנימין האָט אפילו געפּרוווט גיין אָן אַ ריי. ער האָט זיך לאַנג געאַמפּערט ביי דער טיר, פון וואַנען מען האָט אים, גאָר נישט העפלעך, אַוועקגעשטויסן. ער האָט געוואָלט איבערצייגן, אַז ער האָט יאָ רעכט צו גיין אויסער דער ריי. אָבער דער מענטש ביי דער טיר האָט אים צוריקגעוואָרפן:

— ביי אונדז זענען נישטאָ קיין יחסנים!

— אַז איר וועט זיך שפּעטער דערוויסן ווער איך בין, וועט איר חרטה האָבן! — האָט ר׳ בנימין אָפּגעווישט דעם שוויס און אַ פאַרשעמטער זיך אומגעקערט אין דער ריי, צו זיינע פריינט. — נישקשה, זיי וועלן זיך נאָך דערוויסן, וועמען זיי האָבן אַוועקגעשטויסן!...

— אַז זיי קענען אייך נישט, ר׳ בנימין... — האָט אים אַווערבוך באַרויקט.

— דאָ איז דאָך אַזאַ מין אָנגעלויף, אַז מען קען זיך נישט פונאַנדערקלייבן — האָט וועלוול בערגמאַן צוגעגעבן.

— אָט מאָרגן וועל איך אַ פאָר טאָן קיין תל־אביב, זיך דאָרט טרעפן מיט מיינע... כ׳וועל זיי דערציילן די געשיכטע. דער מנהל וועט קריגן אַ פאַרוואורף.

צומאָרגנס האָבן בערגמאַן און אַווערבוך, ביז שפּעט אין אָוונט, געוואַרט אויף ר׳ בנימינען, וועלכער איז באַגינען אַוועקגעפאָרן קיין תל־אביב. זיי האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד, צו הערן פון אים אַ גוטע בשורה, אַז ער איז שוין איינגעאָרדנט אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן. אפשר וועט ער זיי אויך קענען טאָן אַ שטיקל טובה. און אגב, האָט ער אויף קיין הוצאות נישט געהאַט און זיי האָבן זיך אַלע דריי צונויפגעלייגט זייערע לעצטע פּיאַסטערס פאַר דער נסיעה.

אָבער ווען ער איז שפּעט אין אָוונט צוריקגעקומען מיט אַ פאַרחושכט פּנים, האָבן אים שוין זיינע פריינט גאָרנישט געפרעגט. נישט נאָר נישט געפרעגט, נאָר אפילו אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיין נסיעה.

— ר׳ בנימין, דאָ שטייט אייער פּאָרציע מיטאָג...

— עס איז שוין קאַלט, פאַרגליווערט, אָבער איר האָט דאָך נאָך מסתמא גאָרנישט געגעסן...

— איך וויל נישט עסן. עס קריכט מיר נישט אין האַלדז אַריין. — האָט ר׳ בנימין אַ צעבראָכענער געשטאַמלט.

— נעמט זיך נישט צום האַרצן, ר׳ בנימין!

— פריִער אָדער שפּעטער וועט איר אייערס דערגרייכן!...

— אַז איך דערקען גאָרנישט די מענטשן! — האָט ר׳ בנימין אַ צעשפּרייט געטאָן ביידע הענט, ווי עפּעס וואָלט פון זיי אַרויסגעפלויגן. — יעדערער זיצט זיך אויף זיין בענקל און האָט מורא זיך אונטערצוהייבן, טאָמער וועט מען עס אים אויסכאַפּן... איך האָב זיי געמאַכט פאַר לייט, געהאָלפן עולה צו זיין, מיטגעגעבן בריוו, אַז מען זאָל זיי אויפנעמען און אָנטקעגנקומען. און אַצינדער. קוים וואָס זיי דערקענען מיך. זיי וווּנדערן זיך, וואָס איך לעב נאָך...

— אפשר האָט זיך עס אייך געדאַכט, ר׳ בנימין?

— ס׳הייסט, עס האָט זיך מיר געדאַכט? אַז איך רעד וועגן אַרבעט, האָבן זיי די חוצפה מיר פאָרצולייגן, איך זאָל ווערן אַ סטאָראָזש ביי זייער טיר פון משרד! איר הערט, ייִדן? פאַר ברויט צאָלן זיי מיר אָפּ מיט שטיינער.

— עסט עפּעס, ר׳ בנימין.

— טרינקט כאָטש אַ ביסל קאַווע.

נאָר ר׳ בנימין קען זיך נישט באַרויִקן:

אַ געוועזענער סטאָראָזש איז היינט אַ פּקיד און אַ געוועזענער פּרעזעס, אַ ותיק, וועט שטיין ביי דער טיר אַלס סטאָראָזש! איז עס נישט צום פּלאַצן? מאָלט אייך, אַז עס האַלט נאָך נישט דערביי... כ׳וועל אָנשפּאַרן ביז ד״ר חיים ווייצמאַנען. איך קען אים פּערזענלעך. ביז דוד בן־גוריונען! עס איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט! — האָט ער זיך געלאָזן אַריינשטופּן אַ קאַלט טעפּל קאַווע אין די הענט אַריין.

ער האָט געזופּט די קאַלטע קאַווע, נישט־פילנדיק, וואָס ער טרינקט. דאַקעגן האָט ער יאָ דערפילט, אַז ער גלייבט אַליין נישט מער אין דעם יושר אויף דער וועלט... און וואָס עס האָט אים נאָך מער געאַרט, איז דאָס, וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַרלירט די חשיבות אין די אויגן פון זיינע פאַרענדיקע פריינט...

ר׳ בנימין האָט אין ערגעץ נישט אָנגעשפּאַרט. נישט נאָר ביז צו ד״ר חיים וויצמאַן און דוד בן־גוריון, נאָר אפילו אַ ביסעלע נידעריקער.

אין אַ שווערן כאַמסין־טאָג האָט מען אים, בערגמאַנען און אַווערבוכן אַרויפגעפּאַקט אויף אַ לאַסט־אויטאָ, מיט נאָך אַ דרייסיק ייִדן, און זיי אַוועק־געפירט אין אַ שכונה, נישט ווייט פון תל־אביב. דאָרט האָבן זיי באַקומען אויסגערעמאָנטירטע אַראַבישע וווינונגען, בעטלעך, מאַטראַצן, קאָצן, די „תעודת עולה״ און צו פּאָר פונט אין טאַש.

דער ערשטער האָט זיך איינגעאָרדנט וועלוועלע בערגמאַן. ער איז געוואָרן נאַכט־וועכטער ביי אַ מחסן. ביי־טאָג איז ער געווען פריי. האָט ער די צייט אויסגענוצט אויף צו בויען זיך אַ לול. פון דעם געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פון נאַכט־וועכטעריי, האָט ער כסדר געשפּאָרט און אָפּגעלייגט אַ לירע, צו אַ לירע. דערביי האָט ער גאַנצע נעכט גערעכנט: נאָך אַ דריי חדשים, וועט ער קענען קויפן כּך־וכך הינער. די הינער וועלן אים לייגן כּך־וכך אייער. קיין באַזונדער־שווערע אַרבעט איז נישטאָ דערביי און ס׳וועט זיין פּרנסה. דערווייל איז נאַכט־וועכטעריי אויך גוט. כּל־זמן מען צאָלט דריי לירעס פּאַר אַ נאַכט, וועט ער די שטעלע נישט אָפּלאָזן.

— וואָס איז מיר דען דער חילוק: צי איך שלאָף אין דער היים, צי איך שלאָף ביים מחסן?... וויצלט ער זיך — איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, און עס זענען דאָ דריי לירעס אין טאַש... איך שלאָף אפילו גאַנץ שווער פאַר די דריי לירעס אַ נאַכט... אָבער וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז אַרבעטן! זיין פּראָדוקטיוו...

אין גאַנצן אויפגעריכט געוואָרן איז איגנאַצי אַווערבוך. פון אַזאַ מין גדולה האָט ער אפילו נישט געחלומט! ער האָט באַקומען אַ רשיון צו עפע־נען זיך אַן אייגענעם פריזיר אַנשטאַלט. און נישט נאָר אַ רשיון, נאָר טאַקע אַ לאָקאַל. דער לאָקאַל איז אין סאַמע צענטער פון דער שכונה. ער האָט אים גריינטלעך און מיט געשמאַק אויסגערעמאָנטירט. אין תל־אביב האָט

ער געפונען פאַך־קאָלעגן, זיינע געוועזענע געזעלן. זיי האָבן זיך אַלע אונ־טערגענומען צו שטעלן אים, זייער געוועזענעם שעף און לערער, אויף די פיס. האָבן זיי אים אַריינגעשטעלט שטולן, שפּיגלען, אָנדולאַציע־מאַשינען, פאַרשידענע געצייג און אויסגעבאָרגט אַ לייטישע סומע, אויף אַן אומבאַ־שטימטן טערמין. ער האָט אויפגעהאָנגען אַ שפּאָגל־נייע פאַרביק־ראשיקע וויוועסקע און מענער און פרויען האָבן זיך אויסגעזעצט אין זיין פריזיר־אַנשטאַלט, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן...

— אַ גאָלדענע מדינהלע, ר׳ בנימין!... ווער וואָלט זיך עס געריכט, האַ?... נאָך אַזאַ וויסטן חורבן, צוריק אויפגעריכט ווערן, מיט מענטשן צוגלייך!...

אָבער דווקא דער אַלטער ציוני־ותיק ר׳ בנימין, האָט היינט, אין זיין פאַרביטערונג, גאָר אַן אַנדער מיינונג:

— ניין! נישט דאָס האָב איך געמיינט. נישט אויף דעם האָב איך אַוועקגעגעבן יאָר־צענדליקער פּראַצע, געאַרבעט פאַרן קרן־קימת און קרן־היסוד, אַז דאָ זאָלן זיין אַזעלכע פּירעכצן! איך האָב נישט געוווסט, אַז מיט מיינע זאַמלונגען פּאַשע איך דאָ אַ שטאַב פון ביוראָקראַטישע פּקידים, וועל־כע זענען צוגעוואַקסן צו די בענקלעך און זעען נישט די וועלט! הערט אַ יושר: איך, פּרעזעס בנימין קאַנפער, אַ ציוני־ותיק, זאָל דאַרפן אויף דער עלטער ווערן אַ סטאַראָזש! אָדער גאָר אויסגיין פון הונגער?

— און אפשר ר׳ בנימין, וועט איר פּרווון אַזוי ווי אַיך?... — זאָגט בערגמאַן שעמעוודיק, נישט־קוקנדיק אין ר׳ בנימינס זייט — כ׳מיין מאַכן זיך אַ לול. עס איז אַ לייכטע אַרבעט. איר זענט נישט אָפּהענגיק פון קיינעם. ביי זיך... אויף די ערשטע דרייסיק הינער וועלן מיר אייך אויסבאָרגן און איר וועט האָבן פּרנסה...

ר׳ בנימין האָט גאָרנישט געענטפערט. כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אַז דאָס איז אַן עצה טובה פון בלויז אויפריכטיקער גוטפריינטשאַפט, האָט עס אים דאָך געבריט און ער האָט עס נישט געקענט אַראָפּשלינגען. ער האָט עס אָנגענומען ווי די טיפסטע באַליידיקונג און געטראַכט:

„אַז מען לייגט זיך מיט פערד, שטייט מען אויף מיט פליי... אַ פאַרשלאָג פון אַ גראָבן יונג: פאַרלייגן דעם פּרעזעס ר׳ בנימין קאַנפערן, דעם ציוני־ותיק מיט פאַרדינסטן, אַז ער זאָל זיך אַוועקזעצן פּאַשען הינער און די וועלט

זאָל פון אים לאַכן. אַ הינער־פּאַסטוך ווערן! דאָס קענען טאַקע אויסטראַכטן נאָר אַ סטאַראָזש, אָדער אַ שערער! בכן, זיי זעען זיין נויט און שטיצן אים אַ ביסל אונטער. צי וואָלטן זיי עס דאָרטן, אין דער אַלטער היים, אויך גע־וואַגט?!״

ער איז געווען טיף געקרענקט, נאָך מער צוליב דעם, וואָס זיי זענען עס אויסן געווען צום גוטן און ער קען זיי דערפאַר ווי געהעריק נישט ענטפערן. ער האָט געפילט, ווי זיין חשיבות איז אין גאַנצן געפאַלן. איז ער געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן.

פונדעסטוועגן האָט ער זיך ווייטער געלאָזן פון אַווערבוכן אונטער־רוקן אַ פּאָר פונט אין טאַש און האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון בערג־מאַנען אויף אַ מיטאָג און אַן אָוונטברויט. און טעגלעך איז ער געפאָרן קיין תל־אביב, געשטאַנען אין לאַנגע רייען, געוואַרט הינטער טירן, מען זאָל אים אויפנעמען. איין פּקיד האָט אים אָפּגעשיקט צום אַנדערן. און יעדן פאַרנאַכט איז ער אַהיימגעקומען נאָך מער געבויגן, פאַרביטערט און אַנטוישט.

און אַז ער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו שטיין הינטער די טירן פון די משרדים, איז אים איינגעפאַלן צו שרייבן בריוו. ער האָט אויסגענישטערט אין מוח די אַדרעסן און נעמען פון אַלע זיינע אַמאָליקע ידידים, זיי דערמאָנט זיינע פאַרדינסטן אין גלות, געשילדערט זיין הייַנטיקע לאַגע און געפאָדערט יושר. זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אויסגעגאָסן אין די בריוו. וואָכן האָט ער אַזוי געשריבן. לסוף האָט ער שוין נישט געהאַט אויף קיין פּאָסט־מאַרקן און געבליבן זיצן אין שטוב, ווי אַ חולה, וועלכן מען האָט שוין אַלץ געטאָן צו זיין מחלה און די לעצטע רפואה האָט שוין אויך נישט געהאָלפן...

אָבער איין מאָל אַ פרימאָרגן, האָט ער באַקומען אַ בריוו, ווו ער האָט איבערגעלייענט, אַז מען רופט אים אין לשכת־עבודה. אַווערבוך און בערג־מאַן האָבן זיך מיט דעם בריוו דערפרייט מער, ווי ר׳ בנימין אַליין.

— איר זעט!... מען האָט זיך דערמאָנט אָן אייך!...

— נישקשה! גדזשע וואָדאַ בילאַ, טאַם וואָדאַ בענדזשע!... ווו וואַסער איז געווען, דאָרט וועט וואַסער זיין.

ר׳ בנימין האָט ווידער אָפּגעגעסן פרישטיק ביי בערגמאַנען, זיך גע־לאָזן פון אַווערבוכן אַריינשטופּן נאָך אַ לירע מיט אַ פּעקל סיגאַרעטן אין

קעשענע און איז אַוועק אין לשכת־עבודה. אַ סך מענטשן האָבן דאָרט גע־וואַרט אויף צו קריגן אַ טאָג אַרבעט. ר׳ בנימין האָט דערלאַנגט דעם בריוו דעם יונגערמאַן מיט דער לענטע אויף דער האַנט, וועלכער שטייט ביי דער טיר. יענער איז אַריין אין צימער, באַלד אַרויסגעקומען און געהייסן ר׳ בני־מינען אַריינגיין.

פאַרן טיש איז געזעסן דער זעלבער פּקיד מיטן זעלבן פּליך, וועלכער האָט שוין עטלעכע מאָל ר׳ בנימינען משלח־געווען מיטן „נישטאָ ביי אונדז קיין לייכטע אַרבעט!״ אָבער היינט האָט ער אים אויפגענומען פריינטלעך מיט אַ „זיצט״ און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— איך האָב באַקומען אַ פאַראָרדענונג פון מרכז, זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אייך און שאַפן פאַר אייך אַ פּאַסיקע אַרבעט. דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נישט, פאַרוואָס זיי שיקן אייך צו מיר? זיי אַליין, אין מרכז, קענען דאָך אייך גיכער געבן אַ פּאַסיקע אַרבעט, אויב זיי האָבן אַ גוטן ווילן דערצו.... די אַרבעטן דאָ, ביי מיר, זענען גאָרנישט קיין פּאַסיקע פאַר אייך. אָדער עס איז דאָ שווערע אַרבעט ביי בנין, וואָס איר וועט עס נישט בכוח זיין צו טאָן, אָדער... לייכטע אַרבעט, נאָר אויך נישט קיין פּאַסיקע...

ר׳ בנימין האָט לאַנג געשוויגן און ענדלעך קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— זיי שרייבן אייך נישט, ווער איך בין?... וואָס איך האָב...

— יאָ, — האָט אים דער פּקיד איבערגעריסן. — אַ ציוני־ותיק מיט פאַרדינסטן.

— און וועלכע, הייסט ביי אייך, לייכטע אַרבעט, נישט קיין פּאַסיקע?...

— אַ וועכטער... אַ מיסט־פירער...

ר׳ בנימין האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן, מיט אַ גרימאַסע פון אַ שאַר־פער האַרץ־שטעכעניש. דער פּקיד האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער און זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אַז שולדיק זענען זיי דאָרטן, אין מרכז און נישט ער. זיי דאָרטן, קענען געבן אַ גוטן פּאָסטן, אַז זיי ווילן. נאָך וואָס שיקן זיי צו אים? ער קען נאָר געבן די אַרבעט, וואָס ער האָט. פון זיך אַליין, קען ער קיין גוטן פּאָסטן נישט מאַכן. און צוריקגערעדט, איז אַרבעט נישט קיין שאַנדע דאָ אין לאַנד! די גרעסטע היינטיקע מנהיגים פון ישוב, האָבן דאָ געאַרבעט שוואַרצע אַרבעט. וואָס דאַרפט איר מער: דער

ראש־ממשלה אַליין!... און פון דעסטוועגן שטערט עס אים היינט נישט צו זיין אַ ראש־המיניסטרים...

ר׳ בנימין איז געקומען צו זיך. צוריקבאַקומען די קאָלירן אין פּנים און דעם גלאַנץ אין זיינע אויגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם; וועלכער האָט זיך אויף עפּעס גאָר געוואַגטס דעצידירט.

— דער ראש־ממשלה זאָגט איר, האָט אויך?...

— טאַטשקעס ליים צום בנין האָבן זיי געפירט! מיינע אייגענע אויגן האָבן עס געזען! כמעט אַלע אונדזערע מנהיגים! זיי זענען שטאָלץ דערמיט, וואָס זיי האָבן אַליין געטראָגן ציגל צום בנין־הארץ! — האָט שוין דער פּקיד דעקלאַמירט, ווערנדיק באַגייסטערט פון די אייגענע רייד.

— גוט! — האָט ר׳ בנימין געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אָן טיש. — זאָל זיין אַ מיסט־פירער!

— די אַרבעט איז טאַקע אַ שמוציקע, אָבער נישט קיין שווערע... — האָט אים דער פּקיד נאָך געפּרווט מונטערן. — איר וועט שטיין אויף אַ לאַסט־וואָגן, מען וועט אייך אַרויפדערלאַנגען די מיסט־כלים, וועט איר עס אויס־שיטן און צוריק אַראָפּדערלאַנגען.

— ס׳הייסט, קיין גרויסע תורה איז עס נישט?... קיין סטאַזש דאַרף מען דערצו נישט האָבן?... — האָט ר׳ בנימין ביטערלעך געשמייכלט. — גוט. איז ווען דאַרף איך קומען צו דער אַרבעט?

— מאָרגן, זיבן אַזייגער אין דער פרי. דאָ אין דרויסן וועט שטיין דער מיסט־וואָגן. איך וועל אויך זיין. איר דאַרפט זיך, נאַטירלעך, אָנטאָן פּאַסיקע מלבושים...

— נו־נו... איך וועל זיך שוין אָנטאָן פּאַסיק!

***

דאָס מאָל, ווען ר׳ בנימין קאַנפער איז אַהיימגעקומען פון משרד, האָבן זיך אים די קני נישט געבראָכן, ווי תמיד, ווען ער פלעגט אַהיימקומען אַ פאַרביטערטער פון תל־אביב. פאַרקערט: די פיס זענען ווי יינגער געוואָרן און געטראָגן זיך פאַרויס. ער האָט זיך אין גאַנצן געפילט גרינגער און אַ באַפליגלטער. דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט און הייסע כוואַליעס האָבן זיך אים צעיאָגט איבערן גאַנצן לייב.

— נו?... — האָבן אויסגערופן צוזאַמען אַווערבוך און בערגמאַן, ווען ר׳ בנימין איז אַ צעפלאַמטער אַריינגעפאַלן אין דער רעזורע — געקראָגן אַ פּאָסטן?...

— געקראָגן. — האָט זיך ר׳ בנימין אַראָפּגעלאָזן אויפן ערשטן בענקל ביי דער טיר.

— כאָטש אַ גוטן?...

— שוין איין מאָל אַ גוטן!... און אַ בכבודיקן דערצו!...

— לאָמיר שוין הערן!... — האָבןביידע פריינט געשטראַלט פון פרייד.

— מאָרגן וועט איר עס זען מיט אייערע אייגענע אויגן! כ׳וועל שוין גאָרנישט מער דאַרפן זאָגן...

— האָב איך דאָך באַלד געזאָגט!... — האָט זיך אַווערבוך גענומען שלייפן די בריטוועס — גדזשע וואָדאַ בילאַ, טאַם וואָדאַ בענדזשע!...

און ר׳ בנימין האָט געטראַכט:

„ווו עס איז געווען קלאָרער, לויטערער וואַסער, דאָרט איז געבליבן אַ בלאָטע...״

און אַרויסגייענדיק פון דער רעזורע, האָט נאָך ר׳ בנימין דערהערט, ווי אַווערבוך דערציילט זיין אָנגעזייפטן קליענט מיט שטאָלץ:

— אונדזער פּרעזעס האָט באַקומען גאָר אַ וואַזשנעם פּאָסטן! זעט אויס, עפּעס אַ גאָר־גאָר הויכן רעגירונגס־פּאָסטן!

און ר׳ בנימין האָט ביטער צו זיך געשמייכלט:

— אַ הויכן פּאָסטן... אויף אַ הויכן וואָגן מיסט...

יענעם אָוונט, האָט ר׳ בנימין אַרויסגענומען פון זיין צעטרענצלטער וואַליזע זיין יום־טובדיקן סורדוט מיט די זיידענע לאַצן, דעם ווייסן, שטייפן קאָלנער מיט דעם אָנגעקראָכמאַלעטן הערצל, דעם ברייטן, שוואַרצן אויס־בינדער און דעם האַרטן מעלאָניק, — זיין גאַנצן פּרעזעס־אוניפאָרם, וואָס ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן דעם לעצטן מאָל, אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג, בעת דער שקל־אַקציע, ערב דער מלחמה. ער האָט די בגדים לאַנג געפּוצט און געלופטערט און איז פריער, ווי תמיד געגאַנגען שלאָפן.

אויפגעשטאַנען איז ער נאָך איידער די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן אַפּירגעשפּיזט דורכן געדיכטן געצווייג פון קעגנ־איבערדיקן פּרדס. ער איז אויפגעשטאַנען אַ מונטערער, מיטן זעלבן הומאָר,

וואָס אַמאָל, ווען ער האָט זיך געגרייט צו גיין אויף אַ פּייערלעכער פאַר־זאַמלונג, ווו ער האָט געפירט דעם פאָרזיץ. ער האָט זיך געוואַשן, אָנגעטאָן די יום־טובדיקע בגדים, זיך לאַנג געקעמט די הדרת־פּנימדיקע זילבער־באָרד און אַ ניכטערער אַוועק צו דער אַרבעט, אויף זיין נייעם „הויכן רעגירונגס־פּאָסטן״...

דער פּקיד, וועלכער האָט שוין געוואַרט ביים מיסט־וואָגן, האָט געע־עפנט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן, דערשטוינט געהויבן מיט די אַקסל און ר׳ בנימינען האָט זיך געדאַכט, אַז זיין פּליך איז בלייכער געוואָרן...

— איך מיין, אַז די קליידונג איז גאַנץ פּאַסיק פאַר דעם הויכן פּאָסטן, וואָס איך האָב פאַר מיינע פאַרדינסטן באַקומען, אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון מרכז... — האָט ר׳ בנימין סאַרקאַסטיש געלאַכט.

— אָבער איר זענט געקומען אַרבעטן, צי פּראָווען אַ קאָמעדיע?! — איז שוין דער פּקיד אַרויס פון די כלים.

— אַרבעטן! אַרבעטן! — האָט ר׳ בנימין ערנסט פאַרזיכערט. — כ׳וועל ערלעך אַרבעטן!

— אָבער מיט אַזעלכע בגדים אין מיסט?

— עס שאַדט נישט... דאָס איז דאָך ארץ־ישראלדיקע מיסט...

— אָבער מיט אַזאַ הולך קענט איר דאָך גיין אין דער כנסת!...

— איך וועל נאָך גיין... איר אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז אונדזערע היגע מנהיגים האָבן אויך אָנגעהויבן ביי שוואַרצע אַרבעט, ביי מיסט... איז הייב איך אויך אַזוי אָן... אפשר וועט עס זיין אַ סגולה, צו דערגיין ביז צו דער כנסת!...

פלינק און רירעוודיק איז ר׳ בנימין אַרויף אויפן מיסט־וואָגן, מיטן זעלבן שטאָלץ, ווי אַמאָל — אויף דער טריבונע. אַלע אַרבעטער האָבן גע־לאַכט. דער פּקיד איז געוואָרן רויט, ווי פייער. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. דער וואָגן האָט גערירט פון אָרט און ער האָט שוין גאָרנישט געקענט מאַכן.

ר׳ בנימין איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ לאָפּאַטע און זיין הדרת־פּנים־באָרד האָט געפלאַטערט אין ווינט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז מען שוין פון אַלע הייזער און קראָמען

פון דער שכונה געלאָפן, ווי אויף אַ בייז ווונדער, אָנקוקן דעם אויסגעפוצטן „פּרעזעס" אויפן מיסט־וואָגן.

ר׳ בנימין האָט געזען, ווי ער ציט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און נאָך פליסיקער געאַרבעט: איבערגענומען די אַרויפדערלאַנגטע, פולע מיסט־כלים, אויסגעשאָטן נעבן זיינע פיס, צוריק אַראָפּדערלאַנגט די ליידיקע כלי און גענומען אַ צווייטע...

פון אַוועבוכס רעזורע זענען אַלע אַרויסגעלאָפן. מענער מיט אָנגעזייפטע פּנימער, פרויען מיט גלאַנציקע רערלעך אין די האָר פּאַרדרייט, בערגמאַן מיט אַן אָפן מויל, צעשראָקענע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט, און אַוועבוך מיט זיינע געזעלן אין די ווייסע פאַרטוכער. זיי האָבן אַלע באַטראַכט דעם אויסגעפּוצטן ר׳ בנימין אויפן מיסט־וואָגן, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ. און כאָטש די מיילער זענען ביי אַלעמען געווען ברייט צעעפנט, האָט דאָך קיינער נישט געקענט אפילו קיין קלאַנג אַרויסברענגען.

דאַקעגן ר׳ בנימין האָט גוטמוטיק געשמייכלט, אויסשיטנדיק די מיסט־כלי, וואָס פון פאַר דער רעזורע, און מונטער אַראָפּגעשריגן:

— דאָס איז מיין נייער, הויכער רעגירונגס־פּאָסטן, אדון אַוועבוך... אָבער נעמט זיך נישט איבער. מיין פּקיד האָט מיר דערקלערט, אַז אַלע אונדזערע מנהיגים האָבן דאָ אַזוי אָנגעהויבן!... הייב איך אויך אַזוי אָן, אפשר וועל איך מאָרגן ווערן אַ מיניסטער!...

דער מיסט־וואָגן האָט גערירט פון אָרט. ר׳ בנימין האָט עלעגאַנט אויפגעהויבן זיין מעלאָניק, זיך שמייכלענדיק און מאַיעסטעטיש פאַרנייגט. און נאָך איידער עמעץ האָט געקענט אַ וואָרט אַרויסברענגען, האָט שוין זיין באָרד געפלאַטערט פון דער ווייטנס און זיך געטוקט איבער אַן אַנדערער מיסט־כלי.

אונטער איין דאַך

אמת טאַקע, פאַרן אַרויספאָרן פון בית־עולים, האָט מען גאַנץ שטרענג אָנגעזאָגט:

— קיינער זאָל אַליין נישט לויפן כאַפּן קיין וווינונג!

— אַלע זענען אויף דער רשימה און לויט דער רשימה, לויט אַ סדר, וועט מען יעדער איינציקער משפחה צוטיילן אַ געהעריקע דירה.

— ווער עס וועט אַליין פאַרכאַפּן אַ דירה, דעם וועט מען צוריק אַרויס־זעצן און ער וועט איינגעאָרדנט ווערן פון די לעצטע!

— איר האָט פאַרשטאַנען?

און דער צעפּאַרעטער עולם, פאַרשטויבט און פאַרשוויצט פון דער כאַמסיניקער חמימה, פון נערוון און פון שלעפּן זיך מיטן געפּעק, האָט אָפּגעענטפערט אייליק, אין אַ פאַרכריפּעטן כאָר:

— פאַרשטאַנען!!!

דער „פאַרשטאַנען"! האָט אַ הילך געטאָן, ווי דער „נעשה ונשמע" ביים באַרג סיני...

אָבער ווי נאָר דער קאַראַוואַן לאַסט־אויטאָס, איבערגעלאָדענע מיט הייזעריק־צעשריגענע, נערוועזע משפחות, מיט קאַסטנס, קינדער־וועגעלעך, זעק און פּעק, איז פאַרפאָרן אין דער פון אַראַבער פאַרלאָזטער שכונה אין יפו, — האָט דער עולם תיכף פאַרגעסן דעם „פאַרשטאַנען", פּונקט ווי אונדזערע עלטער־זיידעס ביים באַרג סיני האָבן תיכף געהאַט פאַרגעסן דעם „נעשה ונשמע"...

די אויטאָס, מיטן גערויש פון צענדליקער מאָטאָרן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פוסטע, שטויביקע און טויב־שטומע געסלעך פון דער פאַרלאָזענער געגנט, וואָס האָט מיט אירע בלייכע, אינעווייניק און אויסנווייניק פריש־געקאַלכטע הייזלעך, אַנגסטיק געגלאָצט צו דעם האַסטיק־אַריינגעדרונגענעם עולם.

די געסלעך האָבן געשוידערט מיט הייסע און קאַלטע שטויביקע ווינטן, וואָס האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך געמישטע גערוכן: דעם רויך און סמאַלינעס־טשאַד פון ברענענדיקע קופעס אַלטוואַרג און שמאַטעס, דעם אַראָמאַט פון בלי׳ענדיקע פרדסים, דעם גערוך פון פרישן, נאָך פייכטן קאַלך, וואַפנע און סמאָלע, נאַפט, בענזין און שאַרפע דעזינפעקציע־פליסיקייטן.

די ווינטן האָבן אומהיימלעך געקלאַפט מיט די צעפראַלטע טויערן, טירן, פענצטער; געקרעכצט מיט פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס; געקלונגען און געקלימפערט מיט פרענטן, שטיקער בלעך, אויפגעריסענע שלעסער און צעבראָכענע קלאַמקעס.

אין דרויסן, פאַר יעדן פריש־אויסגעקאַלכטן הויז, זענען געלעגן אָנגעהויפנט בערג מיט אַרויסגעשליידערט אַלט מעבל, ווייכע, מיט גרינעם און רויטן פליוש געבעטע; צעבראָכענע שפיגלען, ביכער־עטאַזשערקעס, בלומען־טישלעך, ליימענע וואַזאָנען מיט אויסטערלישע, עקזאָטישע געוויקסן; אַלטע שיך, צעטרענט בעטגעוואַנט; קיך־געשיר מיט שיטערן, פאַרעיפושטן שריים און צעבראָכענע גאָנשערס איינגעמאַכטס, אַרום וועלכע עס ראָיען זיך מחנות טינט־בלויע פליגן און גרויסע, גאָלדענע בינען.

שוואַרצע קעץ מיט גרינע פאָספאָר־גלאַנציקע אויגן האָבן טיגעריש־ווילד אַרומגעשפרונגען פון איין אָנגעהויפנטן באַרג צום אַנדערן און אימהדיק געמיאַוקעט. אין די אויגן פון די עולים האָבן די ווילדע קעץ אויסגעזען, ווי שוואַרצע שליחים פון אין פרדסים פאַרטייעטע, לויערנדיקע אַראַבער, וועלכע וועלן אין מיטן נאַכט איבערפאַלן דער שכונה און אַלעמען אויסקוילענען.

אָבער אַזאַ געפיל האָבן די עולים געהאַט בלויז די ערשטע מינוטן, נאָכן אויסגרוזעווען זיך פון די לאַסט־אויטאָס אין גליאיקן שטויב, וואָס אין מיטן גאַס. ווי נאָר עס האָבן זיך צעהילכט די באַפעלערישע שטימען פון די פקידים

מיט די פּאָרטפּעלן און גרויסע בויגנס פּאַפּיר אין די הענט, איז תיכף אין יעדן איינעם וואַך געוואָרן דער חוש פאַר תכלית...

ביי די פקידים איז עס צוגעגאַנגען צו־לאַנגזאַם. זיי האָבן געשריבן, געמעקט און געשניצט די בלייפעדערס. און ביי די עולים, אונטער דער שרפענדיקער זון, האָט געפּלאַצט דאָס געדולד, פאַרשמאַכטע קינדער האָבן זיך געריסן און ווייבער האָבן אויסגעלאָזן זייערע היסטעריקעס צו די מענער, וועלכע האָבן שוין אַליין דערפילט, אַז מען מוז עפּעס טאָן...

צום ערשט האָט מען זיך, אָט סתם אַזוי, אויס נייגעריקייט, דערנענטערט צו די הייפלעך מיט די גרינע גערטנדלעך און געוואָרפן אַ בליק, דורך די אָפענע טיר און פענצטער, אין די פריש־געקאַלעכטע שטיבלעך אַריין. באַלד האָט איינער אַ שלעפּ געטאָן אַ רענצל און אַ צווייטער — אַ קינד מיט אַ פּאַק בעטגעוואַנט און גענומען טראָגן אין אַ דירהלע אַריין, אויף וועלכער ער האָט געוואָרפן אַן אויג און ס׳געפעלט אים...

און באמת, שטאַרקער פון אייזן האָט מען גענויטיקט זיין אויסצוואַרטן ביז די פקידים (באַאַמטע) וועלן פאַרשניצן אַלע בלייפעדערס, זיך אויפהערן צו קריגן צווישן זיך, אויפהערן ווישן דעם שווייס און אָנהייבן צו פאַרטיילן די וווינונגען לויט דער רשימה... און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וווינונג זיי וועט עס איינפאַלן צוצוטיילן? אויף יושר איז זיך היינט נישט צו פאַרלאָזן. דעם אייגענעם פינצטערן מזל וויל מען שוין אויך נישט פּרווון. גענוג זיך אַרומגעוואַלגערט נע־ונד, גענוג געליטן. אַלע זענען דאָ די זעלבע יחסנים, יעדערער וויל אַ בעסערע, באַקוועמערע וווינונג, אָנצוהייבן לעבן ווי מענטשן. וואָס איז? די בעסערע וווינונגען דאַרף מען עס טאַקע איבערלאָזן פאַר די, וועלכע האָבן פּראָטעקציע? ווייל זיי האָבן זיך שוין פאַרשריבן אין אַ פּאַרטיי? ווען עס וואָלט געוועזן צו גלייבן די פּאַרטייען, אַז זיי וועלן טאַקע באַזאָרגן, ווי זיי זאָגן־צו, מיט שטעלעס און פּרנסה, וואָלטן זיך דאָך אַלע פאַרשריבן!... נאָר גלייבן, גלייבט מען זיי נישט און דאָ לאָקן אַזעלכע ליכטיקע הייזלעך מיט גרינע גערטנדלעך, מיט פּאַלמעס, פייגנביימער, קלעטערפלאַנצן און אַזעלכע אויסטערלישע עקזאָטישע בלומען, וואָס נאָר אַ מאַכאַראַדזשאַ האָט זיך עס געקענט פאַרגינען פאַר זיך און פאַר זיין האַרעם ווייבער...

איין משפּחה האָט געקוקט אויף דער אַנדערער. האָט אַ יידענע דערזען, אַז איינער שלעפּט זיין באַגאַזש, האָט זי תיכף גענומען קנייפּן איר מאַן:

— דו זעסט, שלימזל מיינער! ריר זיך!...

האָבן זיך טאַקע אַלע באַלד אַ ריר געטאָן. ווייבער האָבן געכאַפּט די קינדער, מענער — דאָס געפּעק און עס איז געוואָרן אַ בהלה. די מחנה האָט זיך תיכף צעשאָטן איבער גאַסן און געסלעך פון דער שכונה, געלאָפן פון הויז צו הויז, פאַרכאַפן וואָס גיכער אַ לייטישערע דירה.

די פּקידים זענען געווען פאַרטאָן מיט זיך. און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט וואָס דאָ טוט זיך, איז שוין געווען צו־שפּעט. זיי זענען טאַקע, מיט די רשימות אין די הענט, נאָכגעלאָפן דעם עולם מיטן געפּעק און געשריען ביז הייזערי־קייט. אָבער ווער האָט זיי שוין געהערט?...

אוודאי איז וויל צו די ווייבער, וועלכע האָבן מענער, וועמען צו קנייפּן און צו שרייען אויף זיי „שלימזל, ריר זיך!" באַשקע די ליטוואַטשקע האָט נישט קיין מאַן און האָט נישט קיין מזל. אין וועלכער דירה זי קומט אַריין, איז עס שוין פאַרכאַפּט. אומעטום ליגט שוין אַ פּעקל, אַ קעסטל, אַ זעקל און אַ פאַרפלאַמט פּנים טראָגט איר אַנטקעגן צו דער שוועל דעם אויפ־גערעגטן:

— שוין פאַרנומען!

איר פאַרגרינט פּנים, צוליב וועלכן מען האָט איר אין בית־עולים אַ נאָמען געגעבן אסתר־המלכה, איז איצט פון פאַרדרוס נאָך גרינער געוואָרן. אַ פאַריאַכמערטע טראָגט זי זיך מיט צעשויבערטע האָר און די קליינע, פלינ־קע אייגעלעך לויפן אַרום נאָך פלינקער און בלישטשענדיקער, מיט אַ בליק פון אַ זיך־טרינקענדיקער, וואָס בעט זיך: „ראַטעוועט, איך בין פאַרלוירן!"

זי האָט גיך רעזיגנירט פון דער הויפּט־גאַס און אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ זייטיק געסל. אַריינכאַפּנדיק זיך אין דער ערשטער שטוב, האָט זי מיט דערלייכטערונג דערזען, אַז זי איז נאָך ליידיק.

אָבער ווי נאָר זי האָט געוואָלט אַראָפּלאָזן דאָס פּעקל פון די פּלייצעס, איז דורך דער אַנטקעגנאיבערדיקער הינטער־טיר אַריינגעשפּרונגען מאיר־זלמן דער אַטוואָצקער.

— שוין פאַרנומען! — האָט באַשקע אַ רוף געטאָן.

— שוין פאַרנומען! — האָט מאיר־זלמן צוריקגעענטפערט.

— איך האָב דאָך די ערשטע פאַרנומען! — שרייט באַשקע.

— דער ערשטער בין איך! — שרייט איר מאיר־זלמן איבער.

— עס מען זען!

— עס מען טאַקע זען!

איינער האָט געקוקט אויפֿן אַנדערן, ווי אויף אַ קאַלטן גזלן, וועלכער וויל פֿון אים דאָס לעצטע העמד אַוועקרויבן. מאיר־זלמן האָט געסאַפּעט מיט אַ כריפּ און באַשקע האָט דערפֿילט, אַז אַ ספּאַזמע דריקט איר אין דער קעל.

— איר זענט דאָך אַ מאַנצפּערשוין, אייך איז דאָך גרינגער אַ לויף צו טאָן, ווי מיר. — האָט זיך שוין באַשקע געבעטן מיט אַ כליפּ.

— איר זענט אַ פּרויענצימער, אַן אלמנה. אייך וועט מען גיכער איינאָרדענען ווי מיר. — איז מאיר־זלמן נישט אָפּגעטראָטן.

ביי באַשקען האָבן אַ שפּריץ געטאָן טרערן פֿון די אויגן.

— דאָ בלייב איך און שוין! איך בין דאָך די ערשטע אַריין!

— דער ערשטער בין איך אַריין; און בלייבן בלייב איך!

— עס מען זען.

— עס מען טאַקע זען.

— ווייַ איז מיר, זייט נישט קיין עקשן. גיט אַ לויף כל־זמן עס איז נאָך צייט און כאַפּט אַן אַנדער וווינונג. — בעט זיך באַשקע.

— לויפֿט איר. איך בין שוין גענוג געלאָפֿן! — ענטפֿערט מאיר־זלמן דעצידירט און לאָזט אַראָפּ דעם פּאַק בעטגעוואַנט פֿון דער פּלייצע.

— אַ צרה אויף מיין קאָפּ, נו!

— אַן אָנשיקעניש אויף מיר, נו!

— שרהלע, זעץ זיך דאָ, אויפֿן פּאַק. מיר בלייבן דאָ! איך גיי ברענגען די איבעריקע זאַכן. — האָט באַשקע אַ זעץ אַוועק געגעבן איר אַכט־יעריק טעכטערל אויפֿן פּעקל און איז אַרויסגעלאָפֿן.

זי איז זיכער געווען, באַשקע, אַז קיין קינד וועט ער דאָך נישט וואַרפֿן. און אירע זאַכן וועט ער אַליין אויך נישט אָנרירן. אַז ער וועט נישט האָבן מיט וועמען זיך אויסצוטענהן, וועט ער רעזיגנירן און אַוועקגיין זוכן ערגעץ אַנדערשוווּ.

אָבער מאיר־זלמן האָט געטאָן דאָס זעלבע: ער האָט אַ זעץ אַוועק געגעבן זיין נייַן־יעריקן אַבראַמקען אויפֿן פּאַק בעטגעוואַנט און אַ זאָג געטאָן:

— אַבראַמקע, דאָ בלייבן מיר! זיץ דאָ און וואַרט. איך גיי ברענגען די איבעריקע זאַכן.

און ער איז אויך אַוועק.

שרהלע און אַבראַמקע, וועלכע האָבן זיך אין בית־עולים דווקא זייער באַפריינדעט און כסדר זיך געשפּילט צוזאַמען אין דעם זאַמד צווישן די געצעלטן, האָבן אָבער איצט, צוליב דער קריגעריי פון די גרויכע, אויך פאַרצויגן אַ ברוגז. שרהלע האָט אַבראַמקען אַרויסגעשטעקט אַ שפּיציק, רויט צינגל און זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די בלאָנדע צעפּלעך. אַבראַמקע האָט איר געוויזן צוויי פייגן און זיך אויך אַ קער געטאָן צו איר מיט דער פּלייצע.

אַ לאַנגע ווײַלע זענען זיי געזעסן שווייגנדיק, וואַרטנדיק אויף איר מאַמען און זיין טאַטן מיטן איבעריקן געפּעק. עס האָט אָבער לאַנג געדויערט און עס איז זיי געוואָרן לאַנגווײַליק.

אַבראַמקע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שטיק כאַלווע און גענו־מען עס עסן אַזוי, אַז שרהלע זאָל זען און אויך וועלן אַ שטיקל. שרהלע האָט עס טאַקע געזען און טאַקע געוואָלט, זייער געוואָלט אַ שטיקל. אָבער געבעטן האָט זי נישט...

— ווילסט אַ שטיקל?

— אַז דו ווילסט, גיב.

— טאָ זאָג דיין מאַמען, אַז זי זאָל זיך נישט קריגן מיט מיין טאַטן.

— זאָג דו דיין טאַטן, אַז ער זאָל זיך נישט קריגן מיט מיין מאַמען.

— וועל איך נישט געבן.

—דאַרף מען נישט. מיין מאַמע האָט שאָקאָלאַד...

— אַז דו וועסט מיר געבן שאָקאָלאַד, וועל איך דיר געבן כאַלווע.

— אַז דיין טאַטע וועט נישט שרייען אויף מיין מאַמען, וועל איך דיר געבן שאָקאָלאַד.

— דיין מאַמע כאַפּט דאָך צו אונדזער דירה.

— נישט אמת! דיין טאַטע כאַפּט צו אונדזער דירה!

— אַזוי? אַ פייג וועל איך דיר געבן, נישט קיין כאַלווע.

— אַזוי? אַ פייג וועל איך דיר געבן, נישט קיין שאָקאָלאַד.

— איך דאַרף נישט.

— דאַרף מען נישט.

— איז נישט.

אין אייגענעם לאַנד

און זי האָט אים ווידער אַרויסגעשטעקט דאָס צינגל, ער האָט איר ווידער געוויזן צוויי פייגן און זיי האָבן זיך ווידער אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס איינער צום אַנדערן.

*
**

סיי באַשקע און סיי מאיר־זלמן זענען פון דער דירה נישט אָפּגעטראָטן. עס איז נישט געווען קיין עקשנות, קיין צו־להכעיס. וואָרום לויפנדיק הין און צוריק, אַריבערטראָגן די זאַכן, האָט נאָך דווקא יעדערער פון זיי געזוכט און געגנישטערט. אָבער אין צענטער פון דער שכונה זענען שוין אַלע דירות געווען פאַרנומען. און בײדע האָבן באַשלאָסן: „מען גיסט נישט אויס דאָס אומריינע, איידער מען האָט ריינע"...

דערצו איז נאָך געווען אַרבעט איבערן קאָפּ: די פּקידים האָבן יעדן אויסגעשריבענעם פון בית־עולים אַרויסגעגעבן אַן אייזערן בעטל, אַ מאַטראַץ, אַ קאַץ און זעכצן פונט מזומנים. דאָס איז אַ הלוואה פון דער סוכנות אויף דער ערשטער איינאָרדענונג, אויף שטעלן די ערשטע טריט צו אַ זעלבסטשטענדיק לעבן אין אייגענעם לאַנד. האָט מען געדאַרפט שטיין אין דער ריי צו די פּקידים, נאָך דעם — אין דער ריי צום סקלאַד ווו מען גיט אַרויס די זאַכן און, אין אַ צוויי־דריי גענג — דאָס אַלץ אַהיים טראָגן.

דאַן האָבן זיי דערזען ווי אַלע לויפן אַרום און זוכן צווישן די אָנגעהויפטע בערג, אַרויסגעשליידערטע פון די הייזער ערב דעם רעמאָנטירן. מענטשן האָבן געזוכט און געפונען מציאות: פאַרשידענע חפצים, קיך־געשיר, געפעס, געצייגן, שטיקער מעבל. מענטשן האָבן געהאַט גענוג צייט זיך אַוועקצולאָזן אין די ווייטסטע הינטערגעסלעך שאַבערעווען. פון דאָרטן האָט מען עס טאַקע געהאַלטן אין איין טראָגן. מענער, פרויען און דערוואַקסענע קינדער זענען אַרומגעלאָפן הין און צוריק מיט מעבלשטיקער אויף די קעפּ, — מען האָט אַזש קיין קעפּ נישט אַרויסגעזען. האָט מען געשפּאַסט, האָט מען זיך געוויצלט:

— שלום אדון בופעטל... ווי גייטס?...

— איך גיי דען? מען שלעפּט מיר... און איר, חבר פּאָטעל, איר זענט אַ בן־יחיד?

— ניין, שוין דער צוועלפטער אין דער משפּחה...

— אָ, פרויליין טאַפּטשאַן!... ווי רייצנד זי זעען אויס... קיין עין־הרע אַזוי ווייך... פריש... זי דאַרפן זיך נאָר באַשיטן מיט אַ ביסל „דעדעטע", וועלן זי האָבן פּאָוואָדזעניע (דערפאָלג)...

— גייען זי שוין, פאַניע שרייב־טיש... מאַכן זי מיר נישט קיין קאָמפּלי־מענטן, ווייל איך שעם זיך...

מען האָט געטראָגן שפּיגל־שענק און ביכער־עטאַזשערקעס, טישן, טיש־לעך, שטולן און טומבעס פאַר בלומען־טעפּ. קינדער זענען נאָכגעלאָפן פאַר־הילטע אין פאַרשידענע אַרויסגעוואָרפענע, קאַלירטע שמאַטעס, פאַרשטעלנ־דיק זיך פאַר אַן עפענדי, פאַרן מופטי און פאַרן מלך אַבדאַלאַ. אפילו קליינע מיידעלעך האָבן פאַרשטאַנען צו פאַרהענגען די פּנימלעך מיט טיכער און טשאַטעסוויז נאָכקריכן די ייִנגלעך, ווי אַ האַרעם...

סיי באַשקע און סיי מאיר־זלמן האָבן געפילט, אַז אַזעלכע געלעגנהייטן טאָר מען נישט אַדורכלאָזן. אַז וואָס מען וועט איצטער נישט כאַפּן, דאָס וועט מען שפּעטער נישט האָבן. מענטשן מעבלירן זיך אויס פריצישע ווויי־נונגען. מענטשן ווערן גליקלעך! עס וואַלגערט זיך דאָך אין די גאַסן. אַז זיי וועלן נישט נעמען, וועלן דאָך עס אַנדערע צונעמען.

איז ווי האָבן זיי איצט גאָר געקענט טראַכטן וועגן אָפּטרעטן איינער דעם אַנדערן און לויפן זוכן זיך אַן אַנדער דירה? און פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט דער צווייטער אָפּטרעטן?

די דראַבנע, שוואַכע, פאַרגרינטע באַשקע האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן רירעוודיקער און ענערגישער פאַרן הויך־וווקסיקן, ברייטפּלייציקן מאיר־זלמנען, וועלכער האָט אַסמאַטיש געסאָפּעט, טראָגנדיק צוויי טאַבורעטקעס. באָבעס שווייס האָבן אים אַזש אַרויסגעזעצט אויפן הויכן שטערן, וואָס ענ־דיקט זיך ערשט ביי דער פּאַטילניצע, ווייל ביז דאָרטן גלאַנצט זיין ליסינע. די אויגן פון קאָפּ זענען אים אַזש אַרויסגעקראָכן מיט בלוט אָנגעגאָסענע, ווי ביי אַ פערד, וואָס שלעפּט אַן איבערגעלאָדענעם וואָגן. ער האָט קוים צונויפגעשלעפּט אַ הינקענדיקן טישל, אַ ווייס קיך־קרעדענצל און אַן אַפּטייק־שענקעלע, וואָס עס וועט אים אפשר צונוץ קומען פאַר זיין זייגערמאַכעריי. דאַקעגן באַשקע האָט, ווי אַ רירעוודיקע מוראַשקעלע, אַרומגעלאָפן הין און צוריק און אַ פולע שטוב מיט מעבל, געפעסן און כלים אָנגעטראָגן.

אין פֿאַריאָגטקייט, אין פֿאַרהאַװעטקייט האָט מען גאָרנישט באַמערקט װי די נאַכט פֿאַלט צו. ערשט װען עס איז געװאָרן גוט טונקל, זענען זיי װידער שטיין געבליבן איינער קעגן אַנדערן:

— אַלזאָ, װאָס װעט זיין?

— אַז איר װעט זיך נישט זוכן קיין דירה, װעט איר בלייבן אויף דער גאַס. דאָס װעט זיין.

— עט מען זעט, װער ס׳װעט בלייבן.

— עט מען טאַקע זען.

און עס האָט זיך איצט געזאָלט פֿאַרנעמען אויף אַ גאַר לייטישער קריגעריי. נאָר דאָ האָבן די קינדער, אויף זייער אופֿן, צװויסנגעגעבן אַז זיי זענען הונגעריק, מיד און שלעפֿעריק. האָט מען די קריגעריי באַצייטנס אָפּגעהאַקט און זיך גענומען צום קאָרמענען די קינדער. אָפּװאַשן זיי, דערליידיקן עפּעס און לייגן שלאָפֿן.

באַשקע האָט אויפֿגעשטעלט אירע צװוי סוכּנות־בעטלעך מיט די מאַטראַצן און מאיר־זלמן זיינע. און כּדי נאָך אַ מאָל און ענטגילטיק פֿעסטצושטעלן, אַז דאָ בלייבט זי, האָט באַשקע אַ זאָג געטאָן צו אַבראַמקען, װעלכער איז שוין געלעגן אין בעט:

— אַבראַמקע, זאָג דעם טאַטן דיינעם, ער זאָל זיך אויסדרייען. איך דאַרף זיך אויסטאָן און לייגן שלאָפֿן.

אַבראַמקע האָט דװקא נישט געװאָלט זאָגן דעם טאַטן, ער זאָל זיך אויסדרייען און זאָל זי זיך טאַקע דאָ נישט לייגן שלאָפֿן. אָבער אַז באַשקע האָט גענומען אויפֿקנעפּלען זיך די בלוזקע, האָט זיך שוין מאיר־זלמן אַליין אויסגעדרייט.

דערפֿאַר אָבער, װען מאיר־זלמן האָט זיך געװאָלט גיין לייגן, האָט ער שוין נישט געהאַט דורך װעמען זיך צו װענדן צו באַשקען. ביידע קינדער האָבן שוין געכראָפּעט. דאַקעגן באַשקע, זי איז דװקא געלעגן מיט אַ פּאָר װאַכע אויגענעס אויסגעגלאָצטע צו אים. זי האָט דװקא געקוקט עקשנותדיק, װי דאָס קוקן װאָלט געװען איר איינציק פֿאַרטיידיקונגס־געװער און איר איינציקע רעטונג: אַז זי װעט קוקן, װעט ער זיך נישט אויסטאָן פֿאַר אַ פֿרעמדער פֿרויענצימער אין די אויגן. אפֿשר װעט ער דאָך אַװעקגיין?...

מאיר־זלמן האָט זיך טאַקע לאַנג געדרייט אין פאַרלעגנהייט. ענדלעך האָט ער קוים געפּועלט ביי זיך אַ זאָג צו טאָן, נישט צו באַשקען דירעקט חלילה, נאָר צו זיך, אָדער סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו, מ׳עט זיך גיין לייגן.

ער האָט עס געזאָגט גענוג הויך און גענוג דייטלעך. אָבער באַשקע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. נישט איר מיינט מען... זי האָט קיין פּינטל מיט קיין אויג נישט געגעבן און האָט אַלץ עקשנותדיק געקוקט צו אים.

אָבער אַז מאיר־זלמן האָט עס ענדלעך געפּועלט ביי זיך און אָנגעהויבן אויפצופּעפּענען דעם פּאַסיק פון די הויזן, האָט שוין באַשקע קיין ברירה נישט געהאַט און, מיט עפּעס אַ וואָרטשע פון באַליידיקטער פרויענלעכקייט און קעגן דער מענערשער אומפאַרשעמטקייט, האָט זי זיך אויסגעדרייט.

פון פּאַרדרוס, פון האַס און האַרצווייטיק, האָבןביידע לאַנג־לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן.

***

צומאָרגנס באַגינען איז באַשקע אויפגעשטאַנען מיט דער דעה צו לויפן צו די סוכנות־פּקידים דערציילן די געשיכטע און פאָדערן יושר. זאָל מען איר אַרויסנעמען די צרה פון שטוב אַרויס. זי איז אַן אומגליקלעכע אלמנה, גענוג זיך אָנגעליטן. וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף איר, וואָס?! — זי איז שוין געווען גרייט דאָרטן צו וויינען, קלאַפּן אין טיש אַריין און נישט אָפּטרעטן פון אָרט, ביז מען וועט אים משלח זיין פון איר דירה.

אָבער אָנטוענדיק זיך, האָט זי דערזען, אַז מאיר־זלמן ליגט אַ צע־פלאַמטער, מיט פאַרלאָפּענע, מוטנע אויגן און קרעכצט. אַבראַמקע זיצט נעבן טאַטן אויפן בעט מיט אַ פאַרראָצט נעזל און פאַרוויינטע אייגעלעך.

— וואָס איז, אַבראַמקע?

— דער טאַטע איז קראַנק.

— וואָס איז אים?

— איך ווייס נישט.

— פרעג אים, וואָס אים איז — האָט באַשקע אַ זאָג געטאָן אין גרויס פאַרלעגנהייט און רחמנות סיי צום יינגל און סיי צו זיך, וואָס איר פּלאַן ווערט צונישט.

— איך ווייס נישט, וואָס מיר איז. — האָט מאיר־זלמן געקרעכצט מיט אַ הייסן, אָפּגעהאַקטן אָטעם — שוין נעכטן האָב איך געפילט, אַז איך קען אפילו אַ טאַבורעטקעלע נישט דערטראָגן. געמיינט אַז דאָס איז פון מידקייט. דערשעפּט. אָבער אַ גאַנצע נאַכט...

עס איז אים שווער געווען צו רעדן. אַ שווערע, לעדערנע צונג האָט זיך אים מיט קלייסטער געקלעבט צום גומען.

— איז וואָס זשע טוט מען? קיין דאָקטאָר איז דאָך נאָך דאָ נישטאָ.

— כ׳וואָלט געדאַרפט אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ. אַ טרונק טיי מיט ציטרין. — האָט ער געסאָפּעט — אָבער דער עיקר איז דאָס קינד. ער דאַרף...

— פאַרן קינד זאָרגט נישט. ער איז נישט אין קיין וואַלד, ביי גזלנים, חלילה.

באַשקע האָט אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשן ביידע קינדער און געזעצט זיי צוזאַמען עסן פרישטיק. מאיר־זלמנען האָט זי דערלאַנגט אַ קאָמפּרעס און אַ טעפּעלע טיי מיט ציטרין. דערביי האָט זי גערעדט, נישט צו מאיר־זלמנען, נאָר צו אַבראַמקען:

— וואָס ער דאַרף, דער טאַטע דיינער, קען ער זאָגן, וועל איך אים מאַכן און דערלאַנגען. אָבער תיכף ווי ער וועט געזונט ווערן, זאָל ער זיך מיר אַרויסציען פון דאַנען!

מאיר־זלמן האָט נישט געענטפערט. אַ פאַרשולדיקטער און אַ מאַכטלאָזער איז ער געלעגן און זיך געלאָזן פון באַשקען טוישן די קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן גליאיקן קאָפּ און גיסן לעפעלעך זיס־זויערן טיי אין מויל אַריין. דערביי האָט ער געטראַכט: „וואָס האָב איך צו איר? אַן אלמנה נעבעך. און דווקא אַ ווילע, אַ טייערע פרוי. אָבער איך האָב דאָך נעכטן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. שוין נעכטן, זעט אויס, קראַנק געווען. געפילט זיך אַזוי צעבראָכן — נאָר פון די פיס צו פאַלן. געמוזט זיך אַריינכאַפּן מיטן קינד אונטער אַ דאַך. פאַר יעדן פרייז געמוזט".

— באַשקע... זייט נישט בייז.

— בייז־שמייז. איך בין גימל, נישט בייז. — זאָגט באַשקע דווקא מיט אַ שנעבעלע.

— כ׳על געזונט ווערן, עט מען טראַכטן אַן עצה.

— אָט אַזוי רעדט!... — איז באַשקע געוואָרן מונטער — קיין חיה פון וואַלד בין איך נישט. קיין קראַנקן וואַרף איך נישט, חלילה. אָבער איר דאַרפט דאָך אַריינגיין אין מיין פּאַלאַזשעניע (לאַגע) אויך. און איך בין דאָך פאַרט געווען די ערשטע!

— ביידע גלייך, באַשקע, ביידע גלייך... — בעט זיך דער קראַנקער.

— ניין! נישט אמת! איך בין אַריין די ערשטע.

— נו, גוט... לאָמיר זיך איצט נישט קריגן.

— ווער קריגט זיך? איך קריג זיך דען, חלילה? איך זאָג נאָר אַזוי, ווי די זאַך איז.

באַשקע איז איצט געוואָרן אַ מאַמע צו דריי קינדער. וואָרום אַ קראַנקער איז אויך ווי אַן אומבאַהאָלפן, קאַפּריזנע קינד. איר קאָפּ איז שוין גאָרנישט געווען איצט צום איינאָרדענען זיך. זי האָט איצט געמוזט כסדר אויפפּאַסן, וואַשן, קאָכן און דערלאַנגען. מאיר־זלמן האָט אָפּגעשאַצט איר קרבן און געזען, מיט וויפל בריהשקייט, געטריישאַפט און צערטלעכקייט זי טוט עס. טרערן זענען אים אַזש געקומען אין די אויגן.

— פע... איר זענט דאָך נישט קיין יידענע... ווי פּאַסט עס פאַר אַ מאַנצפּערשוין, פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש? קיין מאָל קראַנק נישט געווען? וואָס? אירט׳מערצעשעם געזונט ווערן. מאַכט זיך נישט נאַריש. נאַט, עסט בעסער אַ שטיקל פּאָמעראַנץ.

— איר זענט אַ ווילע פרוי, באַשקע, זייער אַ ווילע...

— דאָס וועט איר מיר זאָגן ווען איר וועט געזונט ווערן און זיין מיין שכן און קומען צו מיר אין געסט... דערווייל עסט אַ שטיקל פּאָמעראַנץ...

***

אַ גאַנצע נאַכט איז מאיר־זלמן געלעגן אין אַ טייך שוויס. אָבער באַגינען האָט ער זיך שוין דערפילט אַ געזונטער. די היץ איז אים אין גאַנצן אָפּגעפאַלן. ער איז איצט געלעגן אַ קילער, אַ בלייכער און אַ דערשעפּטער.

ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער קאַלטער גלאָז טיי מיט ציטרין, וואָס באַשקע האָט אָנגעגרייט אויף דער טאַבורעטקע, נעבן זיין בעט און זיך דער־פרישט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז אַלע שלאָפן נאָך געשמאַק.

די נאַכט איז געווען אַ פּאַרנע. און סיי די קינדער און סיי באַשקע האָבן פון זיך די ליילעכער אַראָפּגעקאָפּעט. באַשקע איז איצט געלעגן מיט אַ היפּש־אַרויף פאַרשאַרצט העמד, פון וועלכן עס האָבן הייס אַרויסגעשריגן צו מאיר־זלמנען אַ פּאָר ברוינע, שלאַנקע פיס, וועלכע רייסן זיך מיט גע־וואַלד אַרויס פון זייער מקור. דער הייסער געשריי פון באַשקעס אַנטבלויזט ברוין און קערנדיק לייב האָט צעכוואַליעט מאיר־זלמנס פאַרשמאַכט האַרץ און אים דערמאָנט, אַז ער איז שוין זייער לאַנג אָן אַ ווייב.

ער האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף נישט קוקן, אַז עס פּאַסט נישט. טאָמער באַמערקט ווער, איז נישט שיין. אָבער ער האָט די בליקן נישט געקענט אַוועקרייסן.

און אין באַשקען האָט די ווייבערשע עמפּינדלעכקייט, וואָס איז תמיד וואַך, אפילו ווען די פרוי שלאָפט, דערשפּירט זיינע אָבסערווירנדיקע בליקן אויף זיך, ווי זיי גליטשן זיך ממש איבער איר אַנטבלויזט לייב. זי האָט געעפנט די אויגן, זיך פאַרשעמט און איילִיק צוגעדעקט.

— איר האָט עפּעס געזען?

— עפּעס...

— פע, חזיר... אַז מען זעט... — קוקט מען נישט.

— דאָס האָב איך נישט געקענט, באַשקע...

— איז אַ סימן, אַז איר זענט שוין געזונט...

— יאָ, איך פיל זיך שוין גוט.

— איי, מענער, מענער... וואָס אייך ליגט תמיד אין זינען!...

— און אייך, באַשקעלע, ליגט גאָרנישט אין זינען?...

— איך טראַכט נישט וועגן דעם. איך האָב מיר מיינע זאָרגן.

— אָבער אַ מאָל גיט מען אַ טראַכט... מען איז דאָך אַ מענטש...

— טראַכט בעסער וועגן תכלית... — באַמיט זי זיך צו מאַכן אַ מינע פון אַ באַליידיקטער.

— דאָס טראַכט איך דאָך טאַקע, באַשקע...

— אַ פיינער תכלית! מען קען נישט זאָגן... — פאַרשפּיצט באַשקע אַ שנעבעלע — נו, זייט נישט קיין — ווי רופט מען דאָס... דרייט זיך בעסער אויס, וועל איך זיך אָנטאָן.

מאיר־זלמן האָט זיך אויסגעדרייט. באַשקע האָט עפּעס אַרויפגעכאַפּט אויף זיך און איז אַריין אין באָד־צימער זיך וואַשן. שפּעטער האָט מאיר־זלמן געהערט, ווי זי צינדט אָן די פּרימוס־מאַשינקע אין קיך, פּאָרעט זיך דאָרטן און גרייט צו פרישטיק.

באַלד איז זי טאַקע אַריינגעקומען אַ צוגעקעמטע, אַ שמייכלענדיק־פאַררויטלטע, אין אַ פריש־געבלימלט בלוזקעלע און געטראָגן אַ גלאָז טיי מיט איינגעמאַכטס פאַר אים, אויף אַ קאָלירט אַראַביש טעצל.

— טרינקט דערווייל, מאיר־זלמן... — האָט זיך ביי איר די שטים עפּעס מאָדנע געקרישלט — שפּעטער וועט מען ברענגען געבעקס.

— אַ דאַנק, באַשקעלע... — האָט מאיר־זלמן גענומען די גלאָז טיי מיט איר האַנט צוזאַמען, וואָס ער האָט פאַרהאַלטן און נישט אַרויסגעלאָזן — זיצט, באַשקעלע... איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן...

באַשקע, פאַרויספילנדיק וואָס ער וויל איר זאָגן, איז נאָך רויטער געוואָרן און פאַרזשמורעט אירע צעפינקלטע אייגלעך. זי האָט זיך יוגנטלעך און ווייבלעך־קאָקעטיש, ווי ער וואָלט זי מיט אַלע כוחות געשלעפּט און זי וואָלט זיך נישט געלאָזן, זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון זיין בעט.

— נו, שויין... נו, אָט זיץ איך... נו, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן?...

— איך מיין, באַשקעלע... — האָט מאיר־זלמן געזוכט פּאַסיקע ווערטער — אפשר וואָלטן מיר נישט געזוכט מער קיין באַזונדערע דירות?... האַ?...

— וואָס הייסט? — האָט באַשקע, ווילנדיק הערן אַלץ קלאָר און דייטלעך, געמאַכט אַן איבערראַשטע מינע, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען...

— אפשר האָט דאָס מזל אַזוי געוואָלט, אַז מיר זאָלן דווקא אַריין אין איין דירה, אונטער איין דאַך...

— ווי קענען עס צוויי פאַמיליעס לעבן אונטער איין דאַך?

— דאָס מיין איך דאָך טאַקע: מיר זאָלן ווערן איין פאַמיליע... מיר זענען דאָך נישט קיין קינדער... — איז מאיר־זלמן געוואָרן דרייסטער, פילנדיק, אַז באַשקע שפּיצט דווקא אָן די אויערן — לאָמיר רעדן אָפן: אַבראַמקע

דאַרף אַ מאַמע, שרהלע דאַרף אַ טאַטן. עס איז שווער אַליין צו כאָוועז אַ קינד, זאָרגן פאַר פּרנסה און נאָך אָפּהיטן אַ שטוב.

— אַ טייער יינגעלע, איייער אַבראַמקע... — האָט באַשקע אַ זאָג געטאָן מכלומרשט סתם אַזוי, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדערן מיין...

— געראָטן אין טאַטן... נו, און איך אַליין... אָפּן גערעדט: איך דאַרף אַ ווייב... און, הלמאי זאָל איך לייקענען? איר געפעלט מיר, באַשקע... אַ חנעוודיק ווייבל... אַ קלוג ווייבל... און אַ באַלעבאָסטע....

באַשקען האָט איצט דאָס האַרץ געבריט, ווי אַ זילבערן בעכערל מיט הייסן טיי... אוודאי געפעלט ער איר, מאיר־זלמן. נאָך אין בית־עולים — געוואָרפן אויף אים אַן אויג. אַ געזונטער, פעסטער מאַנצפערשוין און אַ גאָלדענער פאַרדינער. נאָך אין בית־עולים האָט מען אים פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. גאַנצע טעג האָט ער פאַרריכט זייגערלעך און געשטאָפּט אין זיין אַבראַמקען פון שענסטן און פון בעסטן. שרהלען איז נעבעך דאָס הערצל איבערגעגאַנגען. אַזאַ מאַן איז אַן אָנשפּאַר אין לעבן, אַ שוץ. און נאָכוואָס דאַרף זי דען די גאַנצע דירה, אויב נישט מיט דער אויסרעכענונג, צו קריגן אַ מאַן. זי קען דאָך שוין אויך לענגער נישט זיין אַליין... די בעסטע יאָרן גייען איר אַוועק אין ניוועטש, מיט גאָרנישט, אין דער צייט ווען מענטשן האָבן עס מזל און לעבן און לאַבן. אפשר איז עס טאַקע אַ מזל־זאַך? פון אַ צרה קען אַרויסקומען אַ גליק... נאָך גוט וואָס זי האָט זיך נישט געאיילט צו לויפן געוואַלדעווען אין דער סוכנות, אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפן...

— איז וואָס זשע זאָגט איר, באַשקעלע?... — האָט ער זי צערטלעך אָנגענומען ביים וויכן, וואַרעמען אָרעם.

באַשקען האָט זיך געעגלוסט אויסצושרייען „יאָ!" זי האָט זיך אָבער מיט אַלע אירע כוחות איינגעהאַלטן. פאַר אַ פרוי פּאַסט דאָך נישט תיכף אַרויס־צווייזן, אַז זי האָט נאָר אויף דעם געוואַרט...

— וואָס ווילט איר זאָל איך אייך זאָגן, מאיר־זלמן?... ביי אייך, מענער, איז עפּעס אַלץ אַזוי איינס־צוויי... פרויען קענען נישט אַזוי... אַ פרוי דאַרף זיך פריער גוט באַטראַכטן...

— וואָס איז דאָ צו טראַכטן, באַשקעלע?... איך געפעל אייך, צי נישט?...
באַשקע האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פישל:
— אַלץ אַזוי האַסטיק? אַלץ ווילט איר וויסן מיט איין מאָל?...

— זאָגט, באַשקעלע, זאָגט...

— ווער האָט זיך געריכט?... אַזאַ פּאַרציע אויפן ניכטערן מאָגן!... איר זענט דאָך נאָך שוואַך... — האָט זי זיך געפּאַכעט מיט אַ האַנט, אָפּצוקילן די היץ־כוואַליעס אין פּנים.

— שוין געזונט, באַשקעלע, געזונט. זאָגט, איך געפעל אייך, צי נישט? — איז ער צוגעשטאַנען.

— איר קענט געפעלן... כ׳על נישט לייקענען... — האָט זי ממזיריש געבליצט מיט די אייגעלעך און זיך געפּאָכעט פון היץ, דרייענדיק קאָקעטיש מיט אַ פּיסל.

— איז גיט אַהער די ליפּן און זאָל אונדז זיין מיט מזל... — האָט ער זי אַ ציי געטאָן צו זיך און אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

— אוי, וואָס טוט איר? וואָס טוט זיך מיט אייך?... איר וועט דאָך מיר צעקנייטשן די בלוזקע... מאיר־זל... — האָט זי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין זיסער פאַרחלשטקייט, אים אַנטקעגנגעטראָגן די ליפּלעך.

די קינדער האָבן זיך גענומען וועקן. באַשקע האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס, צורעכטמאַכנדיק אייליק די צעקנייטשטע בלוזקע און די צעשויבערטע האָר. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, אַז זי האָט אַזש אין מאיר־זלמנס זייט זיך געשעמט צו קוקן.

— דאַכט זיך, אַ קראַנקער, אַ שוואַכער, און... האָט מיר שיעור נישט דערדריקט... — האָט זי געסאָפּעט...

שרהלע האָט זיך אויפגעזעצט און, רייבנדיק זיך די פאַרשלאָפענע אייגלעך, אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, דער פעטער מאיר־זלמן איז שוין געזונט?

— יאָ, מיין קינד.

— איז ווען ציט ער זיך אַרויס פון דאַנען?

אַ ווײַלע האָבן זיךביידע געפילט אין פאַרלעגנהייט.

— אַזוי פיינט האָסטו מיך, שרהלע? — האָט מאיר־זלמן געפרעגט — און אַז איך וועל דיר קויפן אַ שיינע מתנה, וועסטו מיר שוין נישט פיינט האָבן?...

— איך האָב אייך נישט פיינט. אָבער איך וויל נישט, איר זאָלט זיך קריגן מיט מיין מאַמען.

— איז גוט... וועלן מיר זיך טאַקע מער נישט קריגן... אמת, באַשקע?... דעם ענטפער האָט באַשקע געגעבן איר טאָכטער:

— אַ דאגה, שרהלע... זאָל שוין דער פעטער מאיר־זלמן בלייבן דאָ, מיט אונדז. וועט אונדז זיין פריילעכער... — האָט באַשקע באַזונדערס באַטאָנט דאָס וואָרט „פעטער". — נו, טוט זיך אָן קינדער. איך גיי מאַכן פרישטיק.

און שוין אין דער טיר שטייענדיק, האָט זי זיך אומגעקערט און זיך געווענדט צו מאיר־זלמנען מיט אַ זינגענדיק שטימעלע און מיט אַ שטראַלנ־דיקן שמייכל אויפן צעפלאַמטן פּנים:

— מאיר־זלמן... ווי האָט איר ליב אַן איי: ווייך, אָדער האַרט?...

ר ו ת

װען מען װאָלט טאַטיאַנאַ איװאַנאָװנאַן אַמאָל געזאָגט, אַז זי װעט דאַרפֿן פֿאַרלאָזן איר היים, איר שטעטעלע אין סאַראַטאָװער אָבלאַסט, װאָס נעבן דער װאָלגאַ, און זיך אַװעקלאָזן װאַנדערן אין דער פֿרעמד, איבער גרענעצן און לענדער, — װאָלט זי אָנגעשטעלט אירע שעלמיש־לאַכנדיקע, בלויע אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— טשודאַק!...

טאַטיאַנאַ איװאַנאָװנאַ, אָט דאָס בלאָנדע, קורנאָסע שיקסל, האָט איר קינדהייט און יוגנט ביי דער װאָלגע פֿאַרבראַכט. אַרומגעלאָפֿן אַ באָרװעסע מיט די שיקסלעך פֿון שטעטל, זיך געבאָדן אין טייך און גוט געקענט זיינע פֿליטקע און טיפֿע ערטער, די קעסל־גריבער װאָס זי איז נישט איין מאָל העלדיש אַריבערגעשװוּמען... זיך געלאָדקעװעט קילאָמעטערן װייט, באַװעגנדיק לייכט און פֿלינק מיט די װיאָסלעס... געקענט אַלע אַרומיקע גערטנער און סעדער, װעלדער און לאָנקעס, װוּ זי האָט יאַגעדעס, שװאָמען און בלומען געקליבן... — זי איז דאָרטן געװאַקסן מיטן קעלבל, װאָס זי האָט יעדן פֿרימאָרגן, װען די ראָסע איז נאָך אויפֿן גראָז געלעגן, געטריבן אויף פּאַשע. זי איז געװאַקסן מיט די שורות װייסע גענדז און מיט די דריי עפּל־ביימער, װאָס איר טאַטע דער באַן־באַאַמטער האָט פֿאַרזעצט פֿאַר די פֿענצטער פֿון זייער שטוב.

און אַלע יאָר, װען אָט די דריי עפּל־ביימער פֿלעגן זיך צעבליִען, האָט די קליינע, באַשיידענע משפּחה געפֿייערט דעם געבורטס־טאָג טאַטיאַנאַס...

זי איז געװען אַ בת־יחידקע און צו איר יעדן געבורטס־טאָג, פֿלעגט דער טאַטע אַראָפּנעמען די האַנט פֿון האַרצן און שענקען אַ װייסע גאַנדז...

טאַטיאַנאַ האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פון קיין אומעט. מען האָט זי גערופן „די שטיפערקע“ אָדער „די פריילעכע טאַטיאַנאַ“. וועגן אירע שטיפערייען און שפּיצלעך האָט די גאַנצע אומגעגנט גערעדט. זי האָט ליב געהאַט איר סביבה: די שול־חברים און די לערער, מיט וועלכע זי פלעגט גיין אויף אויספלוגן, לייענען מעשה־ביכלעך און טרוימען וועגן דער צוקונפט.

איבערהויפּט האָט זי ליב געהאַט דעם קודריאַוון סעריאָזשאַ, וועלכער האָט שיין געזונגען און געטאַנצט אויף „וויעטשערינקעס“. נאָר בלייבנ־דיק אַליין מיט טאַטיאַנאַן, פלעגט ער ווערן שווייגנדיק און סענטימענטאַל, ווי דער עפּל־בוים... ער פלעגט מיט איר שטיין נעבן איר קאַליטקע, האַלטן איר האַנט אין זיינער און זיפצן... מאָדנע פאַרחלומטע אויגן האָט ער גע־האַט, דער סעריאָזשאַ... טאַטיאַנאַ האָט אָפט געטראַכט וועגן זיינע אויגן און דאָס הערצל אירס האָט אומרויִק געטיאָכקעט...

ענדיקנדיק די אָרטיקע שולע, איז זי נישט אַוועקגעפאָרן, ווי סעריאָ־זשאַ, ערגעץ־ווו צו שטודירן. זיך בשום אופן נישט געקענט צעשיידן מיט טאַטע־מאַמע, מיט דער היים, מיט דער וואָלגאַ, מיט די דריי עפּל־ביימער וואָס פאַר זייער שטוב, מיט די שורות געגנדז און מיטן חנעוודיקן קיִעלע, וואָס זי האָט אַליין אויסגעפּאַשעט. זי איז געבליבן אין דער היים, אָן אירע שול־חברים, וועלכע זענען זיך צעפאָרן. גאַנצע טעג געלעגן אונטערן שאָטן פון די דריי עפּל־ביימער, געלייענט ביכלעך און געטרוימט.

און איין מאָל, אַ פרימאָרגן, איז געקומען אַ שוסטער און אָנגעטאָן טאַטיאַנאַן אַ פּאָר געלע, הויכע, ענגע שיך, מיט כאָלעוועס צום שנורעווען. די מאַמע האָט איר אָנגעטאָן אַ ניי געבלימלט קליידל, פאַרפלאָכטן אירע צוויי בלאָנדע צעפּלעך אין רויטע לענטעס און דער טאַטע האָט זי מיט־גענומען צום נאַטשאַלניק פון דער אייזנבאַן. דער נאַטשאַלניק האָט זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן, ווי שנעל טאַטיאַנאַ איז אויסגעוואַקסן און ווי שיין זי האָט זיך צעבליט...

טאַטיאַנאַ איז דאָרטן געבליבן אַרבעטן אַלס געהילפס־קאַסירערין אין דער בילעטן־קאַסע, אויפן וואָקזאַלעכל. יעדן פרימאָרגן, אין די געלע, ענגע, געשנורעוועטע שיך, מיטן געבלימלטן קליידל און רויטע לענטעס אין די צעפּלעך, פלעגט זי קומען אַהין צוזאַמען מיטן טאַטן, מיטנעמענ־

דיק מיט זיך אין צייטונגס־פּאַפּיר פאַרוויקלט, אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט זשוראַוולינעס, אָדער גענדזן־שמאַלץ באַשמירט. דאָרטן, פון קאַסע־פענצטערל אַרויס, פלעגט זי אָנקוקן די פרעמדע פּנימער פון די רייזנ־דיקע, מיט זייערע טשעמאָדאַנעס און בשום אופן נישט געקענט פאַר־שטיין, פאַרוואָס מענטשן שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט, ווען ביי זיי אין די שטעטלעך איז דאָך מסתמא אַזוי היימיש־ליב און אָנגענעם, ווי דאָ...

דאָרטן, אין קאַסע־צימערל, פלעגט זי לייענען די בריוו פון סעריאָ־זשאַן, וועלכער שטודירט אין לענינגראַד אַגראָנאָמיע, בענקט נאָך טאַטיאַ־נאַן, וועט אויף יום־טוב אַהיים קומען און איר ענדלעך אויפדעקן זיין האַרץ, אַז זי זאָל וויסן וואָס ער פילט צו איר און וואָס ער לעבט איבער...

***

סעריאָזשאַ איז אויף יום־טוב אַ היים נישט געקומען. אומרויִקע צייטן האָבן זיך אָנגערוקט אויפן לאַנד און שווערע, פינצטערע כמאַרעס זענען געהאָנגען איבער פּאַוואָלזשאַ. קליינוואַרג האָבן נאָך געשטיפט ווי תמיד, זיך געשפּילט אין מלחמות, אויסגעשטעלט זיך אין רייען און גע־זונגען:

באַראַבאַן קרעפּקאָ ביאָט,	דער פייקל שלאָגט שטאַרק,
נאַשאַ ראָטאַ סטראָינאָ אידיאָט,	אונדזער קאָמפּאַניע גייט גלייך,
אידיאָט, אידיאָט,	גייט, גייט,
אידיאָט וו׳פּיערעאָד!...	גייט פאָרויס.

אָבער דערוואַקסענע האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע, פאַרשטאַנען די גע־פאַר און געוועזן פאַרזאָרגט. ווייבער אין די אָטשערעדן האָבן שוין גע־ווּוּסט צו דערציילן, אַז דער „פראָקליאַטער גיערמאַניעץ איז אָנגעפאַלן אויף דער ראָדינע. די פאַשיסטן ברענען אונדזערע דערפער און שטעט, באָמבאַרדירן און מאָרדעווען די באַפעלקערונג!" דאָס האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט מיטן אָנקומען פון די עשאַלאָנען היימלאָזע. זיי זענען גע־

קומען מיט פֿאַרשוואַרצטע, לאַנג נישט־ראַזירטע פּנימער, מיט צעשראָקענע אויגן און געזוכט זיך אָן עיר־מקלט אין ווייטן רוסישן הינטערלאַנד. נאָך דעם זענען זיי, די היימלאָזע, מעת־לעתן אָפּגעלעגן אין גערטנדל וואָס פֿאַרן וואָקזאַל און געוואַרט אויף מעגלעכקייטן ווייטער צו פֿאָרן. זיי זענען געלעגן מיט פּיצלעך קינדער, מיט צעטרענטע טשעמאָדאַנעס און פּעק בעטגעוואַנט אונטער אַ זיפּנדיקן רעגן. זיך געוויקעט אין ליימיקער בלאָטע, גערויכערט, געהוסט און געשאָלטן; געשטאַנען אין לאַנגע רייען נאָך ברויט און נאָך וואַסער, נאָך אַ ביסל „קיפּיאַטאָק" און געזידלט דעם נאַטשאַלניק פֿון דער אײַזנבאַן דערפֿאַר, וואָס ער קאָמפּענסירט זיי נישט זייערע בילעטן.

דער טאַטע טאַטיאַנאַס איז געוואָרן שווייגנדיק און פֿאַרכמורעט. און אין איינעם אַ טאָג איז ער אַוועק אויפֿן מיליטערישן זאַמל־פּונקט, מיט נאָך אַ סך שכנים פֿון זײַן עלטער. די מאַמע האָט אים נאָכגעטראָגן אַ פּעקל עסן און וואַרעמע וועש און אַ פּאָר מאָל געחלשט. פֿון זאַמל־פּונקט איז דער טאַטע אַוועק אויפֿן פֿראָנט און דער מאַמען האָבן שכנים אַהיימגע־בראַכט אַ געחלשטער.

פֿון ווען אָן טאַטיאַנאַ געדענקט דער מאמען אירער, איז זי געווען אַ שוואַכע, אַ בלייכע, אַ קרענקלעכע. אָבער איצט, נאָכדעם ווי דער טאַטע איז אַוועק אויפֿן פֿראָנט, האָט זי געצאַנקט ווי אַ ליכטל. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז מען מוז מאַכן אָן ערנסטע אָפּעראַציע. די מאַמע האָט דערפֿון הערן נישט געוואָלט און, ווי אַ שטילע טויב, איז זי איינגעשלאָפֿן דעם אייביקן שלאָף.

טאַטיאַנאַ האָט נאָך יענעם פֿרימאָרגן דערלאַנגט דער מאַמען צום בעט דעם פֿרישטיק און רפֿואות. עס האָט זיך איר געדוכט, טאַטיאַנאַן, אַז די מאַמע פֿילט זיך בעסער, איז זי מיט אַ לײַכטער געמיט אַוועק צו דער אַרבעט אויפֿן וואָקזאַלעכל. ווען זי איז אין אָוונט צוריקגעקומען, האָבן זיך שוין שכנים געפּאָרעט אַרום דעם טויטן קערפּער פֿון איר ליבער מאַמען.

צווישן די שכנים איז געווען דער אַלטער דיספּעטשער וואַסיל סער־געיעוויטש לאַפּאַטין, וועלכער האָט קוים אָפּגעריסן טאַטיאַנאַן פֿון איר טויטער מוטער. אַוועקגענומען זי אָן אַ זײַט, געטרייסט און דערציילט:

— דער מאַמאַשאַס לעצטע ווערטער זענען געווען גערעדט צו מיר...

זי האָט געזאָגט: „וואַסיל סערגעיעוויטש, טאַטיאַנאַ בלייבט אַליין... אַן עלנטע יתומה. גיט אַכטונג אויף איר. פאַרלאָזט זי נישט אין אַ נויט!...".
און איך האָב איר געזאָגט: „ווי אַן אייגענער טאַכטער, וועל איך איר פּי־לעווען!" אַזוי האָב איך איר צוגעזאָגט, דער מאַמען דיינער, אַ מינוט פאַרן טויט... און אַזוי זאָלסטו טאַקע וויסן, טאַטיאַנושקאַ, דו האָסט אין מיר אַן איבערגעגעבענעם פריינט!

טאַטיאַנאַ איז אַליין געבליבן אין די טונקעלע צוויי צימערן מיט דער קיך, ווו נעכטן־אייערנעכטן איז נאָך אַזוי ליכטיק, אַזוי פריילעך און היימיש געוועזן. ווי דעם טייוולס האַנט וואָלט אַלץ מיט איין מאָל אָפּגע־ווישט. אַ געדעמפּטע שטילקייט און אַ שווערער טרויער הענגט איצט אין די טונקעלע צוויי צימערלעך, ווו אין אומאָרדענונג וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אַרום דער מאַמעס רפואה־פלעשלעך, די שטעק־לאַטשן, דאָס פאַרטוכל אין וועלכן זי פלעגט פירן די באַלעבאַטישקייט, און דער סוועטער, וואָס זי האָט ביז איר לעצטן טאָג געהאַלטן אין איין שטריקן פאַר טאַטיאַנאַן און נישט פאַרענדיקט... אָט וואַלגערט זיך דער קנויל וואָל, מיט די צוויי דרעטלעך, וואָס פלעגן טאַנצן אין אירע בלייכע הענט... דעם טאַטנס היטל, זיין יום־טובדיקע רובאַשקע מיט דעם פּאַיאַס, (פּאַסעק) זיינע שטיוול און די פּייקע, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו רויכערן אין די פרייע שעהן, זיצנדיק ביים פענסטער, מיט אַ צייטונג אין האַנט.

די צימערלעך זענען געבליבן נישט־אויפגעראַמט נאָך פון פאַר דער מאַמעס טויט. אַ שטויב האָט זיך אויף אַלעם געקליבן און טאַטיאַנאַן לייגן זיך די הענט נישט, אויפצוראַמען און ריין צו מאַכן. נאָך וואָס? פאַר וועמען?

אויף די ווענט הענגען די פאָרטרעטן פון טאַטן מיט דער מאַמען, וועלכע קוקן אַראָפּ אויף איר מיט אַזעלכע אומעטיקע, רחמנותדיקע אויגן. און ווען טאַטיאַנאַ פאַרקוקט זיך אין זייערע געזיכטער, מוז זי זיך צע־וויינען.

עס יאָגט איר פון דער שטוב, ווו זי קומט איצט נאָר איבערנעכטיקן. אַ גאַנצן טאָג, אפילו די פרייע שעהען און וויכאָדנאָיע טעג, זיצט זי אַ שווייגנדיקע אין קאַסע־צימערל פון וואָקזאַלעכל און קוקט אויף אַלץ נייע באַוואַקסענע, פאַרשוואַרצטע פּנימער, וואָס קומען ערגעץ פון יענע ווייטע

מקומות, וווּהין איר טאַטע און סעריאָזשע זענען אַוועקגעפאָרן קעמפן קעגן דעם שונא...

און עס דוכט זיך איר, טאַטיאַנאַ, אַז אָט באַלד וועט זיך איין פּנים אַזאַ פאַרהאַלטן עטוואָס לענגער אין ראַם פון קאַסע־פענסטערל, זיך צע־שמייכלען און אַ זאָג־טון:

— טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ... אַ גרוס פאַר אייך... פון דאָרטן... פון אייער באַטיושקאַ, פון סעריאָזשאַן...

נאָר קיין איינער פון די פרעמדע, פאַרשוואַרצטע פּנימער ,שמייכלט נישט און קיינער ברענגט נישט טאַטיאַנאַן אַזאַ גרוס.

עשאַלאָנען קומען און עשאַלאָנען גייען אָפּ. פאַרן קאַסע־פענסטערל שטייט תמיד אַ לאַנגע ריי און הענט ציען זיך צו טאַטיאַנאַן און פאָכן איבער קעפּ מיט פּאַפּירלעך, מיט דאָקומענטן און בילעטן:

— ליבינקע, מיר וואַלגערן זיך שוין דאָ מעת־לעתן. האָב רחמנות אויף קראַנקע און פּיצעלעך קינדער! קאָמפּענסיר, טייערע, לאָז אונדז אָפּ־פאָרן, טייבעלע!

***

דער אַלטער דיספּעטשער וואַסיל סערגעיעוויטש לאָפּאַטין האָט לעצטנס זייער פיל אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען טאַטיאַנאַן. געמונטערט, געטרייסט, זיך געוויצלט און אָפטמאָל צוגעהאָלפן אין שווערע, קאָמפּלי־צירטע אַרבעטן. טאַטיאַנאַ האָט זיך געהאָרכזאַם צוגעהערט צו זיינע רייד, מיט דרך־ארץ פאַרן פריינט פון אירע עלטערן.

און איינמאָל, באַגינען, ווען טאַטיאַנאַ איז נאָר־וואָס געקומען צו דער אַרבעט, איז ער, וואַסיל סערגעיעוויטש, אַריינגעקומען אין קאַסע־צימערל, צוזאַמען מיט נאָך איינעם, אַ שלאַנקן, ברונעטן יונגנמאַן, מיט אַ פּאָר וואָנצעלעך און שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן...

— טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונא — האָט וואַסיל געזאָגט — באַקענט זיך, דאָס איז אונדזער נייער הויפּט־בוכהאַלטער יעהודאַ איזראַעליעוויטש מאַר־גענטאַו...

דער שלאַנקער יונגערמאַן מיט די סאַמעטענע אויגן האָט לאַנג גע־דריקט טאַטיאַנאַס הענטל און זשענירט געשמייכלט:

— איך האָף, אַז מיר וועלן זיין פריינט... — האָט ער געציילט די ווערטער מיט א הארטלעכן, אויסלענדישן אַקצענט און טאַטיאַנא האָט דערביי געפילט א מאָדנע ווארעמקייט אין אַלע גלידער....

דער גוטער וואַסיל סערגעיעוויטש האָט פאָטערלעך צוגעגעבן:

— און איך, טאַטיאַנושקאַ, וועל שפעטער האָבן מיט דיר אַ שמועסל... איצט איִל איך זיך צו דער אַרבעט. צום ווידערזען, קינדערלעך...

וואַסיל סערגעיעוויטש איז אַוועק און דער שלאַנקער, ברונעטער יונ־גערמאַן מיטן טונקל־מאַטן געזיכט, דיניקע וואַנצעלעך און סאַמעטענע אויגן, איז געבליבן זיצן אַ שמייכלענדיקער אַנטקעגן טאַטיאַנאַן.

„אַן אינטערעסאַנטער יונגערמאַן... — האָט טאַטיאַנאַ אַ טראַכט גע־טון — און ווי שיין עס האַרמאָנירן ביי אים די סאַמעטענע אויגן מיטן רויטן אויסבינדער... דאָס טונקל־מאַטע געזיכט מיט די דינע וואָנצעלעך, זיין שלאַנקייט מיטן האַרטלעכן, אויסלענדישן אַקצענט... און אינגאַנצן איז ער ווי אַן עקזאָטישער בוים, וואָס מען האָט איבערגעפלאַנצט אויפן איראָ־פעיִשן באָדן. ווי אַ פּאַלמע אין פּאווּאָלזשיע... אַפילו זיין נאָמען איז עקזאָ־טיש־פרעמד: יעהודאַ איזראַעלעוויטש מאַרגענטאו... ווי אַנדערש ער איז פון דעם היגן, פּויערישן סעריאָזשאַ, מיטן פלאַקסענעם, קודריאַוון קאָפּ האָר... יאָ: ווי אַ פּאַלמע אַנטקעגן אַ סנאָפּ שטרוי, איז ער אַנטקעגן סע־ריאָזשען“.

— דאַ־דאַ־דאַ... — האָט יעהודאַ מעלאָדיש געצויגן די ווערטער מיט זיין האַרטלעך־אויסלענדישן אַקצענט — ווי איך הער, טאַטיאַנאַ איוואַ־נאָוונאַ, לעבט זיך אייך נישט פריילעך. אָבער מען טאָר זיך נישט אָפּלאָזן!...

— וואָס ווייסט איר דען וועגן מיר, יעהודאַ איזראַעלעוויטש? און פון וואַנען ווייסט איר?...

— וואַסיל סערגעיעוויטש האָט מיר דערציילט וועגן אייך. ער איז אייך אַ גוטער פריינט... אונדזערווירקלעכקייט איז באמת א טרויעריקע, אָבער איינברעכן זיך טאָר מען נישט! מען מוז זיין שטאַרק...

— און איר, יעהודאַ איזראַעלעוויטש...?

— מיר, ווי מיין גאַנצער נאַציע, האָט דאָס אומגליק אמשווערסטן געטראָפן. איר ליידט כאָטש ביי זיך אין דער היים, אין אייער שטעטל, אין אייער סביבה, אין אייער אייגענער שטוב... איך דערקעגן, האָב זיך מיט מיין מוטער קוים געראַטעוועט פון דייטש־אָקופּירטן פּוילן, פאַרלוירן אַ גאַנצע משפּחה, אַ היים, פאַרמעגן. און מיר וואָגלען איצט אַרום, ווי בראַ־דיאַגעס, אין דער פרעמד.

— זענט איר גענוג שטאַרק? ברעכט איר זיך נישט, ווי איר ראָט עס מיר?...

— אַז מען ברעכט זיך, איז מען פארלוירן, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ!

—פון וואַנען־זשע נעמט זיך צו אייך אַזאַ כוח, יעהודאַ איזראַעלעוויטש?

— דאָס האָב איך געירשנט פון מיין נאַציע, וואָס ליידט שוין אַזוי באַלד צוויי טויזנט יאָר, וואָס וואָגלט איבער פרעמדע לענדער און איז פאַרהאַסט פון אַלע פעלקער.

— פאַרוואָס אַזוי, יעהודאַ איזראַעלעוויטש? פאַרוואָס?!

— ווייל מיר זענען פרעמדע. פרעמדע זענען שטענדיק אַ לאַסט און מען האָט זיי נישט ליב... אַ סך שטורעמס זענען שוין איבער אונדז אַריבער. און וואָלטן מיר זיך געבראָכן, וואָלט שוין לאַנג פון אונדז קיין זכר נישט געווען... קעגן אַלע אומגליקן קעמפן מיר מיט הומאָר... מיט אַ וויץ און מיט א ליד... אויך דעם שטורעם וועלן מיר איבערטראָגן, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ! אַוודאי וועלן אַ סךביימער אויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצ־לען, אָבער דער וואַלד וועט בלייבן!...

—איר רעדט שיין, יעהודאַ איזראַעלעוויטש און איר קענט טרייסטן... יאָ. און וואָס רעכנט איר איצט צו טון?

— מיר האָבן גערעכנט צו פאָרן קיין טאַשקענט איבערווינטערן. דאָרט איז דער קלימאַט אַ וואַרעמער... נאָר מיין מוטער איז זייער שוואַך און קען די רייזע נישט פאַרזעצן. האָבן מיר באַשלאָסן פאָרלויפיק צו בלייבן דאָ, געפינען עפּעס א ווױנונג און זיך צייטווייליק איינאָרדענען. איך האָב אָנגענומען דאָ, אויפן וואָקזאַל, דעם פאָסטן אַלס הויפּט־בוכהאַלטער. אויפן אָרט פון מיכאַיל גריגאָריעוויטשן, וועלכער איז אַוועק אויפן פראָנט. וואַ־סיל סערגעיעוויטש האָט מיך געפירט באַקענען מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל. נו, און מיט אייך... דאָס בעסטע האָט ער געלאָזן אויפן לעצטן...

א י ן א ײ ג ע נ ע ם ל אַ נ ד

— איר שפּאַסט פון מיר, יעהודא איזראַעלעוויטש?...

— ניין, מילענקאַיאַ, איך פריי זיך מיט אייך... דאָ איז באמת אַ גוטע געזעלשאַפט! איך האָף אַז מיר וועלן זיין פריינט...

— איך האָף...

***

יענעם אָוונט איז טאַטיאַנאַ אַהיים געגאַנגען מיט וואַסיל סערגעיעוויטשן און ער האָט איר אַריינגעטענהט:

— נישט גוט אַזוי, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ, נישט גוט! מיט אַזאַ אַרט לעבן, קען מען ווייט נישט דערפאָרן... מען דאַרף עסן, טרינקען, אויפראַמען די שטוב. מען טאָר נישט שלאָפן אין אַזאַ אָפּגעלאָזענער, פאַרשטויבטער וווינונג. ס'איז נישט היגיעניש... א יונג מיידל דאַרף טראַכטן וועגן זיך מער! אַ ביסל פאַרברענגען אויך... פאַר וועמען איז דען געמאכט געוואָרן אַ קינאָ, אַ טעאַטער, אַ טאַנץ־זאַל? ווען איך בין אין דיינע יאָרן, טאַטיאַנושקאַ, אַהאַ!... דיין מאַמאַשאַ איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט, ווייל זי האָט זיך אָפּגעלאָזן! אָבער דו ביסט צו־יונג! עס איז נישט גוט, טאַטיאַנאַ, וואָס דו וווינסט אַליין אין דער זעלבער שטוב... און דו טראַכסט אַ סך... אַז מען איז אַליין און מען טראַכט אַ סך, קומען אומעטיקע און נאַרישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין... מען דאַרף נישט צולאָזן אָט די געדאַנקען, עס איז אַ זינד! אָט, טו ווי אַלע טוען היינט: נעם זיך אַריין אַ קוואַרטיראַנט, גיב אים אָפּ אַ צימערל. עס וועט דיר היימלעכער זיין און וועסט האָבן אַ פּאָר רובל צושטייער אויפן לעבן. פּאַסטאַי!... — האָט וואַסיל געמאכט דעם אָנשטעל, אַז עס איז אים פּלוצלונג, די מינוט איינגעפאַלן עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס ער האָט פריער נישט געטראַכט... — און אפשר זאָלסטו אַריינגעמען אונדזער נייעם הויפּט־בוכהאַלטער מיט זיין מוטער?.. זיי מאַכן זייער א גוטן איינדרוק! אָרנטלעכע מענטשן. וועלן דיר גוט באַצאָלן. די שטוב וועט ווערן אויפגעלעבט, היימלעך... און האָב נישט קיין מורא, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דיין באַטקאַ וועט צוריקקומען פון פראָנט, וועלן זיי דיר די וווינונג פאַרלאָזן. זיי וועלן דאָך אויך אַהיים פאָרן צוריק צו זיך... איז ווי מיינסטו, טייבעלע מיינס?

טאַטיאַנאַ האָט נישט באַלד געענטפערט. וואַסיל סערגעיעוויטשעס פריינטלעכע רייד זענען געווען ריכטיקע. אָט גייט זי איצט אין שטוב אַריין, וועט עפֿענען די טיר און אַ שטויביקע דעמפּיקייט וועט איר אַ זעץ טון אין נאָז אַריין. די שטוב איז קיל, פֿינסטער און דושנע. אַלץ וואַלגערט זיך אין אומאָרדענונג און אַלץ איז פֿאַרשטויבט. זי קומט אַריין, גלוסט זיך איר נישט אַפֿילו אַ גלאָז טיי אויפֿצוקאָכן. זי זיצט ביים קאָפּטשענדיקן נאָפּט־לעמפּל מיטן צעבראָכענעם גלעזל, קוקט אויף די באַשפּינוועבטע פּאָרט־טרעטן פֿון טאַטע־מאַמע און עס קומען איר טאַקע שלעכטע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין. אָן אומעט באַפֿאַלט איר, ווען זי לייגט זיך אין דעם זעלבן בעט, וווּ די מאַמע איז געלעגן... דאָס בעטגעוואַנט איז נישט אויסגעלופֿטערט און עס טראָגט זיך דערפֿון אַ קבֿר־גערוך... דאָס קישן איז נאָך אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פֿון די רפֿואות וואָס די מוטער פֿלעגט איינגענעמען...

וואַסיל זאָגט, אַז יעהודאַ איזראַעלעוויטש מיט זיין מוטער זענען אָרנט־לעכע מענטשן. איר, טאַטיאַנאַן, געפֿעלט ער אויך.. ער איז מיט אַ מוטער, וועלן מענטשנס צינגער נישט רעדן קיין שלעכטס... און וואַסיל סערגע־יעוויטש אַליין האָט דאָך איר נאַראַיעט... עס וועט איר באמת זיין היימ־לעכער און אַ פּאָר רובל צושטייער צום לעבן, וועט איר טאַקע צו־נוץ קומען. עס גייט צו ווינטער. מען דאַרף באַהייצן, באַלייכטן...

— גוט, וואַסיל סערגעיעוויטש, אַז איר ראָט מיך, הער איך אייך.

— הייסט עס, אַז איך קען זאָגן יעהודאַ איזראַעלעוויטשן, אַז ער קען זיך מיט זיין מוטער מאָרגן אַריבערציען? אַ ווילע פֿרוי זיין מוטער... זייער אַ ווילע!... יאָ, און מיטן פּרייז וועט איר שוין אַליין אַדורכקומען?

— יאָ, וואַסיל סערגעיעוויטש. מירן דורכקומען.

זיי האָבן זיך געזעגנט ביי טאַטיאַנאַס קאַליטקע. און טאַטיאַנאַ איז נאָך לאַנג געשטאַנען אינדרויסן, פֿאַר דער טיר. מיטן שליסל אין האַנט און עס האָט זיך איר נישט געגלוסט אויפֿצושליסן און אַריינצוגיין...

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער באַנק, וואָס פֿאַר די פֿענסטער מיט די פֿאַרמאַכטע לאָדן: זיך צוגעהערט צום שפּעט־האַרבסטיקן בלעטער־רויש פֿון די דריי עפּל־ביימער און געטראַכט וועגן יעהודאַ איזראַעלע־וויטשן מיט די סאַמעטענע אויגן און האַרטלעך־אויסלענדישן אַקצענט,

וועלכער וועט זיך מאָרגן אַריבערציִען מיט זיין מוטער צו איר אין אַ צימערל...

***

צומאָרגנס זענען זיי געקומען באַגינען, יעהודא איזראַעלעוויטש מיט זיין מוטער — פונקט אַזאַ שלאַנקע, ברונעטע, ווי ער, מיט אַזעלכע סאַמעטענע אויגן, ווי ביי אים... אויך זי האָט גערעדט מיט אַזאַ האַרטלעך־אויסלענדישן אַקצענט און מיטן זעלבן ליבן שמייכל.

מיט זיי איז מיטגעקומען וואַסיל סערגעיעוויטש, וועלכער האָט כסדר געשמייכלט צו יעהודאַס מוטער און געהאָלפן אַראָפּנעמען די פּאָר טשעמאָדאַנטשיקעס און פּעקלעך פון פורל.

טאַטיאַנאַ איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען די סאמעטענע אויגן פון יעהודא איזראַעלעוויטשעס מוטער האָט באטראכט די אָפּגעלאָזענע, פאַרשטויבטע צימערן מיט די אין אומאָרדענונג צעוואָרפענע חפצים.

— איר קענט זיך אויסקלייבן וועלכן צימער איר ווילט — האָט טאַטיאַנאַ שטיל און אומדרייסט געזאָגט — און די קיך קענט איר נוצן. איך עס סיי־ווי אין דער אייזנבאַן־סטאָלאָווע.

— ניין, טאָכטער... אַז מיר וועלן דאָ וווינען, וועסטו מער נישט עסן אין דער סטאָלאָווע... איך קאָך פאר צוויי, וועל איך קאָכן פאר דריי.... מיר וועלן לעבן ווי אַ קליינע משפחהלע...

טאַטיאַנאַן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי איז שוין אָפּגעוווינט פון אַזעלכע האַרציקע רייד. מען האָט זי שוין לאַנג אזוי צערטלעך נישט גערופן „טאָכטער". און זינט זי איז אַליין געבליבן, בענקט זי דאָך אַזוי צו זיין אין אַן אינטימער משפחהלע!... זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן און נישט געקענט...

— אַלזאָ, בלייבט עס אזוי, טאָכטערל... — האָט יעהודאַס מוטער ווייטער געצויגן. — אויף מיטאָג, קינדער, קומט איר ביידע צוזאַמען אַהיים. איך וואַרט אויף אייך ביידן...

און ווען טאַטיאַנאַ איז אַוועק צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט יעהודאַן און וואַסילן, איז איר דער פרימאָרגן געווען ליכטיקער, ווי אַלע פריי־

מאָרגנס פון אירע לעצטע חדשים... זי האָט דערפילט, אַז עפּעס ענדערט זיך אין איר לעבן. און אירע טריטלעך האָבן זיך צעזונגען איבערן גלאַנציקן אספאַלט...

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג האָט זי געאַרבעט מיט אַ פריידיקן פיבער און העפלעכער ווי תמיד, אַפילו מיט א שמייכל, וואָס איז שוין לאנג אויף איר פּנים נישט געווען, גענעטפערט די פארחושכטע מענטשן אין דער לאַנגער ריי, וואָס פאַרן קאַסע־פענסטערל...

ווען זי האָט דאָס פענסטערל צוגעמאכט צו דער מיטאָג־שעה און זיך אויסגעדרייט, האָט זי, מיט פריידיקער איבערראשונג, דערזען יעהודאַן, וועלכער שטייט הינטער אירע פּלייצעס און וואַרט, זעט אויס, שוין גאַנץ לאַנג...

—יעהודאַ איזראַעלעוויטש!... איר זענט גאָר דאָ?... גאָרנישט באַמערקט...

— נישט גוט, אַז איר באמערקט מיך נישט, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונא... איך האָב אייך מיטן ערשטן בליק באַמערקט...

זי איז צעטומלט געוואָרן אונטער די וואַרימע בליקן פון זיינע צעשמייכלטע, סאמעטענע אויגן און געפילט, אַז זי איז רויט געוואָרן... דערביי האָט זי אַ טראַכט געטון, אַז סעריאָזשא וואָלט קיינמאָל אזוי נישט גערעדט, ער זאָל אַפילו אָפּשטודירן צען יאָר אַגראָנאָמיע אין לענינגראַד....

— איך מיין, יעהודא איזראַעלעוויטש, איר זענט שוין לאנג דאָ?...

— ניין, נישט לאַנג... די מוטער וואַרט אויף אונדז מיטן מיטאָג, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונא. זי האָט אָנגעזאָגט: „די קינדער זאָלן קומען ביידע צוזאַמען אַהיים"... דאַרף מען פאָלגן אַ מוטער... קומט, טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונא, קומט...

— אַ האַרציקע פרוי, די מוטער אייערע, יעהודא איזראַעלעוויטש...

— יאָ... עס איז ביי אונדז אַזאַ משפחה־פעלער, אָט די האַרציקייט... בין איך דען צו אייך נישט האַרציק, טאַטיאַנא איוואַנאָוונאַ?...

— מיר רעדן דאָך איצט וועגן אייער מוטער... — איז טאַטיאַנא נאָך רויטער געוואָרן — ווי רופט מען זי?

— נעמי.

— און פאָטער־נאָמען?

— אבראם.
— נעמי אַבראַמאָוונאַ... אַ שיינער נאָמען....
— טאַטיאַנא איוואַנאָוונא איז אויך שיין...
— איר שפּאַסט פון מיר, יעהודאַ איזראַעלעוויטש...
— פאַרקערט, איך פריי זיך מיט אייך...

ביידע האָבן געשמייכלט און געשפּאַסט, ווי זאָרגלאָזע יוגנט אין א זאָרגלאָזער צייט. אויך די זון האָט געשמייכלט מיט אַ קילן, טיף־האַרבס־טיקן שמייכל און צעשאָטן דעם רעשט פון אירע ווייצענע שטראַלן אין די בלאָטיקע גאסן פון שטעטל.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום ראָג פון זייער געסל, האָט שוין טאַ־טיאַנאַ פון דער ווייטנס דערזען די ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין איר שטוב: די שטענדיק־פאַרמאַכטע לאָדנס זענען איצט אָפן געווען. די פאַרשטויבטע שויבן האָבן איצט יום־טובדיק געגלאַנצט און געלאכט, ווי אין די אַלטע, גוטע, פריילעכע צייטן...' דער אַריינגאַנג איז געווען אָפּגע־קערט פון די טרוקענע הארבסט־בלעטער, וואָס די דריי עפּל־ביימער האָבן אָנגעשאָטן. און איבערן דאך האָט זיך, פון רויטן קוימען אַרויס, געקרייזלט צום בלויען הימל אַ גרויער רויכל...

נעמי אבראמאָוונא, יעהודאס מוטער, איז געשטאַנען אויף דער שוועל און מיט א ליבן מוטערלעכן שמייכל זיי מקבל פּנים געווען...

די שטוב האָט געבליאנקט און געפּעכלט, ווי ערב א חגא. די פּאָלן—אָפּגעוואשן, דער טיש — מיט א ווייסן טישטוך און געפּעסן געגרייט. די בעטן, אַפילו איר, טאַטיאַנאַס בעטל איז פריש איבערגעצויגן... פון אלץ וויעט מיט פרישקייט, מיט פריילינגדיקער לופטיקייט און דופטיקייט, כאָטש עס איז דאָך טיפער הארבסט... אָבער גערירט ביז געוויין איז טאַטיאַנאַ געוואָרן, דערזעענדיק די פּאָרטרעטן פון טאַטע־מאַמע, אָפּגעשטויבטע, מיט אָפּגעוואַשענע ראַמען און גלאָז, שמייכלען זיי איצט ווי לעבעדיקע, מיט אַזאַ צערטלעכן און נחתדיקן שמייכל...

יעהודאס מוטער איז געזעסן אויבנאָן. טאַטיאַנאַ מיט יעהודאן — אין די זייטן, איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן... טאַטיאַנא האָט זיך כּסדר גע־רויטלט און זעלטן די אויגן אויפגעהויבן. יעהודאַ האָט זיך געוויצלט און עס איז קענטיק געווען, אַז ער באַמיט זיך עס ספּעציעל, מיט פריילעכע,

קאָמישע מעשיות, אויפצוהייטערן די שטימונג פון זיין מוטער... דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן: זי האָט אָפט געשמייכלט און אפילו געלאכט.

דער מיטאָג איז געווען אַ באַשיידענער, אָבער היימיש און געשמאַק. גאָר אַנדערש ווי אין דער אייזנבאַן־סטאָלאָווע, ווו מען קאָרמעט איר טעג־לעך מיט שטשי*), אָדער שוואַרצע לאַפּשאַ...**).

נאָכן מיטאָג האָט יעהודא געקושט זיין מוטער אין האנט און געדאנקט. טאַטיאַנאַן איז עס זייער געפעלן. זי וואָלט עס אויך גערן געטון, ווען זי שעמט זיך נישט... ביי אירע עלטערן האָט מען זיך קיינמאָל אזוי נישט געפירט.

יעהודא האָט טאַטיאַנאַן דערלאַנגט איר מאַנטל, פון וואָס זי איז אויפסניי צעטומלט געוואָרן און אַ טראַכט געטון, אַז סעריאָזשא, ביי זיין גאַנצן אוכאַזשעווען***) איר, וואָלט עס קיינמאָל נישט געקענט...

זיי זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. כאָטש עס האָט געדריבניעט אַ רעגנדל, האָט טאַטיאַנאַ געוואָלט, אַז דער וועג צום וואָקזאַלעכל זאָל זיך ציען און ציען...

נאָך דער ארבעט, האָט ווידער יעהודא געוואָרט מיט איר מאַנטל אין די הענט...

און איינמאָל, ווען זיי האָבן געענדיקט שפּעט דעם אַרבעטס־טאָג און אַרויס אויף דער גאַס, איז געווען אַ פּעכיקע פינסטערניש. יעהודא האָט טאַטיאַנאַן גענומען אונטערן אָרעם. און כאָטש דער אָוונט איז געווען אַ וואַרימער, האָט ער דערפילט, אַז זי פיבערט... דורכשניידנדיק דעם פוסטן, פינסטערן סקווער, האָט יעהודא פארלאַנגזאַמערט די טריט און זיך אין איינער פון די אַלעען, פאַרהאַלטן.

— טאַטיאַנאַ... — זיין שטים האָט מאָדנע געציטערט.

בלויז „טאַטיאַנאַ" האָט ער געזאָגט. און זי האָט אַלץ פארשטאַנען, אַלץ דערפילט... עס איז איר גוט געווען, ווען ער האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענט ביי אירע שמאָלע אקסלען און צוגעטוליעט זיין קאָפּ צו אירן...

*) קרויט־זופּ.
**) לאָקשן.
***) אַרומגיין איר.

— אָבער יעהודאַ... די מוטער וואָרט...

— טאַטיאַנושקאַ, פילסטו ווי מיין האַרץ קלאַפּט?...

— איך פיל, יעהודאַ...

— פאַר דיר קלאַפּט עס, טאַטיאַנושקאַ, פאַר דיר!... — האָט ער זי פעסטער אַרומגענומען.

זי האָט זיך בגילופנדיק געוויגט אין זיסער אָנמעכטיקייט. און ווען זיינע פיבערנדיקע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן אין אירע, האָט זיך אַ הייסע כוואַליע צעגאָסן אין אַלע אירע גלידער.

לאַנגזאַם און שווייגנדיק, געאָרעמט און געטוליעט אַזוי פעסט, אַז איינער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון צווייטנס האַרץ, האָבן זיי פאַרגעזעצט דעם וועג אַ היים.

נעמי האָט שוין אומרויִק געוואַרט ביים געגרייטן טיש מיטן אָונט־ברויט. אָבער מיטן ערשטן מוטערלעך־דערפאַרענעם בליק אויפן פאַר־רויטלטן פּאָרל, האָט זי שוין פאַרשטאַנען די סיבה פון דער פאַרשפּעטי־קונג. זי האָט אַ צאַרטן שמייכל געטון און גאָרנישט געפרעגט...

***

טאַטיאַנאַס וויכאָדנאָי (רו־טאָג) איז שטענדיק געווען פרייטיק. אָבער אַלע אירע רו־טעג, זינט זי איז אַליין געבליבן, האָט זי פאַרבראַכט, ווי יעדן געוויינלעכן אַרבעטס־טאָג, אין איר קאַסע־צימערל פון וואָקזאַל. און היינט איז דער ערשטער רו־טאָג, וואָס טאַטיאַנאַ איז אין דער היים. אַ פריידיק־שיינענדיקע, אונטערזינגענדיק דאָרפישע פאָלקס־לידלעך און „טשאַסטושקעס", העלפט זי נעמין ראַמען און צוגרייטן דעם ייִדיש־טראַ־דיציאָנעלן שבת. יעהודאַ האָט איר דערציילט, אַז זיין מוטער איז זייער אַ רעליגיעזע. זי האַלט הייליק דעם שבת און אַלע ייִדישע ימים־טובים. און כאָטש ער, יעהודאַ אַליין, איז ווייט דערפון, דאָך האַלט ער אַלץ מיט, אויס דרך־ארץ און ליבשאַפט צו דער מוטער, וועלכע האָט איר היים און משפחה פאַרלאָרן.

אין אָונט, ווען אַלץ איז שוין געווען אויפגעראַמט און אויסגעפּוצט, האָט נעמי אָנגעטון אַ שוואַרצן טוך אויפן קאָפּ, אוועקגעשטעלט צוויי לייכ־

טער אויפֿן ווייס־געדעקטן טיש, אַריינגעשטעלט ליכט, אָנגעצונדן, אַ פֿלאַטער געטון עטלעכע מאָל מיט אירע איידעלע הענט איבערן פֿייער, ווי אַ פֿויגל מיט די פֿליגל. נאָכדעם זיך פֿאַרשטעלט מיטביידע דלאָניעס דאָס פּנים און שטיל געזאָגט עפּעס א תּפֿילה. בעת "מעשה האָבן אירע אַקסלען שטאַרק געצוקט. און ווען זי האָט די הענט פֿון פּנים אַוועקגענומען, זענען אירע סאַמעטענע אויגן געווען פֿייכט... טאַטיאַנען האָט דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט און אויך אירע אויגן זענען פֿייכט געוואָרן...

— וואָס איז, טאָכטערל? — האָט זיך נעמי געוווּנדערט.

— אַזוי... גאָרנישט... איך ווייס אַליין נישט... — האָט זי געשמייכלט דורך טרערן. — נעמי אבראַמאָוונאַ... איר רופֿט מיך „טאָכטער", דערלויבט מיר אויך אייך צו רופֿן „מאַמאַשאַ"...

נעמי האָט איר דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט און ווי זי וואָלט זיך דערביי געיִשובֿט. אָבער באַלד האָט אַ מוטערלעכער שמייכל אַרויפֿגעטויכט אויף איר פּנים:

— רוף מיך ווי דו ווילסט... — האָט זי אַרומגענומען טאַטיאַנען און איר געגלעט דאָס בלאָנדע קעפּל.

— מאַמאַשאַ... — ווער איז דאָס רות?

— וועלכע רות מיינסטו, טאָכטער?

— יעהודאַ רופֿט מיך כּסדר רות... ער זאָגט, אַז איך בין ענלעך צו אַ פֿרוי פֿון דער ייִדישער ביבליע... ער האָט זי געזען אויף א קונסט־בילד. איז זי געווען א שיינע?...

נעמי האָט א בלייכן שמייכל געטון:

— זיך, טאָכטער, וועל איך דיר דערציילן.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט ביים שבתדיקן טיש מיט די ברענענדיקע ליכט, ווארטן אויף יעהודאַן וועלכער דאַרף באַלד קומען פֿון דער אַרבעט. טאַטיאַנאַ האָט אָנגעשפּאַרט ביידע עלנבויגנס אויפֿן טיש, אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף ביידע פֿויסטלעך, נאָך מער פֿאַרשאַרצט איר חנעוודיק־קורנאָסע נעזל און זיך נייגעריק צוגעהערט צו נעמיס דערציילונג:

— ...דאָס איז געווען דעמאָלסט, ווען ייִדן זענען נאָך געווען א פֿאָלק מיט פֿעלקער צוגלייך און געהאַט אַן אייגענע מלוכה אין אייגענעם לאַנד.

האָט זיך געמאַכט, אַז אַ הונגער האָט אויסגעבראָכן אין לאַנד פון יהודה. און אַ משפחה פון בית־לחם־יהודה האָט זיך עוואקויִרט און זיך באַזעצט אויף די פעלדער פון מואב, ווו קיין הונגער איז נישט געווען. דער מאַן פון דער משפחה האָט געהייסן אלימלך; דאָס ווייב — נעמי, און די זין — מחלון און כליון. אלימלך איז געשטאָרבן און נעמי איז געבליבן אַן אלמנה מיט די צוויי זין — יתומים. שפּעטער זענען די זין אונטערגעוואקסן און זיך גענומען ווייבער מואב׳ערינס. איינע האָט געהייסן ערפּה און די צווייטע — רות... צען יאָר האָבן זיי דאָרט געלעבט צוזאַמען. דאַן זענען אויך ביידע זין געשטאָרבן און נעמי איז געבליבן עלנט און אין נויט, צוזאַמען מיט אירע ביידע שנורן. און ווען נעמי האָט זיך דערוווּסט, אַז אין בית־לחם־יהודה איז שוין דער הונגער פאַרביי, האָט זי זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין, צוריק אַהיים צו פאָרן. און נעמי האָט געזאָגט צו אירע שנורן: „גייט, קערט אייך אום צוריק צו אייערע מוטערס היימען. זאָל גאָט געבן, אַז איר זאָלט געפינען גליק. יעדערער אין הויז פון איר מאַן״. און זיי האָבן זיך געקושט און ביטער געוויינט. און די שנורן האָבן געענטפערט: „מיר וועלן גיין מיט דיר און זיך אומקערן אין דיין היים, צו דיין פאָלק״. האָט נעמי ווידער געבעטן: „גייט אייך צוריק און זוכט אייך גליק צווישן אייעריקע. נאָכוואָס זאָלט איר וואַנדערן מיט מיר, דער אומגליקלעכער, אויף וועלכער עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער צאָרן פון גאָט?!״. דאַן האָט זיך ערפּה געזעגנט, זיך צעקושט, צעוויינט און אַוועק. דאַקעגן רות האָט זיך מיט איר שוויגער בשום אופן נישט געוואָלט צעשיידן: „וווהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין! — האָט זי געזאָגט — ווו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן. נאָר דער טויט וועט אונדז צעשיידן״!... און די גוטע, געטרייע רות האָט איר שוויגער נישט פאַרלאָזן. מיטגעוואַנדערט נע־וונד, ביז זיי זענען צוריקגעקומען קיין בית־לחם־יהודה. און דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גערשטן־שניט. גאַנץ בית־לחם האָט גערעדט וועגן דער געטריישאַפט פון דער מואבערין רות. און נעמיס אַ רייכער קרובֿ, אַן אדלמאַן מיטן נאָמען בועז, האָט זיך גענומען רותן פאַר אַ ווייב. גאָט האָט איר געשאָנקען אַ גראָטן קינד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ מלך ביי ייִדן און זיי האָבן דערלעבט אַ סך גליק —״

— אבי מען דערלעבט גליק, איז גוט... גוט־שבת!...

ביידע האָבן נישט באמערקט יהודאס אַריינקומען און נישט געוווסט, ווי לאַנג ער שטייט שוין אזוי אין דער ראַם פון דער טיר און הערט זיך צו צו נעמיס דערציילן...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. געגעסן האָט מען דאָס מאָל שווייגנדיק, פאַרטראַכטערהייט. די פרויען האָבן זיך געפילט זשענירט און יעהודא האָט אַרויסגעוויזן אַ דייטלעכע נערוועזיטעט. ווען טאַטיאַנא האָט דערלאַנגט טיי, האָט איר יעהודא מאָדנע אָנגעקוקט און, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון איר, זיך געווענדט צו דער מוטער:

— מאַמאַ, איך וויל דיר עפּעס דערציילן... איך ווייס נישט, ווי־אַזוי מען הייבט עס אָן... אין נאָרמאַלע צייטן, וואָלט אפשר צו דעם נישט געקומען. אָבער היינט איז אַן אַנדער צייט, אַזאַ צייט... ווען דו וואָלסט עס פאַרשטאַנען, מאַמאַ, און געקענט אַ ביסעלע פאַרבייגן... מיר קענען האָבן נחת, מאַמאַ, ווען...

— איך האָב עס שוין לאַנג פאַרשטאַנען, קינד מיינס... דו דאַרפסט מיר שוין גאָרנישט דערציילן! אַ מאַמע זעט, פאַרשטייט און פילט. נישטאָ פאַר קיין מאַמען קיין סודות!... — זי האָט שווער באַוועגט מיט דער צונג און ווי זי וואָלט עפּעס א ביטערע פּיל אַראָפּגעשלונגען: — און סוף־כל־סוף, פאַרוואָס מוז איך עס עפּעס זיין די היטערן פון „זיינע" געבאָטן, אַז „ער" אַליין היט זיי נישט?! אַז „ער" קען פועלן ביי זיך און מסכים זיין מיט אַזאַ בלוטיקער, וויסטער מהומה אויף דער וועלט, איז ווער בין איך, וואָס זאָל זיך אַוועקשטעלן ווי א שופט? אַז „אים" איז ליב, איז מיר ניחא. אויב דו ביסט זיכער, אַז דאָס איז דיין גליק, איז... — זי האָט זיך ווידער פאַרקרימט, ווי ביים אַראָפּשלינגען עפּעס טרוקנס און האַרטעס.

— מאַמעניו טייערע! ווי גוט דו ביסט! — איז יעהודא, ווי א קינד, צוגעפאַלן צו דער מוטערס שויס און געקושט אירע בלייכע הענט.

— און מיט דער משפחה פון צווייטן צד, ביסטו שוין פאַרטיק?...

יעהודאַ האָט א קוק געטון אויף טאַטיאַנען. טאַטיאַנא האָט אינסטינקטיוו אַ ווענד געטון אירע בליקן צו די פאַרטרערטן פון טאַטע ־מאַמע. באַלד האָט זי זיך א צעטומלטע, א פאַררויטלטע, אויפגעהויבן פון אָרט און נישט קוקנדיק קיינעם אין די אויגן, זיך אַנטשולדיקט און גענומען גיין צו דער טיר.

אין אייגענעם לאַנד

— וווהין, טאַטיאַנא?

— צו וואסיל סערגעיעוויטשן. זען וואָס ער מאכט....

טאַטיאַנא איז געלאָפן א דערהיצטע אין גערדיכט־טומאַניקן, קילן אָוונט און געשלונגען אין זיך אַריין די פייכטע לופט. מאָדנע הייס איז איר געווען. ווי זי וואָלט נישט קיין טיי, נאָר ווין געטרונקען... אַ סך ווין און שטאַרקן! דאָס הערצל איז צעהאַמערט און דער קאָפּ איז צערוישט.

וווהין לויפט זי אייגנטלעך? צו וואסילי סערגעיעוויטשן? — דאָס איז דאָך נאָר געווען אן אויסרייד, כדי קענען אַרויסגיין פון שטוב און זיין אַליין מיט די געפילן און געדאַנקען. און זאָלן נעמי און יעהודא נישט זען זי אין פארלעגנהייט, ווי זי רויטלט זיך און ווייסט נישט, וואָס מיט זיך צו טון... וואָס צו רעדן און ווי זיך צו האַלטן... אַליין מיט זיך, וויל זי פארדייען און איבערלעבן אָט די גורלדיקע מינוט, וואָס דעצידירט איר צוקונפט...

נעמי אבראמאָוונא, די גוטע, קלוגע מוטער נעמי איז מסכים אויפן שידוך!... אומזיסט געווען די זאָרג און שרעק!... זי פאַרשטייט... זי ווייסט שוין פון לאַנג... זי האָט יעהודאַן איינגעשפּאָרט רייד, וואָס עס איז אים, דעם אָרימען, אזוי שווער אָנגעקומען... יאָ, אָבער וועגן דער משפחה פון צווייטן צד, — ווו האָט זי דען, טאַטיאַנא, א משפחה? עפּעס א ווייטע מומע, אַן אַלטע מויד, איז אמאָל געווען אין ראָסטאָוו ביים דאָן. און דאָס איז אַלץ... מיט וועמען האָט זי זיך מיישב צו זיין.

„וואָרט־אויף"!... — האָט עס אויפגעבליצט אין איר מוח — און אפשר טאַקע גיין צו וואַסילי סערגעיעוויטשן? דעם טאַטנס נאָענטסטער פריינט... און אים האָט דאָך די מאַמאַשאַ, פארן טויט, איבערגעלאָזן א צוואה... ער האָט דאָך איר באַקענט מיט יעהודאַן, נאַראַיעט*) אַלס קוואַרטיראַנט... באמת נישט קרום צו פאַרטרויען זיך פארן גוטן וואסיל און האָבן זיין צושטימונג. דאָס געוויסן וועט פשוט זיין רויִקער... זי האָט דאָך געזאָגט, אז זי גייט צו וואסילן, איז וועט זי טאַקע גיין!...

*) אָנגעשלאָגן.

יצחק פערלאָוו

***

— טאַטיאַנא איוואַנאָוונא, וווהין?

— אָ, דאָס זענט איר, וואסיל סערגעיעוויטש? איך גיי טאַקע צו אייך...

— יאָ, דאָס בין איך... יעי־באָגו דאָס בין איך! אָט קוק מיר אָן און זע: דאָס בין איך, צי אַן אַנדערער?...

אין געדיכטן נעפּל האָט זי קוים דערקענט דעם סילועט פון זיין מעכ־טיקער פיגור. זיין פּנים האָט זי נישט געזען, נאָר אָן זיין וואקלען זיך און אָן דעם אלקאָהאָל־גערוך, האָט זי פארשטאַנען אז ער האָט היפּש אויס־געטרונקען. דער אלקאָהאָל־גערוך וואָס האָט געזעצט פון אים, האָט איר אָפּגעשטויסן אויף א טריט צוריק.

— נישט גוט, וואסילי סערגעיעוויטש, וואָס איר זענט איצט אונטערן פלעשל. צו אייך בין איך דאָך אַצינד געגאַנגען... געוואָלט רעדן עפּעס נשמהדיקס... און אַקוראַט איצט זענט איר אויסגעטרונקען... נישט גוט...

— זיי מיר מוחל, טייבעלע, איך האָב געמוזט! ביטער אויפן הארצן, פאַרשטייסט? און דאָ, האָט זיך געמאַכט אַ טרונק... אָבער איך שווער דיר: בלויז צוויי טיי־גלעזער אויסגעטרונקען, נישט מער! דער מוח איז קלאָר! קענסט מיט מיר רעדן. אָט, די פיס נאָר זענען ווי דובינעס און טראָגן מיך קוים. זיי ליבנסווירדיק, טאַטיאַנושקאַ, נעם מיך אָן ביים האַנט און פיר מיך צו אין שטוב אַריין, נשמהלע. דאָרטן וועלן מיר רעדן. דער קאָפּ ביי מיר אַרבעט. יעי־באָגו, ער אַרבעט! קענסט מיט מיר רעדן!

— עס איז צו ערנסט, וואסיל סערגעיעוויטש, צו ערנסט, און איר זענט אין אַזאַ צושטאַנד... — האָט זי אים גענומען ביים אָרעם, אהיים צו פירן.

— צו ערנסט, זאָגסטו? רעדסטו דאָך שוין ווי נעמי אבראמאָוונא. ביי איר איז אַלץ ערנסט.. און ביי דיר איז אַלץ ערנסט.. פּאַסטאַי־קאַ! — איז ער פּלוצלונג שטיין געבליבן, ווי אויסגעניכטערט — אפשר רעדסטו אויך וועגן דעם זעלביקן?... נו, זיכער רעדסטו וועגן דעם! אָט אַ פּיאַניצע איך בין! נישט פאַרשטאַנען! אַ קאָפּ ווי א קרויט!...

— וואסיל סערגעיעוויטש, ווען האָט זי גערעדט מיט אייך? וואָס האָט זי אייך געזאָגט, נעמי אבראמאָוונא? דערציילט...

— נו, וועגן דיר, גאָלובטשיק, מיט יעהודע אזיראַעלעוויטשן... וועגן אייער ליובאָוו... אַז איר זענט ביידע פון אַנדערע גלויבנס... אַלטע מעשיות: מיין גאָט, דיין גאָט... אָט, נאַ דיר אַ קאָפּיקע פאַר ביידע!... יעי־באָגו!... אַ מענטש דאַרף מען זיין, און דאָס איז אַלץ! — האָט ער אָפּגעשלוקערצט מיט אַ שאַרפן וואָדקאַ־געררוך. — נו, האָב איך איר געזאָגט: נעמי אַבראַ־מאָוונאַ, איר זענט דאָך אַ קלוגע פרוי... טאָ מאַכט זיך נישט נאַריש און רוקט זיך נישט מיט אייער גאָט דאָרטן, ווו מען דאַרף אים נישט!... האָב איך איר גוט געזאָגט, טאַטיאַנושקאַ?...

— ניין, נישט גוט, וואַסיל סערגיעוויטש. זייער נישט גוט!

— פאַרוואָס קעצעלע?

— ווייל נעמי אַבראַמאָוונאַ איז אַן ערלעכע, גוטע פרוי און אַ גלויביקע. דאַרף מען איר גלויביקייט נישט באַליידיקן!

— איך האָב נישט באַליידיקט, טאַטיאַנושקאַ, פאַרקערט! פאַרוואָס זאָל איך באַליידיקן? אַז זי אַליין געפעלט מיר... איך האָב איר געזאָגט: אויב דאָס פאָרל האָט זיך ליב, דאַרפן זיך אַלטע לייט נישט אַריינמישן. מען דאַרף זיי וואָס גיכער חתונה מאַכן און אַ טראַכט טאָן וועגן זיך... מיר זענען דאָך נאָך אויך נישט אַרויסצוואַרפן!... אָט איך צום ביישפּיל...

— און וואָס האָט זי געענטפערט?

— אָט דערפאַר טאַקע האָב איך דאָך אויסגעטרונקען, ווייל זי האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. זי איז אַוועק אָן אַ „גוטן טאָג!” אַ־אַ־אַ־אַ ווילינקע פּרויענצימער, נעמי אַבראַמאָוונאַ, אַן אינטערעסאַנטע און... אַ שטאָלצע אָט־אַזאַ!... דער טייוול זאָל מיך נעמען! געדאַרפט רעדן מיט איר איידל! פאַרזיכטיק! אינטעליגענט! און דאָ, האָט מיין נאַרישע צונג אַרויסגעפּלאַפּלט אַלץ אויף איין מאָל! און מיט מיין פויערישקייט האָב איך אַלץ אַליין קאַליע געמאַכט! אָט, אַ קאָפּ ביי מיר, ווי אַ הויפּטל קרויט! יעי־באָגו, אַ הויפּטל קרויט!

טאַטיאַנאַ איז געווען צופיל איבערגענומען מיט זיך, מיט אירע אייגענע איבערלעבונגען און האָט איצט וואַסילס טראַגעדיע נישט באַנומען...

— אָבער ווי מיינט איר, וואַסיל סערגעיעוויטש, מיין באַטקאַ, ווען ער וואָלט דאָ געווען... ער וואָלט עפּעס געהאַט דאַקעגן?

— דיין טאַטע אַליין האָט אַ מאָל ליב געהאַט אַ יעווריעטשקע פון

מינסק... אירע פאַנאַטישע עלטערן האָבן דאַן צום שידוך נישט דערלאָזט. ווייסט ער דאָך שוין, דער טאַטע דיינער, דעם טעם פון ליובאָוו*) און סטראַ־דאַניע...**) פאַרוואָס זשע זאָל ער איצט דיר שטערן?

— און איר ראַט מיך אויך, וואַסיל סערגעיעוויטש?

— אונדזערע מענטשן זענען נישט קיין איבערגעשפּיצטע. רוסישע מוזשיקעס טראַכטן נישט צופיל אַריין! אַט, גיי וווהין דאָס הערצל ציט דיר!... לעב, טאַטיאַנושקאַ, כל־זמן דו ביסט נאָך יונג און דו געפעלסט!... כל־זמן דו ליבסט און ווערסט געליבט... טראַכט נישט אַריין! עס איז אַ שאָד די יונגע יאָרן, די שיינע טעג מיט די ווונדערבאַרע נעכט!...

וואַסיל סערגעיעוויטש האָט לאַנג נישט געקענט אַריינטרעפן מיטן שליסל אין שלאָס פון דער טיר, ווי דער שלאָס וואָלט זיך געהוידעט און זיך מיט אים געררייצט... טאַטיאַנאַ האָט אים אויפגעשלאָסן, געדאַנקט און געוווּנטשן אַ גוטע נאַכט.

— זיי אויך אַ גוטער שליח פאַר מיר, טאַטיאַנושקאַ... זאָג איר, אַז איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש. איך שלאָג נישט קיין ווייבער, ווי אַנ־דערע... און אויב זי וועט עס וועלן, וועל איך צום פלעשל קיין מאָל אַפילו אַ שמעק נישט געבן! יעי־באָגו, כ'וועל אַ שמעק נישט געבן! זאָג עס איר, הערסט?! — האָט ער איר נאָכגעשריִען אין גערדיכטן טומאַן אַריין.

טאַטיאַנאַ האָט אים שוין מער נישט געהערט. זי איז געלאָפן אַהיים אַ דעצידירטע, אַ גליקלעכע...

***

יענעם מאָנטיק באַגינען האָט דאָס ערשטע פרעסטל אַ סמאָלע געטאָן אין פאַוואָלזשע און פאַרהילט אין ווייסע וואָלן די ביימער פון אַלע סע־דער און סקווערן פון שטעטל.

טאַטיאַנאַ איז מיט יעהודאַן געגאַנגען אין זאַגס*), זיך צו פאַרשרייבן

---

*) ליבע.
**) ליידן.
*) ציווילשטאַנד ביוראָ.

אַלס מאַן און ווייב. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען נעמי מיט וואַסיל סערגעיעוויטשן.

אין „זאַגס" איז געווען אַן אַטשערעד: פאַרן אָפּפאָרן אויפֿן פראָנט ווילן די בחורים נישט איבערלאָזן קיין כלות, נאָר ווייבער און מיט אַ „נאַסליעדניק" דערצו... איבערלאָזן אַ נאָמען נאָך זיך, טאָמער עס איז באַשערט צו פאַלן אין שלאַכט... — זענען טאַטיאַנאַ מיט יעהודאַן טאַקע דאָס זעקסטע פּאָרל אין דער ריי...

דאָס מיידל וואָס פאַרשרייבט איז גאָרנישט יום־טובדיק געשטימט. ערשטנס, ווייל זי אַליין איז נאָך אַלץ אַ מיידל. שוין יאָרן ווי זי שרייבט און פאַרשרייבט און זיך אַליין קען זי נישט פאַרשרייבן... צווייטנס, האָט זי געפרוירענע פינגער, וועלכע קענען נישט שרייבן אַזוי גיך ווי די היציקע פּאָרלעך ווילן עס... די פאַרזשאַווערטע פעדער סקריפּעט און דער טינט איז וואַסערדיק... דערצו האָט זי באַקומען אַ שטאַרקן קאַטאַר. די אויגן זענען איר פאַרגאָסן און די נאָז — רויט. און ווער קען עס איר פאַרוואַרן יעדע ווילע צו ווישן זיך די נאָז?... — זיצן די פּאָרלעך נער־וועז, ווי אין וואַרטע־צימער פון אַן אומזיסטער פּאָליקליניק, הינטער דער טיר פון דעם צאָן־דאָקטאָר...

באַזונדערס אויפגערעגט איז נעמי. זי קען עס בשום אופן נישט באַנעמען, אַז די פּראָסטע וואָכעדיקייט פון חתונה־צערעמאָניעס. אַז מען צערעמאָניעט זיך גאָרנישט!... זי האָט זיך גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט איר זונס חתונה... אויף איר אייגענער חתונה זענען זיך אָנגעפאָרן מחו־תנים, אַרום צוויי הונדערט מאַן! קלעזמער, סאַרווערס, אַ חזן און אַ בדחן... מען האָט געגעסן און געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט. אַכט טאָג איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כאַדאָראָם און עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק... און דאָ — גאָרנישט! אַ פאַרקאַטערטע אַלטע מויד מיט אַ פּנים פון אַ זויערער אוגערקע, גיט חופּה־וקידושין כדת לענין־וסטאַלין. — טענהט זי אַריין אין וואַסיל סערגעיעוויטשן:

— און דאָס איז אַלץ? פאַרשריבן און אונטערגעשריבן און אַ גוטן טאָג? און נאָך אַזאַ פאַרשרייבעכץ, ווי מען פאַרשרייבט דאָ, מעג מען עס לאָזן אָרנטלעכע קינדער צוזאַמען אין אַ באַזונדער צימער, ווי מאַן און ווייב?! איז עס דען נישט קיין חרפּה פאַר לייט און קיין זינד פאַר גאָט?

און וואַסיל סערגעיעוויטש ווישט זיך די פייכטע וואָנצעס, וואָס האָבן דאָ איצט געלאָזן, פון דרויסנדיקן פראָסט:

— זייט רויק, נעמי אַבראַמאָוונאַ. עס איז אַ גוטע, ערלעכע חתונה מיט גוטע דאָקומענטן. אַ פּאַפּירל אויפן האַנט באַקומען? דאָס איז גענוג. אָט זעט איר, וועגן אונדז... בין איך גרייט צום פּאָפּ און צום ראַווין און וווהין איר ווילט, נעמי אַבראַמאָוונאַ... מיר איז נישט קיין אונטערשייד... אַבי איר זאָלט זיין צופרידן...

נעמי שאָקלט כסדר מיטן קאָפּ אויף ניין. ס׳הייסט, עס איז נישט קיין חתונה, בשום אופן נישט!

פון דעסטוועגן, נאָך דעם ווי יעהודאַ מיט טאַטיאַנאַ האָבן זיך אונטערגעשריבן און דאָס פאַרקאַטערטע מיידל מיט די געפּרווירענע פינגער, האָט מעכאַניש אַ זאָג געטאָן:

— פיל גליק!... ווּעמענס אַטשערעד איז ווייטער?

און נאָך דעם, ווי יעהודאַ מיט טאַטיאַנאַ האָבן זיך צעקושט, האָבן זיך ביי נעמין צעעפנט די קוואַלן פון טרערן. מיט צעשפּרייטע הענט, ווי מיט פליגלען צום פליען, איז זי צוגעלאָפן, ביידן אַרומגעאַרעמט, געקושט און געוויינט מיט אַ ימים־נוראים־ניגון... און ווי זי וואָלט שיעור נישט פאַרגעסן אַ וויכטיקע, עיקרדיקע זאַך, וואָס אָן דעם איז די חתונה טאַקע קיין חתונה נישט, האָט זי איבערגעריסן דאָס קושן זיך און וויינען, אַראָפּגעצויגן דאָס רינגל פון איר פינגער, דעם גאָלדענעם מעדאַליאָן פון האַלדז, אַרויסגענומען פון האַנט־בייטל אַ פּאָר דימענטענע אויערינגלעך און מיט דעם אַלץ באַצירט טאַטיאַנאַן... אָנגעטאָן איר, אָפּגעטראָטן אַ טריט אויף צוריק, הינטערווייליעכטס, באַטראַכט, צי עס קליידט איר און ווידער זי אַרומגעכאַפּט קושן.

— טראָגט געזונטערהייט, טאָכטער! זאָל עס ברענגען גליק אין אייער פאַמיליען־לעבן!...

פון „זאַגס" איז נעמי אַוועק אַהיים און דאָס יונגע פּאָרל מיט וואַסיל סערגעיעוויטשן — צו דער אַרבעט. ווען זיי זענען אין אָוונט צוריקגעקומען אַהיים, האָט שוין געוואַרט אויף זיי אַ יום־טובדיקער טיש מיט ווייַן, פּרוכטן און זיסע געבעקסן... אַלע אויוועלעך האָבן פריילעך געברענט און אַ ליבע וואַרעמקייט האָט זיי אַרומגענומען. דאָס מעבל איז שוין געווען

איבערגעשטעלט: נעמיס בעטל איז שוין געשטאַנען ביי טאַטיאַנאַן אין צי־מער. און טאַטיאַנאַס בעט — האַרט נעבן יעהודאַס... אין די זייטן, אויף בײדע נאַכט־שענקלעך, האָבן זיך פּאַפּירענע בלומען שעמעוודיק גע־רויטלט...

***

דער לעצטער ווינטער איז געווען אַ ווינטער פון גרויסע נצחונות. נאָך דעם ווי אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן געעפנט דעם צווייטן פראָנט און אָנגעהויבן צו דערלאַנגען דעם דייטש פעסטע קלעפּ אין רוקן, — האָט אויך די רויטע אַרמיי אַ שפּאַן געטאָן פאַרויס. אָפּגענומען די גאַנצע סאָוויעטישע טעריטאָריע, זיך געררוקט איבער פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און רומעניע. דערגאַנגען צו די גרענעצן פון דייטשלאַנד און האַנט ביי האַנט מיט די פאַרבינדעטע, געגעבן דעם שונא דעם לעצטן טויט־קלאַפּ אין זיין אייגענער נעסט, אין בערלין.

די פּליטים אין פּאַוואָלזשע האָבן זיך אַ ריר געטאָן אין וועג אַריין, צוריק אַהיים. קיין ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, לעַנינגראַד און בעסאַראַביע... עשאַלאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן צִיען צוריק אַהין, אין יענער ריכטונג, פון וואַנען זיי זענען, מיט איבער פינף יאָר צוריק, אַהער געקומען. אויך צווישן די פּוילישע יידן איז געוואָרן אַ נערוועזע שטימונג. אין פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן אָפּציע און רעפּאַטריאַציע...

און אין איינעם אַ טאָג, איז טאַטיאַנאַ מיט יהודאַן געשטאַנען פאַרן מאַיאָר פון „נ.ק.וו.ד.". דער מאַיאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— דו זאָגסט זיך אויך אָפּ פון דער סאָוויעטישער בירגערשאַפט, טאַ־טיאַנאַ? דו אַנטלויפסט אויך פון דיין פאָטערלאַנד?

— איך אַנטלויף נישט, חבר מאַיאָר, נאָר איך בין דאָ עלנט. דער פאָטער איז אומגעקומען אויפן פראָנט, די מוטער איז געשטאָרבן און איך האָב דאָ קיינעם נישט מער. פון היינט אָן איז מיין אָרט דאָרטן, ווו מיין מאַן וועט זיין.

— טו ווי דו פאַרשטייסט. זאָלסט עס שפּעטער נאָר נישט באַדויערן...

טאַטיאַנאַ האָט געטאָן, ווי זי האָט פאַרשטאַנען...

אין אַ פרילינגדיקן פרימאָרגן האָט זיך די קליינע פאַמיליע מאָרגענטאָו געגרוזעוועט אין אַן אָפענער טיעפּליושקע*) פון דעם עשאַלאָן וואָס גייט אָפּ קיין פוילן.

נישט לייכט איז עס איר געווען, טאַטיאַנאַן, זיך צו געזעגענען מיט איר געבורט־שטעטל, פון וואַנען זי איז כמעט קיין מאָל נישט אַרויסגע־פאָרן, מיט דער שטוב, וווּ טאַטע־מאַמע האָבן זי דערצויגן, מיט די דריי צעגרינטע עפּל־ביימער און מיט דער אומרויִקער וואָלגאַ. „וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט' ראָדנאַיאַ"... האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטן שליוכץ געמורמלט. קיין שול־חברים האָט זי שוין מער נישט געהאַט. ווער עס האָט זיך נישט אומגעקערט פון פראָנט און ווער עס איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין דער פרעמד. מיט אַ שטילן פּחד האָט זי געטראַכט וועגן די ווייטע מרחקים, וואָס זי האָט איצט דורכצומאַכן און וועגן דעם פרעמדן לאַנד פון די פּוילישע פּאַנעס, וווּ זי וועט מיט יעהודאַן בויען זייער נעסט און צוקונפט.

אָבער שוין אין טיעפּליושקע ליגנדיק האָט טאַטיאַנאַ אַ טראַכט גע־טאָן, אַז עס איז גלייכער וואָס זי פאָרט אַוועק פון איר געבורט־שטעטל, וווּ זי האָט מער קיינעם נישט. ווו קיינער איז איר נישט געקומען באַ־גלייטן און געזעגענען אויסער דעם אַלטן, גוטן וואַסיל סערגעיעוויטש, וועלכער איז געקומען אַן אויסגעפּוצטער און געבראַכט צוויי בוקעטן בלו־מען, פאַר איר און פאַר נעמין...

— יעהודאַ טייערער, מיר איז גוט מיט דיר... און מיט דער מאַמאַשאַ איז מיר גוט... — האָט זי זיך געטוליעט צו אים — אויסער אייך, האָב איך דאָך קיינעם נישט אויף דער וועלט!... איך פאַרלאָז מיין היימלאַנד מיט אַ לייכט געמיט און כ'בין גרייט מיט אייך צו פאָרן אין עק וועלט!...

— מיר פאָרן טאַקע אין עק־וועלט, טאַטיאַנושקאַ...

— פוילן איז דען עק־וועלט?...

— מיר וועלן דאָרט נישט בלייבן, טאַטיאַנושקאַ... נאָר אָנקוקן דאָרט די חורבות, די קברים און אַנטלויפן ווייטער!

— וווהין זשע, יעהודאַ?!

— עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו וואָגלען איבער גרענעצן און

*) פראַכט־וואַגאָן.

לענדער... איבער די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים, ביז צו אַ פּאָרט, צו וועלכן איך בענק שוין פון לאַנג...

— ווי הייסט דער פּאָרט?

— חיפה... און דאָרט איז דאָ אַ שטאָט ירושלים... און אין איינער פון די געסלעך אין דער אַלטער שטאָט ירושלים, וועלן מיר זיך באַזעצן און אָפּלעבן גליקלעך אונדזערע יאָרן...

***

פון לאָדזש קיין ירושלים איז ווייט. און נאָענט איז דאָ אַ שטאָט קעלץ, ווו נעמי און יעהודאַ האָבן ,ביים אויסברוך פון דער מלחמה, אַ משפּחה געלאָזן, אַן אייגן הויז און אַ געשעפט. ווי פּאָרט מען עס נישט אַראָפּ זיך צו דערוויסן וועגן דעם גורל פון די נאָענטסטע?

טאַטיאַנאַ מיט נעמין זענען געבליבן אין לאָדזשער רעפּאַטריאַנטן־הויז אויף שוו. יאַקובאַ 16. געפאָרן איז יעהודאַ אַליין. אויף איין טאָג בלויז איז ער געפאָרן און טאַטיאַנאַ האָט אים שוין מער נישט געזען.

דער צוג, מיט וועלכן ער איז געפאָרן, איז פּלוצלינג שטיין געבליבן אין מיטן אַ פּוסטן, פינצטערן פעלד. אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאַליאַקן זענען אַריינגעקומען, יעדן לעגיטימירט, אַרויסגעשלעפּט אַלע ייִדן פון די וואַגאָנען און אויסגעשטעלט זיי אין טאָל, ביים נאַסיפּ*) פון דער אייזנבאַן־ליניע.

יעהודאַס חלום פון חיפהער פּאָרט, פון אַ געסעלע אין אַלט־ירושלים, האָט איבערגעריסן אַ סאַלווע ביקסן־קוילן. זיין הייס בלוט האָט זיך געזאָפּט אין דער קילער פּוילישער ערד און זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון זיין טאַטן און ברידער, פאַרשניטענע פריִער דורך די נאַציס.

די „איידעלע" זין פון פּוילישן פאָלק האָבן זיך באַמיט צו פאַרענדיקן דאָס ווערק, וואָס די הערן־ראַסע האָט אָנגעהויבן. דאָס ווערק מיטן נאָמען „יודענפאַרניכטונג".

*) אָנשיט.

יצחק פערלאָוו

***

זיבן טעג זענען בײדע פרויען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך, מיט שוואַרצע טיכער אויף די קעפּ און עס איז קײן טרײסט נישט געווען צו זײער צער.

און אין אַ שבת צו נאַכט האָט זיך נעמי אויפגעהויבן און זיך גענומען גרײטן אין וועג אַרײן.

— טאַטיאַנושקאַ, טאָכטער מײנע, נשמהלע ליבע! דו זעסט דאָך, גאָטס צאָרן האָט זיך אויף מיר און אויף מײן פאָלק אַראָפּגעלאָזן. מײן װײטער־דיקער וועג איז אַ שווערער, אַ פינצטערער, אַ פאַרשאָלטענער. דו אָבער ביסט יונג, מיט אַ שײנער צוקונפט פאַר זיך... הער זשע מיך, טאָכטער: דער סאָוויעטישער קאָנסול רעגיסטרירט זײנע בירגער, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן אַהײם. ער שיקט זײ מיט עשאַלאָנען צוריק... קער זיך אום קײן פּאַוואָלזשאַ, געפין אַ באַשערטן פון צווישן אײערע און זאָל דיר גאָט געבן גליק!

טאַטיאַנאַ איז געפאַלן נעמין אויפן האַלדז, געקושט און געוויינט:

— מאַמאַשאַ־מאַמאַשאַ, געדענקט איר, ווי איר האָט מיר דערצײלט װעגן דער רות פון מואב? איך וועל אײך איצט ענטפערן מיט די ווערטער פון יענער רות. זײ האָבן זיך מיר גוט אײנגעקריצט אין האַרץ און אין מוח. אָבער נאָך קײן מאָל האָב איך אַזוי נישט פאַרשטאַנען די באַדײטונג פון די ווערטער ווי איצט... „ווו דו וועסט גײן, וועל איך גײן... יעהודאַס פאָלק איז מײן פאָלק! אײערע צרות זענען מײנע! האָט מען געהרגעט אײער זון, איז עס דאָך מײן מאַן, דער פאָטער פון מײן נישט־געבוירן קינד... איך וועל גײן מיט אײך, מאַמאַשאַ, אַהין וווהין יעהודאַ איז נישט דערגאַנגען... מעג דער וועג זײן מיט דערנער. איך מוז מיט אײך דערשווימען קײן חיפה, זיך באַזעצן אין אַ געסעלע פון אַלט־ירושלים און לעבן דאָרט מיט יעהודאַס אָנדענק!

— טאָכטער, טאָכטער! — האָט נעמי געכאַפּט טאַטיאַנאַן אין די אָרעמס. — און איך קען זיך דען יאָ מיט דיר צעשײדן?... איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ וועזן וואָס איז מיר נענטער און ליבער ווי דו?...

און די רעפּאַטריאַנטן פון שוו. יאַקובאַ 16 האָבן געזען ווי נעמי און רות

קושן זיך, װײנען און לאָזן זיך אַװעק מיט קלומיקלעך אין די הענט, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע ייִדן צו דער גרענעץ.

***

פֿון פּוילן קײן עסטרײך. פֿון עסטרײך קײן דײטשלאַנד. פֿון דײטשלאַנד קײן פֿראַנקרײך. זײ האָבן געגנבעט גרענעצן, געװאָגלט איבער לענדער. און אין אַ פֿינצטערער, קאַלטער, האַרבסטיקער נאַכט זענען זײ געקומען צו אַ ברעג און זיך געלאָזן אין ים אַרײַן.

פֿון ברעג האָט זיך געצױגן אַ שטריק אויף אַ מרחק פֿון אַ הונדערט און פֿופֿציק מעטער ביז צו אַ קלײנער מעפּילים־שיפֿל, װאָס האָט זיך דאָרט אומרויִק געהוידעט אויפֿן צעשטורעמטן װאַסער און געװאַרט... נעמי און טאַטיאַנאַ זענען געגאַנגען ביזן האַלדז אין װאַסער, זיך קלאַמערנדיק אָן דער שטריק מיט בײדע הענט. דאָס מעפּילים־שיפֿל האָבן זײ אין חושך נישט געזען. עס האָט זיך זײ געדאַכט, אַז נישט אַ הונדערט און פֿופֿציק מעטער, נאָר צענדליקער קילאָמעטערן־װײט האָט זיך דאָס שיפֿל באַהאַלטן. דורך די דורכגעװײקטע קלײדער האָט דאָס אײז־קאַלטע װאַסער נאָך פּראָסטיקער געשניטן דאָס לײַב. צי װעלן די כּוחות קלעקן צו דערגײן? — זײ מוזן קלעקן! דער אימפּעט יאָגט. מעפּילים װעלכע גײען, לױט דער רײ, הינטער זײ, יאָגן מיט געדעמפּטע, ציטערנדיקע שטימען:

— שנעלער! רירט זיך, מען װעט, צוליב אײַך, פֿאַרשאַטן װערן! װײַטער! װײַטער!

חלוצים האָבן זײ געהאָלפֿן, אין דער פֿינצטער, קלעטערן אויף דעם גליטשיקן הענג־לײטערל, געגעבן אַן אָרט אויפֿן דעק און אַ צװײ טעפּלעך הײסע קאַװע זיך צו דערװאַרעמען נאָך דער קאַלטער באָד...

אַ מאַטראָז האָט זיך געװיצלט:

— אַ גוטע מקווה געהאַט?... אַ כּשרע?...

— אַז מען קומט איבער בשלום — האָט נעמי געענטפֿערט — איז אַלץ גוט.

נאָך דעם האָבן זײ זיך מעת־לעתן געװיגט אויף די כװאַליעס פֿון מיטללענדישן ים, װי יעהודאַס װערטער װאָלטן געװען אַ נבֿואה, אָדער אַ הײליקע צװאה.

די טעג זענען געווען זוניקע און קילע. דער ווינט האָט געקעמט די שוימיקע כוואַליעס, געפייפט, געברומט און געמוסרט, וואָס מענטשן ריזי־קירן צו לאָזן זיך מיט אַזעלכע שברי־כלים אויף אַ האַרבסטיק־צעבושע־ווען ים. דאָס שיפל האָט געקרעכצט און זיך געשליידערט, נאָר איבער־צוקערן זיך מיט די מענטשן אין ים אַריין. און דער ים לאַכט. דער ים שטיפט און חוזקט פון דעם קליינעם, בידנעם שיפל מיט יִדישער נויט. ער הייבט זיינע כוואַליעס איבערן קוימען אַריבער, צוואָגט אָפּ די מענטשן, שווענקט אָפּ דעם דעק און רייסט מיט זיך מיט פאַרשיידענע חפצים.

אויפן זעקסטן פרימאָרגן האָט דער ווינט אויפגעהערט. דער ים האָט זיך באַרויִקט און איז געלעגן אַ גלאַטיקער ווי אַ גרינער שפּיגל. דאָס מינדסטע ווערעכל האָט זיך קיין גרונצל נישט געטאָן. דאָס שיפל איז זיך רויִק געשוווּמען אַנטקעגן דעם זון־אויפגאַנג. אויף די בלייכע פּנימער פון די מעפּילים האָט זיך, צום ערשטן מאָל, באַוויזן אַ שמייכל. דאָס ערשטע מאָל האָט מען היינט געגעסן דעם פרישטיק מיט אַפּעטיט. זיך דערוואַרעמט מיטן הייסן קאַקאַאָ, אין וועלכן מען האָט געבראָקט די דאַרע, הילצערנע סוכאַרעס.

ווו־נישט־ווו הערן זיך שוין געזאַנגען... עס כאַפּן אונטער נאָך און נאָך, און אָט זינגט שוין אַ גאַנצער כאָר... איין גרופּע ענדיקט אַ העברעיִש ליד און אַ צווייטע גרופּע הייבט אָן: „זאָג נישט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"... און באַלד — אַ פרישער כאָר אין רוסיש: „דאָ סווידאַ־ניאַ גאָראָדאָ אי כאַטי"...

ייִדן זענען דאָ פון אַלע עקן וועלט און יעדער זינגט זיך אויס אויף זיין אופן. עס קלינגען רומעניש לידער, אונגאַרישע, פראַנצויזישע, שפּאַ־נישע און ווידער — הורא־לידער אין עברית.

און ווען טאַטיאַנאַ האָט דערהערט, אויף רוסיש, דאָס ליד פון דער וואָלגאַ, איז זי מיטגעריסן געוואָרן מיטן כאָר. זי האָט נישט געפילט די שטראָמען טרערן איבער אירע באַקן, און נישט געפילט, אַז זי זינגט העכער פון אַלעמען... און אַז דער כאָר איז שוין לאַנג שטיל געוואָרן און זי זינגט נאָך אַלץ אַליין, סאָלאָ:

„וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט' ראָדנאַיאַ!..." — — —

ערשט ווען דער עולם האָט זי אַפּלאָדירט, האָט זי זיך פאַרשעמט און באַהאַלטן דאָס פּנים אויף נעמיס ברוסט...

און ווידער האָבן זיך לידער צעקלונגען וועגן דעם ירדן און ים־כנרת.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין מיטן הימל, און עס איז געקומען די ידיעה פון קאַפּיטאַן, אַז מאָרגן, אין דער צייט, ווען מען שוין שווימען אויף די טעריטאָריעלע וואַסערן פון ארץ־ישראל, איז די שטימונג געוואָרן גאָר אַ הייטערע. די יוגנט איז אַריין אין עקסטאַז. זיך געקייטלט איינער אין אַנדערן, האַנט אויף אַקסל און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ טאַנץ.

פלוצלינג האָבן זיך קינדערשע שטימעלעך צעפילדערט:

— אַ שיף! אַ שיף! אַ שיף!

דער טאַנץ איז איבערגעריסן געוואָרן. אַלעמענס בליקן זענען איצט געווענדט געווען צום זילבערנעם האָריזאָנט, אויף וועלכן עס האָט זיך געטונקלט אַ בלויער פּונקט. דער פּונקט איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. מען האָט שוין דייטלעך געזען די קאָנטורן פון אַ קרייצער. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער און אַ דריטער. אין אַ סגל זענען זיי געשוווּמען און זיך דערנענטערט. און ווען די מעפּילים האָבן דערקענט די בריטישע פאָן, האָבן זיי פאַרביסן די ליפּן, אַזש די קינבאַקן זענען געוואָרן שטאַרער און שאַרפער. בלייך און שווייגנדיק האָט מען זיך באַגעגנט מיט פינצטערע בליקן און קראַמפּהאַפט געביילט די פויסטן.

און אָט זענען אַלע דריי קריגס־שיפן צוגעשווּמען נאָענט, אַרומגערינגלט דאָס בידנע, צעפוילטע מעפּילים־שיפל פון דריי זייטן און באַגלייט עס ווי אַן אַרעסטאַנט...

טאַטיאַנאַ פילט די נערוועזיטעט פון גאַנצן עולם. זי זעט ווי מען סודעט זיך, ווי מען זאַמלט זיך אין גרופּעס אויף דער דעק, אַרום אַ שוואַרצן יונגנמאַן מיט אַ ווילד־צעוואַקסענער באָרד און צעשויבערטער טשופּרינע. ער שטייט אויף אַ קאַסטן, העכער פון אַלעמען, מיט אַ צעכראַסטעטער העמד. ער זשעסטיקולירט האַסטיק מיט די הענט, גיט באַפעלן און אַלע וואַרפן זיך אים געהאָרכזאַם אונטער. מען שלעפּט זעק מיט קאַסטנס, אייזנס און דרענגער. מען גרייט זיך פיבערנדיק צו עפּעס דעצידירנדיקס.

— מאַמאַשאַ, וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?
— זעסט דאָך, טאָכטער, די ענגלישער קרייצערס...
— נו?
— מיר מוזן דאָך אָבער קומען קיין חיפה! — האָט זיך טאַטיאַנאַ ווייטיקדיק פאַרקרימט, ווי צום וויינען. — מיר מוזן דאָך קומען אין אַלט־ירושלים!
— מיר מוזן, קינד מיינס, מיר מוזן! דו זעסט... — האָט נעמי געוויזן אויף די בחורים, וועלכע שלעפּן קעסטלעך און דרענגער — מען גרייט זיך צו דעם, וואָס מיר מוזן...
— צו וואָס, מאַמאַשאַ?
— צו אַ שלאַכט!
— וואָס ווילן זיי פון אונדז? וואָס זענען מיר שולדיק?!
— ווייל מיר זענען יידן... איך האָב דיר געוואָרנט, קינד מיינס, פאַר־בינד נישט דיין גורל מיט אונדזערן!...
— איך האָב פאַרבונדן און כ'בין שטאָלץ דערמיט, מאַמאַשאַ! איך וועל אויסטרינקען מיט אייך דעם ביטערן ווייַן ביז צום לעצטן טראָפּן!
זיי האָבן לאַנג געשוויגן און אומרויִק זיך צוגעקוקט ווי עס ווערן פיבערהאַפט געבויט באַריקאַדן, מען גרייט די רעטונגס־שיפלעך, מען ברענגט פון קעלער אַרויף דעם גאַנצן אַרסענאַל מלחמה־מכשירים: קאָנ־סערווון־פּושקעס, פלעשער, קאַרטאָפל און האַרטן קעקס... דער יונגערמאַן מיט דער ווילדער באָרד, צעשויבערטער טשופּרינע און צעכראָסטעטער העמד — קאָמאַנדעוועט, גיט באַפעלן און טיילט איין גרופּן אויף פאַרשיידענע פּאָזיציעס.
— מאַמאַשאַ, ווער איז ער, דער יונגערמאַן?
— אַ שליח פון הגנה.
— ווער איז דאָס הגנה?
— אונדזער באַפרייונגס־אַרמיי.
— און ווען יעהודאַ וואָלט דאָ איצטער געווען... וואָס וואָלט ער געטאָן?...
— דאָס וואָס אַלע טוען... וואָס יענער־אָ באַפעלט צו טאָן.. יעהודאַ איז געווען אַ דרייסטער, אַ היציקער. קיין מאָל נישט געוווסט פון קיין

פחד! אין דעם קאַמף וואָס אונדז שטייט דאָ פאָר, וואָלט ער זיכער געווען פון די ערשטע!

טאַטיאַנאַ איז אויפגעשפרונגען פון איר אָרט. זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער גרויס און אויפגעהויבן שטאָלץ איר בלאָנדן קאָפּ.

— וווהין, טאַטיאַנאַ?

— אַהין, וווהין יעהודאַ וואָלט איצט געגאַנגען!...

— אָבער...

—איך האָב פאַרבונדן מיין גורל מיט אייערן! אַז יעהודאַ איז נישטאָ, וועל איך אים פאַרטרעטן! איך וועל זיין אַזוי מוטיק און שרעקלאָז ווי ער!...

**
*

די גאַנצע יוגנט איז געלעגן גרופּנווייז אויף זייערע פּאָזיציעס. נעבן יעדער גרופּע — אַ בערגעלע קאָנסערוון־פּושקעס, פלעשער, שטיקער אייזן, האָלץ און שטיינער. דער שוואַרצער יונגערמאַן מיט דער ווילדער באָרד און צעשויבערטער טשופּרינע איז געשטאַנען אויפן בריקל, וואָס נעבן דער קאַפּיטאַן־בודקע און געקוקט דורך אַ שפּאַקטיוו אויף די דריי קריגס־שיפן, אָבסערווירנדיק אויף זיי די באַוועגונג פון די סאָלדאַטן.

טאַטיאַנאַ האָט דעצידירט געשפּרייזט איבער דעם געדיכט־אויסגע־לייגטן עולם. צוגעקומען צום בריקל, נעבן דער קאַפּיטאַן־בודקע און זיך אָוועקגעלייגט צופוסנס פון דעם צעשויבערטן, באַבערדיקטן יונגנמאַן. ער האָט זיך האַסטיק אומגעקערט:

— ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ?

— טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ, אַ רוסישע... פון אַ שטעטל ביי דער וואָלגאַ...

— אַ... נעמיס שנור?... איך ווייס, איך ווייס... אַ סך גוטס געהערט וועגן דיר... דו ביסט ביי אונדזער עולם באַליבט... מען רופט דיך דאָ רות... ווייסטו ווער רות איז געווען?...

— איך ווייס...

— פאַרוואָס זשע האָסטו איצט פאַרלאָזן דיין שוויגער? איצט איז אַזאַ מאָמענט, אַז איר דאַרפט זיך האַלטן צוזאַמען! יעדע מינוט קען עפּעס

אַרויסשפּרינגען... מען מוז זיין גרייט אויף אַלץ!... גיי צוריק.

— מיין אָרט איז דאָ, ווו מיין מאַן וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געלעבט!

— רות! עס איז נישט קיין קינדער־שפּילעכל! — האָט ער אויפגע־הערט צו שמייכלען און געוואָרן שטרענג, באַפעלעריש. — עס שטייט אונדז פאָר אַ שלאַכט! גיי צוריק!

— איך ווייס אַלץ. און דערפאַר בין איך אַהערגעקומען. איך וויל קעמפן מיט אייך צוזאַמען. פאַרטרייב מיך נישט פון זיך!

זיינע ווילדע, ברענענדיקע אויגן זענען פייכט געוואָרן. ער האָט זי אַ רגע אָנגעקוקט און מילד, עטוואָס געבראָכן, געזאָגט:

— נו, גוט... בלייב דאָ... דער קאַמף זעט זיך פאַר ערשט באַגינען. ליג די נאַכט דאָ, נעבן מיר. אינדערפרי, אַז מען וועט דאַרפן, וועל איך דיר זאָגן וואָס דו האָסט צו טאָן...

דער ים איז געווען רויִק. דער הימל — אויסגעשטערנט. די בחורים זענען געלעגן פאַרטאַיעט, געריכערט סיגאַרעטן, געוואַכט און געשוויגן.

באַגינען האָט זיך דער קאַמף נישט אָנגעהויבן. דער גאַנצער פאַרמיטאָג איז אַדורך אַ רויִקער. אויך דער נאָכמיטאָג — בלויז אין פּיבערדיקער דערוואַרטונג. דאָס שיפל האָט זיך איצט באַוועגט זייער לאַנגזאַם, ווי ס׳וואָלט געשטאַנען אויף איין אָרט. דער שוואַרצער, באַבערדיקטער יונ־גערמאַן האָט טאַטיאַנאַן פאַרטרויט, אַז מען איז שוין ביי די פּאַלעסטינער וואַסערן... און עס איז דאָ אַ ראַדיאָ־באַפעל פון ברעג... אַריינצושווימען ביינאַכט. דורכרייסן זיך דורך דער בלאָקאַדע, צום ברעג און לאַנדן...

— אויפן ברעג דערוואַרטן אונדז חברה!... עס גייט הילף פון אַלע זייטן!... מיר מוזן אָבער געווינען אויף צייט... וועלן מיר ביזן אָוונט נישט אַרויפשווימען אויף די טעריטאָריאַלע וואַסערן, כדי וואָס שפּעטער אַריינ־צוטרעטן אין קאַמף...

***

אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווי נאָר דאָס שיפל האָט איבערגעשריטן די טעריטאָריאַלע וואַסערן, האָט זיך עס אָנגעהויבן.

צום ערשטן האָבן אַלע דריי קרייצערס שטאַרק באַלויכטן מיט רע־פלעקטאָרן דאָס שיפל. אַן ענגלישער קאַפּיטאַן האָט גערעדט דורך אַ היל־כער צו דער מעפּילים־מאַנשאַפט. שטרענג געדראָט און געוואָרנט. אָבער די מעפּילים האָבן נישט געוואָלט הערן און גענטפערט מיט אַ פייפעריי און מיט אַ כאָר חלוצישע לידער... דאַן האָבן זיך די בלענדיקע רעפלעק־טאָרן אויסגעלאָשן. עס איז געוואָרן פּעכיק־פינצטער און בית־עולמדיק־שטיל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פינצטערניש איז פול מיט פולווער און אין דער שטילקייט יאָגן זיך עלעקטרי־שטראָמען. אָט וועלן זיי זיך באַהעפטן און עס וועט קומען צו אַן אויפרייס!

פלוצלינג האָט דאָס שיפל באַקומען אַ שטויס אין דער לינקער זייט. עס איז אַזש אויפגעשפּרונגען, ווי אַ געביסן חיהלע. זיך צעשליידערט אויף די כוואַליעס, זיך צעיאָמערט און צערעוועט מיט דער סירענע אין דער נאַכט אַריין.

דער עולם איז געפאַלן איינער אויפן אַנדערן. אַ רגע האָט מען זיך פאַרלוירן און אויפגעהויבן אַן אַנגסטיקן געוואַלד. באַלד האָט דאָס שיפל געקראָגן אַ צווייטן שטויס אין דער רעכטער זייט און זיך צעצאַפּלט אַ פאַרווונדעטע צווישן צוויי קרייצערס, וואָס האָבן זי גענומען אין אייזערנעם קלעם. געדריקט, אַזש די צעפּוילטע ווענט האָבן זיך צעקרעכצט און צע־טרעשטשעט.

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע אויפרייסן. אַ שטיקענדיקער רויך האָט זיך צעלייגט איבער דער דעק, געגריזשעט די אויגן ביז טרערן און געוואָרגן אין גאָרגל. עס האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע קולות:

— גאַז! גאַז! גאַז!

— דאָס זענען טרערן־באָמבעס! מען שטאַרבט נישט דערפון! — האָט זיך דער ווילד־באַבערדיקטער געריסן פאַרויס — פּילעוועט די ברעגן פון דער שיף! לאָזט נישט קיין ענגלישע דעסאַנטן אַריבער אויף אונדזער דעק! דערלאַנגט זיי! הוררררררראַ!

עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון פלעשער און קאָנסערוון־פּושקעס, באַגלייט פון געשרייען און פייפעריי.

די קרייצערס האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט. אַרויסגעלאָזן דאָס שיפל פון שטאָלענעם קלעם. האָט עס זיך איצט א לאָז־געטון מיט דער גאַנצער

פּאַרע, ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה, וואָס אַנטלויפט פון געפאַר. געשניטן דאָס וואַסער און דעם חושך פון דער נאַכט.

— די ערשטע אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן!... — איז דער עולם געוואָרן האָפערדיק.

און דער באַבערדיקטער יונגערמאַן האָט צוגעגעבן פייער:

— מיר זענען צוויי שעה פון תל־אָביבער ברעג!... מיר וועלן זיך דורכרייסן!... גרופּע „ד״, גייט אַראָפּ אין קעלער! עס פּליוצט דאָרט וואַסער. מען מוז אויספּאָמפּען! סאַניטאַרן־גרופּע! די פאַרוווּנדעטע טראָגט אַראָפּ אונטן!

דאָס שיפל האָט געשניטן קילאָמעטערן. געלאָפן, ווי אַ העזל וואָס לויפט אונטער שיסערייַ, איבער אַ לאַנקע און מוז וואָס־שנעלער דערלויפן צום ראַנד פון אַ געדיכטן וואַלד... עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז עס איז געלונגען זיך אַרויסצוגליטשן פון קלעם און פאַרשווינדן אומבאַמערקטערהייט אין דער נאַכט אַריין...

אָבער פּלוצלונג האָבן זיך ווידער בלענדיקע רעפלעקטאָרן צעצונדן און געטאַפּט מיט ברייטע ליכט־פּאַסן די לענגן און ברייטן פון פינצטערן ים. דערטאַפּט דאָס פאַרוווּנדעטע שיפל, דעריאָגט און ווידער גענומען אין קלעם.

— חברה האַלט זיך! אַ קנאַפּע שעה צום ברעג!...

באַהעלמטע און באַפּאַנצערטע זעלנער האָבן זיך גענומען רייסן פון די קרייצערס און קלעטערן צו דער דעק פון דער מעפּילים־שיפל.

— הוררררראַאַאַאַ!!! — האָט זיך ווידער אַ שאָט געטון אַ האָגל פון קאָנסערוון־פּושקעס, פלעשער און קאַרטאָפל אויף די קעפּ פון די סאָלדאַטן.

אייניקע זענען אַריינגעפאַלן אין ים אַריין, צווישן ביידע שיפן. אייניקע האָבן זיך צוריקגעצויגן. און מיט די, וועלכע האָבן זיך עקשנותדיק אַרויפבאַקומען אויפן דעק פון שיפל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געראַנגל. צעבלוטיקטע, פאַרוווּנדעטע און צעשראָקענע, האָבן עטלעכע סאָלדאַטן געהויבן די הענט און זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו די מעפּילים.

טאַטיאַנאַ האָט זיך געיאָגט מיט אַ פלאַש נאָך אַ פאַרוווּנדעטן ענגלישן קאַפּיטאַן. עס איז אים געלונגען אַרויפצוכאַפּן זיך אויף אַ רעטונגס־שיפל,

וואָס הענגט אויף שטריק. ער האָט זיך דאָרטן באַהאַלטן. נישט־וואָרטנדיק אויף קיין באַפעל, האָט טאַטיאַנאַ געכאַפּט א קיך־מעסער און גענומען איבערשניידן די שטריק... צוויי שטריק האָט זי אימפּעטדיק איבערגע־שניטן. דאָס שיפל הענגט שוין קרום. דער פאַרוווּנדעטער קאַפּיטאַן האַלט זיך מיט איין האַנט אָן באָרט פון הענגענדיקן שיפל און מיט דער צווייטער צילט ער זיין רעוואָלווער אין טאַטיאַנאַן. טאַטיאַנאַ לייגט קיין אַכט נישט אויף אים און שניידט ווייטער. אָט איז שוין די דריטע שטריק איבערגעשניטן. דאָס רעטונגס־שיפל איז שוין הענגען געבליבן אויף איין־איינציקער שטריק... אָט באַלד רייסט עס זיך אָפּ און פליט מיטן ענגלישן קאַפּיטאַן אין ים אַריין!... טאַטיאַנאַ שניידט די לעצטע שטריק!

— אַזוי וואָלט יעהודא געטון! — רעדט זי דערביי צו זיך אַליין. — אַ טויט די פּיראַטן!

עס האָט אָפּגעהילכט אַ רעוואָלווער־שאָס. דער שוואַרצער באַבער־דיקטער און צעשויבערטער יונגערמאַן האָט דערזען, ווי טאַטיאַנאַ פאַלט מיטן מעסער אין האַנט!

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך אויך אָפּגעריסן דאָס רעטונגס־שיפל און צוזאַמען מיטן ענגלישן קאַפּיטאַן, געזונקען צום פינצטערן אָפּ־גרונט!

— טאַטיאַנאַ!!! רות!!! — האָט ער זי געכאַפּט אויף די הענט און געלאָפן מיט איר צו דער סאַניטאַרן־גרופּע.

— לאָז מיך... — האָט זיך טאַטיאַנאַ געבעטן — קעמפט ווייטער! באַצאָלט זיי פאַר מיר אויך!...

— דאָקטאָר! ראַטעוועט! זי מוז לעבן!!!

דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז די ווונד איז נישט קיין שטערבלעכע. עס האָט געפעלט איין האָר... נסים!... צופיל בלוט איז נאָר אָפּגעגאַנגען און פון דעם האָט זי פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. אָבער זי וועט זיך צום באַוווּסטזיין צוריקקערן. קיין לעבנס־געפאַר איז נישטאָ...

***

און ווען טאַטיאַנאַ האָט געעפנט די אויגן, האָט וווּנדערלעך געבליט דער פרימאָרגן... אַלץ אַרום איז געווען שטיל. זייער שטיל... זי האָט

געפילט, אַז זי וויגט זיך ערגעץ אין דער לופטן, צווישן הימל און ערד... עפּעס אַ שווערן אָטעם דערהערט און ווייכע טריט... דאָס זענען טריט פון באָרוועסע פיס אויף ווייכן זאַמד... זי האָט ברייטער אויפגעריסן אירע אויגן און דערזען אַ ווילד־צעוואַקסענע באָרד, אַ צעשויבערטע טשופּרינע, מיט אַ פּאָר מילדע, פייכטע אויגן... יאָ, זי וויגט זיך אויף זיינע הענט און ער טראָגט זי. וווהין טראָגט ער זי? ווו איז די שיף? דער קוימען? ווו איז דער גאַנצער עולם? פאַרוואָס איז שטיל און עס איז קיינער נישטאָ? פון וואַנען נעמען זיך דאָ פּאַלמען־ביימער פּלוצלונג? זענען זיי שוין אויף באָדן?... בשלום געלאַנדעט?... ווו־זשע איז נעמי??

— מאַמאַשאַ???

— איך בין דאָ, טאָכטער, איך בין דאָ... וואָס מאכסטו?...

— ווו זענען מיר?

— מיר זענען שוין אין לאַנד...

— אין בית־לחם־יהודה?

— יאָ, מיין קינד...

— און קיין ירושלים איז נאָך ווייט?

— נאָענט, קינד מיינס, זייער נאָענט...

עס איז איר איצט גוט געווען צו ליגן אויף די פעסטע הענט פונעם שווארצן, באַבערדיקטן יונגנמאַן, וועלכער קוקט אויף איר מיט אַזעלכע פייכטע, מילדע אויגן... דאָך, האָט איר פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, וואָס זי איז אַנמעכטיק ווי אַ קליין קינד, וועלכעס מען מוז טראָגן...

זי האָט דערפילט, ווי פון זיין צעכראַסטעטער העמד אַפיר, קלאַפּט הייס און אומרויק זיין האַרץ. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז פאַר איר קלאַפּט עס אַזוי, דאָס האַרץ זיינס, מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט, מיט אַ באַזונדערער געטריישאַפט. אַז צוליב איר זענען דאָס אַזוי פייכט זיינע מילדע אויגן... — האָט זי זיך נענטער צוגעטוליעט צו אים און ווינציקער געפילט דעם שטעכעדיקן קאָפּ־ווייטיק.

פון הינטער די פרדסים איז אויפגעגאַנגען די זון. די לופט איז געווען פריש און לויטער, מיטן אָנגענעמען דופט פון מאַראַנצן־ביימער. צי הערט זי, אָדער עס דוכט זיך איר, אַז טשאַטעס פייגעלעך זינגען שירה?...

פון מתיקות האָט זי זיך צעשמייכלט און צוגעמאַכט די אויגן.

בן־עמילע גייט שוין אין גן־ילדים

בן־עמילע גייט שוין אין גן... און ביי טאַטע־מאַמע גייען טרערן פון די אויגן:

— דערלעבט נחת, האַ?...

— גאָט־צו־דאַנקען, דערלעבט!...

ביי יעדן פּאָר־פאָלק זענען דאָס רירנדיקע איבערלעבענישן: ווען דאָס קינד שטעלט די ערשטע טריטעלעך... ווען עס ווייזן זיך די ערשטע, חנעוודיקע ציינדלעך... ווען עס שטאַמלט די ערשטע ווערטער... ווען עס גייט אַוועק, צום ערשטן מאָל, אין קינדער־גאָרטן...

און כמעט תמיד, אין אַזעלכע פאַלן, ווערן די אויגן ביי די עלטערן פייכט... פון נחת, פון פרייד, פון שמחה...

ביי בן־עמילעס עלטערן, אָבער, זענען די אויגן מער, ווי פייכט... דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען סענטימענטאַלער, געטרייער און ליבן מער זייער קינד, ווי אַנדערע טאַטע־מאַמע. נייז, נאָר די איצטיקע פריידיקע איבערלעבעניש, כאָטש א געגאַרטע, אַן אויסגעבענקטע, איז פאַר זיי דאָך אומדערוואַרטעט. אַ געשעעניש אַן אויסערגעוויינלעכע!... אָט דער געוויינלעכער, נאַטירלעכער נחת, איז פאַר זיי גאָר נישט נאַטירלעך! ממש ווי אַ נס!...

***

דאָס פאָר־פאָלק ישראל און שושנה פּערלמוטער, לערער פון אַ ייִדישער פאָלקס־שול אין פוילן, וועלכע זענען פאַרוואָגלט־געוואָרן אין ווייטן,

סאָוויעטישן מיטל־אַזיע, האָבן דאָרט, די ערשטע, אָפּיציעל באַקומען די גרויליקע ידיעה:

„וואַשי ראַדסטוויעניקי (אויסגערעכנט אַלע נעמען) ראַסטרעליאַני ניעמצאַמי“. (אייערע קרובים דערשאָסן דורך די דייטשן).

דאָס איז געווען נאָך אַ ריי נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, ווען די לעצטע האָבן פאַרנומען די שטאָט בריסק.

מיט טרויעריקע ידיעות האָבן זיך דאַן אַלע פאַרוואָגלטע פּליטים אַרומגעטראָגן. אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין זיכערע, קיין באַשטע־טיקטע ידיעות. און אַליין האָט מען זיך אויך געוואָלט אַ ביסל נאַרן, האָפן און נישט גלויבן דעם גאַנצן ביטערן אמת. דערקעגן די אויבנדער־מאָנטע שורה, איז געדרוקט געווען שוואַרץ אויף ווייס, מיט שרייב־מאַשין־שריפט אויף אַ פּאָסט־קאַרטל, באַשטעטיקט מיט אַן אונטערשריפט פון „גאָרסאָוויעט“ (שטאָט־ראָט) און געחתמעט מיט אַ קיילעכדיקן שטעמפּל.

אַ גלייכגילטיקע, טרוקן־באַריכטנדיקע שורה. און אַזוי טאַקע האָבן עס ישראל און שושנה פּערלמוטער געלייענט דאָס ערשטע מאָל. אָט ווי אַ נישט־וויכטיקע נאָטיץ אין אַ צייטונג. אין די ערשטע סעקונדן, איז צו זייער באַוווּסטזיין נישט־דערגאַנגען דער גרויליקער באַטייט פון די ווער־טער. ערשט אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער, האָט זיך שוין שושנה קאָנוווּלסיוו געצאַפּלט מיט אַ ספּאַזמאַטישן געוויין אויפן געלעגער. און ישראל האָט באַקומען אַזאַ נערוון־דערשיטערונג, אַז אַלע ציינער האָבן אים אויפגעריסן מיט אַזעלכע יסורים, — פון זינען אַראָפּצוגיין! דער דאָקטאָר פון פּאָליק־ליניק האָט שפּעטער קיין אַנדער עצה נישט געהאַט, ווי נאָר אַרויסרייסן ישראלן אכט ציינער מיט איין מאָל.

נאָכדעם האָבן זיך אָוועקגעצויגן שבעה־טעג פון מעלאַנכאָליע און רעזיגנאַציע.

אָבער נאָך די שבעה־טעג, האָט זיך ישראל פּלוצלונג אויפגעהויבן מיט אַ געפּאַסטן באַשלוס:

— שושנהלע... מיר זענען איצט עלנטער פון צוויי קלויסטער־מייז! מיר טאָרן מער אַזוי עלנט נישט פאַרבלייבן!

שושנה האָט אים נישט פאַרשטאַנען און פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט:
זיבן טעג איז ער אָפּגעזעסן אין ווינקל, אויפן רענצל, וואָס נעבן בעט,

מיטן פּנים אין די דלאָניעס און געשוויגן. איצט, אַז ער האָט זיך אויפגע־הויבן, איז ער, דוכט זיך איר, נאָך דאַרער און העכער געוואָרן, כאָטש די פּלייצע — נאָך טיפער געבויגן. זיינע גרינע אויגן זענען געוואָרן ברוינ־לעך־גרין און דער פּאָספאָר־גלאַנץ אין זיי איז אויסגעלאָשן געוואָרן. זיין שמאָל־לענגלעך פּנים, — בלייכער, קאַנטיקער, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן. די גאָמבע, — שאַרפער פאַרשפּיצט. די דינע ברעמען צוקן כסדר און די האָר אויפן קאָפּ, וואָס זענען תמיד אַזוי גלאַטיק אָפּגעצויגן און גלאַנצן פאַרקעמטערהייט מיט זייער פעך־שוואַרצקייט, — זענען צע־שויבערט, אָפּגעבליאַקעוועט און שטייען אויפגעשטעלט, ווי ציטערנדיקע דראָטלעך...

דערקענען זי, שושנה, וועלכע איז מיט א קאָפּ קלענער פון ישראלן, איז איצט ווי אַ סך קלענער געוואָרן. איר קאָפּ האָט קוים דערגרייכט זיך אָנצולענען אויף זיין אומרויִקער ברוסט. ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע ציטערנדיקע הענט און צוגעדריקט צו זיך. ערשט איצט האָבן זיי זיך אויפסנייַ צעכליפּעט און ישראל האָט מיט זיינע פיבערנדיקע, טרוקן־פאַרבלויטע ליפּן, געקושט איר שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ.

— ווי שיטער, נעבעך, איר לייב איז געוואָרן... — האָט ישראל מיט ווייטיק געטראַכט. — זי איז שטענדיק געווען אזוי קיילעכדיק און פעסט, אַזוי יאָדערדיק, מוסקולירט! „שושנה די דיקע" פלעגט מען זי רופן... וואָס פון איר איז געוואָרן! עס פאַלט פון איר, נעבעך, שטיקער. איר קיי־לעכדיקער פּנים איז איצט אויך קיילעכדיק, נאָר עפּעס ווי אַ סך קלענער... אַפילו אירע גרויסע, בלישטשענדיקע פלוימען־אויגן, זענען קליין געוואָרן און פאַרטומאַנעט, ווי טונקעלע, פאַרטויעטע וויינטרויבן... א מאַט־געדעמפּט קול, ווי פון אַן אָפּגעלאָזענעם קלאַוויר...

— שושנהלע... מיר טאָרן מער עלנט נישט זיין!... אויף צו להכעיס אונדזערע שונאים. לאָמיר האָבן א קינד...

שושנה האָט אויפגעשוידערט:

— ביסט פון זינען אַראָפּ, ישראל! ברענגען אויף דער וועלט א פרישן קרבן?! אין אַ צייט, ווען עס גיסט זיך אונדזער בלוט?! ווען מען ראָט אונדז אויס, ווי די מייז?!

— מיר מוזן, שושנה, מיר מוזן! היטלער קייקלט זיך שוין באַרג־אַראָפּ, ער ווערט שוין באַלד די כּפּרה! זיי וועלן אונדז נישט פּאַרטיליקן. עס וועלן קומען אַנדערע צייטן, אויך פאַר אונדז ייִדן, שושנה... ווּעסט זען! נאָר מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן אַליין! אַ פאָלק האָט נישט קיין רעכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אויס מורא פאַר פאַרטיליקן. עקשנותדיק מוזן מיר לעבן! פאַרזעצן אונדזער עקזיסטענץ. און מיר, שושנה, מוזן אויך ברענגען אַ דור... דווקא דערפאַר, ווייל מען האָט אַזוי פיל אויסגעשאָכטן! מיר טאָרן נישט אונטערגיין, פאַרשטייסט... אפשר זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן צוליב דעם, אז מיר זאָלן ווייטער ציען די דורות־קייט?...

— אָבער איצט?? און מיר זענען שוין געראַטעוועט? ביסט שוין זיכער אין דעם? טאָמער דאַרף מען ווייטער לויפן? איז ווי? מיט אַ פּיצל קינד?!

— שושנהלע... איצט לויפן שוין די דייטשן... נאָר... איין גוי דעם אַנדערן וועט גאָרנישט טון, אַפילו ווען ער וועט אים באַזיגן. פאַר ייִדיש בלוט, מוז קומען אַ ייִדישער נקמה־נעמער! ער וועט אַמאָל קומען. איך בין זיכער אין דעם...

— ווילסטו, הייסט עס, אַ נקמה־נעמער?... — האָט שושנה גאַליק געשמייכלט. — און ביסט זיכער, אַז ער וועט קומען פון אונדז!... נאַ!וו ייִנגל!...

זיי האָבן ביידע, ביז איצט, קיין קינד נישט געגאַרט. זינט דעם אויס־ברוך פון דער מלחמה, — אפילו נישט געטראַכט דערפון. און איצט קוקט שושנה אָן ישראלן, ווי אַ פאַרווירטן:

— אָן איינפאַל! די מלחמה דויערט נאָך. עטלעכע נצחונות זאָגן נאָך גאָרנישט. ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס וועט זיך נאָך ענדיקן? דער גרעס־טער פאַרברעכן פון אַ ייִדישער פרוי, איז צו ברענגען הייַנט אַ קינד אויף דער וועלט! צו וואָס? אין גאַז־קאַמער אַריין?!

ישראל האָט געשטומט אַ דערדריקטער, אַ פאַרלוירענער. שושנה האָט באַלד גענומען אַ וויכערן טאָן:

— לאָמיר צוואַרטן, ישראל... אויב מיר גייען טאַקע צום זיג... נאָך דער מלחמה, אַז עס וועלן קומען, ווי דו זאָגסט, אַנדערע צייטן... מיר וועלן

אויפהערן וואַנדערן און וואַגלען, קומען ערגעץ צו אַ ברעג... יונג זענען מיר נאָך גענוג...

— שושנה, איך האָב נישט קיין אַנדער טרייסט! איך מוז זיך איצט קלאַמערן אָן אַ האָפענונג... אונדזער לעבן מוז דאָך האָבן כאָטש אַ שטיקל זין!...

זי האָט אים אָנגעקוקט אין זיין פאַרלוירנקייט, ווי אַ זיך־טרינקענ־דיקן, וועלכער זוכט אַ רעטונגס־ברעט. ער איז איר איצט נאָך אייגענער, טייערער און ליבער געוואָרן. זי האָט אים פאַרשטאַנען.

פאַרשטאַנען און אַליין דאָס זעלביקע דערפילט. — — —

***

בן־עמילע איז געבוירן־געוואָרן אין טאַשקענט, דער הויפּט־שטאָט פון סאָוויעטישן אוזבעקיסטאַן, שוין נאָכן פאַלן פון בערלין.

— פּאָזדראַווליאַיו... סין!... (איך באַגריס... אַ זון!) — האָט די אַקו־שערין אַריינגעלאַכט שושנהן אין פּון יסורים־פאַרקרימטן פּנים. אָבער באַלד האָט זיך די אַקושערין שרעקלעך פאַרוואונדערט: — קאַק ביסטראָ אָן סמאָ־טריט! קאַקיִע גלאַזאַ אוניוואַ!... (ווי שאַרף ער קוקט! וואָס פאַר אַן אויגן ביי אים!). דאָקטאָר! סיעסטראַ! ראַזרעשיטיע! (שוועסטער, דערלויבט).

דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל איז זיך צונויפגעלאָפן קוקן, ווי אויף אַ וווּנדער פון דער נאַטור:

— אַך, קאַקיִע גלאַזאַ! (וואָסערע אויגן!).

— אוּדיוויטיעלניע גלאַזאַ! (ווונדערלעכע אויגן!).

אין שמאָלן, לענגלעכן פּנימל, (אין פאָטער געראָטן), זענען געזעסן דער מאַמעס צוויי שוואַרצע, גרויסע פלוימען־אויגן. אין פּיטשינקן פּנימל, זענען די אויגן נישט נאָרמאַל גרויס געווען. אָבער דער עיקר: דער בליק! דאָס איז געווען אַ קרומער, אומצופרידענער בליק פון אַ דערוואַקסענעם, קלוגן מענטשן. אַ בליק מיט פאָרוווּרף, מיט אַ טענה צו אַלע אַרומיקע!... אַלע אָנגעלאָפענע האָבן זיך פאַרלוירן, אַנטקעגן דעם רייפן, פאַרשטענד־לעכן בליק פון דעם נאַר־וואָס־געבוירענעם. אַפילו שושנה אַליין האָט זיך דערפילט אומהיימלעך ביים ערשטן זויגן־געבן אים, ווען זי האָט זיך

באַגעגנט מיט איר קינדס בליק, וואָס קומט פון די קאַפּיעס פון אירע אייגענע אויגן...

— דאָס פּנימל דעם טאַטנס און די אויגן, דער מאַמעס... — האָבן קימפּעטאָרינס פעסטגעשטעלט. — אַפילו הויך און שלאַנק, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, ווי דער טאַטע... נאָר די וואָג!... זייער אַ קליינע וואָג! מען מוז מיט אים זיין פאַרזיכטיק!

***

די וועלט האָט געיובלט פון נצחון!...

די ראַדיאָ־הילכער האָבן געררוישט מיט די פריילעכסטע אוידיציעס. די גאַסן זענען פול געווען מיט יובלדיקן המון. אין מיטן די גאַסן האָט מען געטאַנצט. אַפילו אינוואַלידן מיט איינציקע פיס האָבן געטאַנצט... און צוויי אינוואַלידן מיט איינציקע הענט, האָבן צוזאַמען „בשותפות" בראַוואָ־געפּאַטשט. אַפּלאָדירט דעם באַריכט פון ראַדיאָ־הילכער און דעם זיג־רייכסטן מאַרשאַל, דעם פעלקער־אויסלייזער, דעם מענטשן־דערלייזער, דעם פאָטער, לערער, פירער און נביא, דעם חבר, דעם ליבלעכן גענע־ראַליסימוס סטאַלין!...

— הורררראַאַאַאַ!!!

אין איינעם פון יענע טעג, האָט ישראל אַהיימגעבראַכט זיין ווייב און קינד פון געבורט־קליניק אין טאַכטאַפּול. ישראל האָט געטראָגן דאָס קינד אויף די הענט מיט אַזאַ ציטערדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי דער גורל פון דער גאַנצער וועלט וואָלט איצט אויף אים געלעגן. שושנה, אַ שוואַ־כינקע, אַ בלוטלאָזע, איז טריט־ביי־טריט קוים נאָכגעגאַנגען, זיך נאָכ־הענגענדיק אָן זיין לינקן אָרעם. אויף איר בלוטלאָזן געזיכט האָט זיך געוועבט אַ קרענקלעכער שמייכל און אין די איבערפולטע אויגן האָבן זיך זון־שטראַלן צעשפּילט...

אויף אַלע הייזער פלאַטערן יום־טובדיקע פענער. אַלע באַלקאָנען זענען מיט טעפּיכער באַהאָנגען, מיט פּאָרטרעטן פון די געניאַלע קעפּ פון גרויסן, מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד... בלומען און בלומען און בלומען. בלומען אויף קעפּ, אין הענט, אויף ברוסטן. אַפילו פערד, אייזלען און קעמלען

זענען מיט בלומען באַצירט... אַלע פרײען זיך מיטן נצחון!... אײן ראַדיאָ־הילכער פאַרשרײט דעם אַנדערן מיט כאָר־געזאַנג און דזשאַז־מוזיק, מיט דעקלאַמאַציעס און הורראַ! און אין ענדלאָז־לאַנגע אָטשערעדן (רײען) צו ביר־קראָמען, פּאַכען אינוואַלידן מיט קוליעס און פּראָטעזן איבער די קעפּ!...

— זעסט, שושנהלע... שוין שלום אויף דער וועלט!... און פּונקט צום סוף פון דער מלחמה... א גוטער סימן!...

— יאָ, ישראל... שוין שלום אויף דער וועלט.... — האָט זי דורך טרערן געשמײכלט, פילנדיק א מאָדנע מאַכטלאָזיקײט, מאַכטלאָז אפילו זיך צו פרײען. זי האָט געבראַכט אַ קינד אויף דער וועלט, א נײעם לעבן. אָבער זי אַלײן גײט אויס פון די קרעפטן. — שוין שלום אויף דער וועלט... נאָר מײן וועלט... — זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש, אָבער באַלד דעם זאָץ פאַרקירעוועט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג: — כ'מײן, ווו האָבן מיר אונדזער וועלט?... און ווען האָבן מיר אויף דער וועלט?...

— מיר האָבן אַ קינד, שושנה!... דו ביסט אַ מאַמעלע!... זעסטו שוין, אַז מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ קינד?... און עס געהאַט צו דער ריכטיקער צײט!... ווען וואָלטן מיר איצט טאַקע געהאַט אויף דער וועלט?... איצט האָבן מיר!...

אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וועלכע זענען אין בלײכן, בלוטלאָזן געזיכט נאָך גרעסער און שוואַרצער געוואָרן, האָבן זיך צעפלײצט מיט צוויי הײסע, פּערלמוטערדיקע שטראָמען...

ישראל איז דאַן אויפן באַזאַר געלאָפן. פאַרקויפט זײן לעצט העמד און שושנהס לעצט קלײדל. געקויפט אַ קוואַרט מילך, אַ ליעפּיאָשקע (אַ פלעצל) מיט קאַטיק (זויערמילך), אַ האַלבן קילאָ ווײנטרויבן און אַ בוקעט פרישע בלומען... ווו ווועט ער מאָרגן נעמען מילך?? ער האָט דאָך שוין גאָרנישט מער, וואָס צו פאַרקויפן! — ער וויל איצט נישט טראַכטן וועגן דעם. יום־טוב און בלומיקײט מוז הײנט זײן בײ אים אין שטוב! יום־טובדיק און בלומיק זאָל זיך אָנהײבן דאָס לעבן פון זײן זון, צו לאַנגע יאָר!...

און אַז שושנה האָט זיך דאָס האַרץ דערכאַפּט, האָבן זײ גענומען טראַכטן:

— ווי זאָל עס הייסן, דאָס קינד?...

— נאָך וועמען אַ נאָמען געבן?...

אייגנטלעך האָט נאָר שושנה וועגן דעם געטראַכט. ישראל איז שוין געווען אַנטשלאָסן. די גאַנצע ניין חדשים, האָט ער זיך שוין מיט דעם באשלוס אַרומגעטראָגן:

— נאָך קיינעם פון די עלטערן קיין נאָמען נישט געבן. איבעררהאַקן די דורות־קייט פון שלים־מזל! און אויב יאָ אַ נאָמען נאָך עמיצן, איז נאָכן אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק! בן־עמי זאָל ער הייסן!... בן־עמי... דער זון פון מיין פאָלק!...

— בן־עמי... — האָט שושנה נאָכגעמורמלט. — עס קלינגט אויך א ביסל איטאַליעניש...

— ניין שושנה. דער נאָמען באַטייט עפּעס. דער נאָמען מוז אים צו עפּעס מתחייב־זיין! פאַרבינדן אים מיטן ייִדישן גורל, וואָסערער ער זאָל נישט זיין! ער זאָל זיך נישט קענען אָפּלייקענען און דערווייטערן. אַפילו א ברית וועלן מיר מאַכן!...

שושנה איז איבערראַשט געוואָרן. ישראל איז נישט נאָר נישט געווען רעליגיעז, נאָר אויסגעשפּראָכן קעגן אָט אַזעלכע ריטואַלן, און דאָ גאָר, פּלוצלונג, דאָס אייגן קינד!???

— און אַ מאַמע האָט שוין גאָרנישט, וואָס צו זאָגן?...

— אַ מאַמע האָט אַלץ צו זאָגן!... נו, וואָס־זשע זאָגסט־דו?...

— איך זאָג, אַז דאָס קינד איז טייערער, ווי אַלע דיינע אַמביציעס!... ביסט היינט מחויב צו טראַכטן ווי אַ טאַטע און נישט ווי קיין פאַנטאַזיאָר!

— איז ווי, לויט דיין מיינונג, דאַרף טראַכטן אַ טאַטע?...

— אַ ייִדישער טאַטע דאַרף זיין קינד געבן מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען, אין א נויט! ווער ווייסט, וואָס עס קען נאָך זיין?... אַ סך נישט־געמלטע קינדער האָבן זיך געראַטעוועט ביי קריסטן, אַלס קריסטלעכע... און דער עיקר איז דאָך נישט דער ברית, נאָר דאָס ייִדישע הארץ!...

— הערסט שושנה, אויב עס זאָל נאָך מעגלעך זיין אַזאַ־צייט, ווען

אין אייגענעם לאַנד

אונדזער קינד זאָל זיך דאַרפֿן ראַטעווען אַלס קריסט, דאַן זאָל אונטערגיין די גאַנצע וועלט מיט אונדז צוזאַמען!

— איך האָב נישט קיין כוח, ישראל, טו ווי דו פֿאַרשטייסט...

⁂

אין „זאגס" (ביוראָ פֿאַר חתונה־אַקטן, גטן און מעטריקעס), האָט זיך די באַאַמטין, אַן אַלטע, פֿאַרזויערטע מויד, מיט ישראלן לאַנג געדונגען:

— בען־עמי? אפשר בנימין?

— ניין, נאָר בן־עמי!

— אַזאַ נאָמען איז דאָך גאָרנישט דאָ ביי ייִדן!

— פֿון וואַנען ווייסט איר?...

— סטראַננאַ, פֿון וואַנען איך וויס!... יאַ זשע סאַמאַ יעווריעיקאַ!...

— שרייבט בן־עמי... ס'איז אַ ייִדישער נאָמען...

— איך אַרבעט שוין אין „זאגס" פֿינף יאָר און פֿון אַזאַ נאָמען, נישט געהערט!

— איז ווי דען אַנדערש וועט איר פֿאַרשרייבן? דאָס קינד הייסט דאָך פֿאַרט בן־עמי!...

— ווו האָט איר גענומען דעם נאָמען?

— דאָרט ווו אַלע ייִדן נעמען זייערע נעמען... פֿון דער ביבליע...

— עטאָ שטאָ־טאָ ניע טאָ... — האָט די באַאַמטין געקלאַפּט מיטן בליי־פֿעדער איבערן בוך, — נאַוויערנאַ עפּעס אַ רעליגיעז־פּאָליטישער ענין!... מען דאַרף עס גוט באַטראַכטן!... — האָט זי פּילדייטיק און דראָ־ענדיק אַ זאָג־געטון.

ישראל איז בלייך געוואָרן, באַקומען אַ געגנדזענע הויט איבערן גאַנצן לייב און די קני האָבן אים געציטערט: אַזאַ זאָג און אַזאַ בליק שמעקט מיט פֿראָסט פֿון ווייטן סיביר... מיט אַ פּאַראַגראַף 58 מיט וועלכן זיינע צענדליקער חברים און פֿריינט פֿוילן אין תפיסות!

אָבער דאָ איז, ווי אַ מלאך פֿון הימל, צוגעשיקט געוואָרן אַן עלטע־רער ייִד, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט ביי אַ פֿאַרשטויבטער קאַרטאָטעקע.

— באַרוך כאַצקיעלעוויטש! — האָט זיך די פאַרזויערטע מויד גע־וועגדט צו אים — איז דאָ ביי ייִדן אַ נאָמען: בן־עמי?

דער עלטערער ייִד האָט עפּעס אַ מאָדנעם קוק געגעבן אויף ישׂראלן. לאַנג האָט געדויערט זיין בליק. און ישׂראלן האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן.

— דאַ־דאַ־דאַ... בן־עמי... יעסט... — האָט ער, אַוועקכאַפּנדיק זיין בליק, געמורמלט אין דער קאַרטאָטעקע אַריין.

— סטראַננאָ... — איז די זויערע מויד נאָך זויערער געוואָרן. — און איר אַליין האָט זיך באַגעגנט מיט אַזאַ נאָמען?

דער ייִד האָט שוין יעצט אַ צעשראָקענעם בליק געוואָרפן און גענומען שטאַמלען:

— באַגעגנט? דאַכט זיך, יאָ, באַגעגנט... ערגעץ דוכט זיך, געהערט אַזאַ נאָמען...

— דאַכט זיך... ערגעץ... — האָט די באַאַמטין נאָכגעשפּעט. — זאָגט קלאָר: איר מיינט, אַז מען קען דאָ געבן אַזאַ נאָמען?

— סאָפיאַ אַבראַמאָווגאַ... — האָט זיך דער ייִד, ווי געבעטן. — איר ווייסט דאָך: מאַיאָ דיעלאָ מאַלינקאַיע... איך מיש זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן... איך מיין, אַז איר מעגט, אָבער טוט, ווי איר פאַרשטייט!...

— כאַראָשאָ! זאָל זיין בן־עמי. — האָט זיך די זויערע מויד דע־צידירט, מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט געדאַרפט איינגעמען זויער־זאַלץ. — אָבער טאָמער עפּעס... איז האָבן מיר אייער אַדרעס...

ישׂראל איז געלאָפן פון „זאגס" מיט דער אוזבעקישער מעטריקע אין האַנט, ווי א פאַרברעכער אַנטלויפט פון דער תּפיסה. אָט באַלד וועט ער דערהערן דעם גרויליקן „סטאָי!"... קאַלטע און הייסע כוואַליעס האָבן זיך אים צעיאָגט איבערן לייב. און דאָס האַרץ... — אַ פּולעמיאָט איז עס, נישט קיין האַרץ!...

און ווען ער איז שוין געווען וויט, אין אַ פאַרדרייטן הינטערגעסל, אָנגעהויבן צו גיין לאַנגזאַמער, באַטראַכטן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און צי ער זאָל דאָס דערציילן שושנהן, — האָט ער פּלוצלונג דערהערט א שטים, וואָס האָט אים פאַראַליזירט און צוגעפּעסטיקט צום אָרט, ווי א שטיק ליים:

— גראַזשדאַנין! ראַזרעשיטיע!... (בירגער, דערלויבט!).

ישראל האָט קיין מוט און כוח נישט געהאַט, זיך אומצוקערן, אַ קוק צו טון, ווער עס רופט אים. ער האָט געוואַרט, ביז די טריט הינטער אים האָבן זיך האסטיק דערנענטערט. ווען דער מענטש האָט אים אָנגעיאָגט זייט-ביי-זייט, האָט ישראל, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, דערזען ברוך כאַצקיעלעוויטשן, דעם עלטערן יידן פון „זאגס". וואָס וויל ער פון אים? און ווי אַזוי האָט ער אים אָנגעיאָגט מיט זיינע אַלטע פיס? ישראל איז דאָך כמעט ווי געלאָפן?!...

— וואָס ווילט איר? וווּאָס פארלאנגט איר? — האָט ישראל אַרויס־געשריגן.

— קוים איך דעריאָגט!... — האָט דער אַלטער געסאָפּעט. — דאָס האַרץ פאַרלוירן לויפנדיק!... איר האָט אויפן טיש פאַרגעסן אַ רובל.

— איז צוליב דעם, האָט איר געדאַרפט לויפן און דאָס האַרץ פאַר־לירן?...

— ניין... נאָר איך וויל דריקן אייער יידישע האַנט!... נישטאָ היינט מער אַזעלכע יידן ביי אונדז, נישטאָ!... ווען מיר זענען נישט דאָ, אויפן גאַס, וואָלט איך אייך אַ קוש־געטון אין קאָפּ!... איך רעד ערלעך. האָט נישט קיין מורא, איך בין נישט פון יענע... — האָט דער ייד, כאָטש אַ פאַרסאָפּעטער, דאָך גערעדט געדיכט, אָן אַן אָפּשטעל. — איר זענט אַ פּוילישער, האַ?... איך בין אייך מקנא... איר וועט אינגיכן אַוועקפאָרן... מען רעדט שוין וועגן דעם... אַלע פּוילישע וועט מען אַרויסלאָזן. מיין זון אַרבעט „דאָרט". ער ווייסט... איר וועט נאָך זוכה־זיין צו קומען אַהין, וווהין איך האָב אלע מיינע יאָרן געשטרעבט... איר וועט ברענגען אייער בן־עמין אהין, וווהין איך בעט זיך אין מיינע שטילע תפילות...

ברוך כאַצקעליעוויטש איז געגאנגען א שפאן אָפּגערוקט פון ישראלן. עס האָט געקענט הייסן, אַז ער גייט מיט אים, און עס האָט געקענט הייסן, אז ער גייט זיך אַליין, באַזונדער... אויך גערעדט האָט ער, ווי צו זיך אַליין, נאָר אויפן קול. ער האָט נישט געקוקט אין ישראלס זייט, נאָר פאָרויס און גערעדט:

— געקענט ביאַליקן פערזענלעך... סאָקאָלאָוון... זייערע ביכער זענען דאָ טריף. אָבער ביי מיר, אויפן בוידעם, זענען זיי נאָך באהאלטן... איך

כאַפּ אַמאָל אַ קוק.. עס פאַרבענקט זיך!... זיי לעבן נאָך? נייִן!? אַ שאָד, אַ שאָד!... אַזעלכע ליכטיקע געשטאַלטן! ווו האָט איר היינט נאָך אַזעלכע!?

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און פּלוצלונג שטיין געבליבן:

— איז פאַרט געזונטערהייט, יונגערמאַן! זייט זוכה צו ברענגען בנ־ימין אַהין!... אַז גאָט וועט געבן יאָרן און גוג ומגוג וועלן איינעמען א מיתה־משונה, וועל איך אויך קומען אהין... וועלן מיר זיך טרעפן! כ׳האָב נאָך בטחון!...

ער האָט האסטיק אויסגעצויגן צו ישראלן אַ ווארעמע, ציטערנדיקע האַנט, פעסט א דריק־געטון און תיכף אַוועקגעאיילט אין א דורכלויפנדיק געסל־אַריין.

***

אין דער טיעפּליושקע פון רעפּאטריאַנטן־עשאַלאָן טאַשקענט־ווארשע, איז בן־עמילע אלט געוואָרן א האלב יערעלע...

די סאָוויעטישע גרענעץ־באַאַמטע האָבן צוגענומען זיין אוזבעקישע מעטריקע, אָבער אים אַליין האָבן זיי אַרויסגעלאָזן...

— אַז מיר האָבן שוין דאָס דערלעבט, וועלן מיר אַלץ דערלעבן!... — האָט ישראל אַריינגעלאכט שושנהן אין פּנים־אַריין, ווען דער עשאַלאָן איז, אויף דער זעקסטער רייזע־וואָך, אַרויפגעפאָרן אויף דער פּוילישער טע־ריטאָריע.

שושנה האָט צוריקגעשמייכלט דורך טרערן...

זיי האָבן געהאלטן דאָס קינד אויף די הענט און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער:

פאַרבייטאַנצנדיקע סאָסנע־וועלדער האָבן אַריינגעגרינט און אַריינגע־שמעקט מיטן אַלט־באַקאַנטן, היימישן ריח פון אַ יידישער אָטוואָצק, פאַ־לעניץ, מיעדזעשין... ווו־בישט־ווו, אויפן גראָז, צווישן די ביימער, זענען געזעסן מאַמעס מיט קינדער, געשטיפט, געהוידעט זיך אויף האַמאַקן, גע־נאַשט עפּעס און געלאַכט. פּוילישע מאַמעס מיט פּוילישע קינדער... קיין יידיש פּנימל זעט מען נישט...

— ווי אויף דער וועלט וואַלט גאָרנישט פאָרגעקומען קיין בייז... — האָט ישראל געשאָקלט מיטן קאָפּ. — מען פּראָוועט דאַטשע, ווי אין שלום־צייט...

און שושנה האָט מיט אַ ניגון ארויסגעכליפּעט:

— אונטער די גרינינקע ביימעלעך,

נישטאָ מער קיין משהלעך, שלמהלעך!...

ישראל האָט איר אָנגעקוקט מיט א פארקלעמט הארץ און נישט גע־פונען קיין וואָרט פון טרייסט. זי איז בלייך, שושנה, און שוואַך. זייער שוואַך! און דאָס קינד, איז אַ שוואַך קינד. זיי דאַרפן, נעבעך, ביידע האָבן אַ שטיקל וואַלד, אַ ביסל רו!...

אָבער אין קיין פּוילישע וועלדער איז, פאַר קיין יידישע קינדער, היינט קיין רו נישטאָ: פון אונטער יעדן קוסט לויערט שנאה און געפאַר. פון אונטער יעדן בוים, — אַ בליאַנקענדיקער מעסער!

וועמ־זשע? ווו־זשע וועלן זיי האָבן רו? — — — —

ניין, נישט בלויז אין די פּוילישע וועלדער; — גרויל אין די שטעט־לעך און מהומה אין דער רעזידענץ! שחיטות אין מיטן העלן טאָג. פּוילן וויל זיין יידן־ריין! שעכט מען זיי אויס, דאָס ביסל יידן, ווי געפּענטעטע גענדז.

און דאָס לעצטע ביסל יידן אַנטלויפט פון פּוילן אין פּאַניק. מחנותווייז לויפט מען צו דער דייטשער גרענעץ. אין פינצטערע נעכט, שטעלט מען דאָס לעבן איין און מען גנבעט זיך די גרענעץ אַריבער, אין היטלער־לאַנד!

אין איינער אַזאַ פינצטערער נאַכט, זענען מיט איינער אַזאַ מחנה געגאַנגען ישראל מיט שושנהן איבער דער גרענעץ אַריבער. שטום איז געגאַנגען די מחנה. דאָס קלאַפּן פון די הערצער איז שטאַרקער געווען, ווי דאָס קלאַפּן פון די טריט. אין חושך האָבן נאָר אויגן געגלאָצט מיט פּחד און גרויל. און גרויליקער פון אַלע האָבן געגלאָצט די גרויסע, שוואַרצע אויגן אין קליינעם, בלייכן פּנימל פון יידישן וואָגלער בן־עמי. אַזוי לויפן אין וועלדער געיאָגטע האָזן בעת אַ יאַגד.

אַריבער בשלום.

און זיין ערשטן געבורטס־טאָג האָט בן־עמילע „געפייערט״ אין בערלין!...

און ווידער האָבן ישראל און שושנה געזען, דורך די דראָט־פּאַר־צוימונגען פון פאַרמאַכטן לאַגער אַרויס: וועלדער, גרינע לאָנקעס, זיל־בער־בלוילעכע וואַסער־שטראָמען... צווישן די ביימער, אויף די גרינע לאָנקעס, ביי די פריש־קוואַליקע טייכלעך, זיצן דייטשע מוטערס מיט דייטשע קינדער. זיי לאַכן הילכיק, שטיפן און שעפּן פולע אויגן פרישע גרינקייט און פולע לונגען וואַלד־אַראָמאַט...

אונטער די גריניניקע בוימעלעך,
שפּילן זיך די מערדערלעך
פון משהלעך, שלמהלעך. — — —

און שושנה איז שוואַך. זייער שוואַך. און דאָס קינד איז אַ שוואַך קינד. זיי דאַרפן, נעבעך, בײדע וואַלד און רו... אין לאַגער איז ענג, שטויביק און הייס.

— איז וווּ־זשע? איז ווען־זשע וועלן זיי אויך האָבן אַ ביסעלע רו?

***

זיין צווייטן געבורטס־טאָג האָט בן־עמילע „געפייערט״ אין פראַנצוי־זישן פּאָרט דע־בוק. נישט אין קיין פּענסיאָנאַט איז דאָס געווען; נישט אין קיין אָפּרו־הויז אָנגעפּילט מיט קינדער־געלעכטער, זאָרגלאָזיקייט און פרייד. בן־עמילע האָט געפייערט (מיט 40 גראַד היץ) אויף דעם שווי־מענדיקן ענגלישן קאָנצענטראַציע־לאַגער „רינימיד־פּאַרק״, וועלכער האָט צוריקגעשלעפּט פון חיפה, פון די אויסגעבענקטע ארץ־ישראל־ברעגן, די פאַרשמאַכטע מעפּילים פון דער שיף „עקזאָדוס 1947״ .

איז בן־עמילע שוין געווען אַ פּליט, אַ רעפּאַטריאַנט, אַ פּאָגראָמיר־טער בהלהדיקער וואָגלער, אַ גרענעץ־שוואַרצער, אַ מעפּיל, אַ העלדישער קעמפער קעגן ים־פּיראַטן, וועמענס טרערן־גאַזן ער האָט געשמעקט און רעוואָלווער־קוילן אויסגעמיטן. און איצט איז ער אַ באַזיגטער געפאַנגע־נער, אַן אַרעסטאַנט אויף אַ מעכטיקער תפיסה־שיף. און אַלץ צוזאַמען איז ער: אַ צוויי־יעריק ייִדיש קינד!...

אין אייגענעם לאַנד

זיין געבורטס־טאָג האָט ער געפייערט אין דושנעם, פאַרזשאַווערטן קעלער פון שיף־שפּיטאָל, מיט אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג. נעבן אים איז שושנה געלעגן נאָך אַ האַרץ־אַטאַק. זיינע מוטנע, מיט ווייַן־פאַרגאָסענע אויגן האָבן איצט נאָך מער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אַרו־מיקע. אפילו אַן אַראַבער, אַ שיף־דינער, איז נישט אָפּגעטראָטן פון אים, צו זיין געבורטס־טאָג אים געבראַכט דריי הערלעכע מתנות: אַן אָפּגעקאָכטע קאַלטע קאַרטאָפל, אַ פריש שטיקל ברויט און אַ פּאַפּירן שיפּעלע...

ווען בן־עמילען איז די היץ אָפּגעפאַלן און שושנה האָט זיך געפילט אַ ביסל געקרעפטיקט, זענען זיי פון דושנעם, טוכלע־פאַרזשאַווערטן קעלער אַרויס אויף דער אויבערשטער דעק אַרויף און דורך די אייזערנע קראַטן און שטעכל־דראָט געקוקט צום פראַנצויזישן ברעג... דער ברעג איז אַ גאָלדיקער. אָבער וויטער ציען זיך אַוועק גרינע בערג, וואַלדיקע בערג... קיין מענטשן זעט מען נישט פון דער וויטנס. אָבער זיכער זענען זיי דאָרט דאָ... פראַנצויזישע מוטערס מיט קינדער געניסן איצט געוויס, אין אָט די שווערע יולי־היצן, פון ים־ און וואַלד־לופט, פון אָפּרו אויף דער גאָטס־געבענטשטער ערד!...

און שושנה איז שוואַך, ממש די כוחות גייען איר אויס. און בען־עמילע איז הויט און ביינדלעך. אַ פּיצל פּנימל מיט צוויי גרויסע אומע־טיקע אויגן. ער גייט נישט. קען זיך אויף די פיסלעך נישט האלטן. אויף דער שיף איז ענג און שמוציק. עס זשאַווערט און אַוועךט. אין קעלער איז פאַרנע־שטיקנד, ווי אין אַ שווייסיקער באָד. די דעק און די ווענט זענען צעגליט. קיין טראָפּן קאַלט וואַסער איז נישטאָ, זיך אָפּצופרישן און אָפּצומינטערן. פון דעם כסדרדיקן וויגן זיך אויפן וואַסער, ווערט שוואַך אונטערן האַרץ. עס איבלט אַרויסצוגעבן אויך דאָס, וואָס מען האָט אפילו נישט געגעסן! שוין באַלד צוויי מאָנאַטן אויף ימען! ווי לאַנג נאָך וועט מען שטיין אין פּאָרט דע־בוק?? ווי לאַנג נאָך וועלן זיי זיצן אין שווימענדיקן קאַצעט?!

אך, ווי זיי דאַרפן איצט אַ ביסעלע רו! אַ ביסעלע פרייע לופט! אַ נישט־אָפּגעצוימט שטיקל יבשה, ווו פריי די פיס צו צעשטעלן... אַ גרין גרעזעלע, א טייכל אַ קילס!... אָ, גאָט אין הימל, צי וועט זיי נאָך באַשערט זיין א ביסעלע רו? — — — —

און ווידער קאָנצענטראַציע־לאַגער, אויף דער דייטשער, פאַרשאָל־טענער ערד!
יאָמערט עס אין די נעכט אַ געזאַנג:

לאַגער־אויס, לאַגער־איין,
לאַגער־אויס, לאַגער־איין; —
צי וועט נעמען אַ סוף
צו דער יידישער פּיין? — — — — — —

בן־עמילעס דריטער געבורטס־טאָג — ווידער אין אַ לאגער...
אַ לאַגער פאַר עולים אין דער פראַנצויזישער פּאָרט־שטאָט מאַרסעל...
בן־עמילעס טאטע האָט שוין אַ פּאַס אין קעשענע. אַ פּאַס מיט אַ העברעישער וויזע פון „מדינת ישראל״!..
אפשר וועט שוין דאָס זיין די לעצטע וואַנדערונג און דער לעצטער לאַגער? — — —

***

בן־עמילע גייט שוין אין גן!...
און ביי טאַטע־מאַמע גייען טרערן פון די אויגן:
— דערלעבט נחת, האַ?...
— ענדלעך, ענדלעך דערלעבט!...
דער גן טוקט זיך אין גרינס!... אַ גראַזיקער טעפּיך אונטן. און א פּאַלמען־דאך — אויבן... געדיכטע קוסטן. בלויע, רויטע, געלע בלימע־לעך...
און צווישן די גרינינקע ביימעלעך, שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך... בן־עמילעך, בת־עמילעך... פון גלותן געקומענע, פון גיהנומס געראַטע־וועטע. יעדעס קעפּעלע — אַ זוניקער נס!... צענדליקער נסימלעך לויפן אַרום, שטיפן און לאַכן און זינגען...
היינט איז ל״ג־בעומר; —
אין בלאַנקענדיקע קליידעלעך, מיט בלומען־קרענצלעך אויף די קע־פּעלעך, אין שורות צעשטעלט, „מאַרשירן״ זיי צעזונגענע איבער די גאַסן פון ג׳בליה...

די גננות היטן די אָרדענונג און ציילן די טריטלעך צום טאַקט:

— אחת, שתים, שלוש, ארבע!...

— שמאל, ימין, שמאל! ימין, שמאל!...

אַ שוטר (פּאָליס־מאַן) האַלט אָפּ די באַוועגונג. אויטאָס בלייבן שטיין. און דער ליכטיקער קינדער־צוג „מאַרשירט"... זיי גייען פאַרביי די הויפּט־גאַס און פאַרנעמען זיך אין דער ריכטונג צו די צעבליטע פּרדסים...

מאַמעס און טאַטעס שטעלן זיך אָפּ און שמייכלען...

אָבער ישראל און שושנה... — צי זענען זיי סענטימענטאַלער, גע־טרייער און ליבן זייער בן־יחידל מער, ווי אַנדערע טאַטע־מאַמע? — פאַר־וואָס פלייצן זיי כסדר מיט אַזעלכע הייסע שטראָמען טרערן? פאַרוואָס?...

בן־עמילע, מיט אַ ווייס־בלוי פענדעלע אין האַנט, מאַרשירט אין דער ערשטער ריי... ער מאַרשירט שטאָלץ, שטייף־אויסגעצויגן מיט זיין טאַטנס שלאַנקייט, מעשה־חיילי!... זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן, דער מאַמעס אויגענעס... — זיי זענען פול מיט זון!... זיי שיסן מיט קינדער־שער פרייד, מיט שטראַליקייט, מיט גליק!...

און אין אָוונט קומט בן־עמילע אַ היים. ער האָט קיין עין־הרע אַפּע־טיט. ער וויל עסן.

— וואָס ווילסטו עסן, זונעלע?...

— אַן עגבניה, א מלפפון, אַ ביצה...

און שושנה האָט עס נישט. זי האָט נאָר אַ טאָמאַט, אַן אוגערקע און אַן איי. דערלאַנגט זי עס אים צו זיין קליינעם טישעלע... לאַכט ער, בן־עמילע:

— אָט האָסטו דאָך יאָ!... אַן עגבניה, א מלפפון, אַ ביצה...

ווערן ווידער שושנהס אויגן פייכט... דאָס קינד וואַקסט זיך אַריין אין אַ נייער סביבה, אין אַ נייער ווירקלעכקייט, אָבער איר, דער מאַמען, הערט עס אויף צו פאַרשטיין...

באַמיט זי זיך נאָכצושטאַמלען:

ביצה, עגבניה, מלפפון... בתאבון!...

בן־עמילע לערנט דער מאַמען עברית... ער לאַכט, ער פרייט זיך, ער איז שוין אַ גרויסער! די מאַמע קען נישט און ער קען!... בן־עמילע איז דער מאַמעס מורה, ער לערנט איר: שולחן איז אַ טיש און דג איז אַ פיש!...

ישראלס נחת איז געמישט מיט צער: כאָטש אין גאַס, אפילו די אַלטע תושבים, רעדן אַ געשמאַקן ייִדיש, דאָך קען ער זיך מיט זיי נישט צוזאַמענרעדן און זיי קענען זיך נישט פאַרשטיין... זייער ארץ־ישראל־ייִדישקייט און זייער גלות־ייִדישקייט, זענען ווי צוויי באַזונדערע וואַסערן, וואָס קענען זיך נישט צוזאַמענגיסן... באַזונדערע פרעמדע עלעמענטן פאַרמאָגן אין זיך די וואַסערן... אַנדערע מינעראַלן, מיט אַן אַנדער געשמאַק... און ווען ער קומט אַהיים, זעט ער, אַז בן־עמילע גיסט זיך יאָ אַריבער פון זיין וואַסער אין דעם אַנדערן אַריין. און אין גיכן וועט ער אויך אויפהערן דעם טאַטן צו פאַרשטיין... ניין! צו דעם וועט ער נישט דערלאָזן!

און ער באַשליסט:

— שושנה! אין שטוב איז נישטאָ קיין ביצה מיט קיין מלפפון! אין שטוב איז נאָר דאָ אַן איי מיט אַן אוגערקע. פאַרשטאַנען? עברית וועט ער שוין קענען. פון גן, פון שולע, פון גאַס. ער וועט שוין קענען! אָבער פון שטוב, פון טאַטע־מאַמע, זאָל ער אויך קענען ייִדיש!

— מיר וועלן דאָך אים דאָס קעפּעלע צעטומלען... — בעט זיך שושנה.

— צעטומלטע קעפּ זענען ביי די, וועלכע פאַרלייקענען דעם גלות און קערן זיך אָפּ פון ייִדיש. ווער האָט דען געשאַפן ארץ־ישראל, אויב נישט דער גלות? ווער האָט דען אָפּגעהיטן און אויסגעניאַנטשעט דעם עברית, אויב נישט דער באַליידיקטער ייִדיש? זיי שפּייען אין ברונעם, פון וואַנען זיי האָבן וואַסער געטרונקען! אָבער דער ייִדיש־ברונעם וועט נישט אויסגעטריקנט ווערן, אָ, ניין!... ער איז פריש און קוואַליק און לויטער!...

בן־עמילע פאַרשטייט נישט דעם שמועס און האַקט אים איבער:

— טאַטע, הער אַ ניי לידעלע פון גן.

„אני בים התכלה
שטח, שטח, עד אין־סוף...
הוי, חבריה, קחו משקפת —
מרחוק מלבין החוף....

— בראַוואָ!... בראַוואָ!... דו ווייסט, בן־עמילע, אויף ייִדיש גייט דאָס

לידעלע אַזוי... — פאַרטראַכט זיך ישראל אַ רגע און זעצט איבער די פיר שורות אויף יידיש און זינגט אים מיטן זעלבן ניגון:

„אונדזער שיף אויף ים דעם בלויען
שווימט זיך, שווימט זיך אָן אַן עק...
העי, איר חברה, די שפּאַקטיוו נעמט —
פון דער ווייט, זיך ווייסט דער ברעג...

— אַ שיין לידעלע, טאַטע!... — לאַכט בן־עמילע.

— און וועלכעס איז שענער?...

— ביידע שיין!...

— ריכטיק!... — נעמט ישראל בן־עמילען אויפן שויס, קושט אים דאָס קעפּל און זוכט דערביי לייכטע ווערטער, כדי אין אַ קינדערשער שפּראַך געבן אים צו פאַרשטיין אַ גרויסן, ערנסטן פּראָבלעם...

— בן־עמילע, וואָס פאַר אַ לידלעך האָט מען געזונגען אויף דער „עקזאָדוס"־שיף, האַ?...

— יידישע לידעלעך... און העברעישע אויך!...

— און פאַרן „עקזאָדוס", ווו ביסטו געווען?...

— אין אַ שטיבעלע... דאָרטן איז געווען סימעלע, בערעלע, יאָ־סעלע... און רחל איז געווען... געדענקסט, טאַטע?...

— יאָ, איך געדענק... אָבער ווי האָבן זיי גערעדט? עברית?...

— ניין, יידיש. זיי קענען נישט קיין עברית! איך קען... אני מדבר עברית טוב מעוד!...

— גוט אַזוי... אָבער ווייסט, זונעלע, עס זענען פאַראַן נאָך אַ סך יידישע קינדערלעך אין יענע שטיבעלעך, דאָרטן ווייט־ווייט... אין אַ סך ערטער זענען פאַראַן שטיבעלעך מיט אַ סך גוטע, ווילע יידישע קינדערלעך... און פעטערס און מומעס זענען דאָ... ווילסט זיי זען און זיך שפּילן מיט זיי?...

— יאָ, איך האָב זיי ליב... כ'וועל זיי געבן מיין פערדעלע, דאָס ראָווערל, דאָס רויטע קנעפּעלע...

— אָבער ווי אַזוי וועסטו רעדן מיט זיי?... יענע קינדערלעך קענען נישט קיין עברית... זיי קענען נאָר יידיש!...

— איך וועל זיי אויסלערנען, אַזוי ווי דער מאַמען!...

— אַלע קינדערלעך וועסטו אויסלערנען?...

— ניין, מיט די איבעריקע וועל איך רעדן יידיש!... איך קען דאָך יידיש אויך!...

— איז טאַקע גוט אַזוי... נאָר זאָלסט נישט פאַרגעסן יידיש, אַז נישט וועסטו זיך נישט קענען שפּילן מיט יענע גוטע קינדערלעך!... און כדי דו זאָלסט נישט פאַרגעסן, וועסטו אין שטוב מיטן טאַטען און מיט דער מאַמען רעדן יידיש... אין גן וועסטו רעדן עברית און אין שטוב — יידיש... גוט?...

— גוט! און איך וועל זיך חברן מיט אַלע גוטע יידישע קינדערלעך פון דער גאַנצער וועלט!...

און בן־עמילע איז אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס מיט אַ ניי געזאַנג:

„אני ים התכלת,
שווימט זיך, שווימט זיך, אָן אַן עק!...

***

בן־עמילע גייט שוין אין גן...

ער גייט היינט יום־טובדיק אָנגעטון, מיט אַ קאָלירטן בלומען־קרענצל אויפן קעפּל און די גרויסע, צעשטראַלטע אויגן לאַכן מיט שטאָלץ יעדן קינד אַנטקעגן:

— היינט איז מיין געבורטס־טאָג!... כ׳בין שוין פיר יאָר אַלט!...

און די גננת מעלדעט פאַר אַלע קינדערלעך:

— היום, יום הולדת של בן־עמי!... בן־עמי כבר בן־ארבע!...

ישראל און שושנה האָבן אין גן אַריין פרוכטן און זיסיקייטן געבראַכט. זיצן איצט אַלע קינדערלעך אַרום געדעקטע טישלעך און זינגען לידעלעך אין כאָר. בן־עמילע זיצט אין מיטן, מיט אַ בלומען־קרוין

אויפן קעפּל און איז אַ שטאָלצער, מעשׂה בעל־שׂמחה, צעשטראַלט!... ער איז דרייסט, בן־עמילע, די גננת גיט אים אַ ווונק. שטעלט ער זיך אויף און דעקלאַמירט:

היום, יום הולדתי.
בן־ארבע אני!...
ואך, ואך,
מה אשמח!...
אנני עוד קטן, —
גדול!... גדול!...
מה טוב ומה נעים
לחיות בן־ארבע שנים!...

— בראַוואָ!...
— הידד! הידד! הידד!...
— מצוין!...

קינדערלעך קומען איינציקווייז צו, דערלאַנגען בן־עמילען די הענטעלעך און ווינטשן:

— זאָלסט וואַקסן שטאַרק און גרויס!...
— טאַטע־מאַמע זאָלן האָבן פון דיר נחת!...

און נאָכדעם הויבן אים אָלע קינדערלעך אויף מיטן בענקעלע אין דער הויך. פינף מאָל הויבט מען אים אַרויף און אַראָפּ: פיר מאָל — פאַר די פיר יערעלעך, וואָס ער איז שוין אַלט געוואָרן, און אַ פינפטן מאָל, — פאַרן קומענדיקן יאָר...

דאַן נעמען זיך די קינדערלעך אָן ביי די הענטלעך און טאַנצן אַרום בן־עמילען אין אַ קרייז. בן־עמילע שטייט אַ צעשמייכלטער מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע אייגלעך אין מיטן. און נישט ווי אַ קליינער קינדער־קרייז, נאָר ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געדרייט נאָר אַרום אים!...

נאָכדעם טראָגט ער אַהיים אַ מתנה פון גן: אַ מיט זיידן פאָדים אויסגענייט און אויסגעהאַפטן בילדל פון אַ גרויסן דוד, וועלכן מען רופט דאָקטאָר הערצל... דאָקטוירים האָט ער פיינט, בן־עמילע, נאָר

אָט דעם דאָקטאָר הערצל האָט ער ליב. זייער ליב!... ער ווייסט, אַז אָט דער דאָקטאָר הערצל האָט געמאַכט, אַז ער זאָל קענען גיין אין גן און שפּילן זיך מיט יידישע קינדערלעך...

און איז דער היים איז ווידער אַ שמחה. אַ סך פּעטערס און מומעס האָבן געבראַכט מתנות!... שיינע מתנות!... ער וואָלט אַלע טאָג געוואָלט האָבן געבורטס־טאָג און קריגן אַזעלכע מתנות!... און דערפאַר טאַקע, דעקלאַמירט ער אין שטוב נאָכאַמאָל דאָס זעלבע לידל, נאָר אויף יידיש, אין טאַטנס איבערזעצונג:

היינט איז געבורטס־טאָג ביי מיר.
כ׳בין שוין אַלט אַ יאָר פיר!...
און אַך, און אַך,
איך פריי זיך אַ סך!...
איך בין נישט מער קליין, —
נאָר גרויס, גרויס!...
ס׳איז גוט און אנגענעם ביז גאָר,
צו זיין אַ קינד פון פיר יאָר!...

אַלע לאַכן און אַפּלאָדירן. נאָר פון ישראלס און שושנהס אויגן שטראָמען ווידער טרערן...

שולמיתל, בן־עמילעס כלה, אַ סאַברעלע פון אַ יאָר פינף, קען עס בשום אופן נישט פאַרשטיין:

מאָדנע יידן זענען זיי, די עולים חדשים! אַלע האָבן זיי ווייכע הערצער און נאַסע אויגן!...

בלימעלעס ליבע

הערשל האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער די רווישיק־צעיובלטע תל־אביבער גאַסן ווי אַ לונאַטיקער.

ער איז שוין באַלד אַ האַלב יאָר אין לאַנד און איז דאָ איינזאַם, ווי אַ נאָר־וואָס געקומענער. ער האָט דאָ נישט קיין קרובים, קיין פריינט, קיין באַקאַנטע. אָט האָט ער זיך היינט אָנגעטאָן יום־טובדיק און די געדיכטע מענטשן־כוואַליעס טראָגן אים גאַס־אויס, גאַס־איין. ער זעט טויזנטער פּנימער. אַלע פּנימער ייִדישע און דאָך — פרעמדע. נישטאָ אַפילו צו וועמען אַ געשריי צו טאָן „שלום!“, אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ, אַ שמייכל געבן...

יום־טוב איז היינט. פון אַלע אַרומיקע ישובים איז מען געקומען קיין תל־אביב און כמעט אַ האַלב־מיליאָניקע מאַסע איז דאָ היינט צעזונגען און צעיובלט: היינט איז דאָך דער ערשטער יאָר־טאָג פון דער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט!...

אויף די באַלקאָנען און דעכער איז פול. הונדערטער קעפּלעך וואַקסן אַרויס פון יעדן פּלאַטשיקן דאַך... מען הענגט אויף דיביימער, אויף די סלופּעס. מען קריכט אויף די גלייכע ווענט און פון די גאָרגלען רייסן זיך פריידיקע, מעלאָדישע געשרייען. דאָס געשריי, וואָס איז טויזנטער יאָרן פאַרשטיקט געווען אין דער ייִדישער קעל.

אין אָוונט־טונקלקייט האָבן זיך אַלע גאַסן־לאָמפּן און שוי־פענצטער צעצונדן און דער הימל איז צעבליצט געוואָרן פון טויזנטער פאַרביקע ראַקעטן און פייערווערק. מיט יעדער אַרויפגעשאָסענער ראַקעטע, איז דער

עולם געוואָרן רעשיקער, אימפּעטדיקער. הילכיקער זענען געוואָרן די געשרייען, געלעכטערס און געזאַנגען.

דאָ און דאָרט האָט די יוגנט דעם עולם צעשטופּט, ביי די הענט זיך גענומען, געשאַפן אַ רינג און אין מיטן גאַס זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ שווינדלענדיקן „הורה״־טאַנץ. אויטאָס סיגנאַליזירן און בלייבן שטיין אומבאַהאָלפענע, דערטרונקענע אין די מענטשן־כוואַליעס, וואָס פּליצן זיי אַריבער: מען קריכט איבער די אויטאָס, מען שטעלט זיך אָן אויף זיי צו צענדליקער און מען קוקט צום זיך־וויגנדיקן קרייז פון „הורא״־טענצער.

דער „הורא״ צעשפּרייט זיך ווי אַ שרפה, וואַרפט זיך יעדעס מאָל איבער אויף אַן אַנדערן פּלאַץ און ברעכט אַרויס פּלוצלינג ווי אַן אויפריס פון אַ צעצונדענער פּאַס בענזין... די מענטשן־כוואַליעס זענען נישט בכוח די פלאַקערן צו פאַרגיסן, מיידט מען זיי אויס. מען שטופּט זיך רונד־אַרום, צו די טראָטואַרן און דער שטראָם פּלייצט ווייטער, אין דער קאָ־ליריק־צעצונדענער כשופדיקער נאַכט אַריין.

דאַכט זיך, נאָר וואָס איז הערשל געווען אויפן פּלאַץ מוגראַבי, — ער קוקט זיך אַרום און דערזעט זיך אין סקווער, פאַרן פאָנטאַן, אויפן פּלאַץ דיזנגאָף.

דער פאָנטאַן שפּריצט הויך זיינע שטראָמען און ענדערט כסדר די קאָלירן: אָט איז דאָס וואַסער זילבעריק־בלוי, אָט איז עס גרין, פיאָלעט, צונטער־רויט און ווידער טונקל. די שטראָמען צינדן און לעשן זיך. די שטראָמען לאַכן אויף זייער וואַסער־שפּראַך, זינגען און קוועלן: מים־חיים... מים־חיים... נישט לאַנג צוריק, איז דאָ טרוקענער מדבר געווען, אַ ים פון צעגליטע, צעכוואַליעטע זאַמדן. און איצט שפּאַרט דאָס וואַסער פון דער ערד, מים־חיים... און אַרום וואַקסן בלומען און אַרום וואַקסט גראָז... און רונד־אַרום דעם פאָנטאַן, די בלומען און דעם גראָז, וואַקסן ייִדישע קינ־דער... וואַקסט ייִדישער שטאָלץ, פרייהייט און פרייד... און רונד־אַרום דעם סקווער, וויגן זיך צענדליקער שווינדלענדיקע „הורא״־קרייזן און טאַנצן אויס מיט כל עצמותי תאמרנה, דעם טאַנץ פון נצחון...

— מי אני?

— ישראל!

אין אייגענעם לאַנד

— מי אתה?
— ישראל!
— מי כלנו?
— ישראל!
— דזשונגאַליאַ!...
— פאַנטאַזיאַ!...

אַט פלאַקערט אַ טאַנץ פון צעהיצטע, ווילדע אַראַבער, מיט טיכער אויף די קעפּ און ביקסן אויף די אַקסלען. דאָס זענען דרוזן, וועלכע האָבן געקעמפט אין דער יידישער אַרמיי. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן און באַטייליקן זיך איצט אין פרייהייטס־יום־טוב. יעדער דרוז טראָגט אויף זיין אַקסל צוויי־דריי ביקסן. די בריסטן און לענדן — מיט קוילן באַהאָנגען. די פאַרברענטע פּנימער זענען נאַס, די קליידער פאַרען. זיי טאַנצן אַראַביש, זינגען עברית און וויצלען זיך יידיש... און יידישע בחורים און בחורות כאַפּן זיך אַרום מיט די דרוזן, מיט זייערע נעכטיקע שלאַכט־חברים. מען גייט געאָרעמט, הענט אויף פּלייצעס, גוטברודעריש און פעסט אַרומגענומען. מען איז זיך מכבד מיט קאַלטן געטראַנק, מיט גלידה און סיגאַרעטן. מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס, מען לאַכט, מען ווינטשט זיך און מען לאָזט זיך ווידער צוזאַמען אין טאַנץ... אַ בלאָנד מיידל פון וואָלין פלעכט זיך האַנט אויף אַקסל מיט אַ דרוז פון מדבר און ס׳צעוויגט זיך דער קרייז...

און דער יום־טוב איז דאָך הערשלס יום־טוב, נישט ווינציקער פון אַלעמענס. קומענדיק פון ציפּערן, האָט ער דאָך נאָך באַוויזן פאַרווונדעט צו ווערן, בעת אַ דעצידירנדיקער שלאַכט אין נגב... די וווּנד איז אים שוין פאַרהיילט. און כאַטש פון צייט צו צייט, ביי שלעכטע וועטערן, כאַפּט אים נאָך אָן אַ שטעכעניש, איז ער דאָך מיט דעם צופרידן: עס דער־מאָנט אים אָן זיין צושטייער צו דער הייגטיקער שמחה... ער איז נישט קיין זייטיקער, קיין פרעמדער, נאָר טאַקע אַליין אַ מחותן, מיט די סאַברעס צוגלייך!...

אָבער ביי הערשלען איז דער יום־טוב אַן אינערלעכער. אין זיך, איז ער צעשמייכלט און צעזונגען. אין זיך, איז ער צעטאַנצט און צערוישט... אויסערלעך, איז ער ווי אַ פרעמד־פּלאַנעטיקער, מיט אַ בלייך־פאַרחידושט

געזיכט און מיט פייכט־פּאַרטויעטע פלוימען־אויגן, מיט וועלכע ער טראָגט זיך איבער אַקסלען און קעפּ, ווי איבער אַ צעבושעוועטן ים. ער שווימט און זוכט אַן אָנכאַפּ, זיך צו ראַטעווען... יאָ, ער זוכט. ער זוכט אַ באַקאַנט פּנים, אַ מענטשן וועמען די האַנט אַ דריק צוטאָן און זאָגן:

— גוט־יום־טוב!...

און אַז ער טרעפט קיינעם נישט, הערשל, ווערט ער נאָך לונאַטישער, פרעמד־פּלאַנעטישער און קערט זיך אום מיט זיינע געדאַנקען צוריק צו זיין אונטערגעגאַנגענער וועלט, ווו די אויסגעקאַרטשעוועטע שטאַמען פון זיין משפּחה, זענען טראַטוועסוויז, אָפּגעשווומען צו פאַרברענונג.

אָבער פּלוצלינג האָט אים, פון צעוויגטן, שווינדלענדיקן „הורא״־קרייז, אַ בלענד געטאָן אַ בלאָנד־געקרויזטער קאָפּ, מיט טונקעלע ברעמען איבער בורשטינענע אויגן, אין אַ לענגלעך געזיכט מיט אַ פאַרשפּיצטער גאָמבע... ער האָט אָנגעשטרענגט זיין בליק און דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק גענומען קלאַפּן.

— זיי??... צי איז דאָס מעגלעך?! ניין, עס קען דאָך נישט זיין... — האָט ער אויפן קול געטענהט צו זיך אַליין — די טונקעלע ברעמען, די בורשטינענע אויגן, די פאַרשפּיצטע גאָמבע, זענען טאַקע זייער ענלעך... אָבער פון וואַנען איז געדרונגען, אַז „יענע״ איז געווען אַ בלאָנדינקע? זי האָט דאָך קיין האָר נישט געהאַט און איר געגאָלטער קאָפּ איז דאָך שטענדיק געווען פאַרדעקט מיט אַ טיכל... באַזונדערס, אַ חודש פאַר דער באַפרייונג, איז דאָך דער גאַנצער פרויען־טראַנספּאָרט פון יענעם פעלד אַוועק אין אויוון... און אפשר?... אפשר איז מיט איר אַ נס געשען, אַזוי ווי מיט אים אַליין? אפשר האָט זי זיך געראַטעוועט? אפשר איז עס דאָך זי?... — רייסט ער זיך צו נענטער צום קרייז און שטרענגט אָן שאַרפער זיין בליק.

צווישן די צענדליקער צעפּלאָשעטע, זיך־וויגנדיקע קעפּ, האָט כסדר אַרויסגעזשוניקט איר בלאָנד־געקרויזטער קאָפּ, מיט צעשאָטענע, צעשווי־בערטע פּאַסמעלעך האָר, ווי בלענדיקע שטראַלן.

צום ערשטן איז איר בליק געפאַלן אויף הערשלען צופעליק און בלויז אויף אַ ברוכצאָל פון אַ סעקונדע און זי האָט אים אַוועקגענומען אָן קיין שום איינדרוק. אָבער אין איין סעקונדע אַרום, ווי זי וואָלט זיך אָן

עפּעס דערמאָנט, ווי עס וואָלט עפּעס דערגאַנגען צו איר באַוווסטזיין און זי תיכף אויסגעניכטערט, — האָבן שוין אירע בורשטינענע אויגן גענומען בלאָנדזשען און גליטשן זיך איבער די פּנימער פון די אַרום־שטייענדיקע. זיי זענען אַרומגעלאָפן גיך, נערוועז, מיט אַ דעצידירטקייט, צו אַ ציל. זיי האָבן דאָס געזוכטע געפונען און ביידנס בליקן האָבן זיך איבעררעאַשטע באַגעגנט...

הערשל האָט געזען ווי אירע בורשטינענע אויגן זענען גרעסער געוואָרן. די טונקעלע ברעמען — פאַרצויגן, די פאַרשפּיצטע גאָמבע — נאָך שפּיציקער. דאָס פאַררויטלט געזיכט איז פּלוצלינג בלייך געוואָרן. אים דאַכט זיך, אַז ער האָט דערהערט עפּעס אַ קוויטש, אָדער אַ געשריי. און אפשר אַ רוף? אירע הענט האָבן זיך אָפּגעלאָזן און זי איז אַרויסגעפאַלן פון קרייז. ער האָט נאָך באַוויזן צו באַמערקן, ווי מענטשן האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער איר און זיך גענומען מיט איר ערגעץ דערווייטערן.

ווי אַ פאַרוווּנדעטער הירש האָט זיך הערשל אַ טראָג געטאָן. ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן „הורא"־קרייז, וואָס האָט זיך נאָך וויברישער געדרייט און איז האַסטיק צוריקגעשטויסן געוואָרן. האָט ער געוואָלט אויסמיידן דעם קרייז, נאָר די געדיכטע מענטשן־מאַסע איז געשטאַנען אַזוי געדרענגט, ווי אַ געדיכטער קוסטן־געפלעכט אין אַן אור־וואַלד, דורך וואַנען מען מוז זיך דורכהאַקן אַ וועג. איבער מענטשן איז ער געשפּרונגען, איבער פרויען און קינדער, נישט זעענדיק און נישט הערנדיק די קוויטשערייען און נישט פילנדיק קיין קלעפּ. ער איז אַרויף אויף די בלומען־בייטן, זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ דראָט און איז אומגעפאַלן. נישט געפילט ווי ער האָט זיך דאָס העמד צעריסן און דאָס לייב צעבלוטיקט. זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. נאָר ווען ער איז ענדלעך צוגעקומען צום אָרט, וווּ זי איז פריִער געפאַלן, האָט ער זי שוין נישט געטראָפן. אויף דעם אָרט האָט זיך שוין אַ צווייטער „הורא"־קרייז צעפלאַקערט און צווישן די טויזנטער קעפּ איז קיין איין בלאָנדער קאָפּ נישטאָ.

אַ רגע איז ער שטיין געבליבן און געפילט, ווי זיין וועלט וואָלט אים אונטערגעגאַנגען, ווי זיין לעבן וואָלט אים אויסגערונען, ווי אַ הויפן וואַסער צווישן די פינגער. אָבער באַלד איז ער צוריק געוואָרן מונטער און אָנגעגאָסן מיט גליק...

— דאָס איז זי!... זי לעבט!... זי האָט מיך דערקענט!... און אַז זי איז דאָ אין תל־אביב, וועל איך זי שוין געפינען! נישט היינט, איז מאָרגן, איבערמאָרגן...

אין דער רגע האָט הערשל דערפילט, אַז ער איז מער נישט עלנט אויף דער וועלט. די גאַנצע שמחה איז היינט זיינע! אַלץ איז לכבוד אים, צוליב אים, פאַר אים! פאַר זיי ביידן...

דער פאָנטאַן איז געוואָרן קאָליריקער צעצונדן, די ראַקעטן האָבן נאָך פאַרביקער דעם הימל צעבליצט און די גאַנצע צעזונגענע, צעטאַנצטע, צעיובלטע שטאָט — טויזנט מאָל יום־טובדיקער!...

***

אירע חברטעס פון בית־חלוצות, מיט וועלכע זי איז געקומען אַהער, אויפן פלאַץ דיזנגאָף, האָבן זיך אַ גאַנצן אָוונט נישט געקענט אָפּוווּנדערן:

— זע נאָר, ווי בלימעלע טאַנצט!...

— ווי טעמפּעראַמענטפול! ווי זאַרגלאָז!...

— ווי זי וואָלט קיין מאָל אין קיין קאַצעט נישט געווען!... און קיין מאָל קיין שלעכטן טאָג נישט געהאַט!...

די חברטעס אירע האָבן, צו ביסלעך, אויך געטאַנצט, אָבער זיי זענען שנעל מיד געוואָרן. שטייען זיי אַרום דעם קרייז און פּאַטשן מיט די הענט.

— און צוריקגערעדט: די היגע קענען זיך גאָרנישט אַזוי פרייען ווי מיר. זיי זענען דאָך די גאַנצע צייט ביי זיך אין לאַנד... דאַקעגן מיר, מיר האָבן דאָך עס ערשט באַקומען!...

באַלד אין אָנהייב אָוונט האָט זיך בלימעלע אַריינגעוואָרפן אין איינעם פון די ערשטע טאַנצנדיקע קרייזן און שעהן גאַנצע זיך געוויגט אַ פאַרכשופטע, נישט פילנדיק קיין מידקייט. זי האָט זיך צעטאַנצט ביז שכרות, ביז פאַרגעסונג. צענדליקער פון דעם קרייז זענען שוין אַרויסגעפאַלן, צענדליקער פרישע זענען צוגעקומען און זיך ווידער געטומלט. בלימעלע איז אַלץ געבליבן, פאַרפלעכטנדיק די הענט יעדעס מאָל — אויף אַן אַנדער אַקסל. זי וואָלט זיכער אַזוי געטאַנצט ביז פאַרחלשטקייט. נאָר דאָס בלייך־פאַרחידושט געזיכט מיט די פייכט־פאַרטויעטע פלוימען־

אויגן, וואָס זי האָט פּלוצלינג דערזען, האָט זי ווי אויסגעניכטערט פון אַ טשאַד. נאָר נאָך איידער זי איז געקומען צום פולן באַוווסטזיין, האָבן זיך איר די פיס אונטערגעבראָכן און זי איז אַנידערגעפאַלן אַ מאַכטלאָזע.

געעפנט די אויגן האָט זי אויף אַ שטול זיצנדיק, ביי אַ טישל, אין אַ קאַפע. מען האָט איר געשפּריצט מיט זאָדע־וואַסער און געשטופּט אייז־קרעם אין מויל אַריין.

אירע חברטעס האָבן בשום אופן נישט געקענט דערגיין ביי איר, וואָס מיט איר איז געשען.

— שפּעטער, מיידלעך... שפּעטער... — האָט זיך בלימעלע געבעטן — איך קען נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך...

ווען זי האָט זיך אָפּגערוט, זענען זיי אַרויס אויפן גאַס און זיך גע־לאָזן מיטן שטראָם, וואָס האָט געפליצט אין דער ריכטונג צו מוגראַבי און זיי זענען געקומען צום ברעג פון ים.

— נו, בלימעלע, דערצייל שוין... וואָס איז געווען?...

— קומט מיידלעך, — האָט בלימעלע געוויזן צום ים־ברעג — לאָמיר זיך דאָ אַוועקזעצן ביים ברעג און איך וועל אייך דערציילן אַ געשיכטע...

די מיידלעך האָבן אייגנטלעך געוואָלט טאַנצן, נאָר אויס נייגעריקייט זענען זיי גערן מסכים געווען און האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום בלימעלען, קוקנדיק איר אין מויל אַריין, אַז זי זאָל שוין אָנהייבן...

און בלימעלע האָט אָנגעהויבן:

— ווען איך בין אַריין אין מיידאַנעק, בין איך נאָך אַ קינד געווען. איך האָב זיך אָנגעגעבן עלטער מיט צוויי יאָר, כדי נישט אַוועקצוגיין מיטן קינדער־טראַנספּאָרט אין אויוון אַריין. איך בין געווען פיזיש גוט אַנטוויקלט, אַזוי אַז איך האָב אויסגעזען עלטער און געקענט אָפּנאַרן... אָבער מיט מיינע געדאַנקען און געפילן בין איך נאָך באמת געווען אַ קינד... איך האָב נאָך גאָרנישט געוווסט פון לעבן און גאָרנישט פאַר־שטאַנען. ערשט דאָרט, אין מיידאַנעק, האָב איך אָנגעהויבן רייף צו ווערן און צו פאַרשטיין... ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין... דווקא אין הונגער, אין אָנבליק פון טויט, האָט זיך מיין מיידלשע פאַנטאַזיע צעשפּילט...

מיר האָבן געאַרבעט אויף אַ באַזונדערן פעלד. אָפּגעצוימט פון די פעלדער ווו עס האָבן געאַרבעט מענער. דער פּלויט איז געווען שטרענג

באַוואַכט און דאָס דערנענטערן זיך צו אים האָט געקענט קאָסטן דאָס לעבן. און דאָך, האָבן זיך אונדזערע בליקן געריסן אַהין. ווער עס האָט געחלומט צו טרעפן דאָרט איר מאַן, ווער — אַ טאַטן, אַ ברודער, אַ חתן, אָדער גלאַט אַ באַקאַנטן. איך האָב געוווסט, אַז איך האָב דאָרט קיינעם נישט און דאָך האָב איך אויך געקוקט. ווּעמען האָב איך געזוכט?... כ׳ווייס אַליין נישט. נאָר עס וואָלט זיך לייכטער געלעבט און לייכטער געליטן, ווען מיר וואָלטן געוווסט, אַז מיר האָבן נאָך עמעצן דאָרטן, אויף יענער זייט... אַז מען איז נישט איינע אַליין אויף דער וועלט! אָבער במשך פון דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין מיידאַנעק, האָט נאָך קיינער פון אונדז קיין באַקאַנטן אַפילו נישט געטראָפן...

— גיי דערקען, אַז זיי זענען ווייט! — האָבן די פרויען גערעדט צווישן זיך.

— אַז פון דער ווייטנס זעט מען קיין פּנים נישט!

— זיי האָבן דען אַ פּנים?... און מיר האָבן אַ פּנים?...

אָבער דאָך האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו זען זיי נענטער, די מענער... גאָר נאָענט... מען האָט אַריבערגעבראַכט אויף אונדזער פעלד אַ קליינע פּאַרטיע מענער צו שווערער אַרבעט. די ס.ס.־לייט האָבן זיך גע־מאַכט אַ גאָרטן הינטער די פענצטער פון זייער שטוב. האָבן די מענער געמוזט ברענגען קאָשיקעס שוואַרצע ערד, שלעפּנדיק עס קילאָמעטערן־ווייט פון ערגעץ. דער קאַראַוואַן מענער איז אַדורך נאָענט, זייער נאָענט פון אונדז, אפשר אַ פופציק שריט. און מיר האָבן זיי געזען... דאָס האַרץ האָט געשניטן, אַז מען האָט אַזש אַן די אייגענע צרות פאַרגעסן! ביי אונדז, אויפן פרויען־פעלד, איז אויך קיין פענסיאָנאַט נישט געווען... מיר האָבן געהונגערט פון איין אָנבייסן צום צווייטן, נאָר עס קומט נישט צו דעם ווי די מענער האָבן געהונגערט. זעט אויס, אַז אויף זייערע פעלדער איז קיין גראָז נישט געוואַקסן, ביי אונדז — יאָ. האָבן זיי גיריק געפּליקט דאָס גראָז און געגעסן. מיטן זאַמד האָבן זיי עס געגעסן און געקראָגן דערפאַר געהרגעט און געשמיסן. זיי זענען געלאָפן מיט די שווערע קאָשי־קעס ערד, דער שווייס איז פון זיי גערונען, און נישט קוקנדיק אויף די קלעפּ, האָבן זיי דאָך געצופּט דעם גראָז און געשטופּט אין מויל אַריין.

מיר, פרויען, האָבן אָנגעהויבן אָפּצושפּאָרן פון מויל אַ ביסן ברויט, אַ קאַרטאָפל, אַ געגנבעט בוריקל, אָדער אַ מערעלע, און ביי אַ געלעגנ־הייט, ווען דער קאַראַוואַן מענער מיט די קאָשיקעס ערד פלעגט אַדורכ־לויפן, פלעגן מיר עס אַריבערוואַרפן צו זיי...

אַזוי אַ טאָג, צוויי, דריי... מיר פלעגן זיך באַגעגענען מיט די בליקן און גליקלעך געווען, אַז דאָס אַריבערגעוואָרפענע איז זיי אָנגעקומען... אַז זיי האָבן עס געכאַפּט... מיר האָבן געזען, ווי זיי כאַפּן, פאַררוקן אין בוזים, אין קעשענע און זייערע אויגן גלאַנצן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט און מיר האָבן אַזש געשפּרונגען פון צופרידנקייט...

ביסלעכווייז האָבן די פרויען אָנגעהויבן זיך אָפּצוקלייבן מענער... יעדע איינע האָט זיך געהאַט „אירן"... און נאָר „אירן" האָט זי געוואָרפן דעם ביסן ברויט, דאָס פאַרפוילטע מערעלע, דעם פאַרשימלטן בוריק... מען האָט נישט געוווסט ווער יענער איז, ווי רופט מען אים, פון וואַנען ער איז? — עס האָט קיינעם נישט אינטערעסירט. מען האָט נאָר געוווסט: „מיינער", „אירער"...

ביז משוגעת איז דאָס דערגאַנגען. עס האָט שוין אַפילו נישט איין מאָל געטראָפן, אַז צוויי פרויען האָבן זיך אָפּגעקליבן „איינעם" און פון אייפערזוכט זיך געקריגט, געזידלט, געשפּיגן איינע דער אַנדערער אין פּנים אַריין, זיך צעדראַפּעט און צעפּאַטשט... ווער עס איז אין מיידאַנעק נישט געווען, דער וועט עס נישט פאַרשטיין... דער געדאַנק מיט וועלכן מען האָט זיך גענאַרט, אַז מען האָט נאָך עמעצן, אַ נאָענטן אויף „יענער זייט", האָט אונדז געגערט און צוגעגעבן כוחות, נישט ווינציקער ווי שפּייז... און האָט מען קיין נאָענטן נישט געהאַט, האָט מען זיך אים אויסגעחלומט, אָדער זיך איינגעשאַפן מיט אַן אָפּגעשפּאָרטן ביסן ברויט, מיט אַ רויער קאַרטאָפל...

בלימעלע איז אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז איר קענטיק שווער אָנגעקומען דאָס דערציילן, דאָס ווידער איבערלעבן די פאַרגאַנגענע גיהנום־יאָרן. איר פּנים האָט זיך פאַררויטלט און פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל. די חברטעס האָבן אין דעם געזען, אַז איצט קומט דאָס וויכטיקסטע... דער סוד... דאָס וואָס האָט אַ שייכות מיט איר היינטיקן חלשן... זיי האָבן שוין אומגעדולדיק, געוואָלט בעטן בלימעלען

פאַרצווזעצן, נאָר בלימעלע האָט אַליין אָנגעהויבן, מיט נאָך אַ שטילערער שטימע, ווי פריִער און מיט פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזענע וויִעס:

— אויף דער פּריטשע, נעבן מיר, איז געלעגן אַ גאַליציאַנערין. זאָשאַ האָט זי געהייסן. זי איז געווען מיט אַ דריי יאָר עלטער פון מיר און האָט שוין אַ סך מער פאַרשטאַנען...

איין מאָל, ביינאַכט, פרעגט זי מיר:

— בלימעלע, דו האָסט שוין עמעצן?... וועלכער איז דאָס?...

— איך האָב נישט קיינעם. — האָב איך איר געענטפערט. — ווער עס כאַפּט מיין ביסן ברויט, דעם זאָל זיין צו געזונט. אַלע זענען הונגעריק.

— גיי, ביסט אַ סמאַרקאַטע!... — זאָגט זי צו מיר. — דאַרפסט זיך נאָך שפּילן מיט אַ פּילקע... געמיינט ביסט שוין אַ פרוי...

און אָט די גאַליציאַנערין זאָשאַ, האָט מיר טאַקע יענע נאַכט „געעפנט די אויגן" און געמאַכט „באַוווסטזיניק"... זי האָט מיר דערציילט דעם „סוד פון לעבן"... נאָך וואָס עס זענען דאָ מענער און פרויען אויף דער וועלט און וואָס אַזוינס עס איז גליק... זאָגן מוז איך אייך, אַז זי האָט מיר דאָס „גליק" געשילדערט אַזוי, אַז עס האָט מיך געעקלט!... צום אָנפאַנג האָב איך איר גאָרנישט געגלויבט. געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּראָדוקט פון איר קרענקלעכער פאַנטאַזיע, מיט וועלכן זי האָט זיך אויסגעלעבט און געשטילט איר הונגער. אויף וויפל איך האָב יאָ געגלויבט, האָט עס מיר פּראָפאַנירט דעם באַגריף פון גליק. עס האָט מיך פאַרשעמט און פאַרמיאוסט דאָס לעבן... צומאָרגנס האָב איך זיך געשעמט צו קוקן אַלעמען אין די אויגן אַריין, איבערהויפּט — אין יענער זייט, וווּ דער מענער־קאַראַוואַן איז אַדורכגעלאָפן...

אָבער ביסלעכווייז האָט עס מיר אָנגעהויבן צו באַאומרויִקן און איך בין שוין אָפּט מאָל נעכט נישט געשלאָפן... איך האָב שוין אָנגעהויבן צו זוכן זאָשען און וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער נאַכט, אַז זי זאָל מיר, אויף דער פּריטשע ליגנדיק, שעפּטשען אין אויער אַריין וועגן ליבע און וועגן גליק... נאָר זאָשקע האָט מיך סיי ווי געהאַלטן פאַר אַ סמאַרקאַטע, וואָס דאַרף זיך שפּילן מיט אַ פּילקע...

איך האָב ווידער געגומען אָפּשפּאָרן אַ ביסן און... ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, — איך האָב אויך אָנגעהויבן זוכן צו וואַרפן עס אַזעלכן, וועלכן קיינע פאַררעכנט נאָך נישט פאַר „אירן"...

און עס איז געשען... מיין קאַרטאָפל האָט אויפגעהויבן אַ יונגער בחור מיט אַ בלייך־פאַרחידושט פנים, מיט אַזעלכע פייכטע, פאַרטויעטע אויגן, ווי באַגינען די פלוימען אין אַ סאַד... ער האָט לאַנג און פאַרחי־דושט געקוקט צו מיר. זיינע פלוימען־אויגן זענען נאָך פייכטער געוואָרן. ער האָט פאַרשעמט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געדאַנקט... אַזש אַ וואַרעמקייט האָט זיך מיר צעגאָסן אין גאַנצן קערפּער, אין אַלע מיינע גלידער... ער האָט דאַן געקראָגן אַ שמיץ אין פנים אַריין מיטן שפּיץ רוט פון ס.ס.־מאַן און איז שנעל אַנטלאָפן מיטן שווערן קאָשיק ערד.

זיין בלייך־פאַרחידושט געזיכט מיט די פאַרטויעטע פלוימען־אויגן האָט נאָך לאַנג געשוועבט פאַר מיין בליק, ביז איך האָב זיי איינגעזאַפּט אין זיך, אין האַרצן אַריין.

אין איינער אַ נאַכט, ווען איך האָב זיך פאַרטרויט פאַר זאָשקען, אַז איך האָב שוין אויך „איינעם", האָט זי מיר נישט געוואָלט גלויבן:

— גיי שוין, סמאַרקאַטע, וואָס מענטשלסטו זיך?... — האָט זי מיך אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — מען דאַרף איר נאָך די נאָז אָפּווישן און זי גרויסלט זיך!...

— אָבער זאָשקאָ... ס'איז אמת...

און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע קנאַקערקע זאָשקאָ, האָט נאָך אַליין קיינעם נישט געהאַט... ווען זי האָט זיך געוואָלט אויסקלייבן, איז שוין יענער געווען אַ „פאַרנומענער"... און אַבי מיט וועמען, וויל זי נישט... דערפאַר איז זי געוואָרן שטאַרק נייגעריק צו וויסן, ווער מיינער איז, ווי ער זעט אויס, צי האָט ער שוין געגעבן אַ שמייכל צו מיר, צי האָט ער געוואָרפן אַ בליק?... און דער עיקר: ווי אַזוי האָט ער געשמייכלט און ווי אַזוי געבליקט?... איך האָב איר אַלץ געמוזט שילדערן, סיי זיין אויסזען, סיי זיין שמייכל און נאָכמאַכן, ווי אַזוי ער האָט געבליקט צו מיר... נישט האָבנדיק קיינעם, האָט זי אָנגעהויבן מיטלעבן מיט מיין „גליק", זיך אינטערעסירן מיט יעדער קליינינקייט.

מיר האָבן געזען, ווי פרויען שרייבן בריוולעך און וואַרפן עס אַריבער צוזאַמען מיטן שטיקל ברויט... זאָשקאַ האָט מיך אויך געראָטן אַזוי צו טאָן און איך האָב איר געפאָלגט... איך האָב זיך אַפילו געלאָזן דורך איר דיקטירן די בריוו, מיט איר גאַליציאַנער נוסח און מליצות... זי האָט מיר ווידער פאַרזיכערט, אַז איך בין נאָך אַ סמאַרקאַטע און ווייס נאָך נישט, ווי מען דאַרף שרייבן צו אַ מאַן... אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער שפּראַך, נישט אַזוי פשוט, ווי מען שרייבט צו אַ „קאָלעזשאַנקע"... און זי האָט מיר דיקטירט עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער, וואָס איך האָב זיי קיין מאָל נישט געהערט און איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען... נאָר איך האָב געהאַט צוטרוי צו איר, ווי צו אַן עלטערער און לעבנס־דערפאַרענער און געשריבן אַלץ, וואָס זי האָט געהייסן, אַפילו אָן אַ שיעור פינטעלעך האָב איך צוגעשטעלט לויט איר באַפעל...

לאַכט נישט פון מיר, מיידלעך... נאָר דאָס לעבן איז מיר ליכטיקער געוואָרן פון יענעם טאָג אָן!... איך האָב שוין אויך געהאַט עמעצן אויף יענער זייט... געהאַט אַ נאָענטן, וועלכער טראַכט וועגן מיר... איך האָב יעדן טאָג אָפּגעריסן אַלץ אַ גרעסער שטיקל ברויט פון מיין פּאַרציע און געטוליעט עס אַ גאַנצן טאָג צו מיין ברוסט מיט פיבער און מיט בענק־שאַפט „אים" ווידער צו זען... איך בין זיך אייך מודה: איך האָב אים ליב געקראָגן. ליב, מיט אַלע פיבערן פון מיין מיידלשער נשמה. ער האָט מיר אַוועקגענומען די רו בייטאָג און דעם שלאָף ביינאַכט.

די געטרייעסטע פרוי גרייט נישט דעם מאָלצייט פאַר איר מאַן מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און צערטלעכקייט, מיט וויפל איך האָב געגרייט פאַר אים אַ קאַרטאָפל, אָדער אַ בוריקל... ווען איך האָב עס אים גע־וואָרפן און געזען, ווי ער כאַפּט עס, בין איך געווען די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט!... מיר פלעגן זיך באַגעגענען מיט די בליקן ווי נאָענטע מענטשן, וועלכע האָבן אַ געמיינזאַמען, אינטימען סוד...

איר וועט נישט גלויבן, מיידלעך: יענער פעריאָד אין מיידאַנעק, איז דער שענסטער פון מיין גאַנץ לעבן!... נישט ביז און נישט נאָך מיידאַ־נעק, האָב איך אַזעלכע הייליקע מינוטן איבערגעלעבט.

איך האָב אים עטלעכע בריוולעך געשריבן. אַלע מיטן זעלבן נוסח,

זאַשקעס נוסח... ער האָט עס געלייענט... איך ווייס עס... זיין בליק האָט עס מיר געזאָגט...

נאָר פּלוצלינג איז ער פאַרשוווּנדן. נישט ער אַליין, — דער גאַנצער מענער־קאַראַוואַן. זעט אויס, אַז דער גאָרטן פאַרן הויז פון די ס.ס.־לייט איז שוין פאַרטיק געווען און מען האָט שוין מער קיין שוואַרץ־ערד נישט געדאַרפט. אומזיסט האָבן מיר געגרייט און צו די ברוסטן געטוליעט די אָפּגעריסענע ביסנס ברויט. דער קאַראַוואַן איז שוין מער נישט אַדורכ־געלאָפן און מער האָב איך נישט געזען זיין בלייך־פאַרחידושט געזיכט מיט די פּייכט־פאַרטויעטע פלוימען־אויגן.

מיר האָבן זיך אַלע דערפילט ווי אלמנות און עס איז נישט געווען קיין טרייסט צו אונדזער טרויער. נישט איינע פון אונדז האָט ביינאַכט אויף איר געלעגער געכליפּעט אין שיעניק (שטרוי־זאַק) אַריין.

עס איז מער נישט געווען די פיבערדיקע דערוואַרטונג אויף איין־מינוטיקער באַגעגעניש, וואָס האָט אונדז כוח געגעבן פאַר אַ גאַנצן ביטערן מעת־לעת. מיר האָבן ווידער דערפילט די שווידער־לאַסט פון אכזריותדיקע מיידאַנעק־טעג.

פרויען זענען געוואָרן אָפּגעלאָזענער, געצאַנקט און פאַרשנעלערט דעם גאַנג צום אויוון. אַלץ שיטערער און שיטערער איז געוואָרן אויף אונדזער פעלד און אַלע האָבן מיר געוווּסט, אַז אונדזער סוף דערנענ־טערט זיך.

***

די מיידלעך זענען זיצן געבליבן מיט פייכטע אויגן און פאַררויטל־טע שפּיץ־נעזלעך און געשוויגן. פון ים האָט אויפגעפלאַטערט אַ קיל ווינטעלע, וואָס האָט זייערע האָר צעפלאָשעט. זייער שטימונג און פּאָזע האָט אַבסאָלוט נישט האַרמאָניזירט מיט דעם פילפאַרביק־צעראַקעטע־ווען הימל, מיט די יובל־געשרייען, געזאַנג און טענץ.

אַלץ נענטער און נענטער צום ברעג, האָט דער צעיום־טובטער המון געשפּאַרט. אויך דאָ האָבן זיך צעפלאַקערט „הורא״־קרייזן און דער ים־ברעג האָט זיך מיט זיי צעוויגט...

— קומט טאַנצן, מיידלעך!... — האָט זיך איין חברטע אָנגערופן. — עס איז געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן... און היינט, אין אַזאַ טאָג, טאָר מען נישט טרויערן...

אַלע האָבן איר פאַרשריַען:

— לאָז הערן די ענדע!

— לאָמיר הערן דעם סוף...

— און דאָס איז דער סוף... — האָט בלימעלע אומעטיק געשמייכלט.

— און מער האָסטו אים שוין קיין מאָל נישט געזען?...

— ביז היינט...

— און פאַרוואָס האָסטו פריַער געחלשט?

— ווייל... דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אים דערזען...

— און ביסט נישט צוגעלאָפן צו אים?

— אים נישט גערופן ביים נאָמען?...

— ביים נאָמען?... איך ווייס דען ווי ער הייסט?... — האָט בלימעלע פאַרלעגן געשמייכלט. — כ'האָב דווקא יאָ געוואָלט צולויפן, אַ רוף טאָן. נאָר... דאָס לשון איז מיר אָפּגענומען געוואָרן און די פיס האָבן זיך מיר אונטערגעבראָכן... אַרויסגייענדיק פון קאַפע, האָב איך אים נאָך געזוכט אויף יענעם פּלאַץ. אָבער ווו?...

— ביסטו זיכער, אַז דאָס איז ער?

בלימעלע האָט געשוויגן פאַרטיפט אין זיך. דאַקעגן האָבן זיי דערהערט אַ מענער־שטים האַרט הינטער זייערע פּלייצעס:

— זיכער... זיכער... דער זעלבער...

אַלע מיידלעך זענען אויפגעשפּרונגען און דערזען דעם בלייכן יונגנמאַן מיט די פאַרטויעטע פּלוימען־אויגן, פון וועלכע צוויי זילבערנע שטראָמען האָבן געפּלייצט איבער זיינע שאַרפע קין־באַקן... אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאָר פּאַפּירלעך און אין דער צווייטער — עפּעס טונקלס, ווי אַ שטיקל קאַריק־האָלץ.

— אָט זענען די בריוועלעך... און אָט... דאָס שטיקל ברויט... — האָט ער זיך געשטיקט מיט זיינע טרערן און דערביי האָבן זיינע געזיכטס־מוסקולן נערוועז געציטערט.

בלימעלע איז האַסטיק צוגעלאָפן צו אים, אַ כאַפּ געטאָן פון זיין האַנט די שמוציקע, צעקנייטשטע שטיקעלעך פּאַפּיר און דערקענט איר האַנטשריפט... זי האָט אָנגעטאַפּט דאָס שטיקל קאַריק־האַלץ. דאָס פאַר־טריקנטע, פאַרשימלטע מיידאַנעק־ברויט און איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו זיין ברוסט.

— האָסטו דאָס ברויט נישט געגעסן? — האָט זי נאָך אַ ווײַלע געפרעגט פאַרשעמט, מיט אַ ליבנדיקער טענה אין טאָן.

— ווי האָב איך דען געקענט? צו הייליק איז עס מיר געווען!... מיר האָט זיך געדאַכט: ווען איך עס אויף דאָס ברויט, וואָלט איך אויפ־געגעסן אונדזער ליבע... און צו וואָס וואָלט איך דאַן נאָך געלעבט?... ביזן היינטיקן טאָג, האָט עס מיך געוואַרעמט... מיט דעם האָב איך מיידאַנעק אויסגעהאַלטן און דאָס האָט מיך אַהערגעבראַכט...

— מיידאַנעק־ברויט...

— אונדזער שדכן...

די מיידלעך האָבן זיך אַוועקגעשאַרט און געלאָזן דאָס פּאָרל אַרומ־גענומען. פון דער ווייטנס האָבן זיי נאָך געזען, ווי זיי קושן זיך און וויינען פון גליק... אָבער באַלד זענען זיי פאַרטראָגן געוואָרן מיטן מענטשן־שטראָם, אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ „הורא“־קרייז און גאַנץ תל־אביב האָט זיך מיט זיי צעוויגט און צעהוידעט אונטערן קאָלירקן, מיט ראַקעטן געצונדענעם הימל.

בדמיך חיי...

צוזאַמען מיטן קינד אונטערן האַרצן, איז ביי גאָלדען געוואַקסן אַן אומרו. וואָס מער זי איז געקומען אויף דער צייט, אַלץ שטאַרקער איז איר אומרו געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טויט־שרעק.

דאָס איז נישט געווען דער געוויינטלעכער אומרו פון אַ יונגער געווינערן, וועלכע גרייט זיך אין קימפעט מיט איר ערשטלינג. ביי גאָלדען דאַרף עס שוין זיין דאָס צווייטע. איר ערשט קינד, חיימל, ווערט שוין באַלד ניין יאָר. אָבער טאַקע ער, חיימל, איז די סיבה פון אירע פאַרצאָרגטע טעג און קאָשמאַרנע נעכט. כאָטש חיימל אַליין ווייסט גאָר־נישט פון דער מאַמעס עגמת־נפשן און ווייסט נישט, אַז ער איז די סיבה פון אירע קאָשמאַרע, אימת־מוותדיקע נעכט.

ער איז אַ בלאַס, אומעטיק, שטיל ייִנגעלע. שוין צו־אומעטיק און צו־שטיל פאַר זיינע ניין יערעלעך. איז עס פון אַ קראַנקהייט, חלילה? — ניין. ביי זיין אויסגעדאַרטקייט און איבערגעוואַקסנקייט, האָט דער דאָקטאָר פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געזונט. פאַרוואָס זשע איז זיין שמאָל־לענגלעך פּנימל אַזוי בלאַס? פאַרוואָס זענען די קאַרשן־אייגעלעך אַזוי אומעטיק? אַזוי פאַרשאָטנט? פאַרוואָס שווייגט ער אַזוי כסדר?

גאָלדע האָט פריִער געמיינט, אַז דאָס איז פון דער שרעק וואָס דאָס קינד האָט איבערגעלעבט בעת זייערע וואָגלענישן, ווען זיי האָבן אין פינצטערע נעכט גרענעצן געגנבעט און מען האָט געשאָסן אויף זיי; ווען נ.ק.וו.ד. האָט, אין רוסלאַנד, אין מיטן דער נאַכט, דעם טאַטן פון בעט אַרויסגעשלעפּט און אין אַ לאַגער פאַרשיקט; פון דער גרויליקער ים־

שלאַכט, ווען עטלעכע קרייצערס זענען זיי באַפאַלן און זייער בידנע מע־פּילים־שיפל האָט זיך געהאַלטן אין טרינקען; און אפשר גאָר פון דער שלעכטער דערנערונג אין רוסלאַנד און שפּעטער — אין דעם פאַר־שפּאַרטן לאַגער אויף ציפּערן.

אָבער ווען זי איז איין מאָל צוגעשטאַנען צו אים מיט מוטערלעכע צערטלעכקייטן און קושנדיק זיין שוואַרץ, צעשויבערט קעפּל, אים גע־פרעגט:

— חיימל, די מאַמע האָט דיך אַזוי ליב!... און דער טאַטע האָט דיך ליב. פאַרוואָס זשע ביסטו אַזוי אומעטיק, האַ? דיר טוט עפּעס וויי?

— ניין, מאַמע. — האָט חיימל אַראָפּגעלאָזן די אייגעלעך צו דער ערד. זיך געביסן דאָס אונטערשטע, שמאָלע ליפּעלע און געשוויגן.

— נאָר וואָס דען?

— גאָרנישט.

— „גאָרנישט" קען דאָך נישט זיין... אַלע יינגעלעך זענען פריילעך, לאַכן, שטיפן, קאַמאַנדעווען, און דו... פאַרוואָס שפּילסטו זיך נישט מיט זיי?

חיימלס נאָזלעכלעך האָבן זיך פּלוצלינג צעשפּרייט און דאָס דאַרע, שפּיציקע גאָמבעלע האָט אָנגעהויבן נערוועז צו ציטערן...

— מאַמע, זאָג: איך בין אַ ייִד, צי איך בין נישט קיין ייִד?

גאָלדען האָט עס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן, אַזש אָטעם האָט איר פאַרפעלט. זי האָט זיך אָבער געשטאַרקט:

— אַוודאי ביסטו אַ ייִד! וואָס דען?... — האָט זי אַ פאַרטרערטע און אַ פאַרפלאַמטע אים געקושט. — אַז דיין טאַטע און דיין מאַמע זענען ייִדן, ביסטו דאָך אויך אַ ייִד!...

— און זיי רופן מיך „שגץ", „גוי", „שגץ", „גוי"! — האָט זיך חיימל צעכליפּעט.

— ווער?!

— אַלע.

— נישט אמת! ביסט אַ ייִד! נאַ דיר, קינד מיינס... — האָט גאָלדע אים אַריינגעשטופּט אַ שטיקל שאָקאָלאַד אין מויל אַריין און אַליין זיך

שנעל אָפּגערוקט פון אים און אַוועקגעאײלט אין קיך אַרײן, כדי זיך דאָרט צו באַהאַלטן מיט דער ספּאַזמע, וואָס איז איר געקומען אין האַלדז אַרײן.

***

ווען מאיר איז געקומען פון דער אַרבעט און זיך געזעצט צום טיש, האָט ער באַלד דערקענט אויף גאָלדען, אַז עפּעס איז געשען: איר קו־פּערנער קאָפּ האָר איז געווען צעשויבערט, די אויגנלעפּלעך — רויט און אָנגעשוואָלן, און אונטער די אויגן — טיף־אײנגעגראָבענע, טונקל־בלויע פּלעקן. זי האָט אים אונטערגערוקט דעם טעלער מיט אַ שליוכץ, וואָס קומט נאָך אַ לאַנג, ספּאַזמאַטיש געוויין. און כאָטש ער איז געווען הונגעריק ווי אַ שאַקאַל, איז אים אָבער דאָס עסן נישט באַקומען. יעדער ביסן האָט זיך אים געשטעלט און געשטיקט אין האַלדז.

שוין אַ לענגערע צייט זעט ער ווי זי צאַנקט אים אונטער די הענט, גאָלדע. נאָר שוויגנדיק איז זי, אַזוי ווי דער זון זייערער, חיימל. „וואָס איר דיר, גאָלדע?" — „גאָרנישט". און ער, מאיר, האָט נישט קיין כוח מער צו פרעגן. פון דער נישט געוווינטער, שווערער אַרבעט, איז ער תמיד מיד און צעבראָכן. פון דעם שטיין גאַנצע טעג אין פּרדס אַ גע־בויגענער, אונטער דער ברענענדיקער זון, — ברעכן אים אַלע גלידער. דער רוקן איז נישט אויסצוגלייכן. ער קומט אַ היים אַ געבויגענער, זעצט זיך צום טיש אַ געבויגענער, און פון טיש — דערקריכט ער קוים, אַ געבויגענער, צום בעט. און אויך אין בעט קען ער זיך, די ערשטע שעה, נישט אויסגלייכן. אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט איז עס, דאָס האַקן מיט דער טוריע אין דעם טרוקן־פאַרהאַרטעוועטן באָדן פון פּרדס. אַ ביטע־רע, אַ שווייסיקע פּראַצע לייגט מען אַרײן, כדי אַרויסצובאַקומען זיסע, זאַפטיקע מאַראַנצן...

מאיר קומט אַהיים אָן אַ שמייכל און אָן חשק צו רעדן אַן איבעריק וואָרט, צו פרעגן עפּעס. ער וויל וואָס גיכער אין בעט אַרײן. דער קאָפּ הענגט אים שווער ווי שכור און די אויגן קלעפּן זיך. יעדע רגע איז אים אַ שאָד. פאַרטאָג מוז ער שוין זיין אויף די פיס און שטיין אין דער ריי צום אויטאָבוס, וועלכער איז שטענדיק איבערפולט. ער מוז רוען און

זאַמלען קרעפּטן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, — ער זאָל, חלילה, די אַרבעט נישט פאַרלירן. טויזנטער אַרבעטלאָזע זענען היינט דאָ. און דער מנהל, וועלכער שרייט כסדר דעם אַראַבישן „יאַלאַ־יאַלאַ!", קוקט מיט דורכ־דרינגענדיקע בליקן: שטייט אָפּ עמעצער, — הייסט ער אים מאָרגן נישט קומען מער צו דער אַרבעט.

אָבער היינט איז גאָלדע עפּעס גאָר אַן אַנדערע. אין גאַנצן אויס־מענטש. איר פּנים איז פאַרקרימט ווי פון יסורים. זי שטעלט קוים די טריט, זיך אָנכאַפּנדיק יעדע ווײַלע אָן אַ שטול, אָן טיש, אָן בעט. זי בלײַבט אַזוי אַ ווײַלע שטיין אָנגעשפּאַרט און דאַן — שלעפּט זי זיך קוים ווײַטער. ער ווייסט, אַז זי איז שוין אַרײַן אין נײַנטן... איז אפשר ריכט זי זיך שוין? אפשר האָט עס איר אָנגעכאַפּט און עס האַלט שוין אָט־אָט?...

— וואָס איז דיר, גאָלדע?

— וואָס זאָל זײַן?

— איך זע דאָך, אַז עפּעס איז... אפשר פּילסטו שוין, האַ?...

— ניין, נישט דאָס...

— וואָס זשע דען?

— חיימל...

— וואָס איז געשען?!

— גאָרנישט. ער איז געזונט. נאָר... ער ווייסט אַלץ!

— וואָס ווייסט ער?

— ער וויינט און קלאָגט זיך, אַז מען רופט אים „שגץ!", „גוי!". ער פרעגט מיך, צי ער איז אַ ייִד. דאָס קינד איז דאָך שוין אויס־מענטש!

מאיר האָט אָפּגערוקט דעם טעלער פון זיך:

— גאָלדע, איך בין נישט קיין עקשן, גאָלדע... נאָר איך קען נישט טאָן, ביי נײַן יאָר! נעמען אַ פאַרשטאַנדיקן יונגאַטש פון נײַן יאָר, בינדן אים ווי אַ קאַלב און... איך בין נישט אברהם אבינו, וואָס האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה! איך האָב נישט קיין האַרץ דערצו, האָב איך נישט!

— מאיר... איך בין איצט אין אַזאַ צושטאַנד... — רעדט גאָלדע מיט אַ שוואַך קול פון אַ קימפּעטאָרין — איך האָב מורא פאַר אַ שטראָף פון הימל. איך האָב מורא, אַז...

— זאַבאַבאַנעס!... לאַך דערפון, גאָלדע!...

— איך לאַך נישט. איך פּיל, אַז מיט מיר וועט עפּעס געשען.

— נו, גאָלדעשי... זאָג אַליין: קוק מיך אָן, ווי איך זע אויס. פאַר־פּראַצעט, מיד און צעבראָכן. און קיין האַרץ דערצו, האָב איך נישט. איך קען נישט, נו... אַ יונגאַטש פון נײַן יאָר, קיין עין־הרע... דו שטעלסט זיך פאַר זײַן שרעק? איך וואָלט בעסער געלאָזן זיך אַ פינגער אָפּשנײַדן! אַלנפאַלס, איך — נישט. נאָר אויב דו האָסט אַזוי מורא... אויב עס גייט דיר אַזוי אין לעבן... טו ווי דו ווילסט. ביסט אַ מאַמע. האָסט אויף אים די זעלבע רעכט וואָס איך.

און גאָלדע קוקט אים טאַקע אָן, מאירן, זי קוקט מיט האַרצווייטיק און טראַכט: „ווײַ־ווײַ, וואָס פון אים איז, נעבעך, געוואָרן!" אַ יונג — אַ ריז געווען, אַ דעמב! מיט אַ קאָפּ בלאָנד־געקרויזטע האָר און בלויע, לויטערע אויגן. אויף זײַן ראָזלעכן פּנים איז שטענדיק געווען אַזאַ לי־בער שמייכל, וואָס האָט אומרויִק געמאַכט די הערצער פון כמעט אַלע מיידלעך פון שטעטל... איצט איז דער ריזיקער דעמב אַ צעבראָכן ווערבע־בוימל... וווּ איז זײַן כשופנדיקער שמייכל? די בלויע אויגן, די לויטערע, זענען מוטנע־פאַרגאָסן פון נישט דערשלאָפנקייט. די ווִיעס פאַלן־צו, קלעפּן־זיך. דאָס פול און ראָז פּנים איז איצט מאָגער, אײַנגעפאַלן, באַדעקט מיט אַ זויערער מידקייט".

און גאָלדע זעט ווי מאיר, אַ קרעכצנדיקער, הייבט זיך אויף פון טיש, דערשלעפּט זיך קוים צום געלעגער און פאַלט אַוועק ווי אַן אונטער־געהאַקטער בוים. קוים זיך אַנידערגעלייגט — ער כראָפּעט שוין. און גאָלדע בלייבט זיצן ביים טיש אַ פאַרקלעמטע, אַן אומרויִקע, אַ צעשראָ־קענע און — זי האָט שוין נישט מער צו וועמען צו רעדן...

***

יענע נאַכט זענען גאָלדען צו חלום געקומען טאַטע־מאַמע. דער טאַטע האָט אין גאַנצן נישט געקוקט אין איר זײַט. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער און, ווי דער שטייגער איז פון אַ גערער חסיד, ווען ער איז בייז, האָט ער געשטופּט אין מויל אַריין און געקייעט די שפּיצן פון זײַן גרויער באָרד... געקייעט און כסדר געברומט:

— אַזאַ חצופה! קיין רו אין קבר נישט צו האָבן צוליב איר! ר׳ חיימס אייניקל דרייט זיך אַרום מיט דער ערלה, אַ שגץ! רחמנא לצלן! און ער טראָגט נאָך מיין נאָמען!

און די מאַמע איז אַנידערגעפאַלן פאַר איר בעט מיט אַ יללה:

— מיין קינד, האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָרן! זע, זאָלסט נישט פאַרשניטן ווערן פריצייטיק פון דער ערד. זאָלסט מל זיין דאָס קינד און אָפּווישן די חרפה פון אונדזער משפחה. אַז נישט, וועט זיך אויסגיסן אויף דיר און אויף דיין הויזגעזינד גאָטס צאָרן און עס וועט, חלילה קומען איין אומגליק נאָכן אַנדערן! — — — און ווען דו וועסט קומען אויפן בראָך־שטול, וועל איך נישט וואַכן איבער דיר. די יסורים, די חבלי־לידה וועלן זיין גרויס! אָבער איך וועל נישט הערן דיין רוף און געשריי, איך וועל דיר נישט ווישן דעם אַנגסט־שווייס פון שטערן און נישט קענען ברענגען קיין רפואה, קיין טרייסט, ביז יציאת־נשמה! — — — דער־באַרעם זיך טאָכטער מיינע, גאָלדעשי קרוין. האָב רחמנות אויף זיך, אויף דיין מאַן, אויף דיין קינד און אויפן עופהלע, וואָס אונטער דיין האַרצן. טו תשובה, טאָכטער! מאַך חיימלען אַ ברית, ווי גאָט האָט געבאָטן. ובזכות זה, וועסטו איבערקומען בשלום. די אמהות און אַלע נשים צדקניות וועלן זיך מיִען פאַר דיר...

— וואָס בעטסטו זיך ביי איר, ביי דער חצופה? — האָט דער טאַטע אַ טופּע געטאָן מיט דעם פוס — זי וויל נישט, איז נישט. וועט קומען אויף איר אַ שטראָף פון הימל!

הינטערן פענצטער האָט אויפגעקרייעט אַ האָן און טאַטע־מאַמע זע־נען פאַרשוווּנדן.

גאָלדע האָט געוואָלט נאָכשרייען, אַז זי וועט תשובה טאָן, אַז זי האָט עס די גאַנצע צייט געוואָלט, נאָר נישט געקענט און נישט געטאָרט. מורא געהאַט פאַר ב.ק.וו.ד. און מורא געהאַט פאַר דייטשן. געוואָלט אַז איר קינד זאָל זיך קענען ראַטעווען, ווען שונאי־ישראל וועלן עס וועלן אומברענגען. און עס איז דאָך אויך קיין מעגלעכקייט דערצו נישט געווען... אָבער איצט, איצט וועט זי שוין אַלץ מקיים זיין לויט זייער ווילן. זי האָט געוואָלט שרייען, בעטן, צוזאָגן, — נאָר איר קעל איז פאַרשטיקט געוואָרן און

די צונג איז געלעגן ווי אַ געליימטע. גאָלדע האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות אַרויסצוברענגען אַ שטיקל קלאַנג פון פאַרשטיקטן האַלדז.

חיימל האָט דערהערט אַ מוראדיקן ברום, אַ רעווע פון אַ געבונדענעם אָקס. ער איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט אַ צעשראָקענער און מיט געוויין גענומען וועקן גאָלדען:

— מאַמע, מאַמע! וואָס איז מיט דיר, מאַמע?

גאָלדע האָט זיך אויפגעריסן פון געלעגער אַ בלאַסע, אַ צעשויבערטע, אַ מיט אַנגסטן באַדעקטע, מיט אַ פּאָר אומהיימלעך־צעגלאָצטע אויגן:

— ווו זענען זיי? שוין אַוועק?

— ווער? מאַמע!

— די באָבע מיטן זיידן.

— וואָס רעדסטו, מאַמע? איך האָב מורא! — האָט זיך חיימל געצאַפּלט.

גאָלדע איז געקומען צו־זיך, געבעטן אַ גלאָז וואַסער, באַנעצט דער־מיט די הענט און דאָס רעשט — אויסגעטרונקען.

— אַ חלום, מיין קינד... עס איז געווען אַ שלעכטער חלום... — האָט גאָלדע געגלעט חיימלס געגרונצלט פּנימל און אַ פאַרטרערטע גע־שמייכלט. — ווו איז דער טאַטע? שוין אַוועק?

— שוין לאַנג אַוועק. עס איז דאָך שוין זייער שפּעט.

— און דו ביסט נישט געגאַנגען אין בית־ספר?

— ניין, מאַמע. איך קען מער נישט גיין.

— פאַרוואָס?

— נו, פאַר דעם וואָס... איך האָב דיר נעכטן דערציילט... — האָט זיך חיימל געטוליעט צו דער מאַמען, מיט אַ פאַרקלעמט הערצל צום וויינען.

— דו ביסט גערעכט, מיין קינד... דו דאַרפסט זיין אַ ייִד...

— יאָ, אָבער איך האָב אַזוי מורא!

— צו זיין אַ ייִד?...

— ניין. אָבער אַז מען שניידט מיט אַ מעסער, גייט דאָך בלוט! און אַז עס גייט בלוט, טוט דאָך שרעקלעך וויי!

— קינד מיינס... איין רגע נאָר טוט ווי... און נאָך דעם איז מען שוין אַ ייִד, גלייך מיט אַלע ייִדן...

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געמאַכט קיין ברית, ווען איך בין געווען אַ קלייניקער און נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען? פאַרוואָס? און איצטער האָב איך מורא!

— חיימל, ווען דו ביסט געווען אַ קליינינקער, האָט מען נישט געקענט... אין סיביר איז קיין מוהל נישט געווען... גאָט איז מיין עדות, אַז מען האָט נישט געקענט.

— און איצטער האָב איך מורא און שוין! איך וויל און... איך האָב מורא. — האָט חיימל געכליפּעט. — סיידן... סיידן דו וועסט שטיין נעבן מיר און...

— גוט, מיין קינד, מיין טייער, גאָלדן ייִנגעלע... — האָט אים גאָלדע געטוליעט צו איר ברוסט און געקושט — אַוודאי וועל איך שטיין נעבן דיר...

***

דעם זעלבן אין דער פרי איז עס געשען.

אַ מיידל, מיט אַ ווייסן טשעפּיק אויפן קאָפּ, איז פון תל־אביב געקומען און פאָרזיכטיק צו ווּיסן געגעבן:

— אייער מאַן האָט עפּעס אַ קלאַפּ געקראָגן אין אַ פוס. ער ליגט אין הדסה־שפּיטאָל.

— ווי איז מיר!!! — האָט גאָלדע גרויליק אויסגעשריִען, אַריינגראָבנדיק ביידע הענט אין איר קופּערנעם קאָפּ האָר.

צוליב אַ קלאַפּ אין פוס, נעמט מען נישט אין שפּיטאָל. זי ווייסט, גאָלדע, אַז פאַר גאַנץ ערנסטע אָפּעראַציעס איז נישט אַזוי גרינג צו קריגן אַ בעטל אין הדסה. זי האָט אין דעם באַלד דערזען די פאַרווירקלעכונג פון דער מאַמעס וואָרנונג אין חלום: „אַז נישט, וועט זיך אויסגיסן אויף דיר און אויף דיין הויזגעזינד גאָטס צאָרן און עס וועט קומען איין אומגליק נאָכן אַנדערן!״ — זי האָט שוין דערפילט גאָטס צאָרן, גאָלדע, און דערזען אין דעם „קלאַפּ אין פוס״, דעם אָנהייב פון „איין אומגליק נאָכן אַנדערן״. יאָ, דער ערשטער אומגליק איז געשען!

— אָבער באַרויִקט זיך... — האָט דאָס מיידל, אין ווייסן טשעפּיק, שוועסטערלעך געבעטן — עס וועט נאָך אַלץ זיין בסדר.

— דער פוס איז צעבראָכן?

— מען ווייסט נאָך נישט. מען וועט נעמען אַן „עקס־רעי", מאַכן אַ פאָטאָגראַפיע, וועט מען אַלץ וויסן. גיפּסן וועט מען אַלנפאַלס מוזן...

גאָלדע האָט שוין מער נישט געהערט, וואָס דאָס מיידל האָט צו איר גערעדט. זי געדענקט אַפילו נישט, ווען דאָס מיידל איז אַוועק. נאָר דווקא איצט, נאָך דער פינצטערער בשורה, ווען זי איז צו־זיך געקומען נאָכן פלוצלינגדיקן „פריטשמיעל" איבערן מוח, האָט זי זיך געשטאַרקט. זי האָט זיך געשטאַרקט ווי אברהם אבינו, ווען ער האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה. זי האָט פעסט באַשלאָסן: זי מוז פאַרמיידן די אומגליקן, וואָס קומען איצט אויף איר און אויף איר הויזגעזינד, אַלס שטראָף פון הימל. זי מוז! אַז נישט, וועט זי די געבורט־ווייען נישט אַריבערטראָגן און גיין, חס־וחלילה, פאַר דער צייט, פון דער וועלט! יאָ, היינט, שוין מוז עס געשען!

— קום, חיימל! — האָט זי אים פעסט אָנגענומען ביים הענטל.

— צום טאַטן? — האָט דאָס יינגל איבערגעפרעגט צעשראָקן, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעפילט.

— יאָ, ווי גאָט וועט געבן — האָט זי געפלאַמט מיט אַן אויסגעקניפּט געזיכט און געגלאָצט פאָרויס מיט אַ פּאָר פאַרווירטע, עקשנותדיקע בליקן.

צו מאירן האָט מען גאָלדען נישט צוגעלאָזן. ערשט מאָרגן וועט זי אים קענען זען. מאָרגן, נישט פריִער. עס איז אַ געזעץ אַזאַ, זאָגט מען איר, אַ חוק...

אין דעם האָט גאָלדע נאָך מער דערפילט די ערנסטקייט פון דער לאַגע און זי האָט באַשלאָסן, אַז שוין איצט זאָל עס געשען. זי מוז ראַטעווען איר מאַן און איר גאַנץ הויזגעזינט! און לאַנג האָט זי זיך געאַמפּערט מיטן דאָקטאָר, וועלכער האָט עס נאָר געוואָלט אָפּלייגן.

חיימל האָט געזען, ווי די מאַמע פליקט זיך די צעפּאַטלטע האָר פון קאָפּ, וועלכער זעט אויס, צווישן די העלע שפּיטאָל־ווענט, נאָך רויטער, פלאַקערנדיקער, ווי אַ ברענענדיקער פאַקל. זי ברעכט די הענט, שינדט

זיך די הויט פון בלייכן פנים און קוקט צום דאָקטאָר און צו אים, צו חיימלען, מיט אומגליקלעכע, רחמים־בעטנדיקע אויגן. אַ געוואַלדיקן רחמנות דערפילט חיימל צו זיין אומגליקלעכער מאַמען. ער וואָלט פאַר איר איצט אַלץ גרייט געווען צו טאָן, אַפילו לאָזן זיך שניידן און ניט שרייען פון יסורים... אָבער דער דאָקטאָר שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, הייבט די אַקסלען, צעשפּרייט די הענט אומבאַהאָלפן אין דער ברייט און קוקט אויך אַזוי רחמנותדיק אויף אים, אויף חיימלען.

עס זענען אָנגעקומען נאָך צוויי דאָקטוירים אין ווייסע פאַרטוכער און אַן עלטערע, גרויע פרוי אין אַ פאַרטוך. דער דאָקטאָר האָט זיי אָוועקגענומען אָן אַ זייט און, ווינקענדיק אויף גאָלדען און אויף חיימלען, זיך לאַנג געסודעט.

ענדלעך האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו דער מאַמען:

— נו, גוט...

און צו חיימלען:

— קום, ייִנגעלע... ווי רופט מען דיך?...

— מאַמע, וווּהין, מאַמע? מאַמע, צום טאַטן? — האָט חיימל געפלאָ־טערט, ווי אַ געפאַנגען פייגעלע.

— קינד מיינס... — האָט אים גאָלדע צוגעדריקט צו זיך און געקושט זיין צעשויבערט און פון אַנגסט־שוויס פייכטן קעפל. — גיי, ווער אַ ייִד... אין אַ מזלדיקער שעה!

— איך האָב מורא, מאַאַאַמממעעע!!! — האָט חיימל געצאַפּלט און אַפילו וויינען נישט געקענט פון שרעק. — מאַמע, אָבער קום מיט מיר! אָבער שטיי נעבן מיר, מאַמע! — האָט ער זיך גרויליק צעשריגן, ווען דער דאָקטאָר האָט אים גענומען ביים הענטל און דווקא צערטלעך, פאַ־טערלעך געגלעט. ער האָט זיך איצט געפילט, ווי דאָס געפּענטעט הענ־דעלע, וועלכן ער אַליין האָט אַמאָל געטראָגן און איבערגעגעבן אין די הענט פון שוחט.

— איך גיי מיט דיר, קינד מיינס, איך גיי... — האָט אים גאָלדע גענומען ביים צווייטן הענטל און געפירט צו אַן אָפענער טיר.

אָבער דאָ, אין דער געעפנטער טיר, איז אַ קראַנקנשוועסטער אויסגעוואַקסן, גאָלדען דעם וועג פאַרשטעלט, ביים אָרעם אָנגענומען און אָפּגעקערט איר אויף צוריק.

— מממאַאַממממעעע!!! איך האָב מורא!!! — — —

חימלס געשריי האָט זיך געשרויפט גאָלדען אין די אויערן אַריין, אין די צעווייטיקטע געהירן אַריין, ווי אַ שטאָלענער, שפּיציקער שרויף. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שוועסטערס אָרעמס און שטיין געבליבן ביי אַ פאַרמאַכטער, שטומער טיר.

צי האָט זי געוואָלט נאָך אַנזאָגן עפּעס? בעטן? רופן? — זי האָט כסדר געעפנט און פאַרמאַכט דאָס מויל, ווי אַ פיש וואָס מען נעמט אַרויס פון וואַסער. קיין קלאַנג האָט זיך נישט אַרויסבאַקומען, ווי דאָס לשון וואָלט איר אָפּגענומען געוואָרן. אָבער אַלץ אין איר האָט זיך איצט ספּאַזמאַטיש צעצאַפּלט און צעיאָמערט:

„וואָס האָב איך געטאָן? וואָס האָב איך אָפּגעטאָן?! טאָמער געשעט עפּעס מיטן קינד, — האָב איך דאָך אַליין אים געפירט צו דער שחיטה! אונטערן חלף אַרונטערגעשטויסן! און מאיר ליגט אין אַן אומגליק! און איך! איך וועל עס נישט איבערטראָגן, איך גיי פון דער וועלט! — — —

אַ שאַרפער ווייטיק אין די געדערים, אין אַלע אינגעווייד, האָט איצט איבערגעשטיגן דעם שרויפנדיקן ווייטיק אין די געהירן. דאָס האַרץ איז איר מאָדנע שוואַך געוואָרן. זי פילט גאַרנישט דאָס האַרץ! אָטעם האָט איר אויסגעפעלט. לופט! נישטאָ קיין לופט, זי שטיקט זיך. פאַר די אויגן האָבן זיך גענומען דרייען פייערדיקע רעדער אין אַ פאַרביקן, שווינדלדיקן געדריי. העלע פונקען־בעזימער האָבן זיך צעשפּרייט. באַלד האָט זיך אַלץ גענומען לעשן, ווערן טונקעלער און טונקעלער. אַלץ ווערט פאַרהילט אין אַ טויבער שטילקייט, אין אַ פּעכיקער פינצטערניש. — — —

***

אויפן פערטן טאָג, ווען גאָלדע האָט געעפנט די אויגן, האָט זי לאַנג נישט געקענט באַנעמען, ווו זי געפינט זיך. וואָס קומט דאָ מיט איר פאָר?

אין אירע אויערן איז שטיל געוועו. אַן אויסטערלישע שטילקייט. שפּעטער האָט עס אָנגעהויבן רוישן. שטאַרק, זייער שטאַרק האָט עס אָנ־געהויבן צו רוישן. און נאָך שפּעטער האָט זי, אין גערויש, דערהערט קולות. די קולות טיילן זיך אויס און זי דערקענט זיי: דאָס איז דאָך די שטים פון איר מאַן, פון מאירן און פון איר קינד, פון חיימלען...

— מאַמע, מאַמע!...

— גאָלדעשי... גאָלדעלע קרוין!...

זי האָט נאָך ברייטער אויפגעריסן אירע אויגן, דערזען סילועטן אין אַ שטוב מיט פּאַרע. אָבער תיכף איז די פּאַרע צערונען און זי האָט אַלץ דערזען קלאָר: מאיר זיצט אין איר רעכטער זייט בעט, מיט אַ פּאַרגיפּ־סירטן פוס אויף אַ בענקל... און אויפן אַנדערן בעטל, נעבן אים, זיצט חיימל, אַ בלייכינקער, מיט פּאַרוויינטע אייגלעך...

— מאַמע?... וואָס מאַכסטו, מאַמע?... איך בין שוין אַ ייִד, מאַמע!... און איך בין שוין באַלד געזונט!... זעסט, מאַמע, איך זיץ שוין!...

און מאיר גלעט איר צערטלעך דעם קאָפּ:

— מזל־טוב דיר, גאָלדעשי... מזל־טוב דיר, מאַמעלע... ביסט שוין איבערגעקומען בשלום... וועסט שוין זיין געזונט...

ערשט איצט האָט גאָלדע דערפילט אַ ליידיקייט אין בויך, ווי אַלע געדערים וואָלטן פון איר אַרויסגענומען געוואָרן... וואָס זשע הייסט עס? איז זי שוין טאַקע איבערגעקומען? האָט זי שוין, מיט מזל, געבוירן?

און באַלד איז אַריינגעקומען דער דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט און אַ קראַנקשוועסטער האָט אים נאָכגעטראָגן אַ ניי־געבוירנס אויף אַ ווייס קי־שעלע... און דער דאָקטאָר שמייכלט ליב:

— מזל־טוב, קימפּעטאָרין!... באַקענט זיך מיט אייער נייעם זון... אַ געראָטענער יונגאַטש!... נאַט אייך אים, אייער חתן־בחור... — און ער לייגט אַוועק דאָס ניי־געבוירענס מיטן קישעלע נעבן איר.

גאָלדע דערזעט דאָס נפשל, אָבער האָט קיין קרעפטן נישט צו נעמען עס נענטער און טוליען צו זיך. און דאָך, — גוט ווערט איר, גאָלדען... גוט, ווי זי וואָלט איצט אַליין אַ קינד געווען. די גאַנצע וועלט האָט זיך צו איר ליבלעך צעשמייכלט...

צו אירע אויערן דערטראָגט זיך עפּעס אַ מאָדנער, אַ באַקאַנטער, נאָגנדיקער ניגון; אַ שטיל, אומעטיק געזאַנג, ווי פון אַ בית־מדרש אַרויס. פון מתיקות פאַרמאַכט זי אַזש די אויגן... און ווען זי עפנט זיי ווידער, זעט זי מער נישט מאירן און חיימלען און זעט נישט מער דעם דאָקטאָר מיט איר ניי־געבוירן קינד אויפן קישעלע; — די מאַמע אירע זיצט גאָר נעבן איר און שמייכלט איר מיט ליבשאַפט און נחת אין פּנים אַריין. די מאַמע ווישט איר דעם קאַלטן שוויס פון שטערן און שעפּטשעט:

— די מוטערס שרה, רבקה, רחל און לאה האָבן זיך געמיט פאַר דיר... ביסט אַ צדיקת, מיין קינד... אַ צדיקת!...

אָבער גאָלדעס בליקן בלאָנדזשען אין חלל: פון וואַנען קומט דער ניגון?... און פלוצלינג דערזעט זי: דער טאַטע שטייט דאָך איר צוקאָפּנס... ער וויגט זיך איבער איר מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט זי געבענטשט:

— בדמיך חיי... בדמיך חיי... — — — —

ווינט און רעגן

אויסטערלישע רעגנס זענען דאָ, ווינטערצייט, אין ארץ־ישראל. אַזוי אויסטערליש, ווי עס זענען דאָ די ווינטן.

יעדער ווינט האָט דאָ אַן אויסזען און מען קען אים אָנרופן מיט אַ נאָמען. זומער־צייט זענען זיי זעלטענע געסט און קומען איינציקווייז, ווי פאַרבלאָנדזשעטע. זיי בלאָנקען אַרום איבער דער שטאָט, פאַרפלאָנטערטע אין גאַסן און געפינען נישט קיין אַרויסגאַנג. פלאָטערן זיי, פלאָטערן, ביז זיי פאַלן אין אָנמאַכט און בלייבן דרימלען, ווי די בעטלער, אין מיטן גאַס. דאַן שטעלן זיך אָן לופטיקע מעת־לעתן מיט טרוקן־צעגליטע טעג און שטיקנדיקע נעכט. מעת־לעתן, וואָס כאַרכלען מיט אויסגעטריקנטע גאָרג־לען, פאַרשמאַכטע און פאַרחלשטע פון דורשט:

— כ־כ־כ־כ־אַמסין — — —

דערפאַר אין שפּעטן האַרבסט, קומען זיי מחנותווייז, ווי די שאַקאַלן. זיי טראָגן זיך דורך מיט יללה אויפן חורבן בית־המקדש און דערווייטערן זיך צוריק פון דער שטאָט, צום ים, צו די פּרדסים.

און ווינטערצייט טראָגן זיך די ווינטן, ווי וואַנדערנדיקע בעדואינער־שבטים. גאַנצענע משפחות. משפחות ווינטן מיט ווייב און קינד, מיט פעטער, מומע, זיידע און אייניקל... יעדע משפחה פליסטערט, פלאַפּלט און ברומט אויף איר שפּראַך. פאַרשיידענע קולות: עס בייזערן זיך זיידע־ווינטן, עס פּישטשען זיג־ווינטעלעך, עס וויען ווייבער־ווינטן, ווי זיי וואָלטן זיך ביי די האָר געריסן. קונדסים־ווינטלעך יאָגן זיך, שפּילן זיך אין פערדלעך: „וויאָאָאָ, וויאָאָאָ, וויאָאָאָ!‟ ווילדעוועץ, וואָיעוועץ און טאַטע־ווינטן באַפעלן:

— ששששוין, שששמייעט נישששׁ, ששששטיפּפּט נישששש!

און צערטלעכע ווינטיכעס בעטן זיך:

— לאָזזזז זזזיי, לאָזזז זזזיי,

זזזייער טסססייט!...

אַלטע ווינטן האָבן ליב תּכלית. לערנען זיי די יונגע ווינטעלעך, ווי אַזוי אַראָפּצוכאַפּן אַ קאַפּעליוש, אונטערצוהויבן אַ קליידל, אַ ריס טאָן אַ שאַליק פון האַלדז און אַ שטויס טאָן אין אַ פּלייצע...

אָט טראָגט זיך אַ מחנה הייסע חסידים־ווינטן, מיטן הייליקן צדיק פּאָרויס. דער צדיק בלאָזט פון זיך מער ווי אַלע... דער יחוס בלאָזט פון אים. אַ קלייניקייט: דאָס אייניקל פון אַלטן ווינט, וואָס האָט נאָך געקושט די סטרונעס פון דוד המלכס פידעלע... די חסידים־ווינטן שפּאַרן זיך נענ־טער צום צדיק. גבאים־ און שמשים־ווינטן שטויסן זיי אַוועק. נעמט איין ווינט אַ הויפן שמעק־טאַבאַק און רוקט עס אונטער אַ יונג ווינטעלע. צעניסט עס זיך:

— ההההאַ־ההההאַ־ההההאַ, ההאַפּטשי־י־י־ק! — און פלאַטערט אַוועק.

פון הנאה, צעפּאָנפּען זיך אַלע חסידים־ווינטן אין די געלבלעכע בערד.

קומט אָן אַנטקעגן אַ קאַלטע מחנה קלויסטער־ווינטן, מאָנאַכן און מנישקעס און פּאַכען מיט די גרויע מלבושים. דערזעענדיק די חסידים, קריצן זיי מיט די ציין:

— געקרייטססססיקט יעזזזוססססן! אַשששמדיססס זזזין!

— פּפּפוי! דער ששטן אין ווווועג! — פאַרנעמען זיך די חסידים־ווינטן אָן אַ זייט.

אין לאַנד פון אימפּעט, מי און פּראַצע, זענען אויך די ווינטן אַרבעט־זאַם. זיי קומען קיין מאָל נישט מיט ליידיקן. יעדער ווינט ברענגט מיט זיך עפּעס. ער שלעפּט עס אויף דער פּלייצע און צעשיט עס איבער דער שטאָט:

איין ווינט־משפּחה טראָגט הייסן, גליאיקן שטויב פון מדבר און שיט עס די מענטשן אין די פּנימער, אין די אויגן אַריין, אין מויל, אין די נאָזלעכער. נישט נאָר דער שטויב בריט, נאָר דעם ווינטס פאַרסאַפּעטער אָטעם איז אַ הייסער. עס גיט דיר אַ ברי, ווי דו וואָלסט פאַרבייגעגאַנגען

אַן אָפֿענעם אויוון פֿון אַ גלאָז־הוטע. די מענער־ווינטן זענען טרוקענע, די ווינטיכעס — צעפּאַרעט. און אַלע צוזאַמען זאָגן זיי:

— זזזעט: זזזאַמד... זזזיפּ זזזאַמד... זזזעק זזזאַמד... זזזעט, זזזעט...

אַ צווייטע משפּחה רייסט זיך אַריין מיט פֿרישער קילקייט און מונטערט דיך אויף, ווי מיט אַ פֿרישן טרונק קילן קוואַל־וואַסער:

— שששלינג... שששווענק... זשששליאַקע... פּפּפֿרישששש!...

איין משפּחה שלעפּט אין די פֿאַלעס דעם שכורנדיקן אַראָמאַט פֿון די פּרדסים, פֿון בשמים און נעגעלעך, פֿון פֿעלד־בלימלעך און בינשטאָקן:

— דופּפּפּט, זאַנפּפּפּט, געוווירצצצץ.

אַן אַנדער משפּחה, אַ פֿישער־משפּחה, ברענגט די געזאַלצנקייט פֿון ים, דעם גערוך פֿון פּולע, זילבער־באַשיפּנטע נעצן, פֿון ים־געוויקסן, פֿון שיפֿן דערטרונקענע, פֿון אַלץ, וואָס פֿוילט אין וואַסער און שימלט ביי די ברעגן.

און טעג זענען דאָ, ווען ווינטן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן: געלע, גרויע, טונקל־בלויע און דורכזיכטיק־בלאַסע, טרוקענע און נאַסע, הייסע און קאַלטע, קומען זיך צוזאַמען אויף איין מאָל, פֿון אַלע עקן לאַנד, אויף אַ ווינטן־יאַריד. יעדער מחנה צעשפּרייט זיך, צעכראַסטעט זיך, וויל פֿאַר־נעמען וואָס מער פּלאַץ, אויף צום צעלייגן זיך און צעשיטן זיך מיט דער סחורה. רייסט זיך אַריין אַן אַנדער מחנה מיט רוגזה און עס ווערט אַ מלחמה:

— וו־וו־וואַי, וו־וואַינאַ!־!־!

איין ווינט פֿאַלט אַרויף אויף אַ צווייטן און קייקלט זיך מיט אים אי־בער דער גאַס. עס לויפֿן נאָך די משפּחות פֿוןביידע צדדים מיט גע־פּילדער:

— פּפּפּלי־י־יק!

— פּפּפּראַסססקע!

— שששטי־י־יק!

— פּפּפּליאַסססקע!

איין ווינט בויקערט דעם אַנדערן אין די זייטן. צוויי ווינטן יאָגן זיך אַוועק באַזונדער מיט צעכראַסטעטע פֿאַלעס. דער צווייטער כאַפּט דעם ערשטן און שלעפּט אים צוריק...

— פפפאַרוווואָססס? פפפאַרוווועץ?
— שששוין, זזזאָל זזזיין שששלום!
אין מיטן טומל, לויפט אַ מלמד־ווינט נאָך אַ שטיפערל. ער כאַפּט אים ביים ארבע־כנפות און דרייט אים אָן די אויערן. דאָס ווינטעלע וויינט:
— ווי־ווי, ווי־ווי!
דער מלמד העשעט:
— ששששיגאַטססס!...
אַ בלינדער ווינט מיט זיבן פאַלעס טאַפּט מיט צעשפּרייטע הענט און בעט זיך:
— שששענקטססס עפּעססס פפפ׳ש־ש־שבתתת!
אַ יונגער היציקער ווינט, מיט אַ צעשויבערטער געלער גריווע, שוש־קעט עפּעס אַריין אַ בלאָנדער ווינטעליכע אין אויער אַריין און גיט זי וויל־ווינטלעריש אַ קיצל אונטערן אָרעם. די ווינטעליכע פּלאַטערט אויף מיט אַ געלעכטערל און אַנטלויפט. ער — נאָך איר. זי שפּרינגט אַריין און צעהוידעט זיך אין אַ ווייס נאַכט־העמד, וואָס הענגט אויף אַ באַלקאָן. און ער, נעבן איר, — אין אַ פּאָר לאַנגע גאַטקעס. וויגן זיי זיך און קוועלן און פּעטשלען זיך איינער דעם אַנדערן מיט אַן אַרבל פון העמד און מיט אַ ליידיקן גאַטקע־פוס...
צוויי שטיפערלעך זעצן זיך רייטנדיק אויף אַ שטיק בלעך פון אַ דעכל און קלימפּערן:
— האַפּצאַצאַצאַ, האַפּצאַצאַ!
אַ מאַרקזיצערין־ווינט צעיאַכמערט זיך:
— כאַפּטססס דעם יאַוו־וו־וו־ן! זזזלאַדזשעי!
אַלע ווינטעכעס — אין כאָר:
— וווווו־ו?
— וווווער?
אַ כאַפּטע ווינטן גיבן זיך אַ יאָג און ביי אַ ראָג כאַפּט ֿמען אים.
— שששמייסססן! צצצעררייסססן!
— דוירעססס! מעימעסססן!
און פּלוצלינג, אַ טופּען פון פלינקע אַראַבישע פערד. עס יאָגן זיך נקמה־שבטים איינער נאָכן אַנדערן. איין ווינט האָט אַרויסגעכאַפּט פון א

פּרעמדן האַרעם אַ ווייב, טראָגט ער זיך מיט איר גאַלאָפּ אויפן ערשטן פערדל. נאָך אים, פליען צעהיצטע אַראַבער־ווינטן מיט אַ יעלה:

— יאַללאַ! אַללאַה! הלאַה!

— הללאַה! יאַללאַ! אַללאַה!

אַ צווייטע מחנה רייטער קומט אַנטקעגן, פאַרצוימט דעם וועג און צעפּאַכעט מיט בליציקע שווערדלעך. רייטער שפּרינגען איינער איבערן אַנדערן. צעפליען זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען און קומען צוריק. זיי זוכן אין אַלע ראָגן, נישטערן אין אַלע ווינקעלעך. פּראַלן אויף און פאַר־טראַסקען טיר און פענצטער, רייסן אָפּ דעם ברעזענט פון אַן אויטאָ, צע־שטויסן, צעשטופּן, פאַריאָגן די מענטשן פון גאַס...

הייסע ווינטן, קאַלטע ווינטן, טרוקענע, נאַסע, פאַרנע, שטויביקע; — איין געווירבל, איין געדריי:

— אַללאַה! הללאַה! יאַללאַ! העי!

— ווו?וויו! —

— וויו! ווו? —

— וויוגע!

געכאַפּט! געכאַפּט דעם יונגן ווינט מיט דער אַרויסגעגנבעטער ווינטע־ליכע פון פרעמדן האַרעם. געכאַפּט! געכאַכאַכאַפּט!!!

צוויי רייטער יאָגן זיך אויף פלינקע פערד פאַרויס. ער און זי שלעפּן זיך נאָך געבונדענע, אויף דער ערד. מחנות רייטער — נאָך זיי. און אַלע טראָגן זיי זיך פלוצלינג אָפּ, גאַליאָפּ, האָפּ־האָפּ! אין איין ריכטונג:

— יאַללאַ! אַללאַה! הלאַה! העי! —

און שטיל. אַ שטילקייט, ווי אין אַ זומערדיקן כאַמסין־טאָג. נישט קיין ווינט און נישט קיין רעגן. אַפילו נישט קיין לופט צו אָטעמען. גאַסן זענען צעפּראַלט, ווי מיילער, וואָס ווילן גענעצן און קענען נישט. אַ צעגליטע, פאַרגליווערטע אומבאַוועגלעכקייט.

אויף דער ערד וואַלגערן זיך הרוגים־ווינטן, ווי נאָך אַ שלאַכט. קיי־נער קומט אַפילו נישט באַגראָבן די געפאַלענע.

אַ שטיקנדיקייט, נאָר צום פאַרקייכן זיך!

— לופט! לופט!

— ווען עס גיט כאַטש אַ טראָפּ אַ רעגנדל!

יצחק פערלאָוו

נאָר די וואָלקנדלעך אַליין זענען ערשט ווי דורשטיקע, פאַרשמאַכטע לעמער, וואָס דרימלען אויפן הימל, ווי אויף אַ זאַמדיקן געלבלעכן מדבר.

***

דער רעגן קומט דאָ נישט, ווען מען וויל. ער וואָלט דווקא געקומען דאַן, ווען מען וויל נישט. נאָר ווען וויל מען דאָ נישט?...

און פונקט ווי די ווינטן, אַזוי אויך די רעגנס קומען דאָ נישט אַליין, נאָר משפחהווייז, מחנהווייז. צענדליקער רעגנס מיטאַמאָל. עס פאַלן גרויסע, קיילעכדיקע, שווערע טראָפּנס און לייכטע, לענגלעך־שפּיציקע, וואָס „דריי־ען זיך קאָקעטיש אויפן קאָריק"... און צווישן זיי, איז אַ געזיפּ פון פּי־טשינקע, געדיכטע טראָפּנדלעך, וואָס גיסן זיך צוזאַמען כל־הנערים אין איין שטראָם.

עס זענען דאָ מבולדיקע רעגנס, וואָס פליִצן פון הימל גלייך אויף דער ערד אַראָפּ, ווי אַ פליוכען פון צעפּלאַצטע פעסער. אָט ווי דער הימל וואָלט, פון לאַנגער זומער־היץ, צעטריקנט געוואָרן, צעטרעשטשעט און צעפּלאַצט, און פון ריזיקע לעכער און שפּאַלטן כליאָפּעט עס איצט און גיסט מיט מאַסיווע, האַסטיקע שטראָמען.

און עס זענען דאָ רעגן־מחנות באַלכסונדיקע, פון פאַרשידענע ריכ־טונגען. איין רעגן שניידט זיך אַריין אין אַנדערן און גיבן צוזאַמען אַ גאָס אויף צעפּאַרעטע לייבער: הייסע שטראָמען, קאַלטע שטראָמען, האָגלדיק־פּויקנדיקע טראָפּנס און שפּילקעס־שטעכנדיקע.

און אַז די רעגנס קומען שוין, אַרט זיי נישט, צי דער הימל איז פאַר־כמאַרעט, אָדער עס שיינט די זון... דער ארץ־ישראל־רעגן איז חוצפּהדיק, ווי אַ סאַברע. לאַכט ער צו דער זון:

„ווילסט זיך שיינען? — שיין! און איך וועל סיי־ווי רעגענען... אַנישט האָסטו אַ ברירה זיך צו פאַרשטעלן דאָס פּנים מיט אַ כמאַרע"!...

און די זון שמייכלט גוטמוטיק צוריק:

„גיס, כליאָפּע, ס'אַרט מיך נישט!... איך בין דאָך פון אויבן"...

פאַרדריסט עס דעם רעגן. נעמט ער זיך צו הילף דעם מדבר־ווינט. און דער מדבר־ווינט איז נישט פויל. ער כאַפּט אַ כמאַרע מדבר־שטויב און גיט עס אַ שיט גלייך דער זון אין פּנים אַריין:

„קוק נישט, ווו מען דאַרף נישט"!...

איז אַ שפּיל פון זון און רעגן, שטויב און רעגן. שטראַלן, שטויב און רעגן־שטראָמען...

צום ערשטן קומען אויסרייטער: איינציקע, האַסטיקע טראָפּנס, וואָס מאכן דעם וועג פאר די אָנקומענדיקע מחנות. זיי טאַפּן אויס דעם אַספאַלט, דאָס פעלד, די דעכער און טראָטואַרן, קלאַפּן אָן אין טיר און פענצטער. און אַז מען ענטפערט נישט, צעפּויקן זיי זיך שנעלער, האַסטיקער, ווי פלינקע פינגער אויף שרייב־מאַשינקעס, ווי טעלעגראַף־מאַשינען, וואָס גיבן צו וויסן: טראָפּ־טראָפּ, טיק־טאַק, שנעל־שנעל, גרייפט־אָן!

גיט עס א שפּאר פון אלע זייטן מיטאַמאָל, ווי חיילות וואָס ווילן פאַר־כאַפּן אַ לאַנד. גרייפט־אָן א באַלכסונדיקע מחנה פון מזרח, קומט באַלד אָן אַ קעגנערישע פון מערב. איין רעגן וואַרפט זיך אויף דעם צווייטן „נאַ שטיכי"! ווערט אַ געראַנגל אויף דעכער, טראָטואַרן אוןברייטן אַס־פאַלט. אויף באַאַרבעטע פעלדער, אויף זאַמדיקע מגרשים און אויף גע־דיכטע מאַראַנצן־ביימלעך אין די פּרדסים. איין רעגן פאַלט אויפן אַנדערן און פאַרפּלייצט אים. און שווין אויפן אַספאַלט, צעשטראָמען זיי זיך אין האַסטיקע כוואַליעס. אַ כוואַליע שפּרינגט איבער א כוואַליע. איינע יאָגט דער אַנדערער. אַ שטראָם רייסט זיך רעכטס און א שטראָם רייסט זיך לינקס. צוויי כוואַליעס קומען זיך אָנגרייפעריש אַנטקעגן, טרעפן זיך צו־נויף, צעשפּריצן זיך און גייען אָפּ אין טונקעלע שטראָמען.

צעאַקערטע פעלדער אָטעמען אָפּ. פעלדער באַהעפטן זיך מיטן רעגן, זאַפּן אים איין, ווי דעם זאַפט און סוד פון לעבן. יעדעס שטראָמל טראָגט מיט זיך באַפרוכפּערונג און גליק. ערד ווערט ווייך און נאָכגיביק מיט דער גרויסער פרייד כמשוש חתן על כלה... די ערד צעריחט זיך מיטן איינ־טימען גערוך פון פאַרשוואַנגערטקייט, פון רייפער ערב־מוטערשאַפט... פּרד־סים־ביימלעך בויגן זיך שעמעוודיק, מיט צניעות פון יונגע ווייבלעך, וועלכע טראָגן שוין אַ סוד... זיי שעמערירן מיט זילבערנע טראָפּנס אויף די גרינע קרויזן און שעפּטשען און מורמלען צווישן זיך... נאָר זאמדיקע

שטחים פאַרכמורען זיך, ווי עקרות און שטויבן פון זיך אַ דומפּיקייט פון פאַרדאַרטער, איינגעסאָכניעטער אַלט־מוידישקייט. צעהיצטע דעכער און אַספאַלטן צעפּאָרן זיך אין דער ערשטער רגע מיטן געררוך פון אַ שוויץ־באָד. אָבער באַלד ווערן זיי אָפּגעקילט און צעגלאַנצן זיך און צעשמייכלען זיך מיט צופרידנקייט: „שווענק, וואַש, דערפריש"!...

גיסט עס אַ טאָג און דריי און פינף. אַ וואָך, א חודש און מער.

ווערן ביימלעך צעווייקט, ווי צעפּאטלטע, וואָכעדיקע ווייבער, וועלכע ווינען שוין לאַנג נאָך די האָניג־חדשים און אָנשטאָט וועגן ליבע־סודות, רעדן זיי שוין וועגן א געשמאָלצענער גריץ און קינדער־קרענקעלעך... די ערד איז שוין איבערגעזעטיקט מיט גליק. דאָס גליק איז שוין מער קיין גליק נישט. עס אז שוין אָפּקומעניש... עס איז שוין דאָס, וואָס מען דאַרף שוין זוכן אן עצה קעגן דעם... נאָר די ערד איז הכנעהדיק. דער רעגן האָט איר מקדש געווען, איז זי צנועותדיק, גוט און פרום און שוויגט: פאַרפאַלן, זאָל ער הוליען. זי דאַרף עס נישט. נאָר אַ ברירה האָט זי?...

און דער רעגן איז דווקא אַ חשקדיקער. ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער ערד אן אויסגעבענקטער, נאָך אַ לאַנגן זומער נישט זען זיך און ער קען זיך פון איר נישט אָפּרייסן...

אָבער דאָ פאַלט פּלוצלונג אַריין די זון אַ צעשמייכלטע:

„בו, געגנוג שוין... געגנוג שוין... שעם זיך פאַר אַ גאַסט"...

פאַרשעמט ער זיך טאַקע, דער רעגן און ווערט אויסגערונען...

און די ערד צעשמייכלט זיך מיט טויזנט רייץ און מיט טויזנט חנען. מיט דופטיקייט און לופטיקייט, מיט לוסט און הנאה פון זיך אליין...

ברידער

אכט מעת־לעת האָט זיך דאָס קליינע, גריכישע שיפל „דאָלאָרעס" גע־הוידעט איבער די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים, פון מאַרסעל ביז חיפה.

די דריי הונדערט און פופציק עולים זענען באַשטאַנען, אין גרעסטנ־טייל, פון „עקזאָדוס־יידן". דאָס הייסט: מעפּילים, וועלכע זענען שוין, מיט אַ יאָר צוריק, געווען אין חיפה, מיט דער שיף „יציאת אירופה תש"ז" („עקזאָדוס 1947"), פון וואַנען מען האָט זיי, אויף קאַצעטישע גירוש־שיפן, צוריקגעשלעפּט אין גלות־אַריין: צום ערשט — אין פראַנצויזישן פּאָרט דע־בוק און נאָכדעם, — דורכן גיבראַלטאַר, צוריק קיין דייטשלאַנד. און נאָכן בלוטיקן אויסלאָדן זיי אין האַמבורג, זענען זיי צוריק פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַלט־באַקאַנטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

יעצט, אין די ערשטע וואָכן פון דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, פאָרן זיי שוין לעגאַל. די געוועזענע מעפּילים זענען שוין איצט נאָרמאַלע עולים מיט פּעסער און יידישע וויזעס...

אויפן ים פאַרפאָלגן זיי שוין מער נישט קיין קרייצערס. דער ברי־טישער קריגס־פלאָט האָט שוין מער נישט קיין שליטה איבער זיי... עס איז נישטאָ מער די געפאַר פון אַ בלוטיקער שלאַכט אויף דער גרענעץ פון די טעריטאָריעלע וואַסערן... — אָ, ניין! יידן פאָרן היינט פריי צו זיך אין לאַנד־אַריין, ווי פראַנצויזן — קיין פראַנקרייך!... ווי ענגלענדער — קיין ענגלאַנד!... ווי אַמעריקאַנער — קיין אַמעריקע!... פריי און זיכער, ווי זין פון אַ נאָרמאַל פאָלק... ווי בירגער פון אַן אייגן לאַנד!...

זענען אלעמענס געמיטער לייכט און צעזונגען... מען זינגט פון זון־אויפגאַנג ביז שפּעט נאָך זון־אונטערגאַנג; — א שיף מיט געזאַנג שווימט צום מזרחדיקן האָריזאָנט... און ים־פיש שפּרינגען־אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, שטעקן אַרויס די קעפּ און קוקן פאַרוואונדערט...

צו גליק און צו אומגליק איז קיינמאָל נישטאָ קיין גרענעץ. צווישן די אומגליקלעכסטע, איז שטענדיק דאָ איינער, וועלכער איז אומגליקלעכער פון אַלע. און צווישן די גליקלעכסטע, איז שטענדיק דאָ איינער, וועלכער איז גליקלעכער פון אלע... דאָס מאָל, אויף דער פריידיק־צעזונגענער שיף „דאָלאָרעס", איז דער גליקלעכסטער עולה — דער שלאָנקער, קוטשעראווער זעליג וויינגאַרטען, מיט זיין שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל מרים און זייער עלף־יעריק טעכטערל שרהלע. אלע זענען זיי מקנא: זעליג וויינגארטען האָט אַן אייגענעם, א לייבלעכן ברודער אין תל־אביב!...

אַלע ייִדן זענען דאָך ברידער!... דער גאַנצער ישוב וואַרט דאָך אויף זיי, אויף די פּיל־געפּרוווטע און געליטענע. די סוכנות וועט זיי אויפנעמען און העלפן זיך איינאָרדענען! דאָך... עס קומט נישט צו אַן אייגענעם, אַ לייבלעכן ברודער, אַן איינציק־לעבנגעבליבענעם פון דער משפחה, מיט וועלכן מען האָט זיך שוין נישט געזען אַ יאָר צען און נאָך וואָס פאַר אַ יאָר צען!...

ווער עס האָט נישט קיין קרוב אין לאַנד, דער וועט דאָך פאָרט מוזן ליגן וואָכנלאַנג אין אַ בית־עולים און וואַרטן... אָבער פאַר זעליג וויינגאַרטענען, האָט שוין זיין ברודער זיכער אַלץ צוגעגרייט! און אפילו ווען נישט צוגעגרייט, — איז דאָך דער ברודער אַליין דאָ! אַ קלייניקייט: היינטיקע צייטן צו פילן, אַז דו ביסט נישט עלנט, אַז דו האָסט א ברודער!... ווער פון די דריי הונדערט און פופציק עולים, האָט עס נאָך א ברודער אויף דער וועלט? — — —

זענען שוין אַלע נייגעריק: ווי וועט עס אויסזען, אָט די ברידערלעכע באַגעגעניש? אַ יונגערמאַן וועט שטיין אין פּאָרט און אויסשרייען דעם נאָמען צו דער שיף אַרויף?... זיי וועלן זיך אַרומנעמען?... צעקושן... לאַכן, אָדער וויינען?... —

אַז שוין באַלד אַ יאָר צענדליק, ווי דאָס געפיל איז פרעמד! מען האָט עס שוין פאַרגעסן און זיך אָפּגעוווינט דערפון... אַז אַזעלכע פּאַסירונגען

פּאַסירן כמעט נישט... אַז באַגעגענען אַ לייבלעכן ברודער איז געוואָרן ווי נישט קיין ייִדישע זאַך!... און טרעפט עס שוין יאָ אַמאָל, איז טאַקע יענער זעלטענער — אַ יחסן! אַן אויסדערוויילטער פון גאָט און פון לייט. און אַלעמענס בליקן גלעטן אים מיט דרך־ארץ:

— ער האָט אַ לייבלעכן ברודער!...

זעליג ווײַנגאַרטען שטייט ביים באָרט א צעשמייכלטער. זיין פרוי און טעכטערל זיצן נעבן אים מיט ווירדע. א שטאָלצקייט פון אויסדערוויילטע, וועלכע האָבן אין לאַנד אַ שוואָגער, אַ פעטער... זיי רעדן עס טאַקע איצט מיט די שכנות וועגן דעם. באַווייזן פאָטאָגראַפיעס, דערציילן וועגן זיינע לעצטע בריוו. וואַרימע בריוו. האַרציקע בריוו. ער שרייבט, אז זיי זאָלן זיך גאָרנישט זאָרגן, נאָר אָנקומען בשלום! אַז ער מיט זיין פרוי און זונעלע וואַרטן שוין מיט אומגעדולד און בענקען...

זעליג שמייכלט אין ים־אַריין און דער ים שמייכלט צוריק צו זעליגן. פון די כוואַליעס טויכט אַרויס דאָס געזיכט, דאָס גאַנצע געשטאַלט פון לייבלען, פון זיין ליבן ברודער... אַריבער צען יאָר אים נישט געזען. אַוועק־געפאָרן כמעט אַ ייִנגל! ער דערמאָנט זיך זעליג, ווי אין יאָר 1938 האָט ער לייבלען אָפּגעשיקט קיין ארץ־ישראל. צום באַן באַגלייט און עפּעס געלט מיטגעגעבן. אויך שפּעטער, ווען עס זענען געקומען פון אים נישט קיין פריילעכע בריוו, אַז ער איז אַרבעטלאָז, האָט ער אים עטלעכע מאָל געלט געשיקט. ער האָט דעמאָלסט נישט געטראַכט זעליג, אז דאָס איז אַ „שלח לחמך על המים"...

ער וועט אים איצט אויך נישט פאַלן צו לאַסט, לייבלען. כאָטש פון די אַלע גיהנומס, וואָס ער איז אַדורך מיט ווייב און קינד (און מיטן „עקזאָ־דוס" אַלס צולאָג), איז זיין געזונט נישט אזוי איי־איי־איי... אָבער דער־נערן די דריי מיילער, וועט ער נאָך בכוח־זיין!...

עס גייט נאָר אין דעם ערשטן ברודערלעכן שלום־עליכם... אין משפּחהדיקער וואַרעמקייט און זאָרגפעליקייט. א גוטע עצה און טאַקע דער ערשטער פּונט אין קעשענע... עס מוטיקט און מונטערט אויף אַ גרינעם, אין אַ נייער מדינה... — — —

און אזוי איז עס טאַקע געוועזן:

ווי נאָר די שיף האָט געאַנקערט אין חיפהער פּאָרט, האָבן די דריי הונדערט און פופציק עולים, דערהערט א שטים פון ברעג:

— זעליג!!! ווײנגאַרטען! זעליג!!! ווײנגאַרטען!!!

אַלעמענס בליקן האָבן זיך געריסן צום ברעג. אַלעמענס שוואַרצאַפּלען זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט פערלמוטערנע בעלמעס און מוטנע שטראָמלעך האָבן זיך צעפלייצט איבער בלייכע, דאַרע קינבאַקן...

דורך די טרערן, ווי דורך אַ נעפּל, האָבן זיי געזען אַ שלאַנקן, ברונעטן יונגערמאַן אַרומלויפן לענגאויס דער שיף. נאָך אים, איז נאָכגעלאָפן א בלאָנדע, דיקע פרוי, פון נידעריקן וווּקס און אַ ניין־צען יעריק ייִנגעלע. אַלע —יום־טובדיק אָנגעטון מיט שײנענדיקע געזיכטער. אלע האָבן זיי אַרויפגעקוקט צו דער שיף און אַרויפגעשריגן:

— זעליג!!! ווײנגאַרטען! ווײנגאַרטען!!! זעליג!!!

און ביי זעליגן מיט ווייב און קינד זענען די קעלן פאַרשטיקט געוואָרן, נישט צו ענטפערן אַ וואָרט... די הענט ביי זיי האָבן מאָדנע געציטערט... זיי האָבן געזוכט די רענצלעך און דעם וועג צום אַראָפּגאַנג, פּלאָנטערנדיק שיכור מיט די פיס... דאָס האָבן שוין אַנדערע עולים אַראָפּגעשריגן פאַר זיי:

— זיי זענען דאָ! זיי זענען דאָ! זיי גייען!...

יאָ: די ברידער האָבן זיך אַרומגענומען... זיך לאַנג און קראַמפּהאַפט געדריקט, געקושט און געוויינט... און די שוועגערינס האָבן זיך געקושט און די קינדער, דאָס גלות־מיידעלע מיטן סאברע־ייִנגעלע, האָבן זיך שעמעוודיק געגעבן די הענט...

און ביי דריי הונדערט און פופציק עולים איז געוואָרן ביטער אין די בעזער... און ווי אַלע וואָלטן זיך פלוצלונג פאַרקילט און געקריגן א קאַטאַר, — עס האָבן זיך צעפּלאַטערט נאָז־טיכלעך, מען האָט זיך צעשנייצט, צעהוסט און צעכליפּעט...

און שפּעטער, שוין וואַרטנדיק אין דער ריי, אויף די טראַנספּאָרט־מאַשינען, אָפּגעפירט צו ווערן אין בית־עולים, האָבן זיי געזען:

די גליקלעכע ברידער, שוועגערינס און קינדער, זעצן זיך אַריין אין אַ שיינער, גלאַנציקער טאַקסי און פאָרן אָפּ...

— א ברודער... א לייבלעכער ברודער!...

*****

נאָך וואָכן פריער, איידער לייבל האָט דערהאַלטן די טעלעגראַמע פון זעליגן, אז ער פאָרט ארויס דעם־און־דעם טאָג, מיט דער שיף „דאַלאַרעס", האָט שוין זיין ווייבל שושנה געפּיבערט:

— פאַרוואָס קומען זיי נישט? אַלע טאָג קומען שיפן מיט עולים און זיי זענען נישטאָ! אפשר פאָרן זיי גאָר קיין אמעריקע?

— ניין! — האָט לייבל פארשריען דעם „קיין אמעריקע", ווי אַ זאַך, וואָס קען דווקאָ גריילעך יאָ פאַסירן... — ווּעמען און וואָס האָט ער דען אין אַמעריקע?!

— וואָס־זשע זיצן זיי דאָרטן, אין די דייטשע לאַגערן? זיי ווילן דווקאָ זיין פון די לעצטע?

— אפשר קענען זיי נאָך נישט? אפשר לאָזט זיך נישט!

— און אפשר לוינט עס זיי?...

לייבל פארשטייט, וואָס שושנה מיינט און ענטפערט פארדראָסיק:

— אויב עס לוינט זיי, טאָ זאָל זיי זיין צו געזונט!... אַז זיי וועלן קומען נאַקעט און באָרוועס, וועט דען זיין בעסער? דו וועסט זיי געבן?

— ווער זאָגט דען? — פאַרענטפערט זיך שושנה — איך ווונדער זיך נאָר, פאַרוואָס זיי קומען נישט!...

לייבל איז אין דער היים געווען דאָס אויסגעצערטלטע מוזיניקל. ער האָט שטענדיק באַקומען זיין טאַשן־געלט און קיינמאָל נישט געוווּסט ווי מען פאַרדינט עס, ווי שווער עס קומט־אָן... און ווען ער איז אונטערגע־וואַקסן און אין שטוב איז געקומען אַ שטיקל קריזיס, האָבן טאַטע־מאַמע זיך לאַנג גענומען מיישב זיין, וואָס פאַר אַ פאַך צו לערנען לייבעלען. זיי האָבן אַזוי לאַנג געטראַכט און זיך געישובט, וואָס פאַר אַ פאַך עס וועט פאַר אים זיין אינטעליגענטער און לייכטער, ביז ער איז געבליבן ביים אינטעליגענטסטן און לייכטסטן: אָן אַ פאַך... און דערפאַר איז אים טאַקע די גאַנצע צען יאָר אין לאַנד אַזוי שווער געווען. אינטעליגענטיש־שווער. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אָן עלנטער, אַן אַרבעטלאָזער, אַ הונגעריקער, מיטן טאַטנס יחוס און זיך נישט געהאט אפילו פאר ווּעמען צו באַקלאָגן. שפּעטער אַפילו, ווען ער האָט שוין געהאט חתונה־געהאַט מיט שושנהן,

האָבן בײדע שווער געהאָרעוועט. און בײ הײנט צו טאָג, האָבן זײ זיך קוים דערהאָרעוועט צו א שטיקל דירה. די מעגלעכקײט פון זעליגס קומען אין לאַנד אַרײַן האָט אים אויפגעמונטערט. ער וועט שוין מער נישט זײַן אַזוי עלנט און הילפסלאָז. זעליג איז אַן עלטערער ברודער און אַ געטרײַער, האַרציקער ברודער. און ער האָט טאַקע אדורכגעמאכט שוידערלעכע גהי־נומס, אָבער ער איז דאָך אַן ענערגישער און לעבנס־דערפאַרענער מענטש. ער וועט גיך אָנבינדן אַ קאָנטאַקט און זיך שטעלן אויף די פיס. און אפשר וועט ער, לײבל, אויך דורך אים געהאָלפן ווערן... צו מודה־זײַן און רעדן וועגן דעם אָפן, שעמט ער זיך. אָבער אין זיך, טראַכט ער ,אז שושנה איז גערעכט: די נײַע עולים ווערן אויפגענומען דורך דער סוכנות. מען אָרדנט זײ אײַן. ווען מען בעסער, וועמען ערגער. נאַטירלעך, ווער עס האָט פּראָטעקציע, דער ווערט שנעלער און בעסער אײַנגעאָרדנט. מען גיט זײ וווינונגען אין די פון אַראַבער־פאַרלאָזטע מקומות, ווי יפו, גיבליה, נווה, סלמה. מען גיט זײ אַ רשיון אויף אַ קראָם, אויף אַ וואַרשטאַט. אַ ביסל מעבל און אַ הלוואה. זײ קומען טאַקע ווי פון יענער וועלט, אָבער ווערן שנעל אויפגעריכט. זאָל נאָר זעליג נישט פארשפעטיקן און קומען בא־צײַטנס! כל־זמן עס זענען נאָך דאָ דירות און געשעפטן אין יפו...

לײבל דערלויבט זיך עס שעמעוודיק בלויז צו טראַכטן אין זיך. דער־פאַר אָבער, זײַן פּראַקטישע שושנה, רעדט עס אָפן און קלאָר. די ביטערע יאָרן צרות און נויט רעדן פון איר. און די האָפענונג פון קאָרטנשפּילער, וועלכער שטעלט דעם לעצטן גראָשן אויף א צוויפלהאפטער קאָרט...

לײבל קומט פון בנין־אַרבעט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אַ פון־זון־און שווײס־פאַרברענטער. ער נעמט א קאַלטן דוש, פארצערט דעם נאכטמאַל און שוין מיט פארקלעפּטע אויגן, דערשלעפּט ער זיך קוים צום בעט. אָבער שושנהן שלאָפט זיך נישט. די אויפגעוואַכטע האָפענונג צאַפּלט זיך אין איר, ווי אַ קינד אין נײַנטן מאָנאַט... שטורכעט זי לײבלען און לאָזט אים אויך נישט שלאָפן:

— הערסט, לײבל... אַז ער וועט קומען, זעליג, און האָבן שכל, נעמט ער אין יפו א וווינונג צוזאַמען מיט אַ געשעפט...

— ער נעמט... אַז מען וועט אים געבן!... — רײַבט זיך לײבל די אויגן.

— ס׳הייסט, מען וועט אים נישט געבן? אַ מעפּיל פון „יציאת אירו־פּה"! — רעגט זיך שוין שושנה אויף, — אַז אַלעמען גיט מען דאָך!

— נו, אַז מען וועט אים געבן, וועט ער זיכער נעמען...

— איז מיין איך, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט עפענען אַ רעסטאָראַן, אַ קאַפע, אָדער גאָר אַ מכלת (שפּייז־געוועלב)... כ׳ווייס... אפשר מיר אויך, אין זיין זכות... כ׳מיין מאַכן בשותפות... מיר וואָלטן אַלע געאַרבעט צוזאַ־מען און אויסגעאַרבעט עפּעס אַ לייטיש געשעפט!...

— נו־נו... לאָז דערווייל שלאָפן!... איך חלש שלאָפן!

— שלאָפן־פּאָפן! פאַרשוואַרצטער פּועל! ווי לאַנג מיינסטו, וועסטו נאָך קענען אַרבעטן אויפן בנין? זיין אויסגעשטעלט אויף יעדן קריזיס? היינט בויט מען יאָ, היינט בויט מען נישט! אויסבעטלען ביי דער לשכת־עבודה אַ טאָג אַרבעט! אַן אייגן געשעפט איז גאָר עפּעס אַנדערש, ס׳איז אייגנס!... באַלעבאָס פאַר זיך!... אַלע רעסטאָראַנשטשיקעס און מכלתניקעס זענען שטיין־רייך! אייגענע הייזער בויט מען זיך!

— וואָס איז איצט דאָ צו רעדן? זאָלן זיי נאָר קודם־כל קומען בשלום! — איז לייבל נערוועז פון דעם כסדרדיקן איבעררייסן אים דעם שלאָף, און אומצופרידן פון שושנהס פּראַקטישע חשבונות, אָן מינדעסטן משפּחה־סענ־טימענט. — זאָל ער נאָר קודם־כל אַליין קריגן אַ שטיקל געשעפט. ער האָט גענוג געליטן! און דו, לאָז מיר שלאָפן, לאָז מיר! איך מוז אויפשטיין האַלב־זעקס פאַרטאָג!

— אמת טאַקע, ער האָט געליטן! — ציט שושנה עקשנותדיק ווייטער— און דו האָסט ווייניק געליטן?? איז וואָס, אַז מען מאַכט שותפות? איר זענט דאָך ברידער, ניין? — און מיט אַ פאַרכריפּעט, האַלב־וויינענדיק שטימעלע:

— לייטן ווערן דאָ געהאָלפן! עס קומט אַן עולה־חדש, אַ שטיקל ווייטער קרוב, פערד־פּאָדקעוועס אַן אייניקל! נעמט מען אַ געשעפט, מען מאַכט שותפות און אַלע לעבן צופרידן. און דו, שלים־מזל מיינער, וועסט שוין פאַלן פון אַ זון־שלאַק אויף אַ בנין און איבערלאָזן מיך אַ וויסטע אלמנה מיט אַ יתום! האָסט אונדז פאַרזאָרגט? — ווישט זי זיך די טרערן — און אַ וואָרט לאָזט ער זיך אויך נישט זאָגן! ביי לייטן, מענער וועלכע קענען נישט געבן קיין פּרנסה, זענען צופרידן, אַז די ווייבער העלפן טראַכטן און זאָרגן. אַז צוויי קעפּ טראַכטן, איז פאָרט בעסער, ווי איינער, וואָס טראַכט

גאָרנישט!... און וואָס איז? וואָס צינדסטו זיך אַזוי אָן? מיר גייען אים עפּעס באַעוולען, דיין בראַטאַק? וואָס?

— ווער צינדט זיך אָן? ווער רעדט וועגן באַעוולען? — בעט זיך שוין לייבל רחמים. — אָבער ער איז דאָך נאָך נישטאָ!... ער האָט דאָך נאָך נישט קיין געשעפט!...

— אָבער רעדן קען מען דאָך! טראַכטן באַצייטנס!...

— ווילסט טראַכטן באַצייטנס, טראַכט! נאָר מיר לאָז שלאָפן! — דרייט זיך לייבל אויס אַ בייזער, מיט דער פּלייצע צו שושנהן און הויבט אָן שנאָרכן.

און שושנה ליגט מיט אָפענע אויגן צום סופיט און טראַכט. זי טראַכט באַצייטנס... זי זעט זיך שוין אין אַן עלעגאַנטער קאַפע, צוזאַמען מיטן שוואָגער און שוועגערן... מען דערלאַנגט צו די טישלעך און מען לייזט געלט... זי קריגט זיך נישט מיט דער שוועגערן. פאַרוואָס זאָל זי זיך קריגן? אַז פּרנסה איז דאָ!... דאָס געשעפט איז אַ שיין געשעפט, אין סאַמע צענטער פון יפו, אויף דער קינג־דזשאָרזש־גאַס, קעגנאיבער דעם קינאָ „יפור"... דאָס געשעפט שטייט איצט אַ הפקרס, און וואַרט מען זאָל עס נעמען. עס בעט זיך פּשוט!... איי, שלים־מזלען! לא־יוצלחס! פאַרוואָס קומען זיי נישט? מ'עט דאָך פאַרשפּעטיקן, מ'עט עס אויסכאַפּן!

— לייבל... דו שלאָפסט?... ווי מיינסטו? מען דאַרף עפּעס האָבן אַ סך געלט אַריינצולייגן אין אַזאַ געשעפט?...

— האַ, וואָס?! — רייסט זיך לייבל אויף אַ צעטומלטער — טפו, צו מיינע שונאימס קעפּ! וואָס פאַר אַ געשעפט?

— נו, אַ קאַפע... אַ מסעדה!...

שושנה, האָב אויף מיר רחמנות! לאָז מיר כאַפּן אַ דרימל! געוואַלד, ווי אומגליקלעך איך בין!

— אומגליקלעך איז ער, נו!... — שפּעט אים שושנה נאָך. — אַן אַנדערער, האָסט אַ ברודער אַן עולה־חדש? דאַרפסטו זיך שעצן גליקלעך!

— בין איך טאַקע גליקלעך! זאָל ער נאָר קומען!

— מענטשן ווערן געהאָלפן, מען נוצט אויס אַזאַ געלעגנהייט, עס איז דאָך אַ שאַנס! דו נעמסט דען עפּעס צו זיינס? ער האָט אַ סך געהאָרעוועט אויפן לאַנד? אַ סך אַריינגעלייגט? זיי קומען דאָך אויף אַלעם גרייטן!

— האָסטו אויך געקענט ליגן אין קאַצעט און איצט קומען אויף אַלעם גרייטן!

— בייס זיך אָפּ די צונג! אָבער מיר האָבן זיי אויפגעבויט אַ לאַנד, צוגעגרייט אַ מדינה, און פאַרטריבן די אַראַבער! איז וואָס אַז מען מאַכט בשותפות און מען האָט צוזאַמען פּרנסה? אַן עוולה?

לייבל איז שוין לאַנג געשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף און די רייד פון שושנהן האָבן זיך אַנגעשלאָגן אָן זיין פאַרחלשטן געהער, ווי טעמפּע קלע־פּעלעך פון העמערלעך אויף טשוועקעס, ביים בויען רושטאָוואַניעס...

אָבער באַלד פאַרטאָג, ווי נאָר ער האָט געעפנט די פאַררויטלטע אויגן, האָבן זיך ווידער די העמער־קלעפּלעך פאַרוואַנדלט אין רייד...

— הערסט, לייבל... דאָ, צו אונדזער שכן, איז געקומען עפּעס אַ ווייטער קרוב פון מינכען... ער האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע ריזיקע קאַסטנס, אַ וועלט האָט ער אָנגעבראַכט! צווי אייז־קאַסטנס, אמתע פּריזשידערס! עלעקטרישע אויוונס, דריי ראַדיאָס! אַ פּיאַנינאָ! ערשט — מעבל!... אַלע עולים חדשים ברענגען פון דאָרטן קאַסטנס. אפשר צו טויזנט קילאָ באַגאַזש, זאָגט מען, ברענגען זיי... איז ווי מיינסטו?... זעליג האָט עפּעס שׂכל?...

— שׂכל?... — טאַפּט זיך לייבל דעם שטערן און פילט אַ שאַרפן קאָפּ־שמערץ. — נישט קיין שׂכל, נאָר מזל דאַרף מען האָבן!

— אָט־אָ דאָס טאַקע שריי איך דאָך!... אָט טאַקע דער שכן אונדזערער, ער איז דאָך אויפגעריכט געוואָרן!... דער קרוב האָט אים געשאָנקען אַ פּריזשידער מיט אַ ראַדיאָ און... מ׳שמועסט, אַז אַ געשעפט וועלן זיי טאַקע אויך מאַכן בשותפות!...

— זאָלן זיי מאַכן! — פּאַקט זיך לייבל אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט מאַרגערין און אַ פלעשל טיי, מיטצונעמען צו דער אַרבעט.

— נו, פרעג איך דיר, דאַרף מען האָבן עפּעס נענטערס, ווי אַ לייבלעכן ברודער? איך מוז עס טאַקע אַלע טאָג לויפן נאָכן שטיקל קרח (אייז)? און אויסגעבן פינפער פּיאַסטערס? איך בין עפּעס ווינציקער אינטעליגענט פאַר אונדזער שכנה, צו הערן אַן אייגענעם גוטן ראַדיאָ? וואָס איז, עס קאָסט אים דאָרט אַ סך? זיי דערציילן דאָך אַליין די עולים חדשים, אַז פאַר

אַ פּאָר נאַרישע ביקסן קאָנסערוון, קריגן זיי עס דאָרטן די פּיאַנינעס מיט די ראַדיאָס, מיט די פרידזשידערס!...

לייבל איז געלאָפן פון די טרעפּ און די רייד האָבן זיך אים נאָכגעשאָטן, ווי ציגל פון א צעבראָכענער רושטאָוואַניע אַראָפּ...

***

יענעם פרימאָרגן, ווען עס איז אָנגעקומען פון זעליגן די טעלעגראַמע, אַז ער פאָרט אַרויס מיט דער שיף „דאַלאַרעס”, איז שושנה אזוי צעטומלט געוואָרן, ווי זי וואָלט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס און נישט געוווּסט, וואָס מען טוט דערמיט פריער...

לייבל איז געווען ביי דער אַרבעט. יצחקל — אין בית-ספר. שושנה האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט איר פרייד און אומרויִקע דערוואַרטונג. זי האָט שוין אפילו געוואָלט אַריינלויפן צו די שכנים און דערציילן וועגן די טייערע געסט, וועלכע דאַרפן מאָרגן אָנקומען... אויף דער שוועל, אָבער, האָט זי זיך מיישב געווען, אַז גלייכער נישט... מענטשן האָבן גרויסע אויגן און לאַנגע צינגער! פאַרגינען נישט! עס איז טאַקע גלייכער, אז אַלץ זאָל זיין בסוד, שטיל-שאַ!

זי האָט זיך ארומגעקוקט אויף דער וווינונג, אויף די נאָך נישט-אויפגערוימטע צוויי צימערלעך און קיכל און אַליין נישט טראַכטנדיק, וואָס זי טוט, האָט זי גענומען איבערשטעלן דאָס טאַנדעטע מאַגאַזין-מעבל, מאכן אַן אָרט פאַרן ראַדיאָ און אין קיך — פאַרן פרידזשידער, אָדער פאַרן עלעקטרישן אויוון...

אין אָוונט, ווען לייבל איז געקומען אַ דערשעפּטער און צעבראָכענער פון דער אַרבעט, איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, אָנגעקוקט דאָס איבערגעשטעלטע מעבל און אויפסניי אויסגעהערט שושנהס פּלענער, — האָט ער זיך ערשט היסטעריש צעלאַכט און צעוויינט...

שושנה האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ און דאַן באַשטאַנען אויף אירס: דערווייל זאָל זיין שטיל-שאַ! קיין שכנים זאָלן זיך נישט דערוויסן! זאָל ער נאָר אַראָפּקומען אהער מיטן באגאזש. זי וועט אים שוין ווי געהעריק אויפנעמען און וויסן, ווי מיט אים צו רעדן. וואָס זענען

זיי, פּרעמדע? און אין בית־עולים וועט זי אים, פאַר קיין פאַל, נישט לאָזן גיין! דאָרטן קען מען אים נאָך חלילה באַגנבענען, אָדער דעם קאָפּ פאַר־דרייען און אויסנאָרן אַ פּרידזשידער, אָדער אַ פּיאַנינע פאַר אַ שיבֿש. אַפּעריסטן פעלן נישט! אָט־אָ דאָ זאָלן זיי זיין דערוויילע, ביי איר. מען איז דאָך נישט קיין פּרעמדע. מ'איז טאַקע נישט קיין גבירים, אָבער מען ווערט נישט בדלות, אַז אַ משפּחה פון גלות, נעבעך, זיצט עטלעכע טעג, ביז מען אָרדנט זיך איין. דער עיקר נאָר: שטיל־שאַ! מענטשן האָבן גרויסע אויגן און לאַנגע צינגער!...

אָבער דעם זעלבן אָוונט, האָט זיך שוין יצחקל באַרימט פאַר אַלע זיינע חברימלעך פון דער גאַנצער גאַס:

— מיין דוד מיט דער דודה קומען מאָרגן צופאָרן צו אונדז פון גלות!.. זיי זענען גבירים אדירים!.. אהאַ!... זיי ברענגען מיט זיך אַ וועלט מיט קאַסטנס: פּרידזשידערס, מיט פּיאַנינעס!... אמתע, נישט קיין צאַצקעס! נאָר דער עיקר: עס מוז זיין שטיל־שאַ! ווייל אזוי הייסט די אמהלע...

***

דעם גאַנצן וועג פון חיפה ביז תל־אָביב, האָבן די ברידער און שווע־גערינס נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— איז וואָס־זשע מאַכט מען?...

— און וואָס הערצאָך?...

— אַדורכגעלעבט א ביסל!...

— איי־איי־איי, אַדורכגעלעבט!...

— צען יאָר זיך נישט געזען!...

— צען יאָר!... און וואָסערע!...

— אבי מען זעט זיך!...

— אז איך גלויב זיך עס גאָרנישט צו...

— א חלום!... אַ חלום!...

און ווי מער וואָלטן קיין ווערטער נישט געווען אויף דער וועלט...

ביידע ברידער האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פרייד און מיט צער אין צע־וויטיקטע הערצער: ביידנס קעפּ זענען שוין געווען היפּש באַזילבערט, די

פנימער — פון נויט און פון פּיין. אין די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן נאָר געברענט טרערנדיקע לעמפּעלעך... די שקיעהדיקע בליקן האָבן זיך גע־פרעגט שטומערהייט: וואָס עס איז פון אונדז געוואָרן?!... און איינעמס הענט האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דעם צווייטן, געקלאַפּט אין אויס־געדאַרטע פּלייצעס, ווידער אַרומגענומען און ווידער זענען געפאַלן די זעלבע פּאָר פראַזן. אָבער אין די זעלביקע פּאָר פראַזן איז געלעגן אַ סך מער, ווי זייער פּשוטער מיין. דאָ איז געלעגן אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעקליבן במשך פון צען יאָר בענקשאַפטן און גרוילן, עלנט און ברי־דערלעכע צערטלעכקייט...

אויך די שווערגערינס האָבן זיך געווישט די אויגן, באַדעקנדיק יעדע ווײַלע איינע דער אַנדערערס פּנים מיט שלעכטן ליפּן־שמינק...

די קינדער האָבן זיך אָנגעקוקט שעמעוודיק און פרעמד. רייזעלע קען נישט קיין עברית און יצחקל קען נישט קיין יידיש, — האָט זיך עס אַוועקגעשטעלט, ווי אַ גדר צווישן זיי ביידן, אַ פּלויט איבער וועלכן זיי קוקן זיך אַריבער... זיי זעען: מען קושט זיך, — שמייכלען זיי. שמייכלען און הערן זיך צו אַבער־און־ווידער צום זעלבן דיאַלאָג פון די עלטערן...

די טאַקסי גליטשט זיך אייליק איבערן גלאַטיקן אַספאַלט. זעליג און מרים קוקן אַרויס צעשמייכלטע דורך די פענצטער און די זיך־וויגנ־דיקע, זוניקע, באַגרינטע, פאַרבייטאַנצנדיקע לאַנדשאַפטן, שמייכלען מיט ליבשאַפט צוריק, ווי זיי וואָלטן באַגריסט: בואכם לשלום!... אין אַ מזל־דיקער שעה!... און עס דאַכט זיך זיי, אַז נישט נאָר די לאַנדשאַפטן, נאָר טאַקע דאָס מזל אַליין האָט צו זיי אַ שמייכל געטון... נאָך אַזעלכע צען אומענדלעך־לאַנגע און וויסטע קאָשמאַרן, דערשוווּמען צום אויסגעבענקטן ברעג, געפונען אַן איינציק־לעבנגעבליבענעם ברודער, אַזאַ טייערע שוועג־ערין! ווי וואַרעם מען נעמט זיי אויף: פון דער שיף, מיט אַ טאַקסי, גלייך צו זיך אין שטוב אַריין!... אַ דאַנק צו דיר און אַ לויב צו דיר, רבונו של עולם!...

אויך שושנה איז צעשטראַלט. דער קאָפּ ביי איר אַרבעט. די געדאַנ־קען לויפן שנעל, שוועבן אויף אָדלער־פליגל... נאָך צען יאָר עלנטקייט דאָ אין לאַנד און ביטער־שווערן יאַלאַ־יאַלאַ־לעבן, וועלן זיי זיך ענדלעך

שטעלן אויף די פיס און זיין מיט לייטן גלייך!... אַלץ אין זכות פון שוואָ־גער און שוועגערן, די עולים חדשים פון דייטשלאַנד!...

זי איז זייער בייגעריק, שושנה, וואָס האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט? וואָס האָבן זיי דאָרטן ליגן אויפן באַגאַזש?... וואָס רעכענען זיי צו טון? וועלכע פּלענער האָבן זיי?...

זי ווערט שיעור צעשפּרונגען פון בייגעריקייט. אָבער זי קנייפּט זיך אַליין, נישט אַרויסצוכאַפּן זיך צו־פרי מיט קיין וואָרט. מען מוז דאָך זיין טאַקטיש און פּאָרזיכטיק... ווי אין אַ טויבנשלאַק, ווו עס איז אַריינגעקו־מען אַ פרישע פּאָר... א וויסטן כוח דאַרף מען עס האָבן — טראַכט זיך שושנה — דריטהאַלבן שעה זיך איינצוהאַלטן און שטיקן אַלץ אין זיך! דריטהאַלבן שעה דויערט דער וועג חיפה־תל־אביב. אָבער זי באַהערשט זיך. מיט פלאַמען אויף די באַקן באַהערשט זי זיך און פרעגט גאָרנישט... אָט, אין דער היים, נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אָפּבאָדן, נעמען א דוש, ווען מען וועט זיצן ביים געדעקטן טיש, דאַן וועט זי פּאָרזיכטיק אַריינוואַרפן אַ וואָרט...

לייבל וואַרפט פון צייט צו צייט, א בליק אויף שושנהן. ער ווייסט, וואָס די פלאַמען אויף אירע באַקן באַדייטן... דאָס פאַרשטערט אים די שמחה, מאַכט אים אומרויִק און נערוועז...

אָבער זעליג און מרים זעען עס נישט. זיי זענען נאָך אַלץ פאַרטון אין זייערס:

— אַז איך גלויב זיך עס גאָרנישט צו!...

— אַ חלום!... אַ חלום!...

— איי־איי־איי!... איי־איי־איי!...

***

און באַלד ביים דערלאַנגען די ערשטע גלאָז טיי צום טיש, האָט עס שושנה נישט אויסגעהאַלטן:

— איר דאַרפט זיך גאָרנישט זאָרגן, שוואָגער־לעבן! טאָמער האָט איר נישט קיין געלט אויסצולייזן דעם באַגאַזש, וועלן מיר עס שוין, ווי עס איז, אויסלייזן... איר וועט מיר געבן די קוויטאַנציעס און כ׳וועל שוין אַלץ אַהערברענגען...

זי האָט אָפילו נישט באמערקט, שושנה, ווי זעליג מיט מרימען האָבן זיך איבערגעבליקט, זיך פארוויטלט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן... זי איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט אירע „פּלענער״, אז זי האָט, אָן אָפּשטעל, ווייטער גערעדט, נישט־זעענדיק, ווי לייבל פאָכעט צו איר מיט אַ האַנט, ווי ער מאכט א בעטנדיק רחמנות־פּנים און ווי ער קריצט מיט די ציי־נער... שושנה האָט געטון אירס:

— דער עיקר, שוואָגערלעבן, האָט איר כאָטש שכל געהאַט און גע־ווּסט וואָס צו ברענגען?... אַ פּיאַנינע איז דאָ גאָרנישט שלעכט. אָבער דער עיקר איז אָן אייזקאַסטן, אַ פרידזשידער... ס׳איז אַ הייס לאַנד, איר פאַר־שטייט? מען קען פּשוט אָן דעם נישט אויסקומען... עס זענען דאָ עולים חדשים, ברענגען זיי שמאָכטעס, שמאַטעס אַרויסצוּוואַרפן!... אַנדערע ווײַ־טער האָבן קעפּ אויפן קאַרק און ברענגען טאָקע ראַדיאָס, ניי־מאַשינען זינגערס, אָן עלעקטרישן אויוון...

זעליגן איז אַריין אַ קרישקע אין דער לינקער קעל. ער האָט זיך זייער שטאַרק פאַרהוסט, פּשוט פאַרקייכט, אַזש טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. איצט אָבער איז דערפאַר שווער צו פאַרשטיין צי ער לאַכט, צי ער וויינט?

— שוועגערן טייערע, אַ קאָפּ אויפן קאַרק האָב איך נאָך גאָט צו דאַנקען! אָבער נישט מער ווי דעם קאָפּ... דעם קאָפּ און דאָס האַרץ האָב איך געבראַכט אין דעם לאַנד אַריין, אָבער קיין קוויטאַנציעס דערויף האָב איך נישט!...

— ס׳הייסט?! — איז שושנה שטיין געבליבן, ווי עפּעס אַ האַרטע, שווערע זאַך וואָלט איר אין קאָפּ געפאַלן. — נישטאָ קיין פרידזשידער? געקומען אינגאַנצן אָן באַגאַזש??

לייבל האָט זיך געוואָרגן מיט זיין ביסן, מיט דעם ווייטיק, מיט דער חרפּה און מיט די טרערן.

— גענוג זאָל שוין זיין! פרידזשידער־שמידזשידער! אָן ענדע זאָל עס נעמען! — האָט ער אַזש אַ זעץ געטון מיטן פויסט אין טיש, אַז די גלעזער האָבן זיך צעקלונגען.

שושנה, מיט אַ ספּאַזמע אין האַלדז, איז אַריינגעלאָפן אין קיך, און ביים טיש איז געוואָרן שטיל, ווי אין אַן אָפּעראַציע־צימער.

דער קליינער יצחקל איז גלייך אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַס און אַ פּאַר־שעמטער, מיט טרערן אין די אייגעלעך, זיך מודה געווען פֿאַר זיינע חברים ווי וועגן אַ גרויסער שאַנדע:

— דער דוד מיט דער דודה פֿון גלות זענען נישט קיין גבירים־אַדירים, נאָר קבצנים און אביונים! נישטאָ קיין פּרידזשידערס, קיין ראַ־דיאָס, גאָרנישט! נאָר קעפּ האָבן זיי געבראַכט אויפֿן קאַרק. קעפּ אָן קוויטאַנציעס! און די אמהלע דאַרף נישט די קעפּ אָן די קוויטאַנציעס, זי דאַרף נאָר אַ פּרידזשידער! אָבער חבריה! עס זאָל זיין שטיל־שאַ! די אמהלע האָט אַזוי געהייסן!

**
*

דער מיטאָג איז אַדורך ביי אַ פיינטלעכער שווייגעניש פֿון ביידע צדדים, ווי ביי מחותנים, וועלכע האָבן זיך די תנאים אָפּגעגעבן.

נאָכן עסן זענען זיך די געסט געגאַנגען אויסרוען אין צווייטן צימער. אויך לייבל האָט זיך צוגעשפּאַרט און שושנה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וועראַנדע צו באַרויִקן זיך די נערוון. אייגנטלעך איז דאָך נישט דער פּרידזשידער דער עיקר, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש... מילא, איז איין האָ־פֿענונג צערונען געוואָרן. ווינציק האָפֿענונגען אירע זענען עס שוין דאָ צערונען געוואָרן? דאָס איז דען ס'ערשטע מאָל?... דער סאַמע עיקר איז אָבער פּרנסה, צוקונפֿט, אַ געשעפֿט!... זי ווייסט, אַז זי האָט שלעכט געטון, צו האַסטיק אַרויסגעשפּרונגען! נאָר נישט שרעקלעך, מען קען נאָך אַלץ גוט מאַכן. דערווייל איז גוט, וואָס זי איז געבליבן אַביסל אַליין און קען צוזאַמענגעמען אירע געדאַנקען.

מען קלינגט אין טיר. שושנה לויפֿט עפֿענען. אַ שכנה איז געקומען באָרגן אַ טעפּל. זי גיט עס איר. אָבער בעת־מעשה האָט זי דערפֿילט, אַז די שכנה האָט נישט געמיינט דאָס טעפּל. עפּעס זענען אירע אויגענעס, די שפּיציקע, מאָדנע שנעל איבער דער קיך אַרומגעלאָפֿן, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט און נישט געקענט געפֿינען.

און נישט דערגייענדיק צוריק צו דער וועראַנדע, קלינגט מען ווידער. דאָס איז אַ צווייטע שכנה געקומען באָרגן אַ ריב־אייזן... און די שכנהס נייגעריקע מייזן־אייגעלעך לויפֿן גניביש איבער די צימערן.

— גאָט ליב אייך מיט אייערע געסט!

— אַ דאַנק. — האָט שושנה אָפּ קורץ און פילט ווי עס דריקט איר אונטערן לעפּעלע. זי ווייסט אַליין נישט, צי איז עס פון חרפּה, אָדער פּאַרדרוס...

מען קלינגט ווידער. מען לאָזט איר נישט צו־רו. וואָס איז דאָס פּאַר אַן אָנלויפעניש היינט? וואָס פּאַר אַ באַרגעניש פון געשיר?...

ווידער אַ שכנה. ניין, נישט באָרגן. זי טראָגט אַליין אַ טעפּל:

— שושנהשי, כ׳האָב צו „איהן״ אַ ביטע... פאַרגעסן היינט איז צו נע־מען... אפשר קענען זי עס אַריינשטעלן ביז מאָרגן צי „איהן״ אין פרי־דזשידער?

— וואָס פּאַר אַ פרידזשידער? וואָס פּאַר אַ לאָקשנבערעט? — קומט ווידער שושנהן די ספּאַזמע אין האַלדז. — אַז עס קומט נעבעך אַ געראַ־טעוועטער קרוב פון גלות מוז מען גלייך מיינען, אַז כ׳ווייס־וואָס! מענטשן האָבן עס גרויסע אויגן!

— גאָט איז מיט אייך! כ׳האָב דען עפּעס געמיינט שלעכטס? — פאַרענטפערט זיך די שכנה — נאָר אייער יצחקל האָט דאָך נעכטן דער־ציילט, אַז...

— מאַלע וואָס אַ קינד פּלאַפּלט! אָן פרידזשידערס לעבט מען אויך און מען איז מענטשן!

און שושנה באַשליסט, אַז יצחקלען מוז זי היינט קאַטעווען דאָס לייב, ער זאָל זיך מער נישט אונטערהערן וואָס דערוואַקסענע רעדן און שפּע־טער — עס נישט צעפּלאַפּלען!

**
*

פון דעסטוועגן, אין אָוונט, ווען די געסט זענען אויפגעשטאַנען אויס־גערוטע, איז שוין אויך שושנה געווען באַרויקט. נישט נאָר באַרויקט, נאָר זי האָט שוין אפילו געהאַט אַ צוגעקלעפּט אָנגענעם שמייכעלע אויפן פּנים און פריינטלעכע, זיסע ריידעלעך אויפן צינגל און אויף די צונויפגע־שנורעוועטע ליפּלעך. דאָס האָט ווידער איבערראַשט זעליגן מיט מרימען און זיי האָבן זיך ווידער פאַרוואונדערט איבערגעקוקט.

— איר הערט, שוואָגערלעבן, איר דאַרפט זיך גאָרנישט איבערנעמען. מען קען דאָ אָן הונדערטער קילאָ באַגאַזש אויך לעבן און גאַנץ גוט געהאָלפן ווערן!... איבערהויפט נאָך, אַז איר זענט געקומען אין אַזאַ גאָל־דענער צייט און איר האָט, קיין עין־הרע נישט, אַזעלכע שאַנסן!... אמת, איר האָט שוין אַ היפש ביסל פאַרשפעטיקט, מען האָט שוין באַזעצט די שענסטע דירות פון יפו און גבליה מיט די געשעפטן. אָבער דאָך איז נאָך נישט אינגאַנצן צו שפּעט... עס זענען נאָך דאָ גענוג דירות מיט געשעפטן!... מען דאַרף נאָר ליגן אויפן קאַרק פון דער סוכנות און נישט אָפּטרעטן! אָט־וואָס!...

ס'האָט געהייסן, אַז די געסט האָבן זיך אויסגערוט. אָבער די מידע פּנימער פון זעליגן און מירימען, די בלייכע העפלעכקייט־שמייכלעך אונטער די אונטערגעהאַקטע אויגן, האָבן דערציילט וועגן עפּעס אַנדערש... וועגן דעם, אַז געשלאָפן זענען זיי דווקא נישט; אַז אין דער צייט פון „רוען" איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער שמועס, אַ שעפּטשען, אַ פּליסטערן אויפן אויער... אַז עפּעס לייגט זיך יאָ אויפן שכל און עפּעס נישט; עפּעס איז יאָ פאַרשטענדלעך און אומסימפּאַטיש און אפשר אַ טעות און מען דאַרף גאָרנישט צולאָזן אַזאַ נישט־פיינעם געדאַנק...

אויך איצט, זיצנדיק ביים טיש, ביי דער גלאָז טיי, וויגט זיך נאָך מיט זיי די גאַנצע שטוב, ווי זיי וואָלטן נאָך אויף דער שיף געזעסן... אין די אויערן זשומעט נאָך די טאַקסי, מיט וועלכער זיי זענען געפאָרן פון חיפה פערטהאַלבן שעה. פאַר זיי איז נאָך אַלץ אַ חלום. חידוש, נישט צום באַנעמען, נישט צום גלייבן... מיט אַכט טעג צוריק זענען זיי נאָך געלעגן אין אַ לאַגער אין פראַנקרייך, און מיט צוועלף טעג צוריק — אין פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד! און דאָ, פּלוצלינג — ארץ־ישראל!... תל־אביב!... אין דעם הויז, אויף וועלכנס אַדרעס זיי האָבן יאָרנלאַנג בריוו געשריבן!...

אָדער דאָס איז אַ חלום, אָדער אַ וווּנדערלעכער נס!

און דאָס איז לייבל... דער ברודער... דאָס אויסגעצערטלטע מוזיקל... ווען די מאַמע שטייט אויף פון דער ערד!... ער איז מיט אַ פינף יאָר ייִנגער פון זעליקן און זעט אויס עלטער, פיל עלטער... אַ מידער, צעבראָכענער, רעזיגנירטער מענטש. פאַרוואָס שווייגט ער אַזוי פיל? פאַרוואָס שמייכלט

ער אַזוי אומעטיק און קוקט מער אין דעם גלאָז טיי אַריין, ווי עמעצן אין די אויגן?... אפשר איז „זי" דאָס די סיבה? נישט געטראָפן מיט איר! זי מוז „טראָגן די הויזן" און מאַכן אים פאַרא „פאַנטאָפּל־מאַן". און קיין רחבות זעט זיך נישט אין שטוב. יאָרן נויט האָט זיי אויך געמוזט פאַר־ביטערן.

ווען שושנה גייט אַ רגע אַרויס פון צימער, הייבט ער שמייכלענדיקער אויף די אויגן און וואַרפט אפילו אַריין אַ וואָרט:

— איר האָט זיך עס נעבעך אָנגעליטן!... אין גיהנום נאָכן צווייטן?...

— און דו, לייבל... — וואַרפט זעליק שנעל אַריין — פרעגלסט זיך אויך נישט אין נחת?...

לייבל זיפצט טיף אָפּ:

— וועגן מיר, לאָמיר בעסער נישט רעדן!... — ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, וואָס דאָס זאָגט מער, ווי אַ סך רייד... — פון דעסטוועגן גיט ער שפּעטער צו: — אויסער גאַז־קאַמערן און אַנדערע טויט־געפאַרן, האָב איך נישט געהאַט קיין פריילעכער און גרינגער לעבן פאַר אייך...

און ווי איז איצט?

אַ טיפער זיפץ האָט פאַרענטפערט די פראַגע. אַ זיפץ, וואָס האָט זעליקן אַ שניט געטון דאָס האַרץ.

באַלד איז ווידער אַריינגעקומען שושנה, אַזוי צעשמייכלט און באַרע־דעוודיק, ווי פריער. לייבל קוקט נישט אין איר זייט. ער וואַרפט כסדר בליקן אויף מרימען, וועלכע זיצט אַזוי מאַיעסטעטיש און דאָך באַשיידן, זי שווייגט מער ווי זי רעדט. אָבער שווייגנדיק קוקט זי מיט אַזאַ קלוגן און סימפּאַטישן שמייכל זעליקן אין די אויגן אַריין... דער בליק און דער שמייכל אירער זענען אַ סך מער ווי רייד... און וויפל געטריישאַפט, פריינט־לעכקייט און ליבע שטעקט אין דעם בליק, אין דעם שמייכל... לייבלען דוכט זיך, אַז מיט איר מאַיעסטעטישער שטאָלצקייט, איז מרים זעליקן איבערגעגעבן און ווייבלעך־אונטערטעניק... וואָס פאַר אַ מהלך, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט עס איז צווישן דער סאָלידער מרימען און זיין רוישיק־צע־פלאַפּלטער שושנהן! מיט אַזאַ ווייב ווי מרים, קען מען דאָך אפילו אין נויט לעבן גליקלעך!...

לייבל ווערט נאָך שווייגנדיקער, אומעטיקער און פאַרזונקענער אין זיך. דאַקעגן שושנה הערט נישט אויף מיט אירע פּלענער און עצות. לייבלען דוכט זיך, אַז ווען זי וואָלט אויף אַ האַלבער שעה אַרויס פון שטוב, וואָלטן אַלעמענס אויערן זיך אויסגערוט, עס וואָלט אַרויס אַ זשום פון קאָפּ און עס וואָלט מעגלעך געווען עפּעס רויק און ערנסט צו טראַכטן...

זעליק און מרים קוקן שושנהן אין צוזאַמענגעשנורעוועטן פּיסקעלע מיט אַ מידן, העפלעכן שמייכל פון געסט, אָבער זיי הערן שוין לאַנג נישט, וואָס זי רעדט. זיי זענען נאָך נישט בכוח צו טראַכטן וועגן מאָרגן, וועגן צוקונפט, וועגן אַלע פּראַקטישע ענינים פון איינאָרדענען זיך, כאָטש דאָס איז ביי זיי די ברענענדיקסטע פראַגע. דער אלף פון זייער לעבן, דער ערשטער טראָט אין נייעם לאַנד, דער שליסל צו ווייטערדיקער עקזיסטענץ. אָבער זיי קענען זיך נאָך אַלץ נישט צוגלייבן, אַז זיי זענען שוין אין לאַנד, אַז עס איז אַ פאַקט, דיווירקלעכע ווירקלעכקייט און איצט איז אַן ענדע צו אַלע וואַנדערונגען. מען מוז אָנהייבן טראַכטן, אַרבעטן און לעבן נאָר־מאָל, ווי אין אַ נאָרמאַל לאַנד, ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען... ניין: זיי קענען נאָך גאָרנישט באַנעמען!...

אָבער באַלד צומאָרגנס האָט שוין זעליק אַלץ באַנומען.

נאָכן אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג אין די רייען פאַר דער סוכנות, איז ער אין אָוונט צוריקגעקומען אַ פאַרחושכטער און צערודערטער.

ער ווייסט שוין, זעליק, אַז אין יפו זענען שוין קיין דירות נישטאָ. אַז אין די בתי־עולים וואַרטן טויזנטער משפחות, וועלכע האָבן אין גאַנצן נישט קיין קרובים אין לאַנד... ניין, האָט מען אים געענטפערט, נישט היינט און נישט מאָרגן, קען ער האָפן אויף אַ דירה. וועגן א רשיון אויף אַ געשעפט, מעג ער פאַרגעסן.. דאָס גיט מען נאָר אינוואַלידן, וועלכע קענען נישט גיין צו קיין שווערער אַרבעט. און ער דער אדון, זעליק וויינגאַרטן, איז נאָך אַ גענוג יונגער מענטש, יאָ צו גיין אַרבעטן. „ווו קריגט מען אַרבעט?" — זאָל ער גיין זיך שטעלן אין דער ריי, צו דער לישכת־עבודה און זיך דאָרט פאַרשרייבן.

לייבל איז נישט געווען אין דער היים. נאָך נישט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. שושנה האָט אויסגעהערט די נייעס מיט אַ פאַרקרימט פּנים, ווי זי וואָלט באַקומען שטאַרקע בויך־קראַמפּן, אָדער אַן אָנפאַל פון גאַל־

שטיינער... זי האָט לאַנג געשוויגן, ווי אַ מענטש, וועלכער הערט אויס זיין אייגענעם טויט־אורטייל, באַנעמט דעם גאַנצן גרויל און קען נאָך נישט חלשן. אָנשפּאַרנדיק זיך אין דער באַרשט, מיט וועלכער זי האָט געהאַלטן אין צוקערן די שטוב, איז זי לאַנגזאַם, מיט געבראָכענע טריט, אַריין אין קיך, ווו זי האָט זיך פאַרשפאַרט אויף אַ האַלבער שעה צייט. ווען זי איז פון דאָרט אַרויסגעקומען צוריק, זענען אירע באַקן געווען צעפלאַמט, אָבער זי אַליין — אַן אַנטשלאָסענע, אַ דעצידירטע.

— שוואָגערלעבן! שוועגערן! איך מיין עס אייער טובה: איר מוזט תיכף פאָרן אין א בית־עולים! עס דאַרף הייסן, אַז איר האָט נישט קיין קרובים אין לאַנד. איר זענט געווען ביי באַקאַנטע... יאָ, תיכף אין בית־עולים און ליגן דאָרט אויף זייער קאַרק אַזוי לאַנג, ביז מען וועט אייך מוזן געבן אַ דירה! מיינט נישט, אַז איך בין עפּעס אויסן. פון מיינעטוועגן קענט איר דאָ זיין ביי מיר נאָך עטלעכע טעג. אָבער כל־זמן איר וועט זיין ביי מיר, וועט איר קיין דירה נישט קריגן. איז פאָלגט מיך און פאָרט שוין אין בית־עולים.

מרים איז אַריינגעלאָפן מיט אירע טרערן אין צווייטן צימער. זעליג איז געבליבן זיצן אַ באַטויבטער. יאָ, ער איז שוין איצט מסכים אויף אַ בית־עולים און עס קען גריילעך זיין, אַז שושנה איז גערעכט, און ווען אפלו נישט, איז ער מסכים. אפילו אין אַ הקדש, אין אַ לאַגער, — אבי אַוועק פון דאַנען! אָבער ווי וועט ער זיך ווייזן פאַר די מענטשן, זיינע מיטרייזנדע? דער לייבלעכער ברודער האָט דאָך אים פון דער שיף מיט פּאַראַד אַראָפּגענומען!... אַלע זענען אים מקנא געווען... ער ווערט פאַר־ברענט פון חרפה און שטיקט זיך מיטן ליגן, וואָס ער וועט דאָרטן מוזן זאָגן...

שושנה איז אָבער צוגעשטאַנען אַזוי אימפּעטדיק, אַז ער האָט אַזש אַליין נישט באַמערקט, ווי שנעל אַלץ איז געשען...

ווען ער איז געקומען צו זיך, זעליק, איז ער שוין געזעסן מיט ווייב און קינד און מיט די צוויי צעטרענצלטע רענצלעך אין אַ טאַקסי, אויפן וועג צום בית־עולים אין רעננה. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן צונויפ־געקראַמפּט אַ צעקנאָדערטע אַסיגנאַציע. דאָס איז געווען אַ פונט, וואָס

שושנה האָט אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין, אויף צו באַצאָלן פאַר דער טאַקסי.

— אַזוי־אַזוי... — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין — אויס כלה, ווידער מויד...

און דאָס האַרץ האָט אים ווי געטון אויף לייבלען, וועלכער וועט באַלד קומען פון דער אַרבעט און זיך דערוויסן... ער איז דאָך נעבעך גאָט־די־נשמה־שולדיק. אַ שקלאַף ביי איר! און אין בית־עולים... ווי וועט ער אויסזען? וואָס וועט ער זאָגן?

מרימס בלייך געזיכט האָט געשימערט מיט דינע שטראָמלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די איבערפולטע אויגן, צו דער פאַרשפּיצטער גאָמבע אַראָפּ. אויך רייזעלע איז געזעסן אַ פאַראומערטע, אַ פאַרשעמטע, דאָס קעפּל אָנגעלענט אויף דער מאַמעס שויס און געשוויגן.

ווען די מיטרייזנדע פון „דאַלאַרעס" האָבן דערזען דאָס משפחהלע ווייַנגאַרטן מיט די רענצלעך אין בית־עולים, האָבן זיי אַלץ פאַרשטאַנען. זיי זענען צוגעקומען האַפּערדיק און געגומען מוטיקן און טרייסטן:

— נישט געזאָרגט!... איר האָט שוין עפּעס ערגערס מיטגעמאַכט...

— מיר איז עס באַלד געוועזן אַ וווּנדער... ווייל איך האַלט, אַז צווישן אונדזערע יידן און זייערע ליגט אַ גרויסער באַרג!... דער באַרג אַש פון אונדזערע קדושים... מען קען דעם באַרג נישט אַריבערשפּרייזן...

— גערעכט! יידן פון דער וועלט און יידן פון יענער וועלט קענען זיך מער נישט פאַרשטיין! מעגן עס אפילו זיין לייבלעכע ברידער...

— נישטאָ קיין משפּחה היינט מיט קיין סענטימענטן... היטלער האָט עס ליקווידירט!...

— אָבער ווער האָט עס ביי זיי אַרויסגעריסן דאָס מענטשלעכע געפיל פון די הערצער אַרויס? זיי זענען דאָך נישט געווען אין גיהנום! געלעבט דאָ אַ נאָרמאַל לעבן?!

— זיי זאָגן, אַז זיי האָבן אויך געליטן. און אין דער אמתן האָבן זיי דאָ אויך געהאַט קאַלטס און וואַרעמס...

עס איז צום לאַכן, יידן!... זיי האָבן אויך געליטן!... מיר, דאָרטן, האָבן געליטן און זיי, דאָ, האָבן אויך געליטן!... כאַ־כאַ־כאַ!...

— כאַ־כאַ־כאַ!!!...

— אָבער נישט געזאָרגט, זעליק! מרים, טרערן גאָר? פע!... מוטיק דאַרף מען זיין! „עקזאָדוס־יידן" לאָזן נישט אַראָפּ דעם קאָפּ!...

— זיכער אַזוי! איר זענט צוריק מיט אונדז, אין אונדזער מחנה... מיר וועלן זיך צוזאַמען איינאָרדענען, אפשר נאָך זיין נאָענטע שכנים... צוזאַמען באַקומען דירות... מען זאָגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום הייבט מען אָן צו באַזעצן „נווה". דאָס איז אַ שכונה אין יפו... איז וואָס עס וועט זיין מיט אַלע, דאָס וועט זיין מיט דער כלה!...

— און דערווייל קומט פאַרנעמען אַ פּאַלאַטקע, אַ געצעלט.

— אָט קומט צו מיר אין אוהל אַריין!... נעכטן איז פון דאָרט אַרויס אַ משפחה, טאָקע פונקט דריי בעטלעך...

אַלע האָבן געמונטערט און געטרייסט. מרים האָט אָפּגעווישט די טרערן און זיך אפילו צעשמייכלט. רייזעלע האָט שוין געהאַלטן אין האַנט אַ שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס עמיץ האָט איר געגעבן. נאָר זעליק האָט פון דער ווייטנס באַמערקט, ווי מען שאָקלט באַדויערנדיק מיט די קעפּ, ווינקנדיק אויף אים, אויף זעליקן... און אַ פּאָר ווערטער זענען, ווי בינען, געקומען צו שוועבן אים אין אויער אַריין:

— אַ ברודער!...

— אַ לייבלעכער ברודער!...

— היינטיקע ברידער!...

*****

ווי פיינלעך דאָס זאָל נישט האָבן געווען פאַר זעליקן מיט מרימען, איז שושנה, זעט אויס, דאָך גערעכט געווען:

נאָכן אָפּליגן זעקס וואָכן אין בית־עולים, האָט מען דאָס משפחלע וויינגאַרטן, צוזאַמען מיט נאָך אַ דרייסיק משפחות, אויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט אין דער שכונה „נווה", וואָס הינטער יפו און דאָרט האָט מען זיי אַלעמען פאַרטיילט וווינונגען.

דאָס משפּחהלע וויינגאַרטען האָט באַקומען אַ ליכטיק דירהלע פון צוויי קליינינקע, חנעוודיקע צימערלעך, אַ קיכל, אַ באָד־צימערל אַ ווע־

ראַנדע און אַ קלײן באַגרינט און באַבלימלט גערטנדל... אַ חנעוודיק גערטנדל... און בײם אַרײנגאַנג — צװײ שטאָלצע, שלאַנקע פּאַלמען...

מאַן און װײב האָבן זיך צעקושט פון גליק... מרים האָט יעצט, פון פרײד, געגאָסן מערער טרערן, װי אין אַלע יאָרן נויט... און רײזעלע איז אַ לוסטיקע אַרומגעלאָפן איבער דער גאַס, זוכן מציאות: בלומען־טישלעך, בלומען־טעפּלעך, געשיר, בילדער, קיך־כלים...

— נו, האָבן מיר געחלומט דערפון?...

— מרים... ס'איז דאָך עפּעס אַ פּריצישע װיליע!...

— אַ דאַטשע, זעליג... אַ קור־אָרט!...

די גאַסן און הײפלעך זענען געװעזן פאַרװאַלגערט פון אויף הפקר־איבערגעלאָזענע אַראַבישע חפצים און מעבל. אין בהלה זענען זײ אַנטלאָפן און בלויז געלט און צירונג מיטגענומען. זײ האָבן געװוסט די אַראַבער, װאָס זײ האָבן געװאָלט טון מיט די יידן: איבערשנײדן די העלדזער און שלײדערן אין ים־אַרײן!... װוּ זײ האָבן דאָס געקענט, האָבן זײ דאָס געטון אויך. האָבן זײ, בײ די יידישע נצחונות, מורא געהאַט פאַר נקמה, גע־קלערט, אַז די יידן װעלן יעצט מיט זײ טון דאָס װאָס זײ האָבן געפּלאַנט צו טון מיט די יידן... זענען זײ אַנטלאָפן אין פּאַניק, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר.

אַן אַראַבישע שאַנק, אַ טיש מיט שטולן און אַ קאַנאַפּע, איז שוין אין דער דירהלע געשטאַנען, װי אָנגעגרײט... דרײ אײזערנע בעטלעך מיט שיעניקעס און דעקן, האָט זײ די סוכנות געגעבן. דאָס דירהלע איז גע־װעזן פריש־אויסגערעמאָנטירט, העל־אויסגעקאַלכט, װי אויף פּסח... אַלץ האָט געבלאַנקט און געשמײכלט... און זון!... אַזױ פיל זון!... עס מאַכט דאָך ליכטיק די װוינונג, ליכטיק די װעלט און ליכטיק דאָס לעבן!... און װילסטו שאַטן? — געבענטשט זאָלן זײן די גרינע צװײ פּאַלמעס, װאָס שטײען פון פאָרנט, װי אַ באַלדאַכין, װי אַ געטלעכע חופּה!...

זײ פּרוּװן די עלעקטריע — עס ברענט!... זײ דרײען אויף דעם קראַן — עס פלײצט אַ זילבערנער שטראָם!...

— קינדערלעך הארציקע!... עס איז דאָך טויזנט און אײן נאַכט!...

— אַ כישוף־מעשהלע!...

זיי לויפן אַרויס אויף דער גאַס. זיי זעען, אַז אַלע ניי־געקומענע זענען אַרבעטזאַם, ווי די מוראַשקעס: מען שלעפּט שטיקער מעבל, מען זוכט, מען נישטערט אין די אָנגעוואַלגערטע בערג.

זעליג איז אַ רגע געבליבן שטיין פאַרשעמט: אַזוי האָבן דאָך די דייטשן, אוקראַינער און פּאָליאַקן געשאַברעוועט און גערויבט ייִדיש פאַר־מעגן!...

אָבער באַלד הערט ער אַ שטים פון זיין שכן:

— זייט נישט קיין יאָלד! כאַפּט, כל־זמן עס איז דאָ!...

— אָבער ווי קען מען?...

— ווען ייִדן וואָלטן פאַרשפּילט, וואָלטן מיר אַפילו נישט געהאַט ווו צו אַנטלויפן מיטן לעבן, סיידן אין ים־אַריין! אויסגעשאָכטן וואָלטן זיי אונדז און גאַנץ תל־אָביב וואָלטן געווען זייערס! אַלץ וואָלטן זיי צו־גערויבט!

איז שוין דאָס שטיבעלע אויסמעבלירט און אויסגעוואַשן. זעליג טראַכט, אַז לייבל דאַרף אים מקנא זיין... ער איז איבער צען יאָר אין לאַנד און נעבעך זיך קוים דערהאָרעוועט צו אַ שטיקל דירה. און ער איז יעצט געקומען און האָט שוין!... אַפילו אַ שענערס!... און וואָס טראַכט ער יעצט, לייבל? ער ווייסט דאָך אַפילו נישט, וואָס עס איז געשען און ווו זיי זענען אַהינגעקומען. ער מוז נעבעך האָבן גרויס עגמת נפש! זי איז אַ שלאַק, זיין שושנה! אַ שלאַק און פאַרביטערט און פאַרפינסטערט אים, נעבעך, דאָס לעבן, אַ רחמנות אויף לייבלען, אַ רחמנות!

ביים אויסשרייבן פון בית־עולים, האָט זעליג באַקומען צו זעקס פונט אויף אַ קאָפּ. אַכצן פונט אין טאַש!... אַכצן פונט — חי־צום לעבן!... האָט טאַקע מרים יעצט געבראַכט עסנוואַרג און פרוכטן. אַ בלוטיקן ארבוז און אַזעלכע אַראָמאַטישע, זאַפטיקע ווייַנטרויבן... אַפילו אין די גוטע צייטן, אין דער אַלטער היים, פלעגן דאָס עסן בלויז חרוב־קראַנקע!... און דאָ — גע־זונטערהייט, אין אַ וואָכנדיקן טאָג!... דער דוש, איז אַ טייערער דוש! דאָ אין לאַנד — אָן אוצר, מיט גאָלד צוגלייך!... עס שווענקט אַראָפּ דעם שווייס, פרישט אָפּ דעם קערפּער און מאַכט אַ גוטן אַפּעטיט צום עסן... געדענקען זיי טאַקע נישט, זעליג מיט מרימען, פון זייער חתונה אָן, אַזאַ גליקלעכן אָוונט־ברויט... רייזעלע האָט פאַרצויגן אַ חלוצים־לידל, זעליג

האָט עס אונטערגעכאַפּט און דאָס גאַנצע משפּחהלע האָט זיך צעזונגען זמירות, יידישע, רוסישע און העברעיִשע פֿאָלקס־לידער... מרים האָט אַ קליין שטימעלע און כאָטש זי פֿעלשט אַ ביסעלע, איז עס אָבער וואַרעם און אָנגענעם...

און דאָס ערשטע מאָל, במשך פֿון צען יאָר נע־ונד־זיין, האָט זיך דאָס משפּחהלע שלאָפֿן געלייגט אויף אייגענע געלעגערס, צווישן אייגענע ווענט, אונטער אַן אייגענעם דאַך... אַ גליקלעך משפּחהלע, ביי זיך אין דער היים...

***

דריי טעג איז זעליג אָפּגעשטאַנען אין דער ריי ביי דער לשכת־עבודה. די מענטשן אין דער ריי, האָבן גערעדט:

— דאָ מוז מען האָבן וויטאַמין „פּ״.

— אָן וויטאַמין „פּ״ גייט עס דאָ נישט!

— איך האָב אָבער פֿיינט וויטאַמינען, — זאָגט זעליג. — אייביק פֿיינט געהאַט דאָקטוירים מיט זייערע רעצעפּטן!...

— כאַ־כאַ־כאַ!... יאָלד וואָס איר זענט!... וויטאַמין „פּ״, מיינט מען פּראָטעקציע, אָדון יאָלד!...

— אָן וויטאַמין „פּ״, זיינט איר דאָ, אין לאַנד, אַ פֿאַרלוירענער!

— און אַז מען קריגט שוין יאָ אַ טאָג אַרבעט, יאָגט מען אייך אַרויס, פֿאַר די פֿאַר פּיאַסטער, די קישקעס פֿון בויך!

— די קבלנים טרייבן כסדר אונטער די אַרבעטער, ווי די שקלאַפֿן. שרייען כסדר „יאַלאַ־יאַלאַ!״ און דער פּועל גיט די פּעל!

— אוי, גיט מען דאָ די פּעל!...

— אוי, ווערט מען פֿאַרשוואַרצט!

און זעליג איז שוין גרייט צו געבן, ווי זיי זאָגן, די פּעל... ער איז שוין גרייט פֿאַרשוואַרצט צו ווערן און אפֿילו הערן און דולדן דאָס שרעקלעך־באַליידיקנדיק ווערטל, דעם אַראַבישן „יאַלאַ־יאַלאַ!״, אבי צו קריגן אַ טאָג אַרבעט, כאָטש מאַכן אַן אָנהייב דאָ אין לאַנד — איינפֿעדעמען... פֿאַרזוכן אַן אייגן פֿאַרדינטן פּיאַסטער!

און אויפן פערטן טאָג, איז עס אים געלונגען. ער האָט געקראָגן אַרבעט ביי בנין, אָן פּראָטעקציע, אָן וויטאַמין „פּ".

אין אַ גלייך־הייסן כאַסמין־טאָג, האָט ער אַ פריידיקער געטראָגן ציגל אויף רושטאָוואַניעס אַרויף...

אמת טאַקע, ווי מען האָט אים פאַרויס געזאָגט, איז דער קבלן געשטאַנען און כסדר אונטערגעטריבן מיטן אַראַבישן „יאַללאַ־יאַללאַ!" וואָס עס שטעכט אַזוי אין די אויערן פון יעדן אייראָפּעיִשן אַרבעטער, וואָס דערנידעריקט און באַליידיקט אים, ווי אַ פינסטערן שקלאַף! אָבער ביים ערשטן אַרבעטס־טאָג אין לאַנד, האָט דער „יאַללאַ־יאַללאַ" געקלונגען אין זעליגס אויערן, ווי צויבער־מוזיק!...

דער שווייס איז פון אים גערונען און צוגעקלעפּט דאָס נאַסע העמד צו דער צעריבענער, שרפּענדיקער הויט. אָבער זעליג האָט, סיי־ווי, נישט אויפגעהערט צו שמייכלען צו זיך אַליין און אין זיך אַריין:

— איך אַרבעט ביי בנין!... איך טראָג ציגל צו בנין־הארץ!... און דריטהאַלבן פונט אַ טאָג, וועל איך אהיים ברענגען מרימלען... עס וועט נאָך ליכטיקער ווערן אין אונדזער ליכטיק שטיבעלע!...

דעם צווייטן האַלבן טאָג, איז שוין די אַרבעט געגאַנגען שווערער און לאַנגזאַמער. די שעהן האָבן זיך געצויגן אומענדלעך און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער צעגליטער כאַסמין־טאָג וועט זיך שוין קיינמאָל נישט ענדיקן. די אַרבעט איז אָבער געוואָרן אַ דרינגענד־אייליקע, האָט דער קבלן געבראַכט צופירן, פון אַ צווייטן בנין, נאָך עטלעכע אַרבעטער, פאַרשטאַרקונג, און נאָך אייליקער אָנגעטריבן מיט זיין סקריפּענדיקער שטימע:

— יאַללאַ־יאַללאַ! יאַללאַ!

זעליגן האָבן זיך שוין די קני געבראָכן. די זעלבע נאַרמע משא, האָט אים אויסגעזען, ווי דריי מאָל שווערער. דוכט זיך אים, אַז ער וועט דעם אַרבעטס־טאָג נישט דעראַרבעטן ביזן סוף. וואָס־זשע וועט זיין, אַז ער וועט פאַרלירן די אַרבעט? צי וועט ער קריגן אַנדערע אַרבעט, לייכטערע? איז ווו זשע וועט ער נעמען געלט צו לעבן, ביז ער וועט געפינען אַנדערע אַרבעט? ער מוז זיך האַלטן! ער מוז! אַך, ווי שווער!

פלוצלונג האָט אים אין קאָפּ אַ שווינדל־געטאָן. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטן פּועל, וועלכער איז געגאַנגען הינטער

אים און בייביידן האָבן זיך די ציגל צעשאָטן און צעפלויגן פון דער רושטאָוואַניע אַראָפּ.

דער פּועל האָט אויסגעשפּיגן און זיך פאַרמאָסטן אויף זעליגן:

— אַ רוח אין דיין!...

פּלוצלונג האָט ער אָפּגעהאַקט און שטום געוואָרן. זיינע טונקעלע אויגן אין נאָסן, פאַרשמאָדערטן פּנים, זענען ברייט אויפגעריסן געוואָרן. ער האָט א פּאַטש געטון מיט זיינע ליידיק־געוואָרענע, פאַרוואָפּנעטע הענט:

— זזזעעעליק???

און זעליג איז תיכף צו זיך געקומען:

— לייבל?!

ביי ביידע ברידער זענען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט א מוטנער פליסיקייט. די שווארצאפּלען זענען נאָך מער פאַרוועבט געוואָרן מיט א געדיכטער נעץ פון רויטע פעדימלעך... זיי האָבן זיך געוואָלט עפּעס זאָגן, טרייסטן איינער דעם צווייטן אין זיין פאַרלוירנקייט, אין זיין אָפּגרונטיקן עלנט, אין ביטערקייט פון איבערגעלאָסטעטער פאַרפראַצעדיקייט, אין אויסזיכטלאָזיקייט אויף עפּעס בעסערס, אַפילו אויף אַ האָפענונג... אָבער די הערצער האָבן זיך פאַרקראַמפּט און אין די העלדזער האָט עפּעס הארטס געוואָרגן, נישט אַראָפּצושלינגען. און קיין קלאַנג איז פון זייערע צעעפנטע מיילער נישט אַרויס...

נישט נאָר די פּנימער, נאָר אויך די הילפלאָז־אַראָפּהענגענדיקע הענט, דער גאַנצער געשטעל אין זיין געבויגנקייט און געבראָכנקייט, אפילו די קליידער אויף זיי, האָבן געוויינט און דערציילט וועגן עלנטער הילפס־לאָזיקייט, ראַנגלעניש פאַר עקזיסטענץ, ענטוישונג און פאַרלוירנקייט...

אָט־אָט, און זיי וואָלטן זיך געפאַלן אויף די העלדזער און זיך צעכליפּעט, ווי צוויי קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע קינדער.. .

— יאַללאַ־יאַללאַ! העי! יאַללאַ! יאַללאַ! — האָט זיך צעכריפּעט די שטים פון קבלן. — וואָס פאַר שטייעניש אין מיטן דרינען? אסיפות וועט איר מאַכן שפּעטער! אויף אייער צייט! געשפּרעכן גאָר אינמיטן דער אַרבעט! יאַללאַ!

זיי האָבן שטומערהייט אָפּגעקערט איינער פון אַנדערן און זיך ווידער אָנגעלאָדן מיט משא.

יצחק פערלאָוו

*****

נאָך דער אַרבעט, האָבן זיי קוים געשלעפּט די שווערע, פאַרשטייפטע פיס מיט די פאַרליימיקטע, פאַרוואָפּנעטע שיך.

— זיי נישט פאַרצווייפלט, זעליג... דער ערשטער טאָג איז אַזוי שווער... וועסט זיך צוגעוווינען...

— דו ביסט שוין געוווינט...

— שוין צען יאָר!

— נו?

— אָט, אזוי ווי דו זעסט...

— איך זע... איך זע...

לייבל האָט לאנג געזוכט ווערטער, עפּעס אויסצוטייטשן זעליגן און נישט געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע. האָט ער קוים אַריינגעוואָרפן, נישט־קוקנדיק אין זעליגס זייט:

— ביסט בייז אויף מיר, זעליג...

— אויף דיר? נאַרעלע!... אויף אונדזער מזל! אויף אונדזער ביטערן גורל בין איך בייז!...

— שושנה... — האָט לייבל ווידער געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געהאט דאָס ריכטיקע וואָרט...

— כ׳האָב צו איר אויך גאָרנישט... אדרבא, זאָג איר... קומט צו אונדז אַ שבת אין געסט. זען ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט...

— איך רייד נישט מיט איר, זינט איר זענט אוועק... געמאכט א וויסטן סקאנדאל...

— אוי־וויי! נישט געדארפט! צוליב וואָס?

— וואָס הייסט, צולב וואָס? צען יאָר זיך נישט געזען מיט א ברו־דער! איז גלייך אויפן צווייטן טאָג!..

— זעסט דאָך, אז עס איז אויסגעקומען צום גוטן... און מן־הסתם האָט זי דאָך גוט געמיינט אויך... איר איז דען זיס אויפן האַרצן? פינסטערט אויך אָפּ א לעבן...

— רעד מיר נישט וועגן איר! ס׳איז מיר גוט! ס׳איז מיר גוט!...

און אייגנטלעך האָבן זיי זיך שוין בכלל נישט געהאט מער, וואָס צו זאָגן... אלץ איז שוין געווען קלאָר... איין ברודער האָט דערזען דעם צווייטנס לעבן, פאַר אלע זיינע יאָרן, דורך־און־דורך...

אין שאָטן פון אַ מאַראַנצן־בוימל, אין אַ נישט־פארצוימטן אַראַבישן פּרדס, האָבן זיי זיך שטומערהייט אַוועקגעזעצט. און ווי פון פאָרויס־אָפּ־גערעדט וואָס זיי האָבן צו טון, האָבן זיי אַריינגענומען די פארשוויצטע פּנימער אין פארקאַלכטע דלאָניעס און זיך שטיל־שטיל צעכליפּעט.

די זון האָט שרפהדיק צעפלאַקערט דעם מערב־האָריזאָנט, צעשמעל־צנדיק זיך אַליין אין אייגענעם צעגלי. מיט קופּערנע שטראַלן, ווי מיט ציטערנדיקע, צאַרטע פינגער, האָט זי געגלעט די צוויי געזונקענע קעפּ און קאָנוולסיוו־ציטערנדיקע אקסלען פון די ברידער, ווי זי וואָלט, פארן אונטערגיין, געוואָלט זיי טרייסטן:

— נישט געזאָרגט, ברידערלעך, עס וועט נאָך גוט זיין!...

אין אויטאָבוס

דער אויטאָבוס דזשעבעליא — תל אָביב איז שוין איבערפולט. נישט נאָר די בענק זענען שוין באַזעצט, נאָר אויך צו שטיין איז נישטאָ ווו. איינער איז צום אַנדערן צוגעדריקט און שווייסיק־צוגעקלעפּט ווי מען וואָלט זיי אַנגעשטאָפּט, מיט אַ קני צוגעקוועטשט און מיט אַ פוס צוגע־טאָפּטשעט... אין דרויסן, לענגאויס דעם זאַמד ביים כביש, שלענגלט זיך אַ לאַנגע ריי. די צעגליטע זון פון שווערן כאמסין־טאָג, מאַכט די מענטשן נערוועז. יעדערער איילט איצט אַהיים, פון דער אַרבעט, גאַרט שוין צו נעמען אַ קאַלטן דוש, אָפּשווענקען פון זיך דעם שווייס און שטויב, אָפּפרישן זיך און רוען. און דאָ, אויף צו להכעיס, זענען אַלע אויטאָס איבערפולט.

— לא לעלות יותר! (נישט אויפשטייגן מער!) — באַפעלט דער שאָפער און מאַכט שוין די ערשטע באַוועגונג, צו לאָזן אין גאַנג דעם מאָטאָר.

אָבער דאָ פּאַקט־זיך נאָך אויף די שטיגלעך אַרויף, אין אויטאָ אַריין, אַן עלטערע פרוי, אַן אומגעהייער דיקע, מיט צעפלאָשעטע גרויע האָר. איר טיף־צעאַקערט פּנים איז פיאָלעט צעפלאַמט, ווי אַ האַרבסטיק פעלד מיט שקיעה־שיין באַגאָסן. דורך יעדן טיפן קנייטש, שטראָמען שמוציקע ריטש־קעלעך שווייס. די הענט אירע זענען פאַרנומען מיט פּעקלעך, איז זי זיך בייהילפיק מיט די עלנבויגנס. זי קרעכצט, זיפּצט און פּאַלט ענדלעך אַריין, מיטן געפּעק, אויפן שאָפער אַרויף.

דער שאָפער, אַ געלבלעך־קודריאַווער יונג, מיט שפּיציקע אויגן, א שפּיציקער נאָז און שפּיציקע קינבאַקן, צעבייזערט זיך מיט אַ שפּיציק קול:

— יידענע, איר זענט טויב? איך האָב געזאָגט: לא לעלות יותר!

— חלילה, טויב בין איך נישט, גאָט צו דאַנקען! — סאָפּעט די יידענע און ווישט זיך דעם שווייס פון דעם פּנים מיט אַ שפּיץ פון קאָפּ־טיכל — נאָר וואָס דאָס הייסט: לאַלאַלאָט, ווייס איך אויך נישט.

— דאָס הייסט, איר זאָלט נישט אַרויפקריכן אויפן אויטאָ, הייסט עס!

— ווערט דעם שאָפערס שפּיציקע שטימע נאָך שאַרפער, שפּיציקער.

— אַזוי? נישט אַרויפקריכן?.. — חזרט איבער די יידענע געלאַסן, מיט אַ טאָן פון זקנהשער חכמה און ביטול — זייער אַן אידל וואָרט... אויף יידיש האָב איך עס נאָך קיינמאָל נישט געהערט, און דאָס לשון־קודשדיקע פאַרשטיי איך נישט... ווי קומט אַ יידענע צו אַזעלכע הייליקע, לשון־קודשדיקע ווערטער?..

— אָבער איצט פאַרשטייט איר שוין? איז חכמעט זיך נישט און קריכט צוריק אַראָפּ!

דעם שאָפערס שטימע ווערט פון מאָל צו מאָל, אַלץ שפּיציקער און גרילציקער, דאַקעגן די יידענע, ווי זי וואָלט געווען אַ קאַלטע ליטוואַטשקע, רעדט אַלץ רויִקער און געלאַסענער, מיט אַ סאַמעטענער מאַמע־שטימע, אין וועלכער עס טוליעט זיך אַ ווייכע איראָניע...

— איך בין קוים מיט צרות ארויפגעקראָכן... און אַראָפּקריכן קען איך נישט אַפילו אויף לשון־קודש... איך האָב פּשוט קיין כוח נישט, איר פאַרשטייט?

דער יידענעס רויִקייט און געלאַסנקייט רעגט נאָך מער אויף דעם צע־רייצטן שאָפער. דעמאָנסטראַטיוו גיט ער אַ לעש־אויס דעם מאָטאָר:

— איך פאָר נישט! גייט אַראָפּ!

— יונגער בוים, וואָס זענט איר אַזאַ עקשן? אַן עלטערע פרוי זאָגט אייך, אַז זי האָט נישט קיין כוח, גלויבט איר נישט? — בעט זיך שוין די יידענע, זעענדיק אז די זאַך ווערט ערנסטער. — שוין צעפּרעגלט גע־וואָרן פון דער זון! אַ שעה צייט וואַרט איך שוין, ביז כ'האָב אייך דער־לעבט צו זען.. .איך בין קוים אַרויפגעקראָכן, לאָזט מיר שוין פאָרן!

— סע נהגו! סע! — דענערווירט זיך שוין דער עולם.

— צוליב אַ יידענע וועלן מיר דאָ אָפּשטיין אַ שעה צייט!

— זאָל זי אַראָפּגיין, וועל איך פאָרן! — איז דער שאָפער פאַרעקשנט.

— און אַז איר װעט אײנמאָל נישט אױספּירן, װעט זײן אַ לאָך אין הימל? — שרײט אַן עלטערער ייִד — סע! פּאָר שױן אָפּ! אַ „דרום־יהודה" אױף אונדזער קאָפּ!

— פּראָװינצער חיות! — גיט דער שאָפער אַ שפּיציקן גרילץ און לאָזט דעם מאָטאָר.

דער שאָפער אַרבעט מיט אַלע אברים: מיט אײן האַנט דרײט ער דעם רול, מיט דער צװײטער נעמט ער געלט. גיט בילעטן און א רעשט. די אױגן קוקן אין שפּיגעלע מיט שפּיציקע בליקן און זוכן די צװישנרופלער און דאָס מױל גײט אױף שרױפן:

— אַן עליה איז עס אַ ביסל אָנגעקומען! אַ שארית־הבלאָטע!... גיט אהער געלט, ייִדענע, דרײ פּיאַסטער.

— אײן מינוט. — פאָרעט זיך די ייִדענע לאַנג מיט דער רעכטער האַנט, טיף אין בוזעם, פון װאַנען זי שלעפּט ענדלעך אַרױס אַ פאַרשװיצט פּעקעלע, אין א נאָז־טיכל מיט קניפּלעך פאַרבונדן. די קניפּלעך זענען שטײף און פון שװײסיקער פײכטקײט, לאָזן זײ זיך נישט אױפבינדן. רײסט זי זײ נערװעז מיט די צײנער.

דער שאָפער װערט נאָך מערער אױפגעקאָכט:

נישט געקאָנט פריער אָנגרײטן דאָס געלט? שעהען לאַנג שטײט מען אין תור און מען גענעצט. ערשט װען מען קומט אין אױטאָבוס, נעמט מען גראַבלען אין בוזעם און זיך ראַנגלען מיט די קניפּלעך.

— איר זעט דאָך, אַז איך האָב געהאַט פאַרנומענע הענט מיטן געפּעק...

— שנעלער אביסל.

אָט, שױן־שױן. — האָט די ייִדענע ענדלעך אױפגעריסן, בעסער גע־זאָגט: אױפגעביסן די קניפּלעך, אַרױסגענומען און אױסגעגלײכט אַ צע־קנײטשטן, פײכטן האַלבן פונט און אױסגעשטרעקט עס צום שאָפער.

דער שאָפער איז איצט אינגאַנצן אַרױס פון די כלים:

— קלײנגעלט גיט אהער! איך האָב נישט קײן רעשט;

— װען איך האָב קלײנגעלט, װאָלט איך אײך אװדאי געגעבן. נאָר כ'האָב נישט.

װוהין פאָרט איר?

— ביז יפו.

— איר וועט שוין, ביי מיר, פאָרן ביז דזשעבעליאַ! — גיט דער שאָ־פער אַ רייס אַרויס דעם פּיכטן באַנקנאָט פון דער ייִדענעס האַנט. — אויף דער לעצטער תחנה, אַז איר וועט מיר געבן קליינגעלט, וועל איך אייך אָפּגעבן דעם האַלבן פונט.

— פאַרוואָס זענט איר אַזאַ רשע, האַ? איר האָט דאָך אַזוי פיל קליינ־געלט! וואָס זשע אַרט אייך, אַז איר וועט מיר אַ רעשט געבן?

— כ׳האָב הונדערטער אַזעלכע, ווי איר. איר זענט נישט ביי מיר קיין בת־יחידה.

— איר הערט, יונגערבוים, איך וואָלט אייך פאַר קיין בן־יחיד אויך נישט געוואָלט האָבן! אַזאַ רשע צו זיין! כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דאָ, אין הייליקן לאַנד, זענען דאָ אַזוי פיל רשעים!

— איר זענט שוין לאַנג אין לאַנד?

— דעם דריטן טאָג...

— און איר ווייסט שוין אַזוי פיל!... אויפן פּנים זעט מען, אַז איר זענט אַ גרינע... אַזעלכע ווילדע ברואים קומען נאָר פון חוץ־לארץ!...

— און פון וואַנען זענט איר געקומען? נישט פון חוץ־לארץ?

— איך בין נישט געקומען אויפן גרייטן, ווי איר! גענוג געטאָפּט דאָ אַ וואַנט. ווען איך בין געקומען דאָ, אין לאַנד אַריין...

אַ יונגערמאַן פון דער דריטער ריי רייסט אים איבער. ער שטעלט זיך אויף און האַקט אָפּ, ווי אַ רבנן־קדיש, דעם גאַנצן פּזמון:

— איז דאָ געווען זאַמד, מדבר, שאַקאַלן זענען אַרומגעלאָפן, מאַלאַריע, מאָסקיטן, אַראַבער... מען קען שוין דעם גאַנצן צעטל פון אויסווייניק... יעדער עולה הערט עס פון אייערע פּקידים, אויף שריט און טריט! ער האָט גליקלעך געמאַכט דער וועלט, אַז ער איז געקומען אהער!...

— אָבער געקומען בין איך אהער אַליין, און אייך האָט היטלער גע־טריבן!...

— הויבט זיך נישט אָן!... מיר קומען אהער איצטער, ווען היטלער איז שוין לאַנג טויט! און ווען מעגלעכקייטן צו פאָרן קיין אַמעריקע האָבן מיר אויך... אָבער איר, יונגערמאַן, זענט זיכער אַנטלאָפן פון אַ פּריזיוו, פון אַ באַנקראָט, אָדער פון אַ תּפיסה. אַלנפאַלס זענט איר געלאָפן פון אַן אומ־

גליק... עפּעס זעט זיך גאָרנישט אויף אייער פּרצוף, אַז איר זאָלט האָבן געווען אַ חלוץ!...

דער שאָפער קריצט מיט די ציינער און לאָזט אויס דעם כעס צום אויטאָ... דער שאָסיי ציט זיך איצט אַ צעגריבלטער, אַ צעלעכערטער. דער אויטאָ שפּרינגט, טאַנצט, האָצקעט און שליידערט זיך. ער קען אויסמיידן די גריבער און פאָרן אַן דער זייט. ער טוט דאָס אָבער נישט. באַדיי די מאַשין צו צעברעכן, אַבי די מענטשן צו צעהאַצקען און די נערוון צו צערייצן...

די ייִדענע שטייט אַלץ ביים אַריינגאַנג, נעבן שאָפער. דער אויטאָ שליידערט איר הין און צוריק. זי האַלט זיך קוים אָן אין אַ רימען און קרעכצט:

— איז מיט וואָס בין איך אַ ווילדע בריאה, יונגערבוים? מיט דעם, וואָס מען לאָזט מיך, אַן עלטערע פרוי, שטיין אויף מיינע אַלטע, קראַנקע פיס און איר הייסט נישט קיינעם מיר געבן אַ שטיקל אָרט, זיך צוצוזעצן? אַזוי שאַנעוועט מען ביי אייך אַן עלטערן מענטשן?

— איר הערט, ייִדן?! — בליצן אויף ביים שאָפער די שפּיציקע אויגעלעך און אַ נצחון־שמייכעלע פאַרשטעקט זיך אויף זיינע שפּיציקע קינבאַקן: אָט וועט ער באַלד דעם גאַנצן קהל אויף זיין זייט... — ערשט מיט דריי טעג צוריק געקומען אין לאַנד אַריין, און עס געפעלט איר שוין נישט!... האָט שוין טענות!... אַלץ קומט זיי די נייע עולים! ווער האָט אונדז געגעבן? איך אַליין בין קילאָמעטערן געגאַנגען צו פוס! קיין אויטאָס נישט געווען. און היינט, אַז זי שטייט אין אויטאָ, איז איר ווייניק, אפשר טראָגן אייך אויף די הענט?...

— ס׳וואָלט גאָרנישט געווען קיין עוולה... — שאָקלט די ייִדענע מיטן גרויען, צעפּאַטלטן קאָפּ. — דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן מענטש איז גאָרנישט קיין עבירה...

— איר הערט? אַ חוצפּה פון אַ ייִדענע?! זי האָט אַ סך געהאָרעוועט היינט... געטראָגן ציגל צום בנין... מענטשן פאַרמאַטערטע פון דער אַרבעט זאָלן איר אָפּטרעטן אַ זיץ־פּלאַץ!... אָט דאַרמאַיעדניקעס!

— נהגי! אפשר וועסטו שוין אַמאָל אויפהערן צו טענהן און אַרומאַרבעטן מיט די הענט? וועסט דאָך נאָך איבערפאָרן אַן אַראַבישע קאָץ!...

— שפּרינגט אויף דער פריערדיקער יונגערמאַן פון דער דריטער ריי. זע נאָר אַ פאַרעניש ביי אים!... אַ שאָפער מוז זיך קריגן מיטן עולם! געהערט אַזוינס?

— און איר, — גיט זיך האַסטיק דער שאָפער אַ דריי אויס, לאָזנדיק לויפן די מאַשין אויף גאַטס באַראַט, — אַ יונגער מאַן, פאַרוואָס הויבט איר זיך נישט אויף און גיט נישט דאָס אָרט צום זיצן אייערע אַלטע ייִדענעס?

— ווייל כדי צו באַשיצן דיין אייזל־קאָפּ, האָב איך איבערגעלאָזן מיין לינקן פוס אין נגבֿ! איך, אויף איין פוס שטיין, קאָן נישט, אָבער יונגע סאַברעלעך זיצן זיך דאָ גאַנץ רויִק. בכן, זיי האָבן דאָ אַמאָל געזען ווי שאַקאַלן לויפן... איין כמאַל ווען איך גיב זיי מיט מיין קוליע איבערן קאָפּ, וואָלטן זיי געקומען צום שכל!...

דער שאָפער האָט זיך צוריק אַ זעץ אַוועק געגעבן אויף זיין אָרט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פאָמוּיניצע. ער וואָלט שוין איצט גערן געשוויגן. זאָל זיך שוין די דיסקוסיע ענדיקן. ער ווייס דאָ שוין גאַרנישט געווינען. אָבער די ייִדענע, זעט אויס, האָט גאַרנישט קיין חשק אָפּצוהאַקן דעם שמועס. אויפן האַרצן, זעט אויס, איז איר שוין גענוג אָנגעזאַלצן און אָנגעפּעפּערט. זי מוז רעדן, אפשר וועט איר לייכטער ווערן. און אפשר וועט איר, רעדנדיק, לייכטער דער וועג אַדורכגיין. זי וועט אַזוי נישט איינזינען האָבן דאָס וואַרפעניש און האָצקעניש. קיין זיץ־אָרט האָט איר נאָך אַלץ קיינער נישט אָפּגעטראָטן. איז רעדט זי ווייטער:

— איז וואָס בין איך שולדיק, אַז גאָט האָט מיר געגעבן יאָרן, אויס־געהיטן מיך פון אַלע אומגליקן און מזכּה געווען מיך צו קומען אין לאַנד אַריין? וואָס פאַר אַ חטא בין איך דאָ באַגאַנגען? בכן איר זיצט ביים רעדל און כ׳געפעל אייך נישט? צו אייער אייגענער מאַמען וואָלט איר אויך אַזוי גערעדט? צי איר זענט גאָר פון אַ שטיין געבוירן?

— אָ, ווען מיין מאַמע וואָלט געלעבט! זי איז געווען אַ מענטש, אַ חכמה, אַ צדיקות! נאָר דאָס בעסטע האָט דער דייטש אויסגעהרגעט. פּעבל איז געבליבן.

— קאָן טאַקע זיין, אַז אייער מאַמע איז געווען אַ חכמה און אַ צדיקת, נאָר... דאָס עפּעלע איז געפאַלן זייער ווייט פון בוימעלע... פון וואַנען שטאַמט זי, אייער מאַמע, טשיקאַווע צו וויסן?

דער שאָפער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט דערמאָנט זיין מאַמען. ער וויל זיך בכלל נישט אַריינלאָזן אין אינטימע געשפּרעכן.

— וואָס איז דער אונטערשייד?

— וואָס האָט איר מורא צו זאָגן?

מסתמא פון כעלם, שעמט ער זיך... — וויצלט זיך דער אינוואַליד פון דער דריטער ריי. לויט זיין חכמה, שטאַמט ער פון דאָרטן...

— איך שטאַם טאַקע נישט ווייט פון כעלם, פון בריסק.

— אזוי? אַ בריסקער? — פאַרחידושט זיך די ייִדענע — איך בין דאָך אויך א בריסקער. איז אפשר האָב איך איר געקענט? ווי האָט זי געהייסן? ווו האָט זי געוווינט?

— אַראָפּ דאָמבראָווסקע, ביים מאַרק. חיה־ברכה פון שניט־געשעפט, האָט איר געקענט? דאָס איז געווען מיין מאַמע?

די ייִדענע איז בלייך געוואָרן. אַ פּנים פון א מת מיט ברייט אויפגע־פּראַלטע פאַרגליווערטע אויגן. איר גאַנצער קערפּער האָט קאָנוולסיוו אויפגעציטערט. זי האָט אָפּגעלאָזן דעם רימען, אָן וועלכן זי האָט זיך אָנגע־האַלטן, אַ פלאַטער געטאָן מיט די הענט אין דער ברייט, ווי מיט פליג־לען, אַ פּלי צו געבן. דאָס נאַזטיכל מיטן געלט איז אויף דער ערד אַראָפּ־געפאַלן. זי האָט קוים באַוויזן אַ היסטערישן קוויטש צו טאָן:

— שמיל־יאָסעף!!!

און איז הינטערוויילעכס אַוועקגעפאַלן, מיט דער גאַנצער שווערי־קייט פון איר דיק־לייביקייט, אין שמאָלן דורכגאַנג, צווישן די רייען זיץ־פּלעצער.

נ ע ו ע ז ע נ ע...

אין האַרץ פון תל־אָביב, אויף איינער פון די באַלעבטסטע, רווישעדיק־סטע ראָגן איז דאָ אַ קאַפע. אַ פּאָר צענדליק טישלעך געפינען זיך אין טונקל־קילן זאַל, אונטער די זיבן גרויסע ווינטן־טרייבנדיקע ווענטי־לאַטאָרן. אַ פּאָר צענדליק טישלעך — אונטער אַ ברעזענטענעם דאַך, אויף דער פרייער לופט. און אַ צוויי רייען טישלעך זענען פשוט אַרויסגערוקט אויפן טראָטואַר.

אויף דעם ראָג איז די גרעסטע באַוועגונג. אויפן שמאָלן, גלאַטן און גלאַנציקן אַספאַלט ציען זיך אומענדלעכע שורות פון אויטאָבוסן, טאַקסיס, טענדערס, דזשיפּן, מאָטאָציקלעטן, פערד און אייזל־וועגעלעך, האַנט־וועגעלעך און ראָווערן. די שמאָלע טראָטואַרן זענען פאַרפּלייצט פון האַסטיקע, געדיכטע שטראָמען מענטשן. פאַרשיידנקאָליריקע פּנימער, פאַרשיידנקאָליריקע קליידונג. פאַרשיידנקאָליריקע שפּראַכן און פאַרשיידנקאָליריקע זשעסטיקולירונגען. אָבער אַלע זענען יידן. דער מיט די אויסגעביילטע קינבאַקן, מיטן מאָנגאָלישן פּנים, דער מיט די קרום־פאַרשניטענע, כינעזיש־פאַרוויינטע אויגן, דער מיטן נעגעריש־געקרייזלטן קאָפּ האָר, די בלאָנדע דייטשקע, דער פּעך־שוואַרצער אַביסיניער, דער קליינגעוויקסיקער, איינגעדאַרט־און איינגעקוואַרטער תימנער, דער שלאַנקער שפּאַניער, דער היציקער בולגאַר, דער עלעגאַנטער פראַנצויז, דער העפלעכער אַמעריקאַנער, — אַלע, אַלע זענען יידן!.. אַ הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט תל־אביב. קיין גוי איז דאָ נישט צו קריגן אויף קיין רפואה...

יעדער רעדט אויף זיין שפּראַך, איז געקליידט לויט דער מאָדע, אָדער

טראַכט פון יענעם מקום פון וואַנען ער איז געקומען. לויטן קלימאַט און קולטור פון יענעם מקום, זענען אויך די באַוועגונגען, זשעסטיקולאַציעס. דאָך רעדט שוין יעדערער עטלעכע צעבראָכענע ווערטער עברית און באַ־מיט זיך צו פאַרשטענדיקן מיטן אַנדערן.

מארבע כנפות הארץ זענען זיי געקומען, פון נויט און געפאַר געיאָגט, און פון נאַציאָנאַלן סענטימענט געצויגן. צוויי ייִדן פוןביידע פּאָליוסן קוקן זיך אָן, מאַכן מיט די הענט און ווילן זיך פאַרשטיין. איז עס דען מעגלעך? עס האָט דאָך זיי אָפּגעטיילט צייט און רוים. און וואָס פאַר אַ צייט? און וואָס פאַר א רוים? אַ רוים פון נאָרד־פּאָל, ביזן צפון־פּאָל... אַ צייט פון צוויי טויזנט יאָר הריגות און שחיטות!.. אָבער דווקאָ צוליבן לעצטן, פאַר־שטייען זיי זיך יאָ... די קינדער זייערע וועלן זיך שוין שפּעטער בעסער פאַרשטיין און עס וועלן שוין קיין שום מחיצות צווישן זיי נישט זיין...

די עליה איז אַ גרויסע. טאָג־טעגלעך קומען שיפן מיט עולים. עס ווערט שווערער מיט וווינונגען און שווערער מיט אַרבעט און פרנסה. — מוז מען זיך אַליין וואָס שנעלער עפּעס צו געפינען, וואָס שנעלער זיך איינצואָרדענען. מען לויפט פון משרד צו משרד, מען זוכט א פּאָדעם, ווו עפּעס אָנצוקניפּן. מען זוכט פּראָטעקציע, פּריינט, באַקאַנטע.

און צופעליק טרעפט מען זיך דאָ, אין מיטן גאַס. עס טרעפן זיך מענטשן וועלכע האָבן זיך אין די מהומה־יאָרן פאַרלאָרן, קרובים פון פאַר־שיידענע לענדער, וואָס איינער האָט נישט געוווּסט, אַז דער צווייטער האָט זיך געראַטעוועט, אז ער לעבט... אַ פריידיקער געשריי, אַ נאָמען פלאַטערט אין דער לופט, ווי א טויב, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַ שטייג און פאַרלוירן די פעדערן... עס פלאַטערן הענט. מען פאַלט זיך אויף העלדזער. א היסטעריש געוויין. מען קושט זיך, מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס, מען לאַכט און מען וויינט און אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט שקיעה, כל־נדרידיק מיט יאָרצייט־פלעמלעך...

דער עלטערער תל־אביבער תושב האלט־איין זיין אימפּעטדיקן גאנג און קוקט זיך־צו צו דער באַגעגעניש. ער איז שוין צו אַט די טעגלעכע דראַמאַטישע סצענעס געוווינט און דאָך... ביי יעדעס מאָל, דערמאָנט עס אים אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אין לאַנד־אַריין, מיט אַ צען־פופצן יאָר צוריק... ער האָט דאַן אויך געזוכט פריינט און אויך צופעליק געפונ־

נען... אָבער דעמאָלסט איז דאָס געפינען נישט געווען אַזאַ איבערראַשונג. דעמאָלסט איז עס נישט געווען קיין נס... אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך אָן זיינע פליכטן און איילט אַוועק וויטער. די גאַנצע צען־פופצן יאָר, וואָס ער איז דאָ אין לאַנד, איילט ער זיך. שטענדיק געווען פאַריאָגט. סיי מיט דער שווערער אַרבעט און סיי מיטן זוכן דעם טאָג אַרבעט... און יעצט, מיטן אָנפלוס פון נייע עולים, ווערט עס נאָך שווערער! מוז ער פילעווען זיין אַרבעטס־פּלאַץ, מוז ער זיך נאָך מערער איילן...

צווישן עולם שטופּט זיך אַ געשמינקטע דאַמע מיט אַ הינטל, אַ מאַמע מיט אַ קינדער־וועגעלע, אַ פּעדלער מיטן קעסטעלע גאַלאַנטעריי פון פּאַרנט, אויפן האַלדז אָנגעבונדן, אַן אַלטער בעטלער און אַ קריגס־אינוואַליד. עס טראָגן זיך קולות פון צייטונגס־יינגלעך, שיך־פּוצער און קאַלט געטראַנק־פאַרקויפער.

צוליב דער ענגשאַפט אויפן טראָטואַר, ווערט אָפט אוועקגעשאַרט אַן אַרויסגערוקט טישל פון דער קאַפע, ווערט אומגעוואָרפן אַ שטול, עס שלעפּט זיך־מיט אַ טיש־טוך און עס צעבראַזגעט זיך אַ גלאָז מיט געטראַנק.

תל־אביב איז אימפּולסיוו. מיט איר עלעגאַנץ, איז זי אַ פּאַריז, מיט איר אימפּעט — אַ ניו־יאָרק. אָבער אַמרוישעדיקסטן, אַמאַימפּעטדיקסטן, איז טאַקע דאָ אויפן ראָג, פאַר די אַרויסגערוקטע טישלעך פון דער קאַפע.

די קאַפע איז כמעט שטענדיק פול מיט שטאַם־געסט, וועלכע טוישן זיך עטלעכע מאָל אין טאָג. יעדע פּאָר שעה זיצן דאָ מענטשן פון אַנדערע בראַנזשעס און פון אַנדערע לענדער געקומענע. מען אונטערשיידט עס לויט די פריזורן, קליידונג און שפּראַך. אַ גוטן עברית הערט מען דאָ בלויז אין די פרימאָרגן־שעהען, ווען די פקידים, פאַרבייאיילנדיק צו זייער אַרבעט אין משרד, כאַפּן זיך אַריין אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע און אַ בליק טאָן אין די טאָג־צייטונגען. דאַן זיצן אויך מיליטער־לייט און פּראָווינצער, וועלכע קומען פון די קעמפּן און מושבות, עפּעס צו דערליידיקן אין שטאָט. פאַר מיטאָג קלינגט דאָ די פּוילישע שפּראַך און ווי זשומענדיקע בינען הערט מען כסדר: „פּראָשען פּאַנאַ, באַרדזאָ פּראָשע, פּראָשע שאַדאַטש, דזשענקויע, פּשעפּראַשאַם". מענער קושן דאַמען אין די הענט, נויגן זיך פאַרצייטיש און מאַכן קאָמפּלימענטן.

נאָך מיטאָג ווערט די קאַפּע אָקופּירט פון יעקעס. יעקעס טרינקען שוואַרצע קאַווע אָדער ביר. זיי רעדן דייטש געמישט מיט אַ הילצערנעם עברית. די העברעיִשע ווערטער שטעלן זיך זיי, צווישן צונג און גומען, שטאַרצאָם ווי שפּענער...

— פּיעפּאַקאַשאַ אַטאָן! (בבקשה אדון...).

— זיצן זי ביטע, קעפערעט! (גברת...).

אין די אָוונט־שעהן איז אַ געמיש פון רוסיש־ענגליש־אונגאַריש־רומעניש־פראַנצויזיש און פּויליש.

יִדיש פאַרהילכט אַלע שפּראַכן פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט.

אָבער ווי עס זאָלן נישט זיין פאַרשיידנאַרטיק די קאָלירן, פריזורן, קליידונג, שפּראַך און באַנעמונג, — איז אָבער די שטימונג, כמעט ביי אַלע שטאַם־געסט פון דער קאַפּע, שטענדיק איינע און די זעלבע. אַ שטימונג, וואָס גיסט זיך אויס אין פאַרזוי׳ערטע גרימאַסן אויף פאַרלאַנגווייליקטע געזיכטער, אין ביטולדיקע בליקן און איראָנישע טענער.

די שטאַם־געסט זענען באַקאַנט. זיי זענען געקרוינט מיט אַ נאָמען, וועלכן זיי טראָגן מיט שטאָלצן צער. מען רופט זיי: „די געוועזענע״...

אויך די קאַפּע אַליין, וועלכע האָט דווקא אַ שיינעם נאָמען אויפגעשריבן אויף דער שילד, אַ נאָמען וואָס דערמאָנט אָן וואַקסן, אָן גרינען, וואָס שמעקט מיט בליִונג, — איז פול מיט מרה־שחורה פון וועלקן און שימלען. עס וועלקן דאָ האָפענונגען און פאַרלאַנגען, עס שימלען די דערינערונגען, עס לעשן זיך טרוימען און עס לעשט זיך דער שמייכל... רופט מען זי טאַקע:

— „קאַפּע פון געוועזענע״...

תל־אביב האָט אַ סך עלעגאַנטע קאַפּעען און יעדע קאַפּע האָט זיך איר באַזונדערן מזל, איר באַזונדערן גורל. עס טרעפט אַ לוקסוסאַרטיק איינגעריכטעטע קאַפּע אין בעסטן צענטער, — איז זי תמיד פּוסט. די קעלנער שטייען אין די ווייסע רעקלעך מיט די סערוועטלעך אויף די הענט און קוקן אומעטיק אויס אַ קאָנסומענט... און דווקא אַן אָפּגעלאָזענע, אָרעמלעך־באַשיידענע קאַפּע, ענג דלד־על־דלד, פאַררוקט אויף אַ הינטער גאַס, איז שטענדיק פול מיט די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן!...

אין אייגענעם לאַנד

עס זענען דאָ קאַפּעען פון סוחרים, ווו אונטער וואָלקנס רויך פון אָנגעפּיפּקעטע סיגאַרעטן, ווערן געמאַכט ריזיקע טראַנזאַקציעס. קאַפּעען פון פּאַרטיי־לייט, וווּ מען טריקנט אויס די גאָרגלען מיט לײדנשאַפטלעכע, פּאָלעמישע דיסקוסיעס און מען באַנעצט זיי מיט אַ מיץ. קאַפּעען פון פּועלים, פון פּקידים, פון אַקטיאָרן, שרייבער און קינסטלער. קאַפּעען פאַר באַקאַנטשאַפט־זוכער, פאַר שטילע ראַנדעוווען, קאַפּעען פאַר נייע עולים און אַרבעטלאָזע...

אומעטום ווערט געקיבעצט אויף אַן אַנדער אופן און אויף אַן אַנדער שטייגער...

דער זעלבער גורל האָט אויך געוואָלט, אַז דווקא אין האַרץ פון תל־אביב, אין רוישעדיקסטן, אימפּעטדיקסטן צענטער, זאָל אַ קאַפּע מיט אַ בליִענדיקן נאָמען, ווערן דער עיר־מקלט פאַר וועלקנדיקע מענטשן, פאַר אַנטוישטע, פאַר פאַרביטערטע, פאַר געוועזענע...

***

דער אַלטער אַדוואָקאַט טשעמערינסקי, מיטן שוואַרצן הוט מיט די ברייטע ראַנדן אויף זיין זילבערנעם שייטל, מיט די דיקע, שוואַרצע בערשטל־ברעמען איבער זיינע גרויס־צעעפנטע ביר־אויגן און מיטן דיקן ציגאַר צווישן זיינע פאַרבלויטע ליפּן, — שטעלט זיך אַריין מיט זיין גאַנצער ברייט אין דעם שמאָלן קאַפּע־אַריינגאַנג פון די ערשטע. אין דעם שמאָלן דורכגאַנג, צווישן די שורות טישלעך, בלייבט ער שטיין אין זיין גאַנצער קיין־עין־הרעדיקייט, מיט זיין הדרת־בייכל, וואָס איז שוין היפּש אַראָפּ פון דער מדרגה און הענגט אים היינט, מיט דער גראָבער קייט פון טאַשן־זייגער, אַ סך נידעריקער ווי אַמאָל... ער שטייט אַזוי אַ רגע אָנגעשפּאַרט אַן זיין שוואַרצן שטאָק מיטן ווייסן העלפאַנטביינערנעם הענטל און זילבערנעם מאָנאָגראַם, פאַרפּראַפּנדיק דעם שמאָלן דורכגאַנג פאַר אַנדערע.

— סליחה אדוני!

— אַנטשולדיקן זי, ביטע!

— פּשעפּראַשאַם!

ער הערט נישט. ער האָט צייט. ער מוז פריִער זען אַלעמען און אַלע זאָלן אים זען און וויסן, אַז ער, דער פאַן מעצענאַס טשעמערינסקי איז שוין דאָ... ער נעמט אַרום מיט זיין בליק דעם גאַנצן קאַפע־לאָקאַל, פאַמעלעך, נישט געאיילט, באַטראַכט ער אַלע שטאַם־געסט ביי די טישלעך, ווי אַמאָל, דעם עולם אין געריכט־זאַל. ער כאַפּט־אויף אַ שמייכעלע, ווי אַ געוואָרפענע בלום פון אַ פאַרטענצעריין און וואַרפט עס צוריק. ער ענט־פערט אויף אַלעמענס באַגריסונגען זייער העפלעך און פרעגט מיט אַן איראָניש טענדעלע:

— מה נשמע?... אין חדשות?... הכל בסדר?...

די איראָניע איז נישט צו דעם באַגריסטן, נאָר צום וואָרט זעלבסט, צום עברית און צום בסדר, וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן גאַנץ קרום...

געענטפערט אויף אַלע באַגריסונגען, גייט ער דאַן אַריין טיפער און פאַרנעמט זיין שטענדיקן פלאַץ ביי זיין טישל.

דער קעלנער ווייסט שוין. אים צוטראָגן אַ פוילישע צייטונג, אַן אילוסטרירטן אויסלענדישן זשורנאַל פון דעם מין, ווו עס געפינען זיך אַ סך בילדער פון שיינקייטס־קעניגינס, שווישפּילערינס, טענצערינס אין דער מוטער חוהס קאָסטיומען... און זופנדיק לאַנגזאַם זיין גלאָז קאַפע „הפוך״, לייענט ער דאָרטן די פאַרזעצונגען פון אַ דעטעקטיוו־ראָמאַן, אַ דערציילונג וועגן אַ רעטזלהאַפטן מאָרד אילוסטרירט מיט צייכענונגען. נאָטיצן מיט בילדער וועגן פערד־געיעגן און ספּאָרט.

דער ערשטער זעצט זיך־צו צו זיין טישל דער זשורנאַליסט גאָטהעלף, מיט די קורצזיכטיקע און דאָך פלינק־אַרומלויפנדיקע אייגעלעך איבער די דיקע ברילן־גלעזער, וועלכע זיצן אַ סך נידעריקער, כמעט אויפן סאַמע שפּיץ פון זיין שמאָל און אייביק פאַרקאַטערט נעזל. ער איז הויך און דאַר, דער זשורנאַליסט גאָטהעלף, מיט אַ הויכער, איבערגעבויגענער פלייצקע און געל־גלאַנציקן פאַרמעט־פּליכל. דערביי אָבער, איז ער זייער רירעוודיק מיט די באַוועגונגען און נאָך רירעוודיקער מיט זיין פלאַפּלענ־דיק צינגל. מען רופט אים דעריבער „פאַניע קוועקזילבער!״... ער איז אַ מייסטער אַריבערצושפּרינגען, במשך אַ דריי־מינוטיקן געשפּרעך, פון גליל ביז צום דניעפּראָסטראָי, פון וואַשינגטאָן — קיין טאָקיאָ, פון לאָנדאָן — קיין אָטוואָצק און פון אַלאַסקאַ — צוריק צום נגב... ער גיט אויף שנעל

אַ וואָרף דורך עטלעכע צענדליק נעמען פון פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, גיט אַ שטעל צוזאַמען פּנים־אל־פּנים סטאַלינען, טרומאַנען, טשערטשילן מיט דוד בן־גוריונען, הייסט זיי רעדן מיט זיין שפּראַך און לאָגיק... און מיט איין מאַך מיט דער האַנט, צעשליידערט ער זיי ווי הילצערנע פיגורן פון אַ שאַך־ברעטל... דאַן גיט ער אַ מאַך מיט בלאָטע צוגלייך אַלע פּאָפּו־לערסטע זשורנאַליסטן פון תל־אביב: דאָס זענען חדר־ייִנגלעך, וועלכע פאַרשטייען גאָרנישט און דאַרפן גיין צו אַ דרדקי־מלמד קנעלן הלכות־זשורנאַליסטיק!... און זייערע ווייבער זענען!... — דאָ קומען אַ סדרה ווייבער און ניבול־פּה און ער באַשליסט אַז:

— ניין! איידער אַזעלכע ווייבער, וועט ער שוין בעסער פאַרבלייבן אַן אַלמן לעולם־ועד!...

ביידע זענען זיי געקומען אין לאַנד אַריין ווי טוריסטן, האַרט ערב דער מלחמה און זענען שוין דאָ שטעקן געבליבן. פון דאַן אָן, האָבן זיי שוין מער נישט געהערט וועגן זייערע ווייבער און קינדער, איבערגעלאָזענע אויף הפקר אין תּליונס הענט.

צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבן מזל! און אַדוואָקאַט טשעמע־רינסקין האָט עס אָפּגעגליקט: ער האָט זיך אַמאָל געלאָזן דעם קאָפּ פאַר־דרייען פון אַ ציוניסטישן רעדל־פירער, וועלכער האָט אים, אין די גוטע צייטן, צוגערעדט אַרויסצוּוואַרפן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר און איינהאַנדלען זיך אַ פּאָר מגרשים אין תל־אביב. האָבן זיי זיך טאַקע פאַרוואַלגערט די מגרשים און זיך צעשמייכלט צו אים, זייער באַלעבאָס, אין דער שלעכטער שעה... איין מגרש, אַ גרויסן, האָט ער דאַן געקויפט אין צענטער שטאָט און צוויי קלענערע — אויף דער פּעריפעריע. פאַר דער צייט האָט זיך תל־אביב צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט און די דעמאָלטיקע פּעריפעריע איז שוין היינט אויך צענטער־שטאָט. האָט ער די צוויי קלע־נערע מגרשים פאַרקויפט, ממש פאַרצוקערט! און פאַר דעם געלט אויפ־געשטעלט זיך אַ לייטישן בנין אויפן גרויסן מגרש אין צענטער. איין דירה האָט ער פאַר זיך און די איבעריקע — פאַרדונגען. גענומען גע־פעפערטע שליסל־געלט, אַריינגעלייגט די סומע אין אַ באַנק און לעבן, לעבט ער איצט פונעם דירה־געלט, וואָס פליסט אַריין יעדן מאָנאַט רע־גולער, ווי אַ זייגערל...

דאַקעגן דער זשורנאַליסט גאָטהעלף, האָט קיין מאָל קיין פאַרמעגן נישט געהאַט און ער האָט עס טאַקע היינט אויך נישט... ער איז דאָ חדשים־לאַנג אַרומגעלאָפן איבער די רעדאַקציעס, פועלן אַז מען זאָל אים צונעמען פאַר אַ מיטאַרבעטער און ענדלעך האָט ער, אין איינער פון זיי, אַ שטיקל אָנשפּאַר געקראָגן. דאָ אויך, אַ דאַנק פּראָטעקציע פון זיינע וואַרשעווער קאָלעגן. די „טייערע" קאָלעגן זיינע האָבן זיך נישט באַמיט, אַז ער זאָל האָבן זיין בכבודיקן פּאָסטן, ווי עס קומט אים, לויט זיין זשורנאַליסטישן סטאַזש און ער זאָל קענען פאַרעפנטלעכן, יעדן פרייטיק, זיינע באַרימטע פעליעטאָנען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַליבט געמאַכט אין זיין וואַרשעווער טאָג־צייטונג. אָט די־אָ פעליעטאָנען לאָזט מען אים דאָ נישט שרייבן. מכלומרשט: זיין עברית איז נישט דער, וואָס מען דאַרף... זיין גלות־פּסיכאָלאָגיע... דאָ איז אַן אַנדער טיפּ מענטש. עס איז דאָ שווער אָנצושלאָגן אין טאָן, אַריינצוטרעפן אין פּינטל אַריין... דאָ דאַרף מען אַן אַנדער סאָרט הומאָר, אַן אַנדער וויץ און דער עיקר — אַן אַנדער אופן אינטערפּרעטירן זאַכן און געשעענישן... און ועל כולם, איז אַן איבערפלוס פון מאַטעריאַל. זיי אַליין וואַרטן מיט זייערע מאמרים אין דער ריי... אַלס רעפּאָרטער האָט מען אים אָנגענומען!... שטאָט־כראָניק שרייבט ער. אַמאָל — אַ קליינעם רעפּאָרטאַזשל, מיט אַ פּסעוודאָנים אונ־טערגעשריבן. מען שיקט אים אַרום, אויף דער עלטער, ווי אַ שיק־יינגל, אָט ווי די רעפּאָרטערלעך אַמאָל, אין וואַרשע, ווען ער פלעגט אַפילו די האַנט נישט וועלן געבן!... עס איז געווען פאַר זיי אַ כבוד, אַז ער האָט זיי געענטפערט אויף אַ „גוטמאָרגן"!... און היינט זענען זיי דאָ די גרויסע זשורנאַליסטן, עתונאים!... זיי זענען די ווייסערס, די קענערס, די פאַרשטייערס און אַזעלכע ווי ער, הייסן עובר־בטול... זיי שרייבן די לאַנגווייליקע, ביז צום אַנטשלאָפן ווערן „מאמרים" און גאָטהעלף מיט זיין גלות־פּסיכאָלאָגיע, קען נישט אַריינטרעפן אין טאָן!...

און כאָטש דער ערשטער איז מאַטעריעל פאַרזאָרגט און דער צוויי־טער שלאָגט זיך אַדורך מיט פּרנסה, איז אָבער פון ביידן אַראָפּ דער אַמאָליקער גלאַנץ, דער יחוס. אָט דאָס האָט זיי צוגענומען דעם הומאָר און פאַרקרימט זייערע געזיכטער אין אַ שטענדיק זויערער גרימאַסע. די פאַרביטערונג טאַטשעט שטענדיק, ווי אַ וואָרעם אין האַרצן. זענען זיי

צווישן מענטשן, טרייבט עס זיי צו איינזאַמקייט און די איינזאַמקייט יאָגט זיי צו מענטשן. — קומט מען אַהער אין קאַפע, טרעפן אַן אייגענעם, אַ לאַנדסמאַן און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. רעדט מען וועגן דער היגער ווירקלעכקייט מיט וויטיק און פאַרדרוס. נאָכדעם לאָזט מען אַראָפּטויכן די פאַנטאַזיע, ווי אַ פוסטן עמער אין טיפן ברונעם פון דער פאַרגאַנגענהייט און מען שעפּט אַרויס קוואַליקע דערינערונגען, פול, ביז איבער די ראַנדן... זיי טרינקען און פאַרכליניען זיך:

— אַמאָל איז געווען אַ לעבן!...

— עך, איז דאָס געווען אַ צייטעלע!...

— אַ חלום!... עס גלויבט זיך שוין קוים!...

— געדענקט איר מיין באַרימטן פּראָצעס אין יאָר 1936?...

— אַ פראַגע אַ ביסל, צי איך געדענק!... אַ וועלט האָט דאָך געקאָכט!... די פּרעסע איז פול געווען! איר געדענקט דען נישט מיין פּעליעטאָן? אייער פּאָרטרעט איז געווען אויף דער ערשטער זייט. אייער רעדע — וואָרט־ביי־וואָרט! דאָס איז דאָך געווען אַ מייסטערשטיק, נישט קיין רעדע! אַ קונסט־ווערק! אַ שעדעווער!

— נו, פרעג איך אייך: ווער פון די היגע אַדוואָקאַטלעך האָט אַזאַ־אַ כוח?... — שמייכלט זיגעריש טשעמערינסקי — לאַפּיטוטן זענען זיי! בר־מצווה־יינגלעך, וועלכע לערנען זיך אויס אַ דרשה און דעקלאַמירן!... נו... דאַרף מעצענאַס טשעמערינסקי זיצן אין דער היים, לעבן פון דירה־געלט און אָט די בר־מצווה־יינגלעך „אַדוואָקאַטעווען"!... עס איז אַ פּרינציפּ ביי זיי: נישט צוצולאָזן קיינעם.

— דאָס זעלבע מיט מיר! — צינדט זיך אָן גאָטהעלף — כל־זמן מען זעט נישט עפּעס בעסערס, מיינט מען, אַז זייערס איז גוט!... וואָס האָט איר אין דער היגער פּרעסע? ווייזט מיר איין פּעיִקן זשורנאַליסט! זיי גיבן דאָך דעם לעזער שטרוי צום קייען, קליאַטשעע, ווי איך בין אַ ייִד!... „מאמרים" רופן זיי עס, בלשון קודש... איך וואָלט זיי געוויזן, וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן! איר געדענקט דאָך מיינע פּרייטיק־פּעליע־טאָנען... קינד־און־קייט האָבן דאָך די פינגער געלעקט... נו? וועלן זיי צולאָזן? דער לעזער וועט דאָך זיי באַלד כאַפּן ביי דער האַנט... ער וועט דערזען, ווער עס קען און ווער עס קען נישט... און צוריקגערעדט: ווען

איך בין אויף זייער אָרט, אַזאַ קאַליקע ווי זיי, וואָלט איך אפשר אויך אַזוי געטאָן. זיי זענען טאַקע אפשר גערעכט...

— ווער איז גערעכט, ווער?? — שרייט אויס פון דער וויטנס דער אַקטיאָר באַכראַך.

ער איז נאָרוואָס אַריינגעקומען, דער אַקטיאָר באַכראַך, מיטן געגנגל פון אַן אַלטן, אָפּגעפּאָרענעם גענעראַל, וועלכער וויל נאָך, צווישן דאַמען, אַנגיין אַלס יונגער... אַ גענעראַל אויף עמעריטור, וועמען מען גיט שוין נישט אָפּ דעם מיליטערישן כבוד... ער האָט, שפּרייזנדיק צום טיש, נאָך פון דער וויטנס באַוויזן אויפצוכאַפּן די לעצטע פראַזע, זיך באַלד אָריענטירט וועגן וואָס דער שמועס גייט און באַלד גענומען גאָטהעלפן אין דער אַרבעט אַריין. באַכראַך האָט בכלל פיינט צו זיצן ביים טיש, ווען אַנדערע רעדן. ער מוז רעדן און אַלע מוזן אים הערן. דער עולם ווייסט שוין: האָט באַכראַך נאָר גענומען דאָס וואָרט, וועט שוין קיינער צום פסוק נישט קומען. איצט וועט גיין איין מאָנאָלאָג נאָכן אַנדערן...

— גערעכט גיט ער זיי, דער טינטלער! זענט איר דאָך שוין באַלד אַ סאַברע פונקט ווי זיי! — גיט ער זיך אַ קרים ביים וואָרט „סאַברע", ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַצייכענונג פון אַלדאָס מינדערווערטיקעס און שלעכטס. אומווירדיק און באַליידיקנדיק... — גערעכט הערסטו דיר! זענען דאָך די כינעזער אויך געווען גערעכט, ווען זיי האָבן געהאַלטן, אַז קיין קליגערס און וויסנדיקערס פאַר זיי איז אויף דער וועלט נישטאָ! און דערפאַר, זיך אַרומגעצוימט מיט דער כינעזישער מויער. וואָס זשע איז געווען דער סוף? איז טאַקע די וועלט געגאַנגען פאָרויס מיט קולטור, מיט ציוויליזאַציע און כינע איז געבליבן אָפּגעשטאַנען, פאַרווילדעט, פאַרפּינצטערט און פאַרשימלט!... ישראל איז אַ יונג לאַנד, וואָס דאַרף זיך נאָך גענוג לערנען פון דער גרויסער וועלט! אָבער אַז די סאַברעס זענען אַן אתה־בחרתנו־דור, קליגער, קולטורעלער און טאַלענטירטער פון יעדן אויסלענדער, וועלן זיי די מדינה נישט דערפירן אַפילו צו דער מדרגה פון דעם אָפּגעשטאַנענעם כינע!...

באַכראַך איז געקומען אַהער אין לאַנד אַריין מיט דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך עוואַקוירט פון רוסלאַנד דורך איראַן. דאָ האָט ער דעזערטירט, זיך אויסבאַהאַלטן חדשים־לאַנג אין אַ קיבוץ, און ווען די

פּוילישע אַרמיי איז אַוועק פון פּאַלעסטינע, איז ער געקומען קיין תּל־אביב, פאַרצוזעצן זיין טעאַטער־טעטיקייט. זיין עברית אָבער קלעקט אים בלויז אין קאַפע, אויף צום שפּאַסן מיטן קעלנער. צום שפּילן טעאַטער איז עס קיין עברית נישט. אין די פּופּציקער יאָרן קריכט אים דער „לאָקשן־קוידעש", ווי ער רופט עס, אין קאָפּ נישט אַריין. בפרט נאָך מיט „זייער טערקישן ספאַרדיט"...

— אַז אַ בתולה איז גאָר ביי זיי אַ בטולאַ... אַ יתומל נעבעך, איז ביי זיי אַ יאַטאָם... אַ יאַטאָם־באָמבע... און אַ נאַרישער ויזתא, איז גאָר אַ גאַנצער ווייזאַטאַ!... אַ שליומפּער הייסט געווערעט, אָדער גערעוועט... און אַלץ איז „הכּל בסדר"... סאַוולאַנוט (סבלנות) הייסן זיי מיר האָבן... און איך דאַרף גאָר האָבן פּרנסה!...

פון דעסטוועגן כאַפּט ער אַ כאַלטורעלע, פון צייט צו צייט, אין אַ מיליטערישן קעמפּ, אין אַ בית־עולים, אין אַ מושבה, אָדער קיבוץ. ער זינגט אַ פּאָר קופּלעטלעך האַלב־עברית, האַלב־יידיש און ער האָט דערפון אויף דער גלאָז „קפה־הפוך", וואָס גיט אים די מעגלעכקייט דאָ צו זיצן און אָפּקיבעצן אַ האַלבן טאָג. ער חלומט נאָך פון אויסלאַנד, פון אַ רייזע קיין אַמעריקע, וווּ ער וועט ווידער אויפבליצן אין זיינער אַן אַמאָליקער קרוין־ראָל.

ער שרייבט כּסדר בריוו. עפּעס זאָגט מען אים צו. עס האָט שוין עטלעכע מאָל געהאַלטן דערביי, און... ס'איז גאָרנישט געוואָרן. דערווייל ציִען זיך חדשים און יאָרן. ווען ער שטייט־אויף אין דער פרי, באַטראַכט ער זיך ביים שפּיגל און שטעלט פעסט, אַז ער ווערט שוועך־לייביקער. עס וואָלט געוווּנטשן געווען אַ דיעטע און מאַסאַזש... ער מוז זיך באָדן אַ סך און מאַכן ספּאָרט־איבונגען. די שלייפן זילבערן־זיך עקשנותדיק אַלץ מער. טאָמער הייבט ער זיך אָן צו פאַרבן, וועט ער עס שוין מוזן טאָן כּסדר... עס מערן זיך די קנייטשן אויפן שטערן און ביי די אויגן־ווינקע־לעך און אונטער די אויגן ווערן די טאָרבעלעך פולער און פולער. ער האָט שוין גאַנץ וואַזשנע טאָרבעס...

ער פּרוּווט די שטים. יאָ... זי קלינגט נאָך, ווי אַמאָל!...

— האַ־האַ! האַ־האַ־האַ־האַ! הם! הע! וואָס איז דאָס? נאָכאַמאָל: האַ־האַ! הי... אויף די האַלדז־בענדער... די סטרונעס הייבן אָן כריפּען... אין

וואַרשע האָט ער געהאַט זיין דאָקטאָר, ער פלעגט, אין אַזאַ פאַל, אויס־לאַפּעסירן, הייסן מאַכן אינהאַלאַציעס און... נאָך די זעלבע נאַכט פלעגט ער אַ זינג טאָן!... אָבער דאָ... און צווייטנס, נאָך וואָס דאַרף ער עס איצט? ער שפילט דען היינט טעאַטער? און ווען ער דאַרף אַפילו יאָ שפילן, וואָלט ער דען נישט געקענט? ער איז דאָך קודם־כל אַ דראַמאַ־טישער שוישפילער.

— אַלס דראַמאַטישער שוישפילער טרייסל איך דאָך זיי אַלעמען אויס פון אַרבל!... דער גאַנצער „הבימה" מיטן „אהל" צוזאַמען!...

דערווייל אָבער לייענט ער רעצענזיעס וועגן די אויפפירונגען פון „הבימה" און „אהל". די אָפּרופן זענען דווקא גוטע. ער שעלט דערפאַר די רעצענזענטן אין זייער מאַמען אַריין פאַר זייער נישט ערלעכקייט. זיי זענען פאַרקויפטע נשמות! ער וועט אַליין גיין אין טעאַטער אַריין זיך איבערצייגן!...

דער טעאַטער־אַדמיניסטראַטאָר קען אים און גיט אים אַ פריי־קאַרטע, אין דער דריטער ריי. קוקט ער אויף דער בינע, אויף דער רייכער אויס־שטאַטונג, אויף די דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט און גרים און... עס נעמט אים מאָדנע דריקן אונטערן „לעפעלע"... ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט דאָ איצט געקענט אויפטרעטן, אָט אין דער ראַם און פאַר דעם פובליקום! קיין־עין־הרע אַ פובליקום! דער זאַל ברעכט זיך! און סאַמע „סמעטענע"!... און מיט יעדן אויפטריט פון אַן אַקטיאָר, צעוויינט זיך און צעכליפּעט זיך אַלץ אין אים...

קומענדיק אַהיים, קען ער לאַנג נישט אַנטשלאָפן ווערן. ער פאַרלירט שוין אַליין דעם גלויבן און זיכערקייט אין זיך. ער צווייפלט שוין אַליין, צי ער וואָלט די ראָל, וואָס ער וואָלט זיך אָפּגעקליבן, געמאַכט בעסער פאַר יענעם העברעיִשן אַקטיאָר, אַפילו אין ייִדיש... ער האָט דאָרטן אויך געזען אַ פּאָר נייע פּנימער. עס וואַקסט אַ נייער שוישפילער־דור, עס איז דאָ אַ טאַלענטירטער נאָכוווּקס. און ער.. .ער גייט אונטער! זיין שטערן טונקלט און טונקלט. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און ער איז אָפּגעפאָרן. — — — —

אָבער צומאָרגנס אין דער פרי, ווען ער קומט אין קאַפע, ברענגט ער אַזאַ רעצענזיע:

— פכע!... נעכטן געזען די לאָקשן־קוידעשדיקע דרענגער!... זיי האָבן אָפּגעדעקלאַמירט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים אויף ספרדית און כ׳בין אַנט־שלאָפן געוואָרן!... כאַ־כאַ־כאַ!...

***

לינאַ און זינאַ זענען אַ צווילינג. דאָס זענען די טעכטער פון אַלטן דאָקטאָר וואַרשאַווסקי. אין פּוילן איז דער נאָמען וואַרשאַווסקי געווען באַרימט. פון די ווייטסטע פּראָווינץ־שטעטלעך פלעגט מען פאָרן צו אים, ווי צו אַ בעל־מופת. אפילו פון אויסלאַנד איז מען געקומען צו אים. זיינע טעכטער זענען געווען שיינקייטס־קעניגינס, אַרום וועלכע די גאַנצע וואַר־שעווער עליטע האָט זיך געשאַרט. עס איז געווען צוליב וואָס זיך צו שאַרן: די טעכטער זענען געווען יונג און שיין. די משפּחה — אַ יחוסדיקע, דער נדן — אַ לייטישער! און על־כּלם — די מעגלעכקייט צו פּראַק־טיצירן אין דעם שווערס באַרימטער קליניק, אונטער זיין פּערזענלעכער לייטונג!...

אָבער לינאַ און זינאַ זענען געווען זייער איבערקלייבעריש. אַרומגע־פאָרן אויף לוסט־רייזעס, אויסגעוועזן אַ וועלט. ווען די מלחמה האָט אויס־געבראָכן, זענען זיי געווען אין דער שווייץ. דאָרט איז טאַקע די מוטער געשטאָרבן און דער אַלטער דאָקטאָר מיט ביידע טעכטער, נישט קענענדיק צוריקפאָרן אין אָקופּירטן פּוילן, זענען זיי אַהערגעקומען. דער פאָטער איז געווען צעבראָכן פון זיין פרויס טויט און פון דעם פאַרלוירענעם פאַרמעגן אין פּוילן, זיך נישט געלאָזן טרייסטן און זיך טאַקע מער נישט געשטעלט אויף די פיס. היינט אַרבעט ער אין אַ קופּת־חולים.

דער יחוס פון די טעכטער איז אַראָפּ, דער נדן איז פאַרברענט גע־וואָרן אין פּוילן, די מיידלעך זענען מיט אַ יאָר־צענדליק עלטער געוואָרן, פאַרלוירן די שיינקייט, דעם רייץ, דעם חן און קלאַמערן זיך נאָך אַלץ קראַמפּהאַפּט אָן אַלטן יחוס, אָן די אַמאָל באַקומענע שיינהייטס־פּריזן. זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל געביטן די פאַרב פון זייערע האָר. עס העלפט נישט. קלאָגן זיי זיך אויפן שמינק:

— אַז דאָס איז תוצרת־הארץ, קען עס גוט זיין?... עס איז נישט דאָס, וואָס אין פּוילן איז געווען „ווירוב קראַיאָווי״... און פון דעסטוועגן

האָבן מיר עס אויך נישט גענוצט. מיר האָבן נאָר געקויפט פּראָנצויזישן...

וואָס שייך מענער, זענען זיי שוין היינט נישט אַזוי איבערקלייבעריש ווי אַמאָל. אָבער דאָס מזל האָט זיך פון זיי אָפּגעטאָן.

דער אַקטיאָר באַכראַך שלאָגט זיך שוין לאַנג מיט דער דעה, ווען פון זיי ביידן ער זאָל אויסקלייבן. און לינע מיט זינען שלאָגן זיך צווישן זיך... מערסטנטייל זעט מען זיי אַלע דריי צוזאַמען. עס טרעפט אָבער אַן אָונט, ווען איין שוועסטער זוכט דער צווייטער און קען זי נישט געפינען. און דאַן איז אויך באַכראַך פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין... צומאָרגנס זאָגט ער, אַז ער איז אַרויסגעפאָרן ערגעץ אין אַ בית־עולים אויף אַ כאַלטורע...

אַדוואָקאַט טשעמערינסקי האָט אויך אַן אויג אויף איינער פון זיי. אָבער צוליב דעם, וואָס זיי זענען זייער ענלעך, איז זיי שווער צו אונטערשיידן. האָט ער שטענדיק אַ טעות. דערקלערט ער זיך איינער אין ליבע, חוזקט זי פון אים.

און דאָס שוועסטערל מאַכט כלומרשט אַ באַליידיקטע מינעלע:

— מעצענאַשע, מער פלירטעווע איך נישט מיט אייך! איר זדראַדזשעט מיר...

— עס שאַט נישט!... — שפּאַסט גאַטהעלף — ס'וועט בלייבן אין דער משפּחה...

אָבער וואָלטן די מיידלעך פון טשעמערינסקין אַפילו נישט געשפּאַסט, וואָלט ער אויך גאָרנישט געקענט מאַכן: אים לאָזט נישט צו־רו די געוועזענע פּרימאַדאָנע פון וואַרשע, מאַדאַם הענריעטאַ הערץ, וועלכע לאָזט זיך בשום אופן נישט רופן גברת, נאָר מאַדאַם!...

אין פוילן, ווען מאַדאַם הענריעטאַ הערץ איז געווען „אין די פעדערן״, איז אַדוואָקאַט טשעמערינסקי איר נאָכגעלאָפן ווי אַ פאַרליבטער סטודענטל. פאַרמעגנס האָט ער אויף איר געפּטרט. געהאַט אין שטוב אויסצושטיין סקאַנדאַלן פון זיין פרוי, וועלכע האָט זיך שפּעטער פון אים אָפּגעטאָן אַרירט אין אַ באַזונדערן שלאָף־צימער. אויך הענריעטאַ הערץ איז זיך צוגאַנגען מיט אַ מאַן צוליב אים. עס איז געווען אַ שטורמישע ליבע, וועגן וואָס וואַרשע האָט גערעדט... אָבער צוזאַמען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אין וואַרשע, האָט ער דאָרט אויך איבערגעלאָזן זיין שטורמישע

ליבע... און היינט, ווען ער איז עלטער, ווילט זיך אים דווקא עפּעס יינגערס...

כל־זמן הענריעטאַ איז נאָך נישטאָ אין קאַפע, פילט זיך טשעמע־רינסקי אַ ביסל פרייער. ער דערציילט לינען אַנעקדאָטן, פּעטשלט איר צערטלעך איבער די קני און זעט נישט, ווי לינעס בליקן שטעכן ווי שפּיזן צו זינען, וועלכע טוליעט זיך צו באַכראַכן... טשעמערינסקי רוקט זיך צו נענטער. ער קושט שוין לינעס הענטל מיט די לאַנגע, רויטע נעגל און שושקעט איר עפּעס אין אויער אַריין.

אָבער אין דעם מאָמענט בלייבט שטיין אין שמאָלן דורכגאַנג די מאַיעסטעטישע פיגור פון דער געוועזענער פּרימאַדאָנע מאַדאַם הענריעטאַ הערץ. אויף איר פּנים איז קענטיק, אַז זי האָט אָפּגעהאָרעוועט עטלעכע שעה פאַרן שפּיגל. מאַסאַזשירט זיך די קנייטשן, געקאַרבירט זיך די פאָדערשטע רייץ־קרייזעלעך, גרימירט די בעקלעך, אויסגעמייסטערט די ברעמען און דעם חן־פּינטל... איר גרימיר־קונסט העלפט איר טאַקע זייער אַ סך אַרויס. עס פאַרלייקנט איר מינימום אַ יאָר פופצן!

אָבער איצט איז איר פּנים צעפלאָמטער ווי תמיד. צי איז דאָס פון גרים? אָדער פון גרים־צאָרן?... און אפשר פון דעם צופיל איינגעצויגענעם גאָרסעט, וואָס פאַרהאַקט איר אַזש דעם אָטעם?

טשעמערינסקי באַמערקט איר בליק און כאַפּט אַוועק די הענט פון לינען. ער רוקט זיך אָפּ, מאַכט אַ פלאַץ פאַר הענריעטאַן. אָבער ער ווייסט שוין, אַז גלאַטיק וועט עס אים נישט אָפּגיין... דאָ אין קאַפע, וועט זי אים, חלילה, קיין וואָרט נישט זאָגן. אדרבה, זי באַגריסט זיך העפלעך מיט אַלעמען, באַזונדערס מיט לינען און זינען, ציט אַרויף איר סטאַנדאַרטנעם שמייכעלע אויפן פּנים און האַלט עס אויף עקשנותדיק, ביים טרינקען דעם קאַלטן לימאָנאַס־קוואַש, די גאַנצע צייט וואָס זי זיצט אין קאַפע. זי מוז אויפהאַלטן דאָס אויפגעצוווּנגען שמייכעלע, ווי אויף דער בינע ביים אויפגעהויבענעם פאָרהאַנג. שפּעטער, ווי נאָר דער פאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן, וועט עס זיך ראַפּטום ענדערן אויף אַ גאַנץ אַנדער גרימאַסע...

יאָ, אין דער היים, וועט זי אים דעם חוב באַצאָלן!... עס איז קראַנט...

זי וועט זיך דאָרטן אָנטאָן דעם רייצנדסטן שלאָפראָק, זיך באַשפּריצן מיטן פּערפום, וואָס ער האָט ליב און זיך דווקא האַלטן פון דער ווייטנס...

אים טרייבן פון זיך, ווי אַ הונט! זאָל ער גיין צו לינען, זאָל ער!... זי וועט אים זאָגן, אַז:

— „ווי אַ ביין, האָט ער אויסגעזויגן דעם האָניק פון איר יוגנט!" (דאָס איז פון אַ פּיעסע, וואָס זי האָט אַמאָל געשפּילט...) ביין, נישט ווי קיין ביין, נאָר ווי אַ שפּין! און איצט... בכן לינע איז מיט אַנדערהאַלבן יאָר יינגער!... זי פאַרגלייכט נאָך נישט זייערעביידנס טעמפּעראַמענטן!... אָט זאָל ער גיין צו איר, צו דעם אויסגעוויייקטן פערטל קורטשאַק, וואָס איז נאַרוואָס פון פרידזשידער אַרויסגענומען געוואָרן!... זאָל זי נאָר וועלן, הענריעטאַ, קען זי נאָך היינט אויך האָבן מער דערפאָלג פאַר ביידע שוועסטערלעך צוזאַמען!... זי דאַרף נאָר זאָגן איין וואָרט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, איין פינטל מיטן אויג... מען קוקט איר גאַנץ פיין נאָך... מענער ווערן נאָך היינט פאַר איר די כפרה... און אַזעלכע מציאות, ווי ער איז, וואַלגערן זיך היינט אין די גאַסן!..."

און דווקא אין די טעג, ווען זי טרייבט אים אַזוי פון זיך, הענריעטאַ, קריגט זי טשעמערינסקי ווידער ליב ווי אַמאָל... ער געפינט זיך קיין אָרט נישט. קוקט שוין נישט מער אין דער זייט, וווּ עס זיצן די שוועסטערלעך און פאַרלירט דעם אַפּעטיט צו דער „קפה־הפוך".

שווער קומט אים אָן, טשעמערינסקין, דאָס איבערבעטן זיך. הענריעטאַ טריומפירט און פאָדערט פון אים קרבנות. עס ענדיקט זיך מיט אַ לייטישער מתנה, וואָס קאָסט אַ פאַרמעגן מיט געלט און ער הערט עס לאַנג־לאַנג נישט אויף צו באַקרעכצן... אָבער ער אָטעמט פרייער אָפּ, באַקומט ווידער זיין שטענדיקן הומאָר און אַפּעטיט צום „קפה הפוך", און נאָך עטלעכע טעג, פאַרגעסט ער זיך ווידער און שושקעט שוין עפּעס ווידער לינען אין אויער אַריין, קושנדיק אירע מאַניקירטע פינגער...

***

אַלץ פולער, ענגער און טומלדיקער ווערט עס אַרום טישל פון אַלטן אַדוואָקאַט טשעמערינסקי.

עמעץ האַלט אַ צייטונג און לייענט וועגן די לעצטע נצחונות פון צבא הגנה לישראל.

— וואַזשנע נצחונות!... צוגענומען אַ פּאָר פּאַרעיפּושטע דערפער פון לויזיקע אַראַבער, וועלכע האָבן מורא פאַר אַ בשמים־ביקסל און אַנטלויפן אין פּאַניק, אָנמאַכנדיק אין די ברייטע הויזן... אַן אַרמיי מיט נצחונות און קאַטשקע דריי־זיך!...

— און אַלץ נעמען זיי אויף זיך! נאָר די סאַברעס האָבן געקעמפט און נאָר זיי האָבן געזיגט!...

— וואָ־אָ־אָ־דען?!... די סאַברעס!... די טאַטעשע זינדעלעך האָט מען, דערוויילע, ביז איבער דער מלחמה, אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד שטודירן... די קעפּ אויף די פּראַנטן, לייגן די נייע עולים! פון דער שיף־אַראָפּ, גלייך אין פייער! אמת, עס זענען דאָ אַ ביסל קיבוצניקעס, וועלכע קעמפן אויך ערלעך. אָבער אין קיבוץ זענען אויך נישט בלויז קיין סאַברעס!

— זאָגט מיר: פאַרוואָס גייט נישט אין ישראל קיין באַן?

— ווייל די מדינה איז אַזוי גרויס, אַז דער לאָקאָמאָטיוו וועט זיך נישט האָבן ווו אויסצודרייען... ער קען נאָך אַריינפאָרן צו אַבדאַללאַן אין בעט אַריין...

— זאָל זיין אַ קליינע מדינה, — וואַרפט אַריין אַ צופעליקער גאַסט, דורכגייענדיק — אָבער דאָך דערלעבט אַן אייגענע יידישע מדינה!...

— כדי די סאַברעס זאָלן האָבן גוטע פּאָסטנס און איזדעקעווען זיך איבער די נייע עולים!... — ענטפערט גאָטהעלף מיט גאַל.

און באַלד כאַפּט אים אונטער:

— יאָ־יאָ יונגערמאַן, אונדזערע עלטערן האָבן צוויי טויזנט יאָר געהאַט אַזאַ טייערן גן־עדנדיקן גלות! און פונקט מיר, אויף מיין שלים־מזל, האָט עס געדאַרפט טרעפן, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ יידישע מדינה!... נישט געקענט צווואַרטן נאָך אַ הונדערט יאָר!...

דער פרעמדער יונגערמאַן שפּייט־אויס און אַנטלויפט. דער עולם ביים טישל שיסט אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

— איי, גוט געזאָגט!...

— אַריינגעזאָגט!...

— בראַוואָ!... בראַוואָ!...
— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

פלוצלינג ווערט דאָס געלעכטער פאַרהילכט פון אַ מונטער געזאַנג, וואָס רייסט זיך אַריין פון זוניק־צעגליטן דרויסן. צענדליקער לאַסט־אויטאָס מיט מונטערע חיילים פאָרן פאַרביי. מוטיקע יונגוואַרג. בחורים און מיידלעך, וועלכע קערן זיך אום פון אַ שלאַכט, וועגן וועמענס נצחונות די צייטונגען זענען היינט פול. די פּנימער זענען פאַרברענט פון דער זון, פאַרשטויבט פון נגב־ווינטן. די קעפּ — צעפלאָשעט, די העמדער — נאַס, אַדורכגעשוויצט. נאָר די אויגן זענען צעגלאַנצט און פון די ברוסטן רייסט זיך דורך די פאַרטריקנטע גאָרגלען אַן אויסטערליש געזאַנג!... אַ געזאַנג פון נצחון!...

דער עולם, אויפן גאַס, מאַכט זיי שטורמישע אָוואַציעס, מען הייבט די היט און מען שרייט „הוראַ!" „הידד!"... מען וואַרפט זיי בלומען און לופט־קושן. אויגן זענען צעגלאַנצט מיט טרערן פון נחת און שטאָלץ...

עס פאָרט פאַרביי אַ קאַראַוואַן מיט אַמוניציע, מאָדערן געווער און דווקא נישט קיין בשמים־ביקסלעך... עס ציטערט אַזש דער אַספאַלט, די הייזער, און פרײדיק ציטערן אויף די הערצער ביים עולם.

...ביים טישל אין קאַפע איז שטיל געוואָרן, ווי אין אַן אבל־שטוב, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעטראָגן אַן ארון. מיט געבויגענע קעפּ זענען זיי געבליבן זיצן שווייגנדיק. בלויז באַכראַך האָט עפּעס אונטערגעברומט אַ ניגון אונטער דער נאָז.

קיינער רעדט נישט וועגן דעם. נאָר יעדערער האָט אין זיך דערפילט, אַז ער גייט נישט אויפן גלייכן וועג. צי עמעצער האָט אים פון גלייכן וועג אַראָפּגעשטופּט, אָדער ער איז אַליין אַראָפּ, — אַלץ איינס: ער טאָפּטשעט אין אַ בלאָטע!

שוין לאַנג ווי דער מיליטערישער קאַראַוואַן איז אַדורכגעפאָרן. אָבער ביים טישל האָט נאָך אַלץ קיינער נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, מיט וועלכן צו צעשטרייען די געדריקטע שטימונג, אויסלאַכן אַלץ און ברענגען צום פריערדיקן הומאָר...

אינזשיניער מינאַראָוו איז אָנגעקומען מיט זיין פרוי. זיך פֿון דער וויטנס באַגריסט העפלעך־קיל און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ באַזונדער טישל.

אינזשיניער מינאַראָוו מיט זיין פרוי הייסן דאָ: „די דעזערטירן". זיי האָבן, ביז מיט אַ שטיקל צייט צוריק, אויך געהערט צו דער גרופּע „געוועזענע". ער האָט בשום אופן נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט ביי זיין באַרוף. אָבער זיין פרוי, די שוואַרץ־חנעוודיקע סאָניעטשקאַ, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען זיין כלה, האָט אין אים אַריינגערעדט און אַריינ־געוויינט:

— גרישאַ! דאָ איז אַ מושב־זקנים פֿאַר עמעריטן! אַ הקדש! עס טראָגט זיך פון זיי אַ טוכלער ריח פון פוילונג, פון שימל. דאָס איז אַ חברה עובר־בטולדיקע ציניקער. און מיר זענען נאָך יונגע מענטשן! קום, לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען!

— וווהין זאָלן מיר לויפן? — האָט גרישאַ גערעדט אומעטיק און רעזיגנירט. — פון לעבן, פון דערווירקלעכקייט, קען מען דאָך נישט אַנטלויפן...

— גרישאַ, לאָמיר זיך נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט...

— צו מיין אַרבעט לאָזט מען דאָך מיר נישט צו... פּאַרטיי־פּראָ־טעקציע מוז מען דאָ האָבן! און איך בין אַ פּשוטער ייִד און נישט קיין פּאַרטייער... און גלאַט צו „עפּעס אַן אַרבעט"?... נישט אויף דעם האָב איך שטודירט און געפּטרט מיינע בעסטע יאָרן!...

— לאָמיר נאָר אַרויס פון דאַנען, פון דער פאַרשאָלטענער קאַפּע! פון דער פאַרסמטער אַטמאָספערע! לאָמיר דערווייל אָנהייבן ביי וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין, און שפּעטער...

אַ לענגערע צייט האָט אינזשיניער מינאַראָוו נישט געוואָלט הערן דערפון. ביז סאָניעטשקע איז אַליין אַוועק צו דער אַרבעט. זי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט וועש־נייטעריי און געאַרבעט צו צען שעה אין טאָג. גרישאַ איז נאָך עטלעכע וואָכן געזעסן אין קאַפּע און געטרונקען אַ „הפוך" פאַר אירע פאַרדינסטן. עס האָט אים געוואָרגן יעדער שלונג און ער האָט זיך אויפגעהערט וויצלען מיט דער חברה.

אין איינעם אַ טאָג, איז ער פאַרשווּונדן געוואָרן. אַ לענגערע צייט האָט מען אין קאַפע, נישט געוווּסט ווו דער אינזשיניער מיט זיין פרוי איז אַהינגעקומען. צום ערשט האָט מען זיך געוווּנדערט, שפּעטער — זיך באַומרויִקט. נאָכדעם איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז זיי זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד.

אָבער אין איינעם אַ טאָג, איז באַכראַך געקומען מיט דער ידיעה:

— כ'האָב געזען דעם אינזשיניער... דעם „אויסלענדער״... אַ וואַזשנער אויסלאַנד איז דאָס!... דער אויסלאַנד האָט אַזאַ אויסזען, ווי דער אינזשי־ניער און דער אינזשיניער האָט אַזאַ אויסזען, ווי זיין אויסלאַנד!...

— וואָס שטאַמלט איר, פּאַניע באַכראַך?

— לאָמיר הערן קלאָרע דיבורים!

— ווו האָט איר אים געזען?

— כ'האָב אים געזען בויען דאָס פאָטערלאַנד... אויף אַ בנין!...

— וואָ־אָ־אָ־אָס??? — האָבן אַלע געעפנט מויל און אויערן — עס קען נישט זיין! אינזשיניער מינאַראָוו? עס האָט זיך אייך געדאַכט!...

— מיר דאַכט זיך נאָר, ווען איך שלאָף... ביי טאָג דאַכט זיך מיר נישט... געזען דעם פויגל, געזען!... ער האָט געטראָגן ציגל מיט ליים אויפן בנין אַרויף... פאַרשמאָדערט, צעקנאָדערט, פאַרשמוצט, פאַרשוויצט... ס'אמתע אינזשיניערל!... איך גיב אים אַ רוף: „פּאַניע אינזשיניעזשע! דאָס איז דער אויסלאַנד?״... קוקט ער זיך אום און בלייבט שטיין ווי אַ חדר־יינגל, ווען מען דאַרף אָפּווישן די נאָז... אָבער דער קבלן לאָזט אים נישט שטיין... ער צאָלט די פאָר פּיאַסטער, איז האָרעווע, גיב די פּעלץ!... זע איך, ווי ער גיט אים אַ שטויס מיטן פוס אין אינזשיניערסקן איידעלן הינטן אַריין און שרייט צו אים: „יאַלאַ! יאַלאַ! יאַלאַ!״...

די ידיעה האָט געטראָפן, ווי אַ גאַז־באָמבע אין קאַפע. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי זיך נישט געקענט באַרויִקן. שפּעטער איז דער נאָמען מינאַראָוו געוואָרן אַ שאַנד־וואָרט און ער אַליין — אַ ציל־ברעט פאַר חוזק און שפּאָט. ווען ער פלעגט אַמאָל אַריינפאַלן אין קאַפע, האָט אים שוין קיינער נישט טיטולירט „אינזשיניער״, נאָר:

— וואָס מאַכט מען עפּעס, פּאַניע יאַלאַ־יאַלאַ?...

און בליקן זענען געפאַלן אויף אים ביטולדיקע, ווי אויף אַ מענטש, וועלכער איז אַראָפּ פון דרך־הישר און איז מאָראַליש טיף געזונקען...

אָבער דאָס פּאַרפאַלק מינאַראָוו האָט שווער געאַרבעט און זיך דעראָ־בערט צו אַן אייגענער דירה מיט מעבל, צו אַ שוך און צו אַ קלייד. ער איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאַרטיי־קרייזן, אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און ענדלעך געקראָגן אַ פּאָסטן ביי זיין באַרוף. פון דעסטוועגן גייט נישט אין לעבן זיין שוואַרץ־חנעוודיק ווייבעלע זיך אַרומצוטראָגן מיטן טיטל „פּאַני אינזשיניעראָווא״ און זי וויל בשום אופן נישט אויפהערן צו אַרבעטן אַלס וועש־נייטערין. זיי האָבן שוין גאָר אַן אַנדערע־סביבה, אַן אַנדערע געזעלשאַפט. אָבער פון צייט צו צייט, כאַפּן זיי זיך נאָך אַריין אַהער אין קאַפע, כדי פון דער ווייטנס כאָטש, אַ קוק צו טאָן אויף זייערע אַלטע פריינד.

זיי זעען די ביטול־בליקן, די חוזק־שמייכלעך, הערן אַ פראַזע פון די אַמאָליקע געשפּרעכן און זעען איצט: ווי ווייט זיי זענען שוין אַוועק פון דאַנען!... וואָס פאַר אַ מהלך עס טיילט זיי שוין אָפּ!...

און סאָניע שמייכלט צו אים אַ מידע:

— ווען מיר בלייבן דאָ זיצן, גרישאַ, וואָלטן מיר פאַרבליבן „געוועזענע״... מיר האָבן זיך באַצייטנס געראַטעוועט!

גרישאַ קושט איר די האַנט:

— דאָס איז געשען נאָר אַ דאַנק דיר, סאָניעטשקאַ, דאָס איז אויס־שליסלעך דיין פאַרדינסט!...

***

— זעט נאָר, זעט נאָר, ווער עס איז דאָ!!!

— זאַיאַנץ???

— יאָ! זאַיאַנץ מיט די ביינער!...

— ווי קומסטו אַהער?...

— פון הימל אַראָפּגעפאַלן?...

— טאַקע פון הימל!... — לאַכט זאַיאַנץ מיט אַ מויל פאַלשע ציין — מיט אַן אַעראָפּלאַן...

— קום אַהער, זעץ זיך!... דערצייל, וואָס הערט זיך אין אַמעריקע?... ווי לעבט זיך עס דאָרטן, אויף דער פרייער וועלט?...

עס ווערט לעבעדיק אַרום טישל. מינאַראָוו מיט זיין פרוי קומען שוין אויך צו. זאַיאָנץ איז דאָך אַ בשותפותער פריינד, זייער אַלעמענס קאָ־לעגע, אויך פון די „געוועזענע". נאָר אים איז עס געלונגען צו טאָן דאָס, וואָס די גאַנצע גרופּע ווינטשט זיך. נעמלעך:

— אַ שפּיי געבן אויף אַלץ און אַלעמען און אַוועקפאָרן קיין אַמע־ריקע!...

יאָ, זאַיאָנצן איז עס געלונגען און ער איז אַוועקגעפאָרן. און די גאַנצע גרופּע „געוועזענע" האָט זיך חדשים־לאַנג כסדר געווונטשן, ווי אַ טעגלעכע תפילה:

— ווי העלפט מיר שוין גאָט, זיך צו זען מיט זאַיאָנצן!...

און אָט האָט זיי גאָט געהאָלפן... אמת, נישט אין אַמעריקע, ווי זיי האָבן עס געמיינט, נאָר דווקא ווידער דאָ, אין צוגעגעסענעם קאַפע...

זענען אַלע איבערראַשט, אַלע ווילן וויסן די סיבה און הערן אַ לע־בעדיקן גרוס פון דעם אויסגעחלומטן אַמעריקע, דווקא פון אַן אייגענעם...

דערווײַלע קושט מען זיך, איבערטראַגנדיק פון איינעם אויפן אַנדערן רויטע שמינק־פלעקן, מען קלאַפּט זיך אין די פּלייצעס, מען דריקט זיך די הענט און מען לאַכט:

— דערצייל־זשע זאַיאָנץ, וואָס האָט דיר צוריקגעבראַכט אַהער?... האָ?...

און זאַיאָנץ שמייכלט זשעני‌רט:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, חברה?... קיין גענויע סיבה ווייס איך אַליין נישט... עס איז מיר דאָרטן גאָרנישט שלעכט געווען אין אַמעריקע! נאָר עס האָט עפּעס מאָדנע געצויגן אַהער צוריק... איר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ פּאַטריאָט איך בין... נאָר אַ מאָדנעם כשוף אַזאַ האָט דאָס לאַנד: עס בענקט זיך... אַז דו געפינסט זיך אַזש קיין אָרט נישט!... איך האָב כסדר געזען די גאַסן פון תל־אביב, די הייזער, די קאַפעען...

און באַכראַך ציט נאָך מיטן זעלבן ניגון:

— די קעמלען, די אייזלען... די קאָזעס, די קי...

אָבער אין דער איצטיקער שטימונג איז דער וויץ נישט אויפן אָרט. אָנשטאָט מיט אַ געלעכטער, רעאַגירט דער עולם מיט אַ:

— ש־ש־ש־ש! לאָזט רעדן, לאָזט הערן אַ וואָרט!

און זאַיאַנץ זעצט פאָר:

— לאַכט נישט פון מיר חברה! טאָמער וועט אייך אַמאָל אויסקומען צו זיין אין אויסלאַנד, גאַראַנטיר איך אייך, אַז איר וועט האָבן דאָס זעלבע געפיל... אויף דער וועלט איז גוט. מען מאַכט אַ לעבן. אָבער ביסט דאָך אין דער פרעמד. עלנט און איינזאַם. פאַריאָגט מיט אַרבעט, מיט ביזנעס. אָבער האָסט נישט קיין געזעלשאַפט, פריינט, קיין באַקאַנטע, קיין סביבה. דו האָסט נישט מיט וועמען צו קיבעצן און חוזקן פון דער וועלט... אַלע זענען פאַריאָגט און פאַרביזנעוועט. קיינער האָט צו דיר קיין צייט און געדולד נישט... און ניו־יאָרק איז אַ שטעטעלע... איינער פון אַנדערן וווינט קילאָמעטערן ווייט. קלייבסטו זיך שוין אַמאָל אויס צו וועמען, איז ער פונקט נישטאָ אין דער היים... דער איינציקער פריינט מיינער איז געווען דער טעלעפאָן... אָבער דאָ, איז פאָרט עפּעס אַנדערש!... איך בין אין דער היים!... אַזוי ווי אין מיין שטעטעלע אין פוילן, אַמאָל... אָט בין איך אַריינגעקומען אַהער און באַלד געטראָפן מיין גאַנצע חברה!... מען דאַרף זיך גאָרנישט אַרומזוכן!... מאָרגן וועט שוין גאַנץ תל־אביב וויסן, אַז איך בין דאָ... גאָרנישט דאַרפן קלינגען אין קיין טעלעפאָן... עך, חברה!... ס'האָט זיך אַזוי געבענקט נאָך אייגענע!...

— משוגע געוואָרן! — גיט באַכראַך אַ זעץ מיטן פויסט אָן טיש. — אַ מענטש איז אַראָפּ פון זינען!...

— ביסט דאָך טאַקע עפּעס נישט מיט אַלעמען! — רופט זיך אָפּ גאָטהעלף, וועלכער האָט היינט געשוויגן מער ווי תמיד, נישט איבער־געריסן און געוואָלט אָפּנעמען אַ געניעם גרוס פון גאָלדענעם לאַנד. — און וואָס ווּעסטו דאָ טאָן???

— איך האָב אין אַמעריקע געאַרבעט אין אַ שאָפּ, ביי מיינעם אַ פעטער...

— נו, איז דאָך עס אין אַמעריקע... ביי אַ פעטער... אין אַ שאָפּ!...

— און מיט וואָס איז דאָס אַ היגע פאַבריק ערגער ווי אַן אַמעריקאַ־נער שאָפּ?...

— מיט וואָס? מיטן „יאַלאַ־יאַלאַ!״...

— מיינט איר, אַז דער אַמעריקאַנער קאָנווייער־סיסטעם איז לייכ־טער פון אונדזער „יאַלאַ־יאַלאַ!״? איז זאָג איך אייך: אין אַמעריקאַנער שאָפּ האָב איך ערשט דורכגעמאַכט די אמתע הכשרה!... און איצט וועט מיר אַפילו נישט זיין שווער צו גיין אַרבעטן ביים בנין!... אַבי זיין אין דער היים, אין תל־אביב!...

סאָניאַ מינאַראָוו טריומפירט:

— גוט אַזוי, זאַיאַנץ! מאָלאָדיעץ!... גרישאַ האָט אויך אַ צייט לאַנג געאַרבעט ביים בנין!...

— גרישאַ!... — איז זאַיאַנץ געוואָרן איבערראַשט — דו? ביים בנין?...

— יאָ־יאָ... — שמייכלט גרישאַ רעהאַביליטירט...

— און איך אַליין, — זעצט סאָניאַ פאָר — אַרבעט נאָך איצט אַלס שניידערין. די קרוין פון קאָפּ איז אונדז נישט אַראָפּגעפאַלן, אדרבה!... מיר זענען שטאָלץ דערמיט!... און קיין שילינג ביי קיינעם דאַרפן מיר אויך נישט באָרגן... און קיין סיגאַרעט דאַרפן מיר אויך ביי קיינעם נישט בעטן...

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און וויטיקדיק געשוויגן.

ביי אַ שכנותדיק טישל האָבן געפּילדערט אַ גרופּע יידישע אַקטיאָרן. דאָס זענען גרינע, פריש־געקומענע פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד. זיי האָבן דאָ הויך דיסקוטירט וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. וועגן דעם, וואָס קיין עברית קענען זיי נישט און יידיש טעאַטער לאָזט מען זיי נישט שפּילן. איז וואָס זאָלן זיי טאָן? אויסגיין פון הונגער? אָדער נאָך 15—20 יאָר בינע־סטאַזש זיך איבערקוואַליפיצירן אויף בנין־אַרבעטער? און זייער עולם? די הונדערטער טויזנטער נייע עולים, מוזן עס טאַקע ווערן שטומע צינגער? אַנאַלפאַבעטן? אָן אַ צייטונג און אָן אַ טעאַטער? ניין! זיי וועלן זיך צו קיין אַנדערע שוואַרצע אַרבעטן נישט נעמען! זאָל מען זיי אָפּשיקן צוריק!

מינאַראָוו מיט זיין פרוי האָבן זיך די ערשטע געזעגנט און פאַרביי־גייענדיק דאָס טישל מיט די אַקטיאָרן־עולים, — אַריינגעוואָרפן:

— אָרגאַניזירט זיך, וואָס שנעלער און טוט עפּעס! שפּילט עברית, שפּילט יידיש, שפּילט וואָס איר ווילט! נאָר זיצט נישט דאָ! דאָ איז אַ זומפּ! איר וועט דאָ דערטרונקען ווערן!

די אַקטיאָרן האָבן נאָכגעקוקט דעם אַוועקגייענדיקן אינזשיניער מיט זיין פרוי, דערשטוינטע, מיט פונאַנדערגעפּראַלטע מיילער און אויפגעהערט צו פּילדערן.

אויך זאַיאָנץ האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל. נינאַ און זינאַ האָבן פאַרגעסן אָן באַכראַכן און אָן טשעמערינסקין. זיי האָבן זיך קאָקעטיש אָנגעהאָנגען, פון ביידע זייטן, אָן די אָרעמס פון דעם אַמעריקאַנער גאַסט און פאַרלאָזן די קאַפע.

עס איז שוין געווען שפּעטע מיטאָג־שעה. די חמימה איז היינט גרע־סער ווי תמיד. אַ שווערער כאַמסין. אָבער נאָך כאַמסיניקער און געפּרעס־טער דריקט די שטימונג אויף די הערצער פון די לעצטע פיר קאָנסו־מענטן.

דער אַלטער אַדוואָקאַט טשעמערינסקי פאַררוקט נאָך טיפער זיין שוואַרצן הוט מיט די ברייטע ראַנדן איבער זיין גרויען שייטל און לאָזט אַראָפּ די פאַרכמורעטע ברעמען איבער די גרויסע ביר־אויגן. מאַדאַם הענריעטאַ הערץ נעמט אים אָןביים אָרעם און פאַרגעסט אין גאַנצן, אַז זי דאַרף אים היינט נאָך אָפּשפּילן אַ דראַמאַטישע סצענע, וואָס ס'זאָל אים עפּעס קאָסטן, פאַרן קושן לינען די האַנט און שושקען איר אין אויער אַריין...

די לעצטע פאַרלאָזן די קאַפע באַכראַך מיטן זשורנאַליסט גאָטהעלף. זיי גייען שווייגנדיק, מיט פאַררוקטע סיגאַרעטן צווישן די פאַר־פּרעסטע ליפּן, נישט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן.

אויף אַלענבי בלייבן זיי שטיין און הערן זיך צו צום דינינקן כליפּען פון אַ פידעלע.

אויפן טראָטואַר, צווישן צוויי שוי־פענצטער, שטייט אַ שלאַנקער, ברונעטער יונגערמאַן, עלעגאַנט געקליידט און שפּילט.

באַכראַך און גאָטהעלף ווייסן ווער דאָס איז. זיי קענען נאָך זיין נאָמען פון איירָאָפּע. דאָ האָט ער זיך נישט דערשלאָגן צו זיינס, אַראָפּ־געוואָרפן די חרפה און זיך אַוועקגעשטעלט שפּילן אויף דער גאַס. צום

ערשטן האָט ער עס געטאָן אַלס פּראָטעסט, אַלס דעמאָנסטראַציע. שפּעטער האָט ער זיך שוין צוגעוווינט צו זיין נייער „עסטראַדע" און שוין יאָרן ווי ער שפּילט דאָ, אויף דער גאַס. ער שפּילט נישט קיין שלאַגערס, קיין טעאַטער־לידלעך, קיין קאַבאַרעט־קופּלעטן; — ער שפּילט אויף דער גאַס סימפאָנישע קאָנצערטן, ערנסטע, קלאַסישע נומערן. מוזיקער, מעלאָמאַנען שטעלן זיך אָפּ. שטייען שעהן לאַנג פאַרבליפטע. און ווען ער ענדיקט, זיפצן זיי אָפּ:

— אַ ווירטואָז!

— אַ פאַרלוירענער טאַלאַנט!

— אַ שאָד אַזאַ מענטש, אַ שאָד!

מען שטופּט אים אין האַנט אַריין גרעבערע מטבעות. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו נעמען מיט ווירדע. אָט ווי אַ האָנאָראַר פון אַ די־רעקטאָר, לויט אַ געשריבענעם קאָנטראַקט...

אָבער ווען מען וויל אים פאָטאָגראַפירן, לאָזט ער זיך נישט. מיט קיין קאָרעספּאָנדענטן וויל ער בכלל נישט רעדן. ער איז אַ גאַסן־שפּילער פון זיין קינדהייט אָן און שוין! ער שטאַמט פון דורות גאַסן־שפּילערס. דאָס איז אַלעס!...

— און אפשר זענען זאַיאָנץ און דער אינזשיניער מינאראָוו גע־רעכט? — רופט זיך פּלוצלינג אָן באַכראַך, נאָך אַ לאַנגן שווייגן. ער זאָגט עס אָבער, ווי זיי וואָלטן ביז איצט נישט געשוויגן, נאָר דווקא געווען פאַרקאָכט אין אַ הייסן וויכוח. ווי ער וואָלט עס געענטפערט אויף אַ רעפּליק. אין דער אמתן גייט עס טאַקע אָן דער וויכוח ביי באַכראַכן, און אויך ביי גאָטהעלפן, אינערלעך. זיי שלאָגן זיך מיט די אייגענע גע־דאַנקען. ער האָט אויך געענטפערט אויף דער פראַגע, וואָס ער האָט זיך שטיל געפרעגט.

— איך טראַכט שוין לאַנג, אַז אפשר איז נישט די וועלט משוגע... — ענטפערט גאָטהעלף אומעטיק. ס׳איז אַ שווער לאַנד, אַ באַזונדערער קלי־מאַט... דאָ מוז מען אַנדערש דענקען און... זיך צופּאַסן...

— אַז מען וויל לעבן, מוז מען דאָך פאָרט זיין פּראָדוקטיוו. צוריק־גערעדט בין איך דאָך קיין פּאַראַזיט קיין מאָל נישט געווען. שטענדיק געאַרבעט!

— אַרבעט נישט, ווער וועט דיר געבן?...

— דאָס זעלבע מיטן עברית. איך האָב דען פֿיינט די שפּראַך? נאָר אַז עס קריכט מיר נישט אין קאָפּ אַריין!... אַן אַלטער קאָפּ!...

— און איך, זעסטו, כ'בין זיך מודה, שוין דריי חדשים ווי איך האָרעווע אויף דער שפּראַך. כ'האָב ווערטער־ביכער, כרעסטאָמאַטיעס, אַ דיקדוק און כ'לערן.

— זאָג מיר, וועלכע ביכער? אפשר וועל איך אויך קויפֿן...

גאָטהעלף פֿאַרשרייבט אים די נעמען פֿון די ביכער, זאָגט אים, אין וועלכן געשעפֿט ער קען זיי באַקומען. און ווידער קלעפּט זיך נישט דער שמועס, וואָס ווערט גיך אָפּגעהאַקט און זיי שפּרייזן ווייטער שווייגנדיקערהייט. יעדערער האָט אָבער איצט אַ דראַנג צו זיין אַליין מיט זיך, מיט די אייגענע געדאַנקען און ביים ראָג אַלענבי־קינג זשאָרזש צעשיידן זיי זיך. זיי דריקן זיך שווייגנדיק די הענט און צעגייען זיך אין באַזונדערע ריכטונגען.

אַוועקגייענדיק, באַשליסט יעדער איינער ביי זיך: איבערצוררייסן מיט דער קאַפּע, מיט די „געוועזענע". גענוג צו זינקען אין תהום! אַז עס איז נישטאָ קיין כוח צו שווימען מער קעגן שטראָם, דאַרף מען שווימען מיטן שטראָם, אַנישט ווערט מען דערטרונקען, גייט מען צום אָפּגרונט!

אָבער צומאָגנס, צו דער מינוט און צו דער רגע, טרעפֿן זיי זיך ווידער אין קאַפּע, די גאַנצע קאָמפּאַניע, מיט די זעלבע צינישע שמייכעלעך אויף די פֿאַרזויערטע געזיכטער:

— מה נשמע?...

— סבלנות?...

— אין חדשות?...

— איז דאָך הכל בסדר!...

וויאַ־וויאַ, פערדעלעך!...

יענטע־דבורה האָט אַרויסגעשטעקט איר פאַרפּעדערטן קאָפּ מיטן צעפלאַמטן פּנים פון קיך־פענצטער אַרויס, און גערופן מיט אַ זינגענדיק שטימעלע טיף אין הויף אַריין, צו די שטאַלן־צו:

— אַלטער! מאָטיע! ס׳מיטוג איז שוין פאַרטיק, קימטס עסן!

— באַלד, מאַמע, מיר גייען! — האָט זיך צוריקגעטראָגן אַ הוילע שטימע פון די שטאַלן אַרויס.

אַלטער איז גאָרנישט אַלט. אַ בחורעץ פון קוים אַ יאָר דרייסיק. אַ דעמבענער געבוי. אַ פּאָר קרומלעכע, נאָר געזונטע באַשטיוולטע פיס, מוסקולירטע הענט, אַ פעסטער רויטער קאַרק, אַ געלבלעך־געקרייזלטער קאָפּ האָר און אַ פּנים מיט ברייטע קין־באַקן, וואָס זענען געדיכט באַזעצט מיט גרויסע, ברוינע זון־שפּרינקלעך.

דאַקעגן מאָטיע איז אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק. אָבער קוקנדיק אויף אים, וועט אים קיינער קיין פופציק נישט געבן: — אַ בראָנדזענע פיגור פון אַן אַלטן גיבור. אין זיין ברוין־צעאַקערטן פּנים ברענען אַ פּאָר גרויסע, קיילעכדיקע, יונגע אויגן. די אויגן בליקן נישט אַרום זיך, נאָר זיי בליצן מיט גבורה. זיין רונדיק בערדל איז שטייף, ווי אַ קנויל פון קופּערנע דראָטלעך. אויך זיין ברוינער ברוסט־קאַסטן, פון צעבראָסטעטן העמד אַרויס, איז פאַרקנוילט מיט אַזעלכע קופּערנע דראָטלעך. און פון הינטערן קאַשקעט־אַפּיר, וואָס זיצט אים אויפן קאָפּ מיט אַ אין אַ זייט פאַרדרייטן און אַרויף־פאַרריסענעם דאַשיק, הוידען זיך שטייפע, קופּערנע קנוילן. אויך זיינע בראָנדזענע הענט זענען מוסקולירט און אויף זיינע ברייט־

צעשטעלטע פיס זענען געפּאַסט אַ פּאָר שטיוול מיט קורצע און ענגע כאַליאַוועס.

באַלד ווי ער איז אַריין אין שטאַל, מאָטיע, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו די צוויי פערד, ווי צו אַלטע גוטע־ברידער, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען. געגלעט די גריוועס, די רוקנס, די בייכער, צערטלעך גע־פּעטשלט אין די הינטער־טיילן און פעסט צוגעדריקט זיין ברוין־באַקופּערטן פּנים צו די קעפּ פון די פערד. דערביי האָט ער פעסט די אויגן פאַרמאַכט און די וו׳עץ האָבן זיך צעשימערט...

— געגנוג שוין, פעטער מאָטיע... — האָט אַלטער געשמייכלט מיט די זון־שפּרינקלעך. — לאָזט שוין אָפּ די סוסים!... די מאַמע רופט עסן.

— אַז פייגערן זאָלן זיי! — האָט מאָטיע אָפּרייסנדיק זיך פון די פערד, זיך געווישט מיט אַן אַרבל די אויגן.

— ווער?!

— די באַלעגאָלעס דאָרטן, אין פּוילן! זיי האָבן מיר דווקא געוואָלט איינרעדן אַז אין ערציסרול זענען נישטאָ קיין פערד! נאָר קעמלען, אייזלען און פּיפּערנאָטערס! איך האָב שוין נישט געוווסט וואָס צו טאָן: יאָ פּאָרן, צי נישט פּאָרן? פרעג איך דיר: קען זיך אונדזערס אַ באַלעגאָלע צוזאַ־מענרעדן מיט אַ קעמל, האַ?... און זאָל איך אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע, ווי איך ווייס ווי מען שפּאַנט עס איין אַ פּיפּערנאָטער!... אַ פערד איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש... אַ היימישע חיה, אַ געטרייע זאַך... איך זאָג דיר, אַ קלוגע באַשעפעניש! אַ־אַ־אַ אַ צאַרבעלעכאַיעם!...

— פעטער מאָטיע, פאַרוואָס־זשע פלעגט איר מיר רופן „פערדישער קאָפּ!“, האַ?...

מאָטיע האָט זיך אין גאַנצן נישט גערירכט אויף דער פראַגע. ער האָט אַ שולדיקן בליק געטאָן צו אַלטערן, זיין געוועזענעם פערדס־יונג, און באַלד פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ווערנדיק נאָך רויטער ווי געווען.

***

פעטער מאָטיע איז אייגנטלעך נישט קיין פעטער אַלטערס און אַפילו נישט קיין קרוב פון יענטע־דבורהן. ער איז אַ בריסקער לאַנדסמאַן און פון דור־דורות בעלי־עגלות. מען רופט אים „פעטער“, ווייל ער איז צו

אַלט צו זאָגן אים „חבר" און אַ צו־גרויסער עם־הארץ צו זאָגן אים „רעב". נישט נאָר קיין דאַווענען און קיין תהילים קען ער נישט, נאָר ווען ער האָט יאָרצייט נאָך זיינע עלטערן און ער זאָגט „קדיש", איז אַנ־שטאָט „יתגדל ויתקדש", קומט ביי אים אַרויס „סקאַדל־סקאַדעש"... אָבער אַן עלטערן מענטשן דאַרף מען דאָך אָפּגעבן כבוד, איז געבליבן „פּעטער מאָטיע".

ביז צו דער מלחמה, האָט פּעטער מאָטיע געהאַט זיינע זעקס פערד — זעקס אָדלערס! דריי פּלאַטפאָרמע־וועגענער און צוויי שליטנס. ער איז געווען באַלעבאָס פון אַן אייגן הייזל מיט אַ גרויסן שטאַל און געהאַט דריי פערד־יונגען צו הילף. דער יינגסטער פון זיי איז געווען טאַקע אָט דער אַלטער. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ צוציק פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. צו די פערד האָט ער זיך נישט געטויגט. אָבער געהאַלטן האָט ער אים אויס רחמנות. אַ יתום איז ער געווען. דער טאַטע זיינער, יאָסל כוואַט, איז יונג געשטאָרבן. אין אַ געשלעג האָט מען אים די לונגען אונטערגע־האַקט. האָט ער אַ דריי חדשים מיט בלוט אָפּגעשפּיגן און אויסגעצויגן די קאָפּיטעס. יענטע דבורה איז געבליבן אַ יונגע אלמנה. און אפשר האָט עס פּעטער מאָטיע געטאָן נישט אַזוי פאַרן יתום, ווי פאַר דער יונגער אלמנהטשקע... אַ שיין ווייבל געווען, „מיט מילכיקס און מיט פליישיקס"... אַ פּאָר רויטע באַקן מיט אַ פּאָר שרפענדיקע אויגן!... ווען ער פלעגט איר נאָר דערזען מיט אירע גניבישע יצר־הרע־אייגעלעך, פלעגט עס אים דעם לונגענלעבער אונטערהייבן... זי פלעגט קוקן צו אים, ווי אַ פערד צו דער לאָנקע, אין מיטן אַ יאַזדע... נו, האָט ער איין מאָל אַ פאַרנאַכט, ווען ער איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין האָבער געבן די פערד, צו איר אַ ווונק געטאָן. אַזוי קוים אַ ווונק געטאָן מיט איין ממזרישן אייגל, איז זי, די קאָבילע, אים באַלד נאָכגעקראָכן אין שטאַל אַריין...

פון דעם זון אירן, פון אַלטערן, האָט ער שטענדיק געהאַט צרות. ווען ער האָט אים געשיקט אויף אַ יאַזדע, איז שטענדיק געווען אַן אומ־גליק: אַ צעבראָכענע האָלאָבלע, צעריסענע לייצעס, אַ צעבראָכענע ראָד, אַן אַראָפּגעפאַלענע פאָדקאָווע און אויסגעשיטע סחורה. ער פלעגט אים טאַקע רופן „פערדישער קאָפּ!" און ווען נישט יענטע־דבורה, וואָלט ער אים קיין טאָג נישט געהאַלטן.

אָבער יענטע־דבורה פלעגט קריכן צו אים אין שטאַל אַריין נאַכט ביי נאַכט. זי איז נישט גלאַט אַזוי געקראָכן. זי איז נישט געווען גלאַט קיין קריכערקע. דאָס איז געווען אַ ליובאָוו מיט סטראַדאַניעס! אַ פייערדיק ווייבל! און צו אים איז זי צוגעפאַלן מיט האַרץ און מיט לעבער...

חברה בעלי־עגלות האָבן שוין אויך געוווסט דערפון, געוווּנקען מיט אַן אייגל און אונטערגעזונגען אַ לידל וועגן דעם... פעטער מאָטיע אָבער פלעגט זיך מאַכן געפּגרט: נישט אים מיינט מען... ביז... —

ביז איין מאָל אַן אָוונט, איז זיין ווייב, מאַטליע, אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין שטאַל אַריין מיט אַ בעזעם אוןביידן מכבד געווען. דער בעזעם איז געווען נישט גלאַט קיין טרוקענער בעזעם, נאָר גוט איינגעטונקען אין אַ פּאָמעשאַף. זי האָט יענטע־דבורהן געשמיסן מיטן נאַסן בעזעם אין פּנים אַריין און איר נאָכגעיאָגט ביזן פּיש־מאַרק.

און דאַן טאַקע איז עס יענטע־דבורה מיט אַלטערן פאַרשוווּנדן פון שטאָט, ווי אין וואַסער אַריין. פעטער מאָטיע האָט זיך דאַן מער קיין אָרט נישט געפונען. פון קרענקונג, האָט ער נישט איין ליטער בראָנפן אויסגעטרונקען. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיי זענען אין ערציסרול...

און אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט עס פעטער מאָטיען דאָס ערשטע אומגליק געטראָפן. די ערשטע באָמבע איז געפאַלן אין זיין הייזל, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין מאַטליען. ער איז דאַן געווען הינטערוועגנס, אויף אַ יאַזדע. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער פון זיין שטוב געפונען נאָר גליאָווניעס. פון מאַטליען איז אַפילו קיין גליאָווניע נישט געבליבן. פעטער מאָטיע האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שטראָף פון גאָט, דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי פאַרשעמט אַן אלמנה.

און אַז די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט און צוגענומען ביי אים אַלע זעקס פערד, האָט שוין פעטער מאָטיע מער אויף גאָרנישט געוואַרט. ער האָט צוזאַמענגענומען עטלעכע יונגען און אַוועק מיט זיי אין וואַלד. דאָרט האָבן זיי געטראָפן נאָך עטלעכע ייִדן פון דער אַרומיקער געגנט, פון טערעספּאָל, פון דאָמאַטשעווע און פון קיטעלנע. אַלע זענען זיי מסכים געווען, אַז פעטער מאָטיע זאָל זיין דער קאָמאַנדיר פון דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. זיי האָבן געשווירן נקמה צו נעמען אָן די דייטשן און האָבן

נקמה גענומען. פעטער מאָטיע אַליין האָט מיט די אייגענע הענט דער־שטיקט דריי דייטשלעך. אויסער דעם, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן אונטער־געצונדן אַ דאָרף מיט אַ דייטשן שטאַב, אויפגעריסן אַ בריק און צעשמע־טערט דריי מיליטערישע עשעלאָנען. די דייטשן האָבן זיך אויך נישט געשפּילט אין סטרולקעס. געגעבן פּולווער צו שמעקן. נאָך ווי! פון גאַנצן פּאַרטיזאַנער אָטריאַד זענען קוים געבליבן צוויי פּערזאָן: פעטער מאָטיע און סטעפּאַן. סטעפּאַן איז אַ פּאָליאַק, איז ער געבליבן אין פּוילן. פעטער מאָטיע אָבער איז אַ ייִד און ער האָט שוין אין פּוילן נישט געקענט בלייבן. ער האָט געגנבעט די גרענעץ קיין דייטשלאַנד, געווען צוויי יאָר אין דעם די־פּי־לאַגער אולם און איז אָקאָרשט געקומען אין לאַנד אַריין.

אין תל־אביב, אויף הערצל גאַס, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי די בעלי־עגלות אויף יענטע־דבורהן און אַלטערן.

— אַ פראַגע צי איך קען זיי!... דאָ וווינען זיי, דריי שפּאַן פון דאַ־נען. אָט אין יענעם געסל, דאָס דריטע הויז, לינקס.

— זי האָט שוין חתונה געהאַט? האַ?...

— יענטע־דבורה? ניין. דער זון אירער, אַלטער, האָט חתונה די אַנ־דערע וואָך.

— ער ווערט דאָך אויס בעלי־עגלה!

— נאָר וואָס דען וועט ער ווערן? אַ דאָקטאָר?... אַ רבֿ?...

— אַ נהג ווערט ער. אַ שאָפער! ער האָט זיך שוין געקויפט אַ צוויי טאָניקע מאַשין און לאַכט פון דער וועלט!

— אַזוי... נו, און יענטע־דבורה?...

— זי קען זיך נישט צוקלויבן... זי קלייבט אַזוי ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכצן...

— הם...

— וואָס, איר האָט פאַר איר אַ שידוך?...

— יאָ...

— גייט אַהין, וועט איר געוויר ווערן!...

***

איצט, ווען אַלטער האָט אים דערמאָנט, ווי ער פלעגט אים רופן

„פערדישער קאָפּ", האָט זיך פעטער מאָטיע אויך דערמאָנט די אָוונטן מיט יענטע־דבורהן אין שטאַל און דעם לעצטן אָוונט, ווען מאָטליע האָט איר מיטן בעזעם פאַרטריבן. דאָס פּנים איז אים רויט געוואָרן, ווי איינ־געטונקען אין אַ טאָפּ באָרשטש. דער אַלטער ריז איז שטיין געבליבן אומבאַהאָלפן, ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־ייִנגל. ער האָט בשום אופן נישט געקענט איבערדרייען די צונג עפּעס צו זאָגן. אָט ווי ער וואָלט פאַרפאָרן מיטן געשפאַן אין אַ שמאָל געסל און קען זיך נישט אויסקירעווען...

— אַלטער! מאָטיע! קימטס שוין אַריין!

— מיר גייען, מאַמע, מיר גייען!

דער טיש איז שוין געווען אַ יום־טובדיק געגרייטער. אַפילו אַ פלאַש בראָנפן און אַ פלאַש ספּירט איז אויפן טיש געשטאַנען. און יענטע־דבורה האָט זיך נאָך אַלץ געפּאַרעט. זי איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ רויטער בלוזקע, אַ גרין קליידל, מיט אַ געלן פאַרטוך און אין פעטער מאָטיעס אויגן, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ מלכה!... דער שוין פאַרקעמטער קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען היפּש פאַרפעדערט פון דער הון, וואָס זי האָט געצופּט צו דער סעודה לכבוד אים. זי האָט זיך, אין זיינע אויגן, גאָרנישט געעלטערט. די זעלבע קיילעכדיקע רויטע באַקן, דאָס „מילכיקס מיט פליישיקס" איז נאָך היפּשער און קענייינהאָרעדיקער געוואָרן, אַזש זאַפּט קומט אים אין מויל... די זעלבע ממזרישע יצר־הרע־אייגעלעך, ווי דע־מאָלט, אין שטאַל... לונג און לעבער הייבן זיך אים אַזש אונטער... די זעל־בע יענטע־דבורה, אָט ווי נעכטן וואָלט עס געווען!...

— מאַמע, פעטער מאָטיע האָט זיך דאָך געקושט מיט די פערד!... — האָט אַלטער געהירזשעט פון געלעכטער, באַווייזנדיק זיינע גרויסע, געלע ציין.

— מיינע שונאים!... גיי־גיי... — האָט יענטע־דבורה געשנורעוועט דאָס פּיסקעלע, נאָך רויטער געוואָרן און געווישט זיך די טרוקענע הענט אָן פאַרטוך...

— צען יאָר נישט געהאַלטן קיין פערדל... — האָט זיך פעטער מאָטיע שעמעוודיק פאַרענטפערט — אַן אַלטער באַלעגאָלע!... זיך דער־פרייט מיט די קאָבילעס, ווי מיט אייגענע שוועסטער!... ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען מיינע, פון אַמאָל...

— האָט איר זיי טאַקע געקושט?...

— יאָ, געקושט! — האָט פּעטער מאַטיע אויפגעהויבן זיין קאָפּ מיט ערנסט און שטאָלץ — אַ פערד איז בעסער פון אַ מענטש! איך האָב געזען מענטשן, וועלכע זענען ערגער פון פערד. אַ פערד איז אַן אומשולדיקע זאַך, עס טוט קיינעם קיין שלעכטס נישט. און קוקסטו אין זיינע גרויסע, פערדישע אויגן, דאַכט זיך דיר, אַז ער פאַרשטייט אַלץ וואָס דו רעדסט צו אים. עס דאַכט זיך דיר, אַז ער פילט דיר מיט מער ווי אַ מענטש.

— דאָס איז אמת! הייליקע ווערטער! — האָט אַלטער ערנסט צוגע־געבן. און באַלד, מיט אַ שמייכל: — אַז מען רעדט שוין וועגן פערד, איז... באַקענט זיך: דאָס איז מיין כלה!...

אין ווינקל איז געשטאַנען אַ נידעריק־וווקסיקע, אָבער פול־געפּאַקטע מיידל פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. די געזונטקייט און מיידלשע איבער־רייפקייט האָט איר געשפּאַרט פון דער ענגער בלוזקע און פון שמאָלן קליידל אַרויס. אַ פּנים אַ קיילעכדיקס, ווי אַ לבנה. די באַקן מיט די ליפּן זענען באַשמירט מיט אַ שרייַיקן רויט. די ברעמען — מיט טונקל־ברוין. די אויגן — שוואַרץ, ווי אָפּגעפּוצט מיט שוך־קרעם. אַ געשמינקטע לבנה, פון וואַנען עס גלאַנצן אַרויס אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן מיט אַ נאַרישן שמייכל.

— מזל־טוב אייך! — האָט פּעטער מאַטיע אַ דריק געטאָן איר וויַיך־פּולכנע הענטל אַזוי, אַז זי האָט אַזש אַ קוויטש געטאָן.

— נו, קומט צום טיש!

אַלטער האָט געזעצט די פלעשער אין דער דלאָניע, אַרויסגעזעצט די פּראָפּנס און אָנגעגאָסן די גלעזער:

— לחיים, פּעטער מאַטיע!

— לחיים!

— איר זענט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, פּעטער מאַטיע!... איך געזעגן זיך שוין מיט מיינע סוסים (פערדלעך). איך האָב געקויפט אַ לאַסט־מאַשין און נאָך דער חתונה בין איך אַ שאָפער מיט אַן אייגע־נעם טראַנספּאָרט־וואָגן!... די פערדלעך האָב איך געוואָלט פאַרקויפן און איינאָרדענען דער מאַמען אַ פּרנסה. אָבער אַז איר זענט שוין דאָ, וועל

איך זיי איבערגעבן אין גוטע הענט... דער עיקר: איר זאָלט נאָר נישט זיין קיין „פערדישער קאָפּ!"... לחיים!...

ווידער האָט עס פעטער מאָטיען אַ שלאָג געטאָן אַ הייסע כוואַליע אין קאָפּ אַריין. דאָס מאָל האָט שוין אויך דער בראָנפן, פון וועלכן ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגעווינט, אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין און די צונג איז אים ליגן געבליבן, ווי אַן אויסגעגליטשטע קליאַטשע. ער האָט געקוקט מיט פאַרגאָסענע אויגן דאָ אויף אַלטערס רויטן פּנים, ווו די זון־שפּרינקלעך זענען נאָך גרעסער און געדיכטער געוואָרן. דאָ, אויף יענטע־דבורהן, וועלכע האָט אַלץ געשמייכלט מיט אירע ממזרישע יצר־הרע־אייגעלעך און ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— זעט אויס, אַז איך בין נאָך גוט צעהאַצקעט פון דער יאַזדע... עפּעס פּאַטיקעט זיך מיר גאָרנישט אין די געהירן..

— נעמט נאָך אַ ביסל בראָנפן, פעטער מאָטיע, עס וועט זיך שוין פּאַטיקען!...

חתן־כלה האָבן זיך געאיילט. זיי האָבן געהאַלטן די פּולקעס געגדזנס אין די הענט, געגעסן שנעל, געריבן מיטביידע באַקן. נישט נאָר די ליפּן, נאָר די אונטערשטע האַלבע פּנימער האָבן געגלאַנצט פון פעטס. דערביי איז דער כלהס גאַנצע גאָמבע און אויבן מיט אַ שטיק נאָז, פאַרשמירט געווען מיטן רויט פון אירע ליפּן. זיי האָבן גיך אָפּגעגעסן, ווי נישט צו פאַרשפּעטיקן אַ באַן, אַ זאָג געטאָן „שלום!" און אַרויס פון שטוב.

פעטער מאָטיע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. שולדיק האָט ער זיך געפילט קעגן ביידע: סיי קעגן יענטע־דבורהן, וועמען מאָטליע האָט מיטן נאָסן בעזעם פון שטאָט מיט חרפּה פאַרטריבן און סיי קעגן אַלטערן, וועמען ער פלעגט רופן „פערדישער קאָפּ". און איצטער זענען זיי ביידע אים מקרב און לייגן אפילו פאַר איבערצונעמען די פערד. „איבערצונעמען די פערד", טראַכט פעטער מאָטיע, איז איידל געזאָגט. אין דער אמתן הייסט עס, אַז ער, דער אַלטער בעל־עגלה און באַלעבאָס דאַרף איצט, אויף דער עלטער, ווערן אַ פערד־יונג ביי זיין געוועזענעם פערד־יונג, אָט דעם פערדישן קאָפּ!... און אַלץ דערפאַר, ווייל אַ היטלער, ימח שמו, איז געווען אויף דער וועלט און חרוב געמאַכט זיין איינגע־פונדעוועטע היים!

אָבער זיצנדיק אַזוי מיטן באַרוישטן, געזונקענעם קאָפּ, האָט ער דער־פילט, אַזוי ווי ער וואָלט עס געזען מיט אַ דריט אויג פון דער פּאַטילניצע, אַז יענטע־דבורה קוקט אויף אים כסדר, אַז זי נעמט פון אים די בליקן נישט אַוועק... ער האָט אַפילו מיטן „דריטן אויג" געזען אירע גניבישע יצר־הרע־אויגענעס, וואָס ווינקען און זאָגן עפּעס צו...

— עך, יענטע־דבורה!... — האָט ער אַרויסגעזיפּצט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס ער וויל דאָ זאָגן און סתם צוגעגעבן: — יאָרן געוועזן... אַוועק!...

— און פון אייעריקע, איז טאָקע קיינער נישט געבליבן?

—קיינער נישט! אַ שטיין אַן עלנטער!

— זאָרגט נישט, פּעטער מאָטיע... אָט בלייב איך אויך אַן עלנטער שטיין... אַלטער האָט חתונה, גייט אַוועק... איך בלייב אַליין...

איר שטימע איז געווען אַ וואַרעמע, אַ ווייכע, אַזוי ווי דעמאָלט, אין שטאַל... און אין די ווערטער האָט ער דערפילט אַזוי פיל גוטסקייט, אַזוי פיל געטריישאַפט און, און עפּעס אַ מיין... עס איז אים אַזש הייס געוואָרן אין אַלע גלידער.

שוין אַ יאָר צען, ווי ער איז ביי קיין היימישן טיש נישט געזעסן, קיין היימישן מיטאָג נישט געגעסן און מיט קיין היימישן פריינט נישט גערעדט. אַרומגעוואַלגערט זיך איבער וויסטע פעלדער־וועלדער, איבער גרענעצן און ימען. איצט זיצט ער נעבן יענטע דבורהן, וועלכער ער האָט אַזוי באַגערט און וועלכע איז, צוליב אים, אַזוי פאַרשעמט געוואָרן! זי איז עס אים מוחל און מאַכט אים אַזעלכע זיסע אָנצוהערענישן... איז עס נישט קיין חלום?

— הערסט, יענטע־דבורה? ווען איך וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָלט איך ערשט אַריין אין שטאַל, צו די פערד, און כ'וואָלט זיך צעוויינט, ווי אַ ייִנגל, ווי איך בין אַ ייִד!...

זי האָט אַרויפגעלייגט איר וואַרעמע האַנט אויף זיין קאַרק און מיט דער ברוסט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין פּלייצע:

— מען דאַרף נישט וויינען, פּעטער מאָטיע! מען דאַרף נישט...

פּעטער מאָטיען איז עפּעס וואַרעם און פייכט געוואָרן אין לינקן אויער... יאָ, יענטע־דבורה האָט אים אַ קוש געטאָן!... ער איז אויפגע־

שפּרונגען אין זיין ריזיקער הויך און ברייט, שטיין געבליבן מיט צעשטעלטע פיס און צעשפּרייטע הענט, מיט אַ רויט פּנים און פאַרגאָסענע אויגן, און קוים, וואָס די שווערע, לעדערנע צונג האָט זיך באַוועגט:

— יענטע־דבורה! דער טייוול זאָל מיך נעמען!... קום אין שטאַל אַריין, יענטע־דבורה!...

— יענטע־דבורה האָט אַ פאַרשעמטן לאַך געטאָן!

— נאָך וואָס אין שטאַל אַריין, פּעטער מאָטיע?... דאָ איז דאָך נישט בריסק!... — און ווי כלומרשט גאָרנישט אויסנזייענדיק, האָט זי ערנסט צוגעגעבן: — אַז איר זענט מיד, פּעטער מאָטיע, קען איך מאַכן ס׳געלעגער. די קינדער וועלן אַזוי גיך נישט צוריקקומען...

***

נאָך דער חתונה איז אַלטער אַוועק פון דער מאַמעס שטוב און זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייער דירה. פּעטער מאָטיע האָט געבראַכט פון בית־עולים (קעמפּ פאַר ניי־איינגעוואַנדערטע) זיינע צוויי רוק־זעק און פאַרנומען אַלטערס בעטל, וואָס איז שוין איצט געשטאַנען צוגערוקט נאָנט צו יענטע־דבורהס.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט פּעטער מאָטיע אַ שיינענדיקער געשפּאַנט די פערד און איז אַרויסגעפאָרן פון הויף אויף אַ הויכער, ברייטער פּלאַטפאָרמע.

— וויאָ־וויאָ, פערדעלעך! — האָט ער מונטער אַ שמיץ־געטון מיט דער בייטש אין דער לופט, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט איין שמיץ אַוועקשמייסן דעם גאַנצן מעהומעדיקן יאָרצענדליק... פּעטער מאָטיע איז ווידער באַלעבאָס, ווי גאָרנישט געוועזן... ער זיצט איצט אויף דער אייגענער פּלאַטפאָרמע מיט אייגענע פערדעלעך!... די בייטש האָט זיך אַזש צעקנאַלט און צעפּיפּן אין דער קילער, פרישער פרימאָרגן־לופט.

און יענטע־דבורה, זיין יענטע־דבורה!... אַ נחת איר אין פּופּיק אַריין!... זי שטייט פאַרן טויער און קוקט אים נאָך מיט אירע ממזרישע יצר־הרע־אויגענעס און שמייכלט אַ פאַררויטלטע:

— פאָר געזונטערהייט, מאָטיע!... אין אַ מזלדיקער שעה!... און קום מיר באַצייטנס אויף מיטאָג, הערסט?!...

יוגנט־פריינט

עס האָבן אויסגעטריפט די לעצטע רגעס פון אַרבעטס־טאָג אין איינעם פון די משרדים (אַמטן), ווו די נייע עולים קומען מיט זייערע ווייטיקן און זאָרגן, מיט זייערע נויטן און בקשות.

דער טאָג איז געווען אַ שווערער. די רייען פון אומגעדולדיקע פּע־טענטן הינטער דער טיר פון משרד זענען היינט געווען פיל לענגער און שרייַיקער ווי תמיד. יעדערנס ענינים זענען געווען דרינגנדע און קאָמ־פּליצירטע. און אויף וויפל דער פּקיד האָט זיך נישט באַמיט אינטענ־סיווער צו אַרבעטן, האָט ער דאָך נישט באַוויזן אַלעמען אויפצונעמען און דערליידיקן זייערע בקשות.

ער זיצט איצט אַ מידער, אַ דערשעפּטער פאַר זיין שרייב־טיש, ברענגט אין אָרדענונג די צעוואָרפענע פּאַפּירן און רויכערט נערוועז אַ סיגאַרעט.

ער איז שטענדיק נערוועז, דער פּקיד. זעט אויס פון אַ נישט־געראָטן לעבן. עס איז אים נישט געגאַנגען אין זיין יוגנט. און זינט ער איז געקו־מען אין לאַנד אַריין האָט ער זיך געמאַטערט, געזוכט אַ טאָג שווערע, שוואַרצע אַרבעט, די נשמה צו דערהאַלטן. ביז ער האָט, ענדלעך, אַ דאַנק פּאַרטיי־פּראָטעקציע, געקראָגן אָט דעם פּאָסטן.

אין יענע יאָרן, ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַריין, איז נישט געווען אַזאַ משרד, ווו ער זאָל קענען קומען מיט טענות, מיט בקשות און קריגן הילף. און די נייע עולים איצט, טראַכט ער, ווילן דאָס נישט פאַרשטיין. נאָר עס קומט זיי! נאָר גיב זיי! צוגעוווינט געוואָרן אַזוי אין

די לאַגערן פון דייטשלאַנד, ווען זיי זענען דאָרט געזעסן אויף קעסט פון „אונררא" און „דזשאָינט"... זייערע בקשות און טענות זענען דעריבער אויס ביי אים נישט באַרעכטיקט און אפילו חוצפּהדיק.

„ווּ זענען זיי געווען, אַז די יידן, פאַר היטלערן? ווען דאָ, אויף דעם אָרט פון משרד, איז נאָך קיין געביידע נישט געשטאַנען און עס איז דאָ געווען זאַמדיקער מדבר, ווו שאַקאַלן פלעגן אַרומלויפן? ווו זענען זיי געווען, ווען ער האָט געאַרבעט אויפן קביש (שאָסיי-אַספאַלט), אין אַ פּרדס, אויף בנין? ווען ער האָט געטריקנט זומפּן און צעביסן געוואָרן פון מאַלאַ־ריע־מאָסקיטן? — אָ, דעמאָלט האָט זיך זיי געלעבט גוט אין פּוילן און זיי האָבן אַפילו נישט געטראַכט פון ארץ־ישראל! ערשט נאָך דעם אומגליק, וואָס עס איז געשען אין אייראָפּע, קומען זיי. זיי זענען נאָך איצט אויך צום שכל נישט געקומען, נאָר פון די לאַגערן וויל מען אַרויס און אין ערגעץ לאָזט מען נישט אַריין... באין־ברירה קומען זיי... און נאָך מיט טענות דערצו! בכן, זיי האָבן געליטן! אַז ער האָט דאָ געליטן, האָט ער געליטן פאַרן לאַנד! האָט ער געהונגערט און געבויט און זיך פאַרטיידיקט פאַר די אַראַבישע באַנדיטן! פאַר וועמען האָבן זיי עס געליטן? וועמען האָבן זיי אַ טובה געטאָן מיט זייערליידן?" —

אַזוי טראַכטנדיק, אין דער ריכטונג, איז ער שטענדיק אויפגערעגט, דער פּקיד, שטענדיק נערוועז. אָבער היינט איז ער נערוועזער ווי תמיד.

אויך זיין סעקרעטאַרין, אַ יונג, שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, איז דערשעפּט און אָן הומאָר. זי האָט געבראַכט אין אָרדענונג איר שרייב־מאַשין, די שרייב־מאַטעריאַלן, זיך צוגעקעמט, צוגעפּאַרבט די ליפּלעך און גרייט זיך שוין אַוועקצוגיין. אָבער פאַרן זאָגן „שלום!" דערמאָנט זי זיך עפּעס און ווענדט זיך צום פּקיד, נישט דרייסט:

— מענטשן וואַרטן נאָך. וואָס זאָל איך זיי זאָגן?

— אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג! — זאָגט דער פּקיד אומצופרידן. — אַ פּקיד איז אויך אַ מענטש. דאַרף גיין עסן און אָפּרוען.

— בסדר... — און ווי זי וואָלט זיך ווידער אָן עפּעס דערמאָנט: — הם... עפּעס איין קאָמישער יונגערמאַן, אַ שלים־מזל, קומט שוין היינט צום זעקסטן מאָל...

— וועט ער מאָרגן קומען אַ זיבעטן מאָל! — בורטשעט שוין דער פּקיד בייז.

— איך האָב עס אים שוין געזאָגט, ענטפערט ער, אַז ער איז אייערער אַ בן־עיר, אַ חבר פון די שול־יאָרן און ער וויל אייך דווקא זען!...

— הם... אַ חבר... אַ פריינט... — חזרט איבער דער פּקיד מיט פאַרביטערונג — ווו זענען זיי געווען ביז היינט, מיינע פריינט, מיינע חברים?... ווען איך בין געווען אויף צרות? היינט זענען זיי דאָ... נאָך אַ פּראָטעקציעלע קומט מען...

— איז הייסן אים קומען מאָרגן? — איז שוין די סעקרעטאַרין אומגעדולדיק.

— ווייסטו וואָס, מרים, לאָז אים אַריין. אינטערעסאַנט אָנצוקוקן אַ פּנים פון אַ „פריינט״ און אויסהערן, וואָס ער וויל פון מיר פאַר זיין פריינטשאַפט... און דו, מרים, וואַרט נאָך אויך אויף אַ ביסל. איך וועל אים שנעל אָפּפאַרטיקן און מיר וועלן גיין צוזאַמען.

— בבקשה.

די סעקרעטאַרין גייט אַרויס. עס רייסן זיך אַריין אויפגערעגטע קולות און דער פּקיד שליידערט נאָך נערוועזער זיינע פּאַפּירן אין אַ שופלאָד אַריין.

האַסטיק פּראַלט זיך אויף די טיר און עס לויפט אַריין אַ שוואַרצער, זשוואַווער יונגערמאַנטשיק מיט דינע וואָנצעלעך און בלישטשענדיקע אויגן.

— אַראָנטשיק!... וואָס מאַכסטו? — לויפט ער צו צום פּקיד, כאַפּט אים היימיש אַרום, וואַרפט אים אַריין עטלעכע קושן אין די באַקן, דריקט אים ביידע הענט און קלאַפּט אים גוטברודעריש אין דער פּלייצע אַריין און הערט נישט אויף איבערצוחזרן:

— אַראָנטשיקל!... טייערער חבר מיינער, וואָס מאַכסטו?...

דער פּקיד קוקט אים אָן אַ ביסל צעטומלט פון דער איבערראַשנדיקער היימישקייט און אויך מיט נישט ווינציקער חשד און נייגער...

דער יונגערמאַנטשיק דערפילט עס און בלייבט שטיין אין מיטן צימער אַ זשענירט־צעשמייכלטער:

— וואָס, אַראָנטשיק? דו דערקענסט מיך נישט?...

— ניין. — זאָגט דער פּקיד קורץ און נישט זיכער.

די שוואַרץ־חנעוודיקע סעקרעטאַרין מרים, שטייט און קוקט אויף ביידן אַ שמייכלענדיקע. איר געפעלט די סצענע און עס אינטריגירט איר, וועגן וואָס ער איז טאַקע געקומען... מיט וואָס פאַר אַ ביטע וועט זיך עס ענדיקן?... אָבער גלייכצייטיק געפעלט איר דער זשוואַווער יונגערמאַן מיט די דינע וואָנצעלעך, בלישטשענדיקע אויגן און גוטמוטיק־צעשמייכלטן פּנים. זי האָט שוין לאַנג אַזאַ גוטמוטיק־צעשמייכלט פּנים נישט געזען, איבערהויפּט נאָך צווישן די נייע עולים. אַלע קומען פאַרצאָרנטע, פאַר־זאָרגטע, פאַרחושכטע און רחמנותדיקע... און ער?... אַזאַ ליכטיק־שמייכלענ־דיק פּנים!... נאָר אין אַ פילם זעט מען אַזעלכן...

— ניין?... דו דערקענסט נישט?... — חזרט איבער דער יונגערמאַן — איך בין דאָך מישקאַ!... מישקאַ ציגאַניאַק פלעגט מען מיך רופן... אין שכנות געוווינט אויף דאָמבראָווסקע גאַס, נעבן די בולוואַרן... מיר האָבן זיך דאָך צוזאַמען געלערנט אין „תרבות"־גימנאַזיע, אויף איין באַנק גע־זעסן...

דער פּקיד קנייטשט דעם שטערן און פאַרציט מיט די ברעמען:

— איך דערמאָן זיך עפּעס יאָ... אָבער נישט קלאָר...

— שאַ! און מאַטילדען געדענקסטו?... די, מיט די בלאָנדע צעפּעלעך?... געדענקסטו, ווי מיר האָבן זיך ביידע אין איר געליבט?... זיך צעשלאָגן צוליב איר... זיך צעדראַפּעט ביז בלוט!... אַ שיין מיידל געווען!... זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיטן אַפּטייקערס זונדל און געהאַט צוויי געראָ־טענע קינדערלעך!... אָבער... ס'איז שוין קיינער פון זיי נישטאָ!...

מישקאַ ציגאַניאַק איז אַ טעמפּעראַמענטפולער, קוועקזילבערדיקער יונגערמאַן. זיינע באַוועגונגען זענען האַסטיקע. די אויגן — צעגלאַנצט מיט אַ יוגנטלעכן פייער. און די שטימע זיינע איז אַ וואַרעמע. ווי די וואַרעמקייט פון זיין האַרץ, פון דער ברויזנדער נשמה, וואָלט געפלאָסן מיט זיין יעדעס וואָרט, מיט יעדן אָטעם, מיט יעדן קלאַנג...

דאַקעגן איז דער פּקיד אַ פאַר־דער־צייט פאַרעלטערטער און מידער. אַן אַפּאַטישער און פאַרלאָשענער. די מידקייט און פאַרלאָשנקייט ליגט

אים אויף זיין פּנים, אין מאַטן גלאַנץ פון זיינע סערע אויגן, אין די גרויע האָר אויף זיינע שלייפן. ער האָט נאָך אַלץ דעם אָפיציעלן טאָן פון אַ פּקיד, וועלכער איז אומגעדולדיק אויסצוהערן זיין באַרעדעוודיקן אינטערעסאַנט און וויל אים שוין וואָס גיכער משלח זיין...

מרים שטייט אויף אין מיטן צימער און שמייכלט אין פאַרלעגנהייט. זי ווייסט נאָך אַלץ נישט אויף זיכער: צי זי קען דעם אינטערעסאַנט בעטן זיצן, אָדער בעטן אים קומען אַן אַנדערש מאָל... דער עיקר איז איר אַ שאָד, וואָס זי פּטרט דאָ איצט איבעריקע צייט. זי האָט דאָך היינט געוואָלט גיין אין אַ קינאָ... עס ווערט דאָך שפּעט! וואָלט איר דער פּקיד נישט געבעטן צו וואַרטן, וואָלט זי שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. נאָר אַזוי, פּאַסט נישט... איז קוקט זי אים איצט כסדר אין די אויגן, צי גיט ער נישט אַ ווונק, אַז זי זאָל אים משלח זיין... פון דער אַנדערער זייט, וואָלט זי עס גערן נישט געטאָן... ער איז אַ זייער סימפּאַטישער יונגערמאַן...

דער פּקיד שטעלט זיך אויף:

— יאָ! איז, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— אייך... אייך... אייך!... כאַ־כאַ־כאַ!... — לאַכט מישקאָ האַרציק און בלישטשעט נאָך מער מיט זיינע ציגיינער־אייגעלעך. — עפּעס אַזוי אָפי־ציעל!... אַזוי קאַלט!... איך האָב זיך אויף אַ גאַנץ אַנדערער אויפנאַמע געריכט... ביסט מיר עפּעס גאָרנישט דער זעלבער אַראַנטשיק, וואָס אַמאָל!... צי איז עס די יאָרן, אָדער דער קלימאַט?... נו, מילא, נו... די זאַך איז אַזוי...

דער פּקיד און זיין סעקרעטאַרין האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויערן: וואָס וועט ער דאָ דערציילן?

— יאָ, איך הער אייך...

— אייך?... זאָל זיין „אייך"... איז אָט וואָס: איך בין מיט דריי חדשים צוריק געקומען אין לאַנד אַריין. געהערט אַז מיין אַראַנטשיק איז דאָ אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם... פאַרנעמט אַ הויכן אַמט, קיין עין־הרע, גע־מאַכט אַ קאַריערע... בין איך דיר געקומען אָנקוקן, נחת האָבן פון אַ חבר... זיך דורכשמועסן אַ ביסל, פּאַר אַזאַ לאַנגער צייט, דערמאָנען זיך די נאַריי־שע, חנעוודיקע קינדער־יאָרן... ווער איז דען, מישטיינס געזאָגט, פון אונדזערע געבליבן? אַוודאי האָב איך בעסער געדאַרפט קומען צו דיר,

אין דיין פּריוואַט־וווינונג, זיך איינלאַדן אויף אַ גלעזל טיי, אָדער אויף אַ מיטאָג, ברענגען אַ בוקעט בלומען און באַטשקען... האָב איך אָבער נישט געוווּסט דיין אַדרעס. איך קום אַהער, מען לאָזט נישט אַריין! איך בין אַ פאַריאָגטער מענטש, איך האָב נישט קיין איבעריקע צייט. און ווען איך קום, הייסט מען מיר קומען מאָרגן!... שטענדיק האָט דיין פּאָנפּאַראָנקעלע אַן אַנדערן תּירוץ!...

— המם...

מישקאַ קוקט זיך אום און באַמערקט די פאַררויטלטע סעקרע־טאַרין. ער ווערט אַ ביסל צעטומלט:

— אָ, אַנטשולדיקט מיר, גבֿרת... נישט געזען, אַז איר זענט דאָ... נישט געמיינט, חלילה קיין שלעכטס... אַזוי רופן מיר געוויינטלעך די יונגע, חנעוודיקע סעקרעטאַרשעס, פּאָנפּאַראָנקעלעך... דאָס איז גוטמוטיק...

— איך בין נישט באַליידיקט...

— הממם... דאָס זעקסטע מאָל בין איך שוין דאָ און... אָט דאָס חנעוודיק־פאַרשאַרצט נעזעלע האָט מיך נישט אַריינגעלאָזן... אָבער ענד־לעך זע איך דיך!... אַ ביסעלע געעלטערט, גרויליך, אָבער דער זעלבער אַראָנטשיק... אַן אָפּגעשוּנדענעם וואָלט איך דיך דערקענט!... וואָס קוקסטו אַזוי? דו דערקענסט מיך נאָך אַלץ נישט?

— ניין!

— וועל איך דיר דערמאָנען: געדענקסט, ווי דו פלעגסט תּמיד קו־מען אין שולע אַ הונגעריקער און איך פלעג דיר אונטעררוקן אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמאַלאַדע?... געדענקסט?...

דער פּקיד ווערט רויט און כאַפּט אַ פאַרשעמטן בליק אויף מרימען, צי זי האָט עס נישט אַמאָל פאַרהערט... מרים ווייסט נאָר, אַז ער האָט דאָ געליטן, אין לאַנד, אַלס פּאַטריאָט! אָבער אין דער היים, אין פּוילן איז אים גוט געווען... זי ווייסט אַז ער איז געקומען אַהער אויס איבער־צייגונג, אָבער נישט דערפאַר, ווייל די נויט האָט אים געטריבן... מרים האָט זיך טאַקע געמאַכט נישט הערנדיק. עס איז איר פיינלעך געווען, וואָס אהרון זאָל זיך איצט דאַרפן קרעמפּירן צוליב איר, דערפאַר וואָס זי ווייסט וועגן אים אַזאַ אומשולדיקן סוד... פאַר מרימען איז ער נישט קיין אַראָנ־טשיק, נאָר דער חשובֿער, הויכער פּקיד אדון אהרון!

און דעם פּקיד אדון אהרון איז עס זייער אומאַנגענעם און נישט באַקוועם, אַז די זכרונות פון זיין נישט פריילעכער פאַרגאַנגענהייט, פון זיין הונגעריקער קינדהייט. איבערהויפּט נאָך, אין מרימס אַנוועזנהייט. ער ווערט אומגעדולדיקער און נערוועזער. די אומצופרידנקייט לייגט זיך אין זיין טאָן:

— איז מיט וואָס זאָל איך אייך באַצאָלן איצט, פאַרן אַמאָליקן שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַדע?...

— גאָט איז מיט דיר, אַראָנטשיק! — כאַפּט זיך מישקאַ צוריק אַ שולדיקער, ווי ער וואָלט אומפאַרזיכטיק באַגאַנגען עפּעס אַ גרויסן פעלער. — כ'האָב דיך נישט געוואָלט באַליידיקן! חלילה נישט וויי־טאָן!... מיר זענען דאָך דערוואַקסענע מענטשן... ווער האָט עס דען נישט קיין סענטימענט פאַר די קינדער־יאָרן?... ווער וויל זיך עס דען נישט דערמאָנען די חנעוודיקע נאַרישקייטן פון אַמאָל?... עך, אַראָנטשיק, אַראָנטשיק, איז עס געווען אַ צייט!...

— יאָ־יאָ, סענטימענטן... ס'איז געווען אַ צייט... — ברומט נאָך דער פּקיד. און עס איז שווער צו פאַרשטיין: צי שפּעט ער עס נאָך, איבערחזרנדיק? אָדער פאַרטראַכט ער זיך און לעבט עפּעס איבער?...

נאָר מישקאַ ציגאַניאַק איז דערווײַלע אַריין אין עקסטאַז?... ער רעדט שוין נישט, — ער דעקלאַמירט:

— געדענקסטו די לבנהדיקע זומער־נאַכט אין קייסער־סאָד?... אין די טונקעלע, געדיכטע אַלעען?... די פייגעלעך האָבן געטשוויטשערט און די מיידלעך זענען געווען אַזוי צערטלעך!... אַך, פלעגן מיר זיך עס קושן!... און די בענקשאַפט אין האַרצן האָט אַזוי גענאָגט!... און ביסטו אַמאָל אַוועק מיט מיין מיידל, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן!... עך, האָב איך צוליב דיר געסטראַדאַיעט!...

— צוליב מיר?... — זאָגט דער פּקיד, טראַכטנדיק, אַז עס וועט אים שוין עפּעס מוזן קאָסטן... אַז דער מישקאַ ספּעקולירט דאָ עפּעס...

— נו, זיכער צוליב דיר... אָבער איך בין דיר מוחל... עס איז דאָך די פאַרפלויגענע, נאַרישע קינדהייט!... און דאָס געדענקסטו, ווי מיר פלעגן זיך שיפן אויפן טייך מוכאַוויעץ, ביז אין בוג אַריין. יעדערער פון אונדז האָט געוואָלט, אַז דער צווייטער זאָל רודערן, כדי ער זאָל קענען זיצן

נעבן מיידל און האָבן פרייע הענט... און דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן אַ ליד און מיר אַלע האָבן מיטגעזונגען:

— — — עס דרימלט דאָס שטעטל,
די לאָדנס פאַרמאַכט...
אָ, קום צו מיר, מיין געליבטע,
אין דער פינצטערער נאַכט! — — — —

מישקאַ ציגאַניאַק האָט זיך צעזונגען מיט דער גאַנצער שטים, מיט שטימונג און האַרץ. ער האָט אַזש פאַרמאַכט זיינע אויגן, מיט דער רעכטער האַנט זיך געכאַפּט ביים האַרץ און די לינקע אויסגעשפּרייט פאָרויס, ווי צו כאַפּן מרימען...

און מרימען האָט עס טאַקע מאָדנע גערירט. סיי זיין סענטימענטאַלקייט, סיי זיין אָרט דערציילן קינדער־דערינערונגען און סיי זיין האַרציק געזאַנג מיט זיין זיסער, קלינגענדיקער שטימעלע...

זעט אויס, אַז אדון אהרון איז אויך אַ ביסל גערירט. אָבער ס'איז שווער צו באַשטימען: צי פון די סענטימענטאַלע דערינערונגען? אָדער פון ערגעריש, וואָס מרים איז גערירט?...

— און אַ שבת נאָכמיטאָג — זעצט מישקאַ פאָר פאַרחלומט — אויפן פעלד, אויפן וועג צו קיטעלנע...

— יאָ, גאַנץ פיין! — האַקט פלוצלינג איבער דער פקיד. — אַ טייך, אַ קייסער־סאַד, פייגעלעך מיט לבנות, אַ פעלד מיט שיפלעך, מיט מיידלעך, מיט נעכטיקע טעג!... אָבער זאָגט מיר: וואָס בין איך שולדיק?... איך האָב אָפּגעאַרבעט מיין טאָג? איך בין מיד! איך וויל גיין אַהיים זיך אויסרוען! איז מאַכט עס קירצער! וואָס איז דער ציל פון אייער באַזוך ביי מיר?

מישקאַ פילט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעצוואָגן מיט אַ שעפל קאַלט וואַסער. ער איז תיכף אויסגעניכטערט געוואָרן פון זיינע אַלע סענטימענטאַלע דערינערונגען און שטאַמלט עפּעס אומפאַרשטענדלעכס.

מרים האָט דאָס דערפילט. די ווענדונג איז געווען אַ צו־שאַרפע. איר האָט זיך געדאַכט: אַ דערשיטערנדיקע. האָט זי געפּרוווט פאַרגלעטן:

— איר פאַרשטייט? דער אדון אהרון מיינט עס פשוט: אַז איר זענט געקומען אַהער, מן־הסתם דאַרפט איר דאָך עפּעס... איז וואָס איז אייער ענין?...

— ניין, גאָרנישט, גברת. קיין שום ענין נישט... כ׳האָב דיך נאָר געוואָלט זען, אַראָנטשיק, אָט, זיך אַ ביסל אַדורכשמועסן...

— הם... — איז דער פּקיד אין אַ פאַרלעגנהייט. — איר זענט אַ פּאַר־טיי־מאַן? פון וועלכער?...

— ניין, אַראָנטשיק! מישקאַ ציגאַניאַק איז געווען און געבליבן אומ־פּאַרטייִש!...

— נישט גוט!...

— פאַרוואָס איז נישט גוט, אַראָנטשיק?

— וואָלט איר געהערט צו מיין פּאַרטיי, וואָלט איך געמוזט פאַר אייך עפּעס מאַכן... אָבער אַז איר זענט אומפּאַרטייִש, קען איך פאַר אייך גאָרנישט טאָן!

— אָבער וואָס מאַכן? וואָס דאַרפסטו דען טאָן פאַר מיר, אַראָנ־טשיק? — איז מישקאַ פאַרוואונדערט. — אָט זיך, אייל זיך נישט און לאָמיר זיך אַ ביסל אַדורכשמועסן. טאָ! און אפשר ווילט איר גאָר אַראָפּ־גיין מיט מיר אין אַ קאַפע?... איך בין טאַקע נישט קיין נגיד, נאָר אַ קאַפע קען איך אויסהאַלטן!... דו ווייסט דאָך, אַז מישקאַ ציגאַניאַק איז קיין מאָל נישט געווען קיין קאַרגער... שטענדיק געהאַט אַ ברייטע האַנט מיט שיטערע פינגער... גייען מיר אין אַ קאַפע?

— ניין. איך בין נישט קאַפעיִש געשטימט!

— נו, קענען מיר דאָ זיצן און אַ ביסל שמועסן... קיל איז דאָ, אַ מחיה און דורכן פענצטער זעט מען דאָך דאָ גאַנץ תל־אביב... אַ פּרעכ־טיקע שטאָט!... וואונדערבאַר!...

— אָבער אַנטשולדיקט מיר! — הויבט זיך דער פּקיד אויף פון זיין אָרט — איך האָב נישט קיין צייט מיט אייך צו שמועסן. ס׳הייסט: ליידער האָב איך נישט קיין צייט... מאַכט עס קורץ! איר דאַרפט אַ דירה? אין יפו־דזשעבעליע איז שוין נישטאָ. אפשר וועל איך אייך קענען שאַפן אין סאַלימאַ. ס׳איז נאָענט פון תל־אביב און...

— איך דאַרף נישט קיין דירה. אַ דאַנק... איך וווין טאַקע אין סאַלימאַ. אַ גאַנץ לייטיש דירהלע באַקומען...

— נאָר וואָס דען? מעבל?

— אויך אַ ביסל מעבל האָב איך. באַשיידן, אָבער איך האָב... אויף וויפל דו געדענקסט מיך, ווייסטו דאָך, אַז איך האָב זיך שטענדיק פיינט געהאַט צו קלאָגן...

— האַנדלט זיך עס וועגן אַרבעט? איר ווילט אפשר אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו אין דער לישכת־עבודה? אָדער וועגן אַ רשיון פאַר אַ געשעפט?

— אַראָנטשיק טייערער, איך בין באמת גערירט פון דיין פריינט־שאַפט. אָבער אַ דאַנק... איך האָב אַ שטעלע. איך אַרבעט אַפילו גאַנץ שווער...

— קיין לייכטע אַרבעט איז נישטאָ. בכלל איז אין אונדזער לאַנד נישט לייכט. מען דאַרף אָבער דאַנקען גאָט, אַז מען האָט שווערע אַרבעט.

— גאַנץ ריכטיק, אַראָנטשיק. גאָלדענע ווערטער! און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך האָב ליב מיין פאַך. דו ווייסט, וואָס פאַר אַ פאַך איך האָב? איך בין דאָך אַ ספּעציאַליסט פון...

— פון רעדן... איך מיין, פון רעדן וועט גאָרנישט אַרויסקומען... — כאַפּט זיך אהרון צוריק — זאָגט מיר בעסער, ברחל בתך הקטנה, וואָס ווילט איר פון מיר?

— „איר", „איר", „איר"... — חזרט מישקאָ איבער האַלב־באַליי־דיקט — מעגסט מיר זאָגן „דו". איך האַלט זיך נישט גרויס... דער זעלבער מישקאָ ציגאַניאַק וואָס אַמאָל...

— גוט. זאָל זיין „דו". איז וואָס ווילסטו?

— גאָרנישט... גלאַט אַזוי... זיך אַ ביסל אַדורכשמועסן מיט דיר... וואָס איז מיט דיר, אַראָנטשיק? נישט־שוין־זשע ביסטו דאָ אַזוי פאַר־טריקנט געוואָרן אונטער דער הייסער ישראל־זון, אַז זי האָט אויסגע־וועפּט פון דיר יעדן סענטימענט? איך קוק אויף דיר און קען עס נישט פאַרשטיין: דאַכט זיך דער זעלבער און... פאָרט נישט דער זעלבער...

— נו, נו... — ברומט דער פקיד אין שופלאָד אַריין, פון וואַנען ער גראַבלט אַרויס עטלעכע אַסיגנאַציעס — נאָט איך צוואַנציק פונט. איר וועט אונטערשרייבן...

— גאָט איז מיט דיר, אַראָנטשיק! — ציט זיך מישקאַ צוריק, ווי אַן אָפּגעבריטער — איך וועל נישט נעמען!

— אונדזערע מיטלען זענען באַגרענעצט. נאָט אייך נאָך פינף לירעס. מער ווי אויף פינף און צוואַנציק האָב איך קיין רעכט נישט.

— איך וועל נישט נעמען קיין פינף און צוואַנציק לירעס. באַליידיק מיך נישט!

— איך קען נישט מער געבן!

— איך דאַרף נישט!

— וואָס מיינט איר? — קען שוין דער פקיד נישט צוימען זיינע נערוון — פינף און צוואַנציקער וואַלגערן זיך ביי אונדז אין די גאַסן? מיר האָרעווען דאָ שווער און ביטער!

— איך באַדויער זייער. אָבער...

דער פקיד, ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס שווערס דעצידירט, האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַריינגערוקט אַ ציטערנדיקע האַנט צו זיך אין בוזעם־קעשענע.

— הערט, אדון מישאַ! פון מיין אייגענער קעשענע גיב איך אייך צו נאָך צען לירעס און אַ סוף זאָל עס נעמען!

— אַז... איר זענט אין אַ טעות... איך וועל נישט נעמען!

— וואָס?!!! פינף און דרייסיק לירעס איז דיר אויך ווייניק? געענ־דיקט! — האָט זיך דער פקיד אַ שטעל געטאָן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צו דער טיר — איר קענט גיין!

— אויף אַלץ וואָלט איך זיך געריכט... — שטאַמלט מישקאַ, זיך אויפהויבנדיק פון אָרט. אַ קלענער־געוואָרענער, אַן איינגעקורטשעטער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, פאַרלאָזט ער לאַנגזאַם דעם צימער.

אהרון זעט איצט נישט מרימען, וועלכע שטייט אַן איבעררעאַשטע דווקא אין מיטן צימער. ער האָט זיך איצט צעשפּרייזט פון שרייב־טיש ביזן פענצטער און צוריק, ווי אַ שטורעם וואָלט אים געטראָגן.

— מיט היינטערווינגן גייט מען גאָר! — רעדט ער צו זיך אַליין. — אויף סענטימענטן שפּילט מען... און 35 פונט איז אים ווייניק, דעם שנאָ־רערישן כיטראַק! בכן, ברויט מיט מאַרמעלאַדע האָט ער מיר אַמאָל גע־

געבן!... נו?... ברויט מיט מאַרמעלאַדע... ברויט מיט מאַרמעלאַדע!... ברויט מיט מאַרמ!...

ער בלייבט האַסטיק שטיין אין מיטן צימער, ווי ער וואָלט זיך פּלוצ־לינג אויסגעניכטערט. אין צימער איז שוין גוט טונקל, קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. ווּ איז מרים? אַהאַ, אָט שטייט זי נעבן פענצטער און קוקט אַרויס אויפן גאַס. ער גייט צו צום צווייטן פענצטער און קוקט אויך אַרויס: אין דער אָוונט־טונקלקייט האָבן זיך שוין צעצונדן די גאַסן־לאָמפּן און נעאָן־ליכט פון די שוי־פענצטער. מישקאַ, אָט שטייט ער דאָך אויפן קעגנ־איבערדיקן טראָטואַר, ביים קיאָסק פון געטראַנק און טרינקט עפּעס. אויך אהרונען איז טרוקן אין האַלדז. ער ווייסט נישט: צי פון דורשט, צי פון נערוון. אַ פאַרדרוס נעמט אים אָן אויף זיך אַליין: פאַרוואָס האָט ער אים אייגנטלעך אַרויסגעטריבן? אפשר האָט ער טאַקע נישט געדאַרפט קיין געלט, נאָר עפּעס אַנדערש? אויסהערן האָט ער דאָך אים געדאַרפט! ברויט מיט מאַרמעלאַדע האָט ער געזאָגט... וואַרט נאָר... ברויט מיט מאַר־מעלאַדע?? ער איז דאָך גערעכט! יאָ... מישקאַ ציגאַניאַק, געווען אַזעל־כער אין דער „תרבות"־שול און ברויט מיט...

— נישט גוט געטון, אדון אהרון... געדאַרפט אים אויסהערן... אפשר דאַרף ער טאַקע נישט קיין געלט... אַ יוגנט־חבר...

— מרים טייערע! איך בין אַ פאַדליעץ! טו מיר אַ טובה, זיי נישט בייז...

— צוריקרופן אים?... ער שטייט דאָרט און טרינקט גזוז! — האָט מרים פריידיק אויסגערופן.

— יאָ, מרים, האָב נישט קיין פאַראיבל...

— גוט. איך וועל אים אַרויפשיקן. שלום!

— אהרן האָט געזען דורכן פענצטער ווי מרים רעדט מיט מישקען. לאַנג האָט זי אין אים אַריינגעטענהט, ביז ער האָט ענדלעך אַ שאָקל גע־טאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און לאַנגזאַם געגומען אַריבערשפּרייזן דעם קבֿיש צוריק. איצט האָט ער זיך שוין מונטערער צעשפּרייזט איבערן צימער, רעדנדיק צו זיך אַליין:

— יאָ, יאָ... מישקאַ ציגאַניאַק!... אַ פריילעכער, האַרציקער חברה־מאַן געווען... ער פלעגט דאָך מיר טאַקע אונטעררוקן אַ שטיקל ברויט מיט

מאַרמעלאַדע אין די הונגער־טעג... עד, וואָס פאַר אַ פאַרד איך בין! אַ רשע! אַזאַ חבר דאַרף מען אויפנעמען, אָפּדאַנקען, העלפן מיט אַ ברייטער האַנט! אפשר דאַרף ער גאָר אַ פּראָטעקציעלע? אָן פּראָטעקציע רירט מען זיך דאָך דאָ נישט! איך אַליין, וויפל האָב איך עס אויסגעליטן אָן פּראָטעקציע! איז פאַר וועמען עקזיסטירט פּראָטעקציע, אויב נישט פאַר אַ פריינט, וועלכער האָט דיר אַמאָל געהאָלפן??

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און מישקאַ איז אַ ברוגזלעכער געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

אהרונען האָט עס אַ קלעם געטון ביים האַרץ, אונטערן לעפעלע... ער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— מישקאַ טייערער! זיי מיר מוחל... איך בין אַ משוגענער! אַ נער־וועזע בריאה! פון שווערע יאָרן און פון איבערגעלאָדענער אַרבעט. פאַר־שטייסט?... איך האָב זיך אומזיסט און אומנישט אויפגערעגט און דיך באַליידיקט. איך בעט דיך איבער מיטן גאַנצן האַרצן. זיי נישט בייז...

מישקעס פּנים האָט ווידער באַקומען זיין פריערדיקן גוטמוטיקן אויס־דרוק. נאָך מער: ער האָט באַקומען אַ מינע פון מיטלייד און רחמנות, ווי אהרון וואָלט גאָר געווען דער באַליידיקטער... זיינע גלאַנציקע אויגן זענען אים אַזש פייכט געוואָרן און זיך פאַרצויגן מיט אַ פּערלמוטערנער בעלמע...

— נו, גוט... איך בין נישט בייז... — האָט ער זיך טרויעריק צע־שמייכלט. — דו ביסט שטענדיק געווען אַ נערוועזער, אַ ספּילטשעווער... איך געדענק!

— זעץ זיך מישקאַ... זיץ...

— אָט אַזוי!... דערקען איך מיין אַלטן חבר אַראָנטשיק... — זעצט זיך מישקאַ אין פאָטעל, שוין היימישער און באַקוועמער — אַזוי פיל וואַסערן אריבער! אַזאַ שטורעם איבער דער וועלט! און איצט זיצן מיר אין זוניקן תל־אביב!... אין דער הויפּט־שטאָט פון דער ייִדישער מדינה!... און מיר זעען זיך ווידער... דאַכט זיך: ערשט נעכטן איז דאָס געווען!...

— יאָ, מישקאַ, די יאָרן שטייען נישט. — באַמיט זיך אהרון אָנצו־נעמען אַ פריינטלעכן טאָן — האָסט שוין מסתמא חתונה געהאַט?...

— כ׳האָב שוין צוויי דערוואַקסענע זין!... מעגסט זיי אָנקוקן: אָדלערס

צוויי! מעגסט אַריינקומען אַביסל צו מיר. כאַטש... מיין ווייב איז אַביסל נישט מיט אַלעמען... פאַרשטייסט דאָך, פון שווערע איבערלעבענישן... נאָך אַזעלכע יאָרן וואָגלענישן...

— אַהאַ!... — האָט זיך אַהרון אַזש אונטערגעהויבן פון זיין זיץ־אָרט, פילנדיק מיט פרייד, אַז איצט גייט ער שוין אויף אַ דרך... אַז מישקאַ הייבט שוין אָן צו זאָגן ווו דער שוך קוועטשט אים... — נו, דאַרפסטו דאָך מסתמא אויף דאָקטוירים? מעדיקאַמענטן? אַ ספּעציעלע דיעטע? אַ סאַנאַטאָריע? און דו קענסט עס איר דאָך, נאַטירלעך, נישט געבן?...

— אָט אין דעם גייט עס טאַקע! — שמייכלט מישקאַ פיינלעך. — זי וויל נישט הערן דאָס וואָרט „דאָקטאָר״! זי האָט פיינט רעצעפּטן, דיע־טעס און סאַנאַטאָריעס סם־המוות! אַ רחמנות אויף איר און אַ רחמנות אויף מיינע זין!

— ווו זענען זיי?

— איצט זענען זיי שוין אין צבא...

— אַ־אַ־אַ! כ׳פאַרשטיי שוין — דערפרייט זיך דער פּקיד — באַשעפּ־טיקן זיי אין דער מחנה? אין אַ ביוראָ?... זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין אויפן נגב? אויפן פראָנט?...

— חלילה! — איז אַזש מישקאַ אויפגעשפּרונגען — ערשטנס וועס־טו דאָס ביי מיינע זין נישט פועלן! און איך אַליין? איך בין טאַקע קיין מאָל קיין אַקטיווער ציוניסט נישט געווען, אָבער אַ שטאָלצער ייד בין איך! מיינע קינדער האָב איך טאַקע ליב דאָס לעבן, ס׳האַרץ שניידט זיך, אָבער אין די אַרמייען פון פרעמדע וואָרציאָרן האָבן זיי געדינט? געדינט! מעגן זיי דאָ, אין צבא הגנה לישראל אַוודאי דינען!

אהרון זיצט אַ באַזיגטער און אַ פאַרלוירענער. טויזנטער געדאַנקען קומען אים אין קאָפּ אַריין. ער באַמיט זיך צונויפצונעמען זיין לעצט ביסל רויִקייט און גלייכגעוויכט. ער בעט זיך שוין פשוט:

— מישקאַ, זיי מיט מיר אָפנהאַרציק... וואָס קוועלט דיך? עפּעס דאַרפסטו דאָך!... איך וויל דיר העלפן מיטן גאַנצן האַרצן!... זאָג, וואָס ווילסטו? וואָס דאַרפסטו פון מיר?

— איך בין באמת גערירט, אַראַנטשיק טייערע, אָבער איך דאַרף באמת גאָרנישט!...

— נאָר וואָס דען?
— זיך דורכשמועסן!...
— מ׳קען דאָך משוגע ווערן! — נעמט זיך אהרון רייסן מיטביידע הענט די גרויע האָר פון קאָפּ. — וואָס שפּילסטו פּאַר אַ קאָמעדיע מיט מיר?!
מישקא שטעלט זיך ווידער אויף באַליידיקט, גרייט אַרויסצוגיין:
— דו באַליידיקסט ווידער דיין אַלטן חבר!
— מיט גוטן פרעג איך דיך, — האָט שוין אהרון איצט געשריגן ווילד, ווי אַ צערייצטע חיה — אָן די פוילע שטיק! אָן כיטרע גענגעלעך! איך פרעג דיך צום לעצטן מאָל און ענטפער מיר קלאָר און דייטלעך: נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר?!
מישקאַ האָט געמאַכט אַ פּאָר אומדרייסטע שריט צו דער טיר און שטיל, מיט פאָרוואורף, אַ זאָג געטון:
— זיך אַדורכשמועסן!
— מנובל!!! פרא־אדם!!! לך לעזזל!!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּקיד אדון אהרון האָט זיך שוין מער נישט באַהערשט. ער האָט שוין מער אינגאַנצן נישט געוווּסט וואָס ער טוט און וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער ווייסט שוין אַליין נישט, ווי דאָס האָט פּאַסירט. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי האָט זיך דערנומען דאָס בענקל צו אים אין די הענט אַריין און וועלכער כוח האָט עס אים געשטויסן צו שליידערן עס דעם אַנטלויפנדיקן מישקאָן אין קאָפּ אַריין? אָט ליגט דאָס בענקל אַ צעבראָכנס אויף דער ערד, אויפן שוועל, ביי דער אויפגעפּראַלטער טיר און דערנעבן טונקלט עפּעס אַ נאַסער פלעק... דער פלעק שרייט עפּעס צו אים אַ שטומען, שרעקלעכן געשריי! עפּעס וואָרנט עס אים, עס דראָט! ער האָט אַזש מורא באַקומען צו זיין אַליין אין צימער. ער וואָלט זיך ערשט צע־כליפּעט ביי עמיצן אויפן האַלדז...
— מרים! מרים! ווו איז מרים? — — —
ער איז נאָך לאַנג געזעסן אין משרד, מיטן קאָפּ אָן האַרטן שרייב־טיש אָנגעשפּאַרט און אַלץ אין אים האָט געכליפּעט.

ווען ער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין אָרט און אַרויס פון משרד, איז שוין גוט פינצטער געווען. צוליבן שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק האָט ער נישט געדענקט וווהין, אין וועלכער ריכטונג ער דאַרף איצט גיין. און ווו איז מרים? ווען איז מרים אַוועק?

ער האָט באַמערקט אַן אַפּטייק און איז אַריינגעגאַנגען נעמען אַ פּאָס־טילקע צום שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק.

דער אַפּטייקער מיט נאָך אַ פרוי זענען געשטאַנען איבער אַ צעבלו־טיקטן יונגנמאַן און אים באַנדאַזשירט דעם קאָפּ.

ווען דער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעדרייט, האָט אהרון דערזען, אַז דאָס איז מישקא, און די פרוי, וועלכע האָט אים געהאָלפן באַנדאַזשירן, איז מרים. דאָס בלוט איז אין אים תיכף פאַרגליווערט געוואָרן.

ביידע יוגנט־חברים האָבן זיך איצט שוויגנדיק אָנגעקוקט, מיט בלייכע פּנימער, ווי פון גיפּס.

פּלוצלינג האָט אהרון אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער פון טאַש און אים אויסגעשטרעקט צו מישקאַן:

— נאַ! דערשיס מיך! איך בין אַ פערד! אַ פּאַדליעץ! דערשיס מיך, ווי אַ הונט!

מישקא האָט אים שטום אָנגעקוקט, נישט באַוועגנדיק מיט קיין אבר.

— נאַ, דערשיס מיך! איך בין עס ווערט! נאָר זאָג מיר אויס דעם אמת: נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר???

לאַנג האָבן מישקעס ליפּן געציטערט, ביז ער איז בכוח געווען אַרויסצוברענגען דורך זיי אַ קלאַנג:

— זיך אַדורכשמועסן מיט אַן אַלטן חבר! — האָט מישקא אָפּגעענט־פערט מיט טרערן אין די אויגן און איז אייליק אַרויס פון אַפּטייק.

מרים האָט געוואָרפן אויף אהרונען אַ בייזן בליק, פול מיט פאַראַכ־טונג, שנעל אַרויסגעלאָפן און פאַרשוווּנדן אין דער טונקל־בלויען אָוונט.

„די הענט אַוועק פון קאָרעאַ!"

נאָך אײדער די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט שוין לײזער געפילט, אַז עס שטעלט זיך אַ שווערער, שטויביק־שטיקנדיקער כאַסמין־טאָג. אַן אָפּגעגאָסענער אין זיבן שווײסן, דורכמאַכנדיק צו־פוס די דרײ קילאָמע־טער זאַמדיקן מהלך פון זײן מעברה (איבערגאַנגס־לאַגער) ביז דער נאָענטסטער שכונה, האָט ער זיך דערזען פאַר דער נאָך־געשלאָסענער טיר פון דער „לישכּת־עבודה" (אַרבעטס־ביוראָ).

— אַז אײדער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז שוין נישטאָ קײן ביסל לופט צו אָטעמען, וואָס־זשע וועט שוין זײן שפּעטער? — האָט זיך לײזער נערוועז געווישט דעם שווײס פון פּנים, פּליך, האַלדז און נאַקן.

עס האָט אים אויסגעזען, ווי דער שטויביק־פאַרענדיקער, געל־גרויער באַגינען ליגט אַ פאַרטשאַדעטער און קען זיך נישט אויפוועקן. די געגנט צעפּראַלט אַ מויל און קען נישט אָפּגענעצן. אַפילו דער „קררררא־קרררא!" פון דער גרויסער, שוואַרצער קראָ אויפן הויכן טײטלבוים איז ווי פון אַ האַלדז מיט טרוקענעם זאַמד באַלײגט.

לײזער איז נערוועז. ער קען זיך נישט שענקען, וואָס ער איז אַזוי פרי אַהערגעקומען. כאָטש אײגנטלעך איז ער דאָך סײ־ווי אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און זיך צוגעהערט צום קלאָגן פון די שאַקאַלן אין די אַרומיקע, פון אַראַ־בער פאַרלאָזטע, פּרדסים. אַ געקלאָג ווי פון אלמנות אויף פרישע קברים. אָבער נישט די שאַקאַלן, נאָר די זאָרג, די אויסזיכטלאָזע לאַגע זײנע האָט אים נישט געלאָזן צומאַכן קײן אויג. ווי מײז, האָבן אים די זאָרגן גע־

גריזשעט די געהירן. נאָך אַכט חדשים וואַלגערן זיך מיט ווייב און קינדער אין בית־עולים, האָט מען אים איבערגעשיקט אין דער מעברה און שוין זעקס חדשים פּרעגלען זיי זיך דאָ אין אַ בלעכענעם קעסטל. מען האָט אים פאַרשריבן אויף אַ שיכון, אָבער ווער ווייסט אויף ווען דאָס וועט אַרויס־קומען? און ווו וועט ער נעמען איינצוצאָלן? און דערווייל אויף לעבן דאַרף מען.

די „לישכת־עבודה“ גיט אים פון צייט צו צייט אַ טאָג אַרבעט. און כאָטש די אַרבעט איז פאַר אים אַ צו־שווערע, נעמט ער עס אָן פאַר ליב. אַלס אַ נישט־קוואַליפיצירטער, קריגט ער שוואַרצע אַרבעט ביי בנין, אָדער ביים פלאַסטערן שאָסייען. אַ גאַנצן טאָג אונטער דער בריאיקער זון, טראַכט ער נאָר וועגן די פּאָר לירעס, וואָס ער וועט אַהיימברענגען זיין גיטעלען אויף חיונה. וואָלט עס כאָטש געווען אַ סטאַבילע אַר־בעט, — איז ער דאָך, אָבער, קיינמאָל מיטן מאָרגן נישט זיכער. דעם טאָג, וואָס ער אַרבעט נישט, האָט נישט זיין גיטעלע וואָס צו לייגן אין טעפּל... דערפאַר קומט ער טאַקע אַהער תמיד פון די ערשטע זיך צו רעגיסטרירן.

היינט איז ער שוין צו־פרי געקומען. עס וועט אויסקומען לאַנג צו וואַרטן. דער שלאָף, וואָס האָט זיך פון אים אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעטון, האָט אים דווקא איצט אָנגעהויבן צו מעלקן ביים האַרץ־שפּיץ און זאַמדיק שייערן די שוואַרצאַפּלען. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער דערביי־איקער באַנק אָפּרוען, נישט לייגנדיק אפילו קיין אַכט דערויף, וואָס די הויקערדיקע, ליימענע וואַנט איז מיט אַ פרישער פאַרב באַמאָלן, מיט עפּעס אַן אויפשריפט. ער האָט באַקוועם אָנגעלענט אויף אָט די פרישע אותיות זיינע דאַרע פלייצעס און די מידע וו:עס האָבן זיך צוגעשלאָסן.

אָבער, ווי נאָר דער דרימל האָט, ווי שפּינוועבס, געצומען פאַרוועבן זיין מידן קאָפּ, האָט ער דערפילט עמיצנס אַ שווערע האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט אויפגעטויכט, ווי פון אַ זומפּ אַרויס און אויפגעריסן די אויגן.

איבער אים איז געשטאַנען אַ געל־געקרייזלטער יונגערמאַן מיט קליינינקע, פינקלענדיקע איילבירט־אייגעלעך אין אַ ברייט, געשטופּלט פּנים. דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן אַן עמער רויטן פאַרב אין איין

האָנט און אַ רויטן פּענדזעל — אין דער אַנדערער. און כאָטש געדעדט האָט ער געדיכט, ירגזונדיק, מיטן „חמור!" נאָך יעדן צווייטן וואָרט, — האָט דער פון דרימל־אויפגעוועקטער לייזער לאַנג־לאַנג נישט באַנומען וואָס דער אויפגערעגטער יונגערמאַן וויל פון אים. צו אַלעם ערשט האָט ער געכאַפּט אַ קוק צו דער טיר פון דער „לישכת־עבודה" און געזען, אַז זי איז נאָך געשלאָסן און קיינער איז נאָך נישטאָ.

— נו, הער שוין אויף צו גרעגערן און זאָג וואָס דו ווילסט! — איז לייזער תיכף וואָך געוואָרן, פילנדיק אַ ביטערקייט אין מויל.

— דו זעסט נישט, אַז דאָ איז פריש־אויפגעמאָלן „די הענט אַוועק פון קאָרעאַ!"?

— וואָס זשע ווילסטו פון מיר? איך האַלט דען די הענט אויף קאָרעאַ?...

— די פּלייצעס האַלטסטו, חמור איינער!

— וועגן די פּלייצעס האָסטו דאָך נישט געשריבן!... — רעדט אים לייזער אין דער גאַל אַריין, אַ בייזער, וואָס מען האָט אים אומזיסט איבערגעוועקט.

— ער חכמעט זיך נאָך, דער אייזל־קאָפּ! פּונקט אויף דער אויפשריפט האָט ער זיך געמוזט אַוועקלייגן!

— הער שוין אויף צו קרייען, ווי אַ רויטער כפּרה־האָן! און דו האָסט עס טאָקע געמוזט פאַרשמירן די וואַנט דווקא דאָ, ווו עס שטייט אַ באַנק צום רוען?

— יאָ, דווקא דאָ! דאָ קומען זיך צונויפן פּראָלעטאַריער, זאָלן זיי זען, זאָלן זיי לייענען!

— אָבער די באַנק איז דאָך דאָ געמאַכט געוואָרן פאַר די פּראָלעטאַריער צום רוען!

— אַ־ז־ו־י? ר־ו־ע־ן?... — פאַרקרימט דער יונגערמאַן זיין ברייט, געשטופּלט פּנים אַזוי, אַז מען זעט שוין באַלד זיינע קליינע איילבירט־אייגעלעך קוים אַרויס. — דו פאַרפוילטער קליינבירגער! אין קאָרעאַ גיסט זיך בלוט, און דיר ווילט זיך רוען?... און דווקא אויף דער פרישער אויפשריפט „די הענט אַוועק פון קאָרעאַ!"? ס'איז נישט געשריבן פאַר דיינע חזירשע פּלייצעס!

— נאָר פאַר וועמען?

— פאַר די אימפעריאַליסטן, וואָס האָבן געלייגט זייער לאַפּע אויף קאָרעאַ!

— טאָ גיי, שרייב עס אויף די ווענט פון מאָסקווער קרעמל!... וואָס שמירסטו דאָ? ישראל האָט דען געלייגט אַ לאַפּע אויף קאָרעאַ?...
כאַכאַכאַכאַ... גוט געזאָגט!... — האָבן זיך צעלאַכט, הינטער לייזערס פּלייצעס, עטלעכע אָנגעקומענע אַרבעטער.

— וואָס לאַכט איר? איר זעט דען נישט, אַז די אַל איז אַרויס פון זאַק? מען זעט דאָך באַלד, אַז דאָס איז טרומאַנס אַן אַגענט! אַ באַצאָלטער משרת פון דער וואָל־סטריט! מאיר! זלמן! קומט נאָר אַהער! — האָט דער געשטופּלטער יונג אַ רוף געטאָן צו נאָך אַ צוויי יונגען מיט פּענדזלען און עמערס פאַרב אין די הענט, וועלכע האָבן זיך באַוויזן פון אַ זייטיק געסל אַרויס. — ער פאַרשמירט אונדזערע אויפשריפטן! וויפל באַקומסטו דאָס פון וואַשינגטאָן פאַר דיין פאַררעטערישער אַרבעט?

— עטוואָס ווינציקער, ווי איר — פון מאָסקווע, פאַרן שמירן דאָ אויף די ווענט... — האָט זיך לייזער ביטער געוויצלט.

— וואָס טענהסטו מיט אים? — רופט זיך אָן איינער פון די צוויי אָנגעקומענע יונגען מיט עמערס און פּענדזלען — זעסט דאָך, אַז דאָס איז אַ וואָלף אין אַ שעפּסן־פעלעכל...

— אַ פאַררעטערישע נשמה! — וואַרפט אַריין דער צווייטער.

— הערט, וועגן פאַראַט זאָלט איר נישט רעדן! — נעמט שוין לייזער אַן ערנסטן טאָן — איר, איר פאַראַט אונדזער מדינה מיט די־אָ אויפשריפטן, דיקטירטע פון דרויסן און וואָס דינען בלויז פרעמדע! פאַר דעם, קען זיין, צאָלט מען אייך. אָבער דרימלען אָנגעשפּאַרטערהייט איז דאָך קיין אַרבעט נישט. עס דינט קיינעם נישט און עס פאַראַט קיינעם נישט... און די וואָל־סטריט איז נישט אַזוי נאַריש, אַז זי זאָל צאָלן דערפאַר געלט...

— און אויף וועמענס חשבון שלאָפסטו דאָ, ווי אַ מאַגנאַט, אַנשטאָט צו גיין אַרבעטן?... — האָט דער געשטופּלטער יונג כיטרע אַ ווונק געטאָן מיט זיינע איילבירט־אייגעלעך.

— אויפן חשבון פון דאָלאַרן פון אַמעריקע... ענטפערט דער צווייטער יונג.

— די בלוט־פאַרגיסער אין קאָרעאַ! — בלייבט נישט הינטערשטעליק דער דריטער...

— טאָ פאָרט קיין אַמעריקע שמירן אויף די ווענט... — זאָגט אַן אַר־בעטער.

און אַ צווייטער גיט־צו:

— ריכטיק טאַקע, דאָ איז דאָך נישט די וואָל־סטריט. וואָס שמירט איר דאָ?...

— די גאַנצע וועלט דאַרף אויסשרייען דאָס מעכטיקע געשריי קעגן אימפּעריאַליזם! — שרייט דער געשטופּלטער.

— נו, וועט זיך דען ראַטנפאַרבאַנד דערשרעקן?... — ענטפערט לייזער..

אַמעריקע זאָל אַ ציטער טאָן!

— פאַר דיין געשריי?...

— פאַר אונדזער געשריי: די הענט אַוועק פון קאָרעאַ!

דער געשטופּלטער שרייט און זיינע געהילפן — נאָך אים:

— קאָרעאַ נאָר פאַר קאָרעאַנער!!!

— שוין... שוין... שרייט נישט. ביי אונדז האָט איר עס גע־פועלט... — לאַכט אַן אַרבעטער.

— וואָס אַרט אייך? — פרעגט אַ צווייטער — ער האָט אַ געזונט האַרץ, זאָל ער שרייען...

— הערט, יונגעלייט, ווי איר קוקט אונדז אַלע אָן, זענען מיר טאַטעס פון קינדער. יעדער פון אונדז האָט געגוג זיינע אייגענע זאָרגן. אָבער איר האָט דאָך שוין אייער פּרנסה: שמירן אויף די ווענט און שרייען... טאָ גייט אייך געזונטערהייט, שמירט און שרייט. אונדז לאָזט דאָ צו־רו.

— צו־רו לאָזן אייך? ניין! — שרייט דער געשטופּלטער — איר, פּראָלעטאַריער פון ישראל, דאַרפט שרייען צוזאַמען מיטן גאַנצן וועלט־פּראָלעטאַריאַט!

— לאָזט הערן אייער שטים פון סאָלידאַריטעט! — רופט זיך אָן דער צווייטער.

און דער דריטער, מיט אַ שטימע פון אַ סריס, שלעפּט זיך נאָך:
— דאָס געשריי פון ישראל מוז דערהערט ווערן אַזש אין קאָרעאַ!
— יאָ, אַזש אין קאָרעאַ!
— די הענט אַוועק פון קאָרעאַ! — רופן אַלע דריי, הויבנדיק די רויטע פענדזלען אין דער הויך...
— אַזוי?... — טרעט שוין אַרויס פאָרויס אַ הויכער, איבערגעוואַק־סענער אַרבעטער — און די קאָרעער האָבן עפּעס געשריען, ווען די אַראַ־בער האָבן דאָ געמאַכט אויף אונדז פּאָגראָמען? די קאָרעער שרייען עפּעס, ווען מען ליקווידירט די ייִדישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד און מען פאַר־שיקט די ייִדישע שרייבער הינטער די הרי־חושך?!
איצט באַקומט שוין אויך לייזער מער מוט, פילנדיק, אַז ער איז נישט אַליין, אַז אַלע אַרבעטער זענען אויף זיין זייט. ער שפּרינגט ממש אויף, ווי אַ ספּרוזשינע וואָלט אים אַ הויב געטאָן:
— גאָלדענע ווערטער! די קאָרעער האָבן געשריען „די הענט אַוועק פון ייִדישע העלדזער!", ווען היטלער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן קוילענען די זעקס מיליאָן?! דיין וועלט־פּראָלעטאַריאַט האָט דאַן געשריען? פאַרוואָס איז אין אוישוויץ, אין דאַכאַו און אין דער וואַרשעווער געטאָ נישט דער־גאַנגען דאָס מעכטיקע געשריי נישט פון אונדזער „ברידערלעכן" קאָרעער פאָלק און נישט פון דיין וועלט־פּראָלעטאַריאַט? אונדז קומט איר אַגיטירן צום שרייען! גענוג געשריען!
אַלע דריי יונגען, מיט די רויטע פענדזלען, האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין איין שורה, אין אַ פּאָזיציע פון אָנגרייפן און פאַרטיידיקן זיך...
— און ווער האָט געקעמפט קעגן דייטשן פאַשיזם?
— ווער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, געבנדיק דער היטלעריסטישער בעסטיע דעם לעצטן טויט־קלאַפּ?!
— די מעכטיקע, באַפרייערישע, רויטע אַרמיי!
— יאָ, די וועלכע האָבן פריִער געמאַכט שלום מיטן היטלעריזם, וועלנ־דיק צוזאַמען „באַפרייען" די וועלט!... — האָט לייזער סאַרקאַסטיש גע־לאַכט — אפשר קענט איר מיר געבן צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן אָקופּאַציע און אייער „באַפרייונג"?...
— האַ?

אין אייגענעם לאַנד

— דאָס הערט ער נישט... פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, וואָס זענען זיי: אָקופּירט, צי באַפרייט?

— פאַרשטייט זיך: באַפרייט!

— און ווען אַמעריקע וואָלט עס באַפרייט?...

— איז דאָך עס אימפּעריאַליזם!

— פאַרוואָס?

— ווייל אַזוי! אַ פאַרגלייך!

— „ווייל אַזוי"... אויך אַן אַרגומענט...

— ווייל אַמעריקע איז קאַפּיטאַליזם. קאַפּיטאַליזם שטרעבט צו אימ־פּעריאַליזם. און אימפּעריאַליזם איז אָקופּאַציע!

— טאָ זאָג־זשע מיר, חכם פון דער מה נשתנה... — פרעגט לייזער — וואָס אַזוינס האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אָקופּירט במשך דער זעלבער צייט, וואָס ראַטנפאַרבאַנד האָט „באַפרייט" אַזוי פיל לענדער?

— אָט ווייל דאָך אַמעריקע פאַרכאַפּן קאָרעאַ!...

— און די קאָמוניסטן וואָס ווילן דאָרט?

— באַפרייען דאָס קאָרעער פאָלק!

— דאָס קאָרעער פאָלק האָט עס ביי זיי געבעטן?... אפשר וואָלטן די קאָמוניסטן אויפגעהערט אַ ביסל צו „באַפרייען", וואָלט אַמעריקע פאַר־שפּאָרט צו אינטערווענירן?...

— ס'הייסט??

— גאַנץ פּשוט: איר שרייט דאָך „קאָרעאַ פאַר קאָרעער!", טאָ רוקט זיך אַרויס פון דאָרטן!...

— אָבער דאָס קאָרעער פאָלק וויל דאָך פרייהייט!

— טאָ לאָזט עס טאַקע פריי!...

— פאַר דיין וואָל־סטריט? דו שמוציקער אַגענט!

— וואָס שווייגט איר אים? — רופט זיך אָן דער איבערגעוואַקסענער אַרבעטער — פאַר אַזעלכע דיבורים דערלאַנגט מען אין דער מאָרדע אַריין!

— די פּיסקעס דאַרף מען זיי אויספּראַסקען! — זאָגט אַ צווייטער.

— ווען ער זאָגט עס מיר, קלייבט ער די ציינער אין זאַמד!...

— אַרבעטער זענט איר? לומפּן־פּראָלעטאַריער! — רעוועט דער געשטופּלטער.

און זיינע צוויי געהילפן — נאָך אים:

— בורזשואַזע משרתים!

— קאַפּיטאַליסטישע הינטן־לעקער!

די אַרבעטער ענטפערן מיט אַ קאַצניאַמער:

— מאָפּסיקלעך... האַו־האַו־האַו־האַו!...

דער געשטופּלטער יונג מיט די איילבירט־אייגעלעך אין ברייטן פּנים איז אַריין אין רציחה. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיטן רויטן פענדזל פאָרויס און אַ שמיר געטאָן דעם איבערגעוואַקסענעם אַרבעטער איבער דער נאָז. צוויי אַנדערע אַרבעטער האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם עמער פאַרב און אים אָנגעטאָן דעם געשטופּלטן אויפן קאָפּ.ביידע גרופּעס האָבן זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן איינע אויף דער אַנדערער. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב, דורך וועלכן עס איז קוים געווען צו זען, ווי מענער, פאַרפּלאָנטערטע איינער אין אַנדערן, פאַרשמירטע אין פאַרב און אין בלוט, קייקלען זיך אין טיפן, אָנגעכוואַליעטן, גליאיקן זאַמד.

לייזער, פון דער נאַטור — נישט קיין שלעגער, איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן אין געראַנגל, פילנדיק, אַז אָנגעהויבן האָט זיך דאָך אַלץ צוליב אים.

ער האָט, אין דעם מאָמענט, פאַרגעסן אָן ווייב און קינדער, אָן דער מעוברה מיטן צעגליטן, בלעכענעם הייזל, ווו זיי פּרעגלען זיך נעבעך און וואַרטן אויף די פּאָר פונט, וואָס ער וועט אַהיים ברענגען פאַר זיין אַרבעטס־טאָג. ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, נאָכוואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען. די גאַנצע פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין אים במשך די אָנדערהאַלבן יאָר, האָט ער איצט אויסגעלאָזן צום געשטופּלטן יונג מיט די איילבירט־אייגעלעך, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אויף אים.

ערשט ווען אָנגעקומענע אַרבעטער האָבן די שלעגער פונאַנדערגעריסן, האָט לייזער דערזען, אַז ער איז אויסגעווייקט אין בלוט. ערשט איצט האָט ער דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין נאָז, אונטערן לינקן אויג און אין דער פּאָטילניצע.

אין אייגענעם לאַנד

עס האָבן זיך שוין געפּאָרעט אַרום אים עטלעכע מענטשן. אַ שכנה האָט אַרויסגעבראַכט אַ טשייניק וואַסער מיט אַ שטיקל צעריסן לייוונט. מען האָט אים געוואַשן די ווונדן און געעצהט, תיכף צו גיין אין קופּת־חולים.

אין דער געעפנטער טיר פון דער „לישכת־עבודה" האָט זיך שוין געשפּאַרט אַן עולם. און לייזער האָט דערזען, אַז דער טאָג איז שוין אַ פאַרשפּילטער. פאַרדינט האָט ער היינט אַ פּאָר צעריסענע הויזן, אַ צעפּליקט, אין בלוט און אין פאַרב אויסגעשמירט העמד, אַ לאָך אין קאָפּ, אַ צעשפּאָלטענע נאָז און אַ בייל אונטערן לינקן אויג. ווי מעג ער גאָר, מיט אָט דעם „פאַרדינסט" אַהיימקומען?

דער פאַרמיטאָג איז איצט געלעגן אַ פאַרחלשטער פון שטיקנדיקן כאַמסין. אַ פאַרבאַנדאַזשירטער, ווי נאָך אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, איז לייזער אַרויס פון דער קופּת־חולים און זיך וואַקלענדיק געלאָזן איבערן גליאיקן, צעכוואַליעטן זאַמד־וועג, צוריק אַהיים. דער ווייטיק אין קאָפּ האָט פאַרטויבט אַלע געדאַנקען. ער האָט זיך געוואַקלט און פון זיין דאַרער פּלייצע האָט אַראָפּגעשר:ען אַ בלוטיקע, אַ רויטע, אַן איבערגעקערטע קאָרעאַ — — — —.

חבר פיש

גאָט האָט געמאַכט אַ מלחמהלע... אַ טייער מלחמהלע, ווי איך בין אַ ייִד... — האָט טאָוואַרישטש פיש געלאַכט מיט אַ מויל גאָלדענע ציינער. און אַלץ אין אים און אויף אים האָט נחתדיק מיטגעלאַכט: דער פליך האָט שפיגלדיק געשימערט, די שמאַלציקע אייגעלעך זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן פון געלעכטער, די ברייטע נאָז האָט זיך אַזש צעשפּרייט איבער דער ברייט פון גאַנצן פּנים, די אָפּשטייענדיקע אייזל־אויערן זענען רויט געוואָרן, די אַקסלען האָבן זיך געהוידעט און דאָס בייכל האָט זיך צעציטערט, ווי גאַלאַרעטע. — אַזאַ מחיהדיק מלחמהלע, כאַכאַכאַכאַ....

ער איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ רעדל פאַרחושכטע פּליטים, דערציילט נסים ונפלאות, באַרימט זיך מיט זיינע געשעפטן און געלאַכט:

— גאָלד קען מען דאָ שאַרן!... סאָוויעטסקי סאָיוז איז דאָך ממש אַן אוצר אין אַזאַ גאָלדענער מלחמה־צייט... נאָר איר זענט שלימזלניקעס. איר באַוויינט אַלץ די ווייבער, וועלכע איר האָט איבערגעלאָזן אין פּוילן, ווי די קאָטערס אין דרויסן, וואָס מען לאָזט נישט צו צו דער קאַץ... זאָל פאַסטן, אַז עס פעלן ווייבער אין ראַטנפאַרבאַנד... טשודנע זשענשטשינעס!... און אונדזערע ווייבער דאָרטן, אין פּוילן, מיינט איר, פאַסטן תעניתים?... און פון בענקעניש טוט איר גאָרנישט און איר קומט צו מיר נאָך הלוואה־לעד... ריזיקירט ווי איך, וועט איר האָבן!... איך קען אייך אַלעמען געבן פּרנסה... אָט גיט אַ פּאָר מיט מיר אין וועג אַריין...

— איר זענט דאָס אמתע פישל, טאָוואַרישטש פיש... — זענען אים פּליטים מקנא און שלינגען די סלינע.

— איר האַלט זיך אויף דער איבערפלאַך... איר שווימט...
— איר וועט אַזוי די גאַנצע מלחמה איבערשווימען און קיין גאָלדע־נער צאָן אין מויל וועט אייך נישט שאַטן...
— וואָס דען, אַזוי ווי איר?... אַז מען שווימט, דערשווימט מען!... אויף דעם בין איך דאָך פיש, אַז איך זאָל שווימען, כאַכאַכאַכאַ...

***

דער פליטים־שטראָם האָט אים אַהערגעבראַכט קיין טאַדזשיקיסטאַן, פון ביאַליסטאָק. לאַנדסלייט דערציילן, אַז ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן אַ פרוי מיט פיר לייטישע קינדער און אַ פאַבריקל פון זאָדע־וואַסער. די גאַנצע סוחרטע איז געווען זיין פרוי טאַקע און ער, ווי אַ לעמעשקע, איז געלעגן אונטער אירע קנאַפּל, געטאָן נאָר דאָס, וואָס זי האָט באַפוילן. אָבער אין מלחמה־צייט, ווען סאָלידע סוחרים זענען אונטערגעגאַנגען, אָדער פאַרשיקט געוואָרן צו די ווייסע בערן, איז ער, דאָס שלימזלדיקע פישל, דווקא אַרויפגעשווומען אויף דער איבערפלאַך.

פון ביאַליסטאָק האָט מען אים אויך אייגנטלעך פאַרשיקט אין די טייגעס פון קאָמי־אַ.ס.ס.ר. דאָרטן האָט מען אים נאָך באַגנבעט זיינע קליי־דער און איבערגעלאָזן אים ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. אַ נאַקעטער איז ער דאָרטן געשטאַנען ביזן האַלדז אין זומפּן און געהאַקט וועלדער. ער וואָלט דאָרט אומגעקומען, ווען עס געשעט אים נישט אַ נס: די ברוי־גאַדירשע, אַ קאָמיטשקע מיט געשוואָלענע קינבאַקן, מיט אַ מענלעכן זאַ־ראָסט אויפן געזיכט, אין וואָליקעס און אין וואַטענע הויזן, האָט זיך אין אים. פאַרליבט... פיש האָט פאַרשטאַנען צו ענטפערן מיט ליבע און קאָמ־פּלימענטן: אַז זי איז די חנעוודיקסטע פון אַלע רוסישע פרויען...

צומאָרגנס איז ער שוין אַליין געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר וואַטענע הויזן מיט וואָליקעס, געהאַט זיין אייגנס אַ כאַלופּע, אַ ציג, צוויי הינט, אַ מאַנסבילש ווייב און פינף קויטיקע קינדערלעך מיט געשוואָלענע קינ־באַקן. געשלאָפן זענען זיי אַלע צוזאַמען, זאַלבעצענט, (מיט דער ציג און מיט די הינט) אויף פייכטע פעלן און זעק אויסגעשפּרייטע אויף דער ליימענער פּאָל. פיש האָט שוין אַליין אויסגעזען ווי אַ קאָמי׳ק. אויף זייער

שטייגער, געטרונקען טיי, געגעסן זייערע מאכלים פון אַ גרויסן טאָפּ און גערייניקט פון זיך דעם אומפלייט.

און קיינער ווייסט עס נישט און וועט עס קיין מאָל פון אים נישט דערגיין, ווי אַזוי ער איז פון דאָרטן אַנטרונען.

אָנגעקומען קיין סטאַלינאַבאַד איז ער אין אַ שפּאָגל־נייעם אַנצוג, אַן אויסלענדישן קאַפּעליוש, אַ רויטן אויסבינדער און נייע, גלאַנציקע שיך מיט געשטופּלטע נעזער. ער האָט געהאַט אין די קעשענעס אַ האַלב טוץ פּאַספּאָרטן, „ספּראַווקעס", „קאָמאַנדיראָווקעס" אויף פאַרשיידענע נעמען און ברויט־קאַרטן אויף אַ צען טאָן ברויט...

***

אין גאַנץ סטאַלינאַבאַד האָט קיינער נישט געוווּסט, וווּ פּיש וווינט. גאַנצע טעג איז ער געווען אויף זיין בירזשע אין „פּאַרק קולטורי אי אָט־דיכאַ". דאָ האָבן אים אַלע געגריסט. אַ וועלט מיט באַקאַנטע: ייִדן, רוסן, טאַדזשיקן, אוזבעקן, טאַטאַרן, טורקמענער, קאַזאַכן, פּאַליאַקן. פאַר יעדן האָט ער אַנדערע סחורה. ער קויפט און פאַרקויפט אַלץ. אויף אַלץ איז ער אַ מבין, פון גאָלד מיט בריליאַנטן, פּאַפּיראָסן מיט אונטערוועש, ביז קנאָבל מיט ציבעלעס...

אין אָוונט, ווען אין פּאַרק צינדן זיך אָן די עלעקטרישע לאָמפּן און אויף דער עסטראַדע, וואָס נעבן טאַנץ־פּאַרקעט, צעשטורעמט זיך אַן אָרקעסטער, — זעט מען פּישס גלאַנציקן פּליך אַרויסלייכטן פון צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך... און כאָטש ער איז נידעריקער פון מיטעלן וווּקס, קלייבט ער זיך שטענדיק אויס צום טאַנצן הויכע, פעטע שיקסעס, וואָס אַרומנעמען קען ער זיי נאָר נידעריקער פון דער טאַליע און זיין ברייטע נאָז קומט־אויס ביי איר בוזעם...

די היימלאָזע פּליטים, וועלכע וואַרטן דאָ מיט אומגעדולד, אַז די טענץ זאָלן זיך ענדיקן, דער עולם זאָל זיך צעגיין פון פּאַרק און באַפרייען די בענק, ווו זיי דאַרפן זיך לייגן שלאָפן, — האָבן דערוויל אַ פאַרווייִלונג קוקנדיק אויפן קליינעם פּישל, וועלכער טאַנצט אומגעלומפּערט מיט זיין הויכער, פליישיקער פּאַרטנערין...

— פישל שווימט...

— נאָך אַ מין שווימען...

— אָבער ווען מען אים כאַפּן אויף דער ווענדקע, וועט ער זיך פּרעגלען אין פּענדל...

— ווער וועט אים כאַפּן? אַז די כאַפּערס אַליין זענען זיינע שותּפים...

— אַז דעם פּראָקוראָרס ווייב איז זיינע אַ געליבטע...

— ווען מען כאַפּט אים, גייען זיצן מיט אים צוזאַמען אַ האַלבע שטאָט נאַטשאַלניקעס...

אָבער אין אַ העלן דאָנערשטיק האָט זיך פיש מיישב געווען, אַז אַפילו צוזאַמען מיט אַ האַלבער שטאָט נאַטשאַלניקעס און מיטן פּראָקוראָרס ווייב אַלס צוגאָג, וועט אים אויך נישט פריילעך זיין צו גיין זיצן... און ער איז נעלם געוואָרן.

***

גענעראַל שיקאָרסקיס פּוילישע אַרמיי, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין סאָוויעטישן „מיטל־אַזיע", האָט זיך אָנגעהויבן, עשאַלאָנענווייז, צו עוואַקואירן קיין איראַן. עשאַלאָנען האָבן זיך געצויגן פון קערמינע ביז קראַסנאָוואָדסק. דאָרט האָט מען זיך געלאָדן אויף שיפן און געשוווּמען איבערן קאַספּישן ים, קיין טעהעראַן.

פאַרשיידענע סתירותדיקע קלאַנגען האָבן זיך דאַן דערטראָגן קיין סטאַלינאַבאַד:

— ייִדן וואַרפט מען אַרויס פון דער פּוילישער אַרמיי.

— ייִדן זענען גאַנצע מאַכערס אין דער פּוילישער אַרמיי...

— דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָרט נאָך גרעסער, ווי אין פּוילן. מען שלאָגט ייִדן, מען הרגעט, מען אַרעסטירט!

— קיין ייִדן וועלן זיי קיין איראַן נישט מיטנעמען. מען שליידערט דאָך ייִדן פון די וואַגאָנען אַרויס...

— ייִדן גיבן זיך אַן עצה... פאַר אַ פלאַש בראָנפן קריגט מען זיך אַריין אין דער אַרמיי, קריגט מען זיך צוריק אַרויס פון דער אַרמיי, דאָרטן, אין איראַן און מען איז ווידער ציוויל...

די סטאַלינאָבאַדער פּליטים האָבן שוין פאַרשטאַנען, ווהין פיש איז אַוועקגעשווומען.

— נישט אומזיסט זאָגט מען: מזל־דגים... אַ גליקלעכער פיש...

און איינער, אַ ביאַליסטאָקער, האָט געהיימנישפול געשמייכלט:

— פיש וועט לאָזן וויסן פון זיך... ווער־ווער, נאָר איך וועל האָבן פון אים אַ ידיעה... אויב יאָ, קויף איך אַ פּאָר ליטער בראָנפן און איך לאָז זיך אין וועג...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט טאַקע דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן אַלעמען געוויזן אַ טעלעגראַמע. פינף ווערטער האָט פיש געשריבן:

אַברעזאַני טאָוואַר טראַנספּאָרט ניע פּרינימאַיעט. דאָס הייסט: אָפּגע־שניטענע סחורה נעמט דער טראַנספּאָרט נישט אָן...

***

די סטאַלינאָבאַדער פּליטים האָבן שוין אָבער מער קיין געדולד נישט געהאַט זיך צו וואַלגערן אויף די בענק פון פּאַרק. זיי האָבן זיך איינציק־ווייז געלאָזן אין וועג אַריין און זיך געוואַלגערט אויף די שליאַכן קער־מינע — קראַסנאָוואָדסק, ווו עס האָבן זיך געצויגן די עוואַקואַציע־עשאַ־לאָנען פון דער פּוילישער אַרמיי.

אויף די סטאַנציעס און ראַזיעזדן, פאַר די אָפענע טיעפּליושקעס, און אין פּאָרט, פאַר דער שיף, — אומעטום זענען די פּליטים געשטאַנען הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע, נישט דערשלאָפענע, בלייכע, מיט אַ פלאַש בראָנפן אין האַנט, וואָס זיי האָבן געוויזן יעדן פּוילישן אָפיציר... נאָר די אָפיצירן האָבן זיך שוין געהאַט איבערגעזויפט און געשפּיגן אויף די ייִדן מיטן בראָנפן צוזאַמען.

זעלטן וועמען דאָס מזל האָט אָפּגעגליקט. אַ סך מער זענען אַרעס־טירט געוואָרן מיטן בראָנפן און אָן דאָקומענטן. די פּוילישע אַרמיי האָט זיך עוואַקויִרט און די וואַגלענדיקע פּליטים פון סטאַלינאָבאַד האָבן זיך צעשאָטן איבער די שטעט און שטעטלעך פון די מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקן.

די, וועלכע האָבן זיך דערשלעפּט קיין בוכאַראַ, האָבן באַלד אויפן וואָקזאַל זיך דערוווּסט, אַז פּיש איז דאָ.

— פּיש איז נאַטשאַלניק פון אַן אַרטעל... אַ פאַבריקל פון לימאָנאַד און מאָראָזשענע (אייז־קרעם).

— און אַ ווייבעלע האָט ער פון גאַנצע אַכצן יאָר...

זענען די פּליטים אַוועק צום אַרטעל. אַ טייל האָט פּיש צוגענומען צו דער אַרבעט און אַנדערע האָט ער אַרויסגעגעבן סחורה, צו פאַרקויפן אין שטאָט. זיי האָבן געקוקט אויף פּישן, וועלכער איז נאָך פולער און קיילעכדיקער געוואָרן, און אויף זיין שמאָל, שוואַרץ־חנעוודיק ווייבעלע, וואָס זעט אויס צו זיין ביי אים אַן איינִיקל... זי האָט געטראָגן זיידענע קליידער און איז באַהאָנגען געווען מיט צירונג.

— טאָוואַרישטש פּיש, זי זעט דאָך אויס אַנטקעגן אייך, ווי אַ סערדינקע אַנטקעגן אַ קאַרפּ...

— איך האָב שטענדיק ליב געהאַט סאַרדינען...

— אָבער איר פלעגט דאָך טאַנצן מיט הויכע, מיט גראָבע...

— צום טאַנצן איז גוט אַ הויכע, נאָר אַ ווייב האָב איך ליב אַ קליי־נע: זאָל זי ביי מיר נישט שטיין אין גרויסן... אַז אַ ווייב איז קליין, קען מען קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ...

— און מיט איר בלייבט איר שוין?...

— יאָ. אַזוי לאַנג, ווי איך בלייב אין בוכאַראַ...

***

אין בוכאַראַ איז פּיש לאַנג נישט געבליבן. ער האָט דערפילט, אַז מען פאַרלייגט אַרום אים נעצן. און אַריינשווימען אין באַסיין פון נ.ק.וו.ד., האָט זיך אים נישט געגלוסט...

ער האָט איבערגעלאָזן זיין אַכצניעריק ווייבל שוין נישט אַזוי שמאָל... אָבער דערפאַר מיט צירונג, מיט זיידענע קליידער, מיט אַ פוטער, אַ ליי־טיש פּעקל אַסיגנאַציעס, מיט אַן אַכט־חדשימדיק בייכל און — פּיש האָט געמאַכט אַ נורעק אין מוטנעם וואַסער, און פאַרשוווּנדן.

אַ שטיקל צייט האָט מען פון אים נישט געהערט. אַרויסגעשווומען איז

ער אין טאַשקענט. דאָס ערשטע מאָל האָבן אים פּליטים דערזען אויפן טורקמענסקי באַזאַר. ער איז געשטאַנען צווישן צווי הויכע, פלײשיקע ווייבער, וועלכע האָבן זיך געריסן ביי די האָר און זיך געבריקעט מיט די פיס...

אַרום איז געשטאַנען אַ געדיכטער עולם. קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט, די ווייבער צו צענעמען. פאַרקערט — מען האָט זיך געוויצלט און האַרציק געלאַכט. דער עולם האָט זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות, ווי בעת אַ באָקס־מעטש: איין מחנה האָט געהעצט דער בלאָנדער און די צווייטע מחנה — האָט אונטערגעגעבן פייער דער שוואַרצער...

— לאָז זיך נישט... דערלאַנג איר!...

— נישט דאָ, נידעריקער!...

— זעט נאָר, ווי זי דראַפּעט, די קאַץ!...

— רייס איר אַראָפּ די קליידער!...

— אָט אַזוי!... אוראַאַאַ!...

און ווען ביידע ווייבער זענען שוין געשטאַנען מיט אַראָפּגעריסענע בלוזקעס, מיט אַנטבלויזטע שטיקער לייב, איז דער עקסטאַז ביים עולם געשטיגן און די קולות האָבן זיך געשטאַרקט!...

פיש האָט געזען, אַז ער וועט זיך קיין עצה נישט געבן מיט ביידע ווייבער, האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן געדיכטן עולם, זיך צורעכט־געמאַכט דאָס רעקל, דעם אויסבינדער און אויסגעשפּיגן:

— זאָלן זיי זיך רייסן ביי די נעזער! מיין כפּרה זענען זיי ביידע!

— טאָוואַרישטש פיש, וואָס רייסן זיי זיך ביי די האָר?

— זיי האָבן צו־געדיכטע האָר, ציפּן זיי זיך־אויס... זיי ווילן זיין ענלעך צו מיר... — וויזט ער אויף זיין גלאַנציקן פליך.

— אָבער פון וואַנען האָט איר זיך דערנומען? ווי קומט איר אַהער?

— פון מאָסקווע, מיטן שנעלצוג...

— און ווו זענט איר געווען די גאַנצע צייט?

— טאַקע אין מאָסקווע. איך האָב דאָרט אַ פיינע וווינונג. מיין פרוי איז דאָרט אַ גרויסע פּערזענלעכקייט... אַ גאַנצע מאַכערין אין...

— וואָס, איר האָט נאָך איינע?...

— זאָל אַזוי פעלן אַ גלח אַ פּגר...

— וואָס־זשע טוט איר דאָ?

—קאָמאַנדיראָוואָטשנע... מיין ווייבס מאַן איז געקומען פון פראָנט אויף אורלויב... ער איז אַ מאַיאָר... האָט מיר דאָס ווייב אָפּגעקאָמאַנדירט אַהער, אויף אַ חודש צייט... שוין געענדיקט דער חודש...

— און איר פאָרט צוריק קיין מאָסקווע?

— נאָך וואָס? איך דאַרף נויטיק קריגן אַ קויל אין קאָפּ? קיין לעמבערג פאָר איך, נאָך היינט ביינאַכט...

— מען גיט נישט קיין פּראָפּוסק. די לייטערין פון פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג האָט נעכטן דערקלערט, אַז...

— איך האָט זי דערקלערט... און מיר האָט זי, צוויי אַ זייגער ביינאַכט, געבראַכט דעם פּראָפּוסק אין האָטעל־צימער אַריין... זי האָט נאָך מיטגעבראַכט קאָניאַק, צובייסן און האָט זיך אויסגעפּערפומירט, ווי גרויס זי איז...

— טאָוואַרישטש פיש, אָבער וואָס זענען זיי אין אייך, די ווייבער, האָ?...

— זיי זענען שוין... קען דערשמעקן שוין אַ טעלערל סמעטענע...

*****

דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז טאַקע פיש אַוועקגעפאָרן. זעקס ווייבער זענען אים געקומען געזעגענען, ברענגענדיק בלומען, זיסוואַרג, פרוכט און געטראַנק צירה־לדרך. זיי האָבן אים אַרומגעזוכט אויפן פּעראָן, גערופן אין די פענצטער פון אַלע וואַגאָנען און אים נישט געקענט געפינען.

פיש איז געזעסן פאַרשלאָסן אין קופּע פון דער פּראָוואָדניצע. ער איז געזעסן אין אַ געלער, געבלימלטער פּיזשאַמע, נעבן דער קאַסאָקער פּראָוואָדניצע מיטן פאַרריסענעם נאָז. געטרונקען מיט איר טיי פון הייסן סאַמאָוואַר, געשוויצט. געגעסן געקנאָבלטן וווּרשט מיט פרישע ליעפּיאָשקעס און, שאָקלענדיק מיט די צעפּלאָמטע, אָפּשטייענדיקע אייזלשע אויערן, האָט ער גערעדט וועגן דעם, ווי שיין עס איז די ליבע...

*****

די כוואַליעס פון דער רויטער אַרמיי האָבן אַדורכגעריסן די דייטשע

דאָמבעס, געפּלייצט אויף מערב, פאַרפלייצט אַלץ מער און מער שטעט און שטעטלעך פון פוילן, אַריבערגעפלייצט די גרענעצן פון דייטשלאַנד און זיך צעגאָסן איבער בערלין.

און פיש האָט זיך געטראָגן אויף דער אויבערפלאַך, פיש איז גע־שווומען ביז ער איז דערשווומען אין אַ די־פּי־לאַגער אין בייערן. דאָרט האָט ער זיך נאָך געצאַפּלט און געוואָרפן. דווקא געוואָלט ווערן פרעזעס פון לאַגער־קאָמיטעט און קוים געוואָרן אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, דער לייטער פון „פאַרפלעגונגס־אַמט". ער האָט געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט דער לידי פון „אונראַ" אין מיליטערישן מונדיר. צוזאַמען האָבן זיי, מיט אַ ברייטער האַנט, געטיילט האַבערפלאָקן דער יידישער באַפעלקע־רונג. אָבער אויף קאַסטנס סיגאַרעטן און קאַווע האָבן זיי געפונען בעסערע אָפּנעמער, אויסערן לאַגער...

דער לידי פון „אונראַ" האָט קוים געפעלט אַ זעקס חדשים צו אַ קיילעכדיקן פופציקער. אַ הויכע, אַ דאַרע — נאָר זיך איבערצוברעכן. זי האָט געהאַט אַ צעקנייטשט און פאַרצאַרנט געזיכט און אַ פלאַמיקע שנאה צו אַמעריקאַנער דזשענטעלמענער, צו די לייכטזיניקע באָיס. איר געפעלט נאָר אַן אייראָפּעער, אַ סאָלידער מאַן, אָט־אַזאַ ווי דער מיסטער פיש... מיסטער פיש איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַ ביזנעס און איז בכלל אָל־רייט... ער זאָל נאָר וועלן, מיסטער פיש, קען זי אים מיטנעמען קיין ניו־יאָרק. זי האָט אַן אייגענעם אַפּאַרטאַמענט מיט שיינע ראָאָמס אויפן צוואַנציקסטן פלאָר, ערגעץ אויף דער פינפטער עוועניו. זי האָט אַן אייגענעם שאָפּ און אייגענע רייכע קרובים. ער וועט קריגן פּייפּערס און זיין אַ געמאַכטער מענטש. אָ, יעס... עס ווענדט זיך נאָר אָן אים. ער דאַרף נאָר זאָגן איין וואָרט...

אָבער פיש האָט שוין אין לאַגער אַ ווייב מיט אַנדערהאַלבן קינדער... ער קומט אַהיים און כאַפּט מיט זיין ווייב אַ שמועס וועגן דעם. ער גיט איר צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז נאָר אַ פיקציע... ער קומט קיין אַמעריקע, שיקט ער איר גלייך אַרויס פאַפּירן מיט אַ שיפס־קאַרטע...

אויך די לידי קומט צום ווייב, ברענגט מתנות און רעדט איר צו, מסכים צו זיין. דאָס ווייב וויינט און שווייגט. זי זאָגט נישט יאָ און זי זאָגט נישט ניין.

און צווישן אַ יאָ און אַ ניין, האָט זיך דערווייל פיש אַרויסגעגליטשט פון שטוב, אַ זאָג געטאָן זיין ליידי „אָל־רייט!" און זיך אַוועקגעלאָזן שווימען איבערן אָקעאַן, צום לאַנד פון וואָלקנקראַצערס, דאָלאַרן און ליידיס...

***

איין יאָר שפּעטער, האָבן זיך אייניקע פּליטים פון סטאַלינאָבאַד, געטראָפן אין תל־אביב, ביי אַ טישל פון קאַפע „גנתי".

ביי אַ גלעזל „קפה הפוך", האָט מען זיך דערמאָנט די וואָגלענישן איבער מיטל־אַזיע, די יאָרן פון עלנט און נויט...

און ווען אַן אַלטער שלעפּער אין צעריסענע קליידער, מיט אַ גרוי בערדל, איז צוגעקומען בעטן אַ נדבה, האָבן זיי זיך אַלע געכאַפּט צו די קעשענעס:

— אָט אַזוי־אָ האָבן מיר דאָך אַליין אויסגעזען אין סטאַלינאָבאַד...

— איר זענט אויך געווען אין סטאַלינאָבאַד? — האָט דער אַלטער בעטלער געפרעגט — עך, אַ טייערע שטאָט געווען סטאַלינאָבאַד!... אַ גאָלדענע שטאָט!... — האָט ער אָפּגעזיפצט.

די פּליטים האָבן אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און איינער פון זיי איז אויפגעשפּרונגען:

— פּיש?!

— יאָ, פּיש... אַזוי זע איך אויס...

— פּיש, ווי קומט איר אַהער?

— פון דער גאָלדענער אַמעריטשקע...

— קיינער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין משך פון אַזאַ קורצער צייט קען אַ מענטש אַזוי געעלטערט און געענדערט ווערן. דאָך האָבן זיי אים דערקענט. די גאָלדענע ציין אין מויל זענען שוין נישט געווען. אַ גרוי בערדל איז אים אָנגעוואַקסן. אָבער דערפאַר זענען די אייזלשע אויערן נאָך גרעסער געוואָרן און דער גלאַנציקער פּליך איז געבליבן אַ פּליך, נאָר אָן אַ גלאַנץ... ווי אַן אַלט, צעקנייטשט שטיקל פּאַרמעט...

— זיצט אדון פּיש, זיצט... דערציילט, ווו זענט איר געווען? וואָס האָט איר אַדורכגעמאַכט?...

זיי האָבן באַשטעלט פאַר אים קאַווע און קוכן. פיש האָט געטרונקען, געגעסן און געוואַרטשעט:

— אדון פיש! ס׳איז בעסער געווען, ווען מען האָט מיר גערופן טאָוואַרישטש פיש...

— און ווען מען האָט אייך גערופן מיסטער פיש?...

— האָט נישט געטויגט. אַ פאַרשאָלטענע מדינה אַמעריטשקע. אָט ביסטו אַ מיליאָנער און אָט ביסטו אַ בעטלער. אָדער גאָר אַן אַרעסטאַנט! די ווייבער זענען דאָרטן דאַר, ווי שטעקנס. און טאָמער גיסטו אַ קוק אויף אַ צווייטער, — איז שוין אַ פּראָצעס מיט אַלע אומגליקן. „ביגאַמיע״ רופן זיי עס. וואָס דאַרפט איר מער? — מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך דאָרט געהאַט אַן אייגענעם וואָלקנקראַצער, אַ גרויסן שאָפּ און אַ דאַר ווייב דערצו. האָט זי אָנגעשטעלט דעטעקטיוון און אויסגעפונען, אַז איך עס וועטשערע ביי אַ יונגער אלמנה... נו־נו! איז געווען אַ פּראָצעס! מען האָט גערעדט וועגן סינג־סינג, ביגאַמיע, אַלימענטן און נאָך אַזעלכע זאַכן. איר פאַרשטייט: דער דאַרער פלאָקן האָט מיר געמעגט אַוועקנעמען פון אַ ווייב מיט קינדער און איך טאָר נישט אַפילו עסן וועטשערע ביי אַן אלמנה...

— די ווטשערע איז געווען אַ מילכיקע, צי אַ פליישיקע?...

— לאָזט אים דערציילן... וואָס איז געווען דער סוף?...

— דער סוף? איר זעט דאָך דעם סוף... כ׳האָב שוין גערדאַנקט גאָט, אַז איך בין אָפּגעקומען מיט אַרויסשיקן מיר פון דער מדינה, ווי איך גיי און שטיי. אַ בעטלער האָבן זיי פון מיר געמאַכט.

— נו, און וואָס איז ווייטער געווען?...

— איך בין צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד, אין לאַגער אַריין. מיין ווייב מיט די קינדער זענען שוין נישט געווען. זיך נישט דערוואַרט אויף מיינע פּאַפּירן און אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. בין איך געגאַנגען אין פּאַלעסטינע־אַמט, זיך פאַרשריבן און אויך געפאָרן. געקומען, אויפגעזוכט איר אַדרעס, אַהינגעגאַנגען און... געקראָגן מיט אַ בענקל אין קאָפּ אַריין. איר זעט דאָס לאָך?

— כאַכאַכאַכאַ... דאָס הייסט אַ קבלת־פּנים פאַר אַ געטרייען מאַן!...

— נו, און די ארץ־ישׂראלדיקע ווייבעלעך, די סאַבּרעטשקעס, געפעלן איך נישט?

— וואָס קומט אַרויס דערפון? — ס׳איז נישט סטאַלינאָבּאַד... אָט האָבן מיר דאָ היינט אַ מלחמה. אָבער ווי קומט די מלחמה צו יענער? יענע איז דאָך געווען אַ גאָלדענע מלחמה!... און תּל־אביב איז נישט סטאַלינאָבּאַד...

— איר בּענקט נאָך סטאַלינאָבּאַד... איר וואָלט אַהין צוריקגעפאָרן?...

— ווען מען גיט מיר נאָר אַ וויזע.

— שפּילט ביי איך אַ ראָלע, אדון פּיש, אַ שווּם צו טאָן?...

— אין אַ מלחמה שווימט זיך גאָר אַנדערש... אָבער איך בּין נאָך פּיש!... איך וועל נאָך פּרווון אַ שווּם טאָן... מאָרגן גיי איך טאַקע צום סאָוויעטישן קאָנסול. איך וועל אים בעטן, ער זאָל מיך צוריקשיקן. נישקשה, איינע פון מיינע ווייבער וועט נאָך דאָרטן וואַרטן אויף מיר!...

דער אוצר

ר’ מעכעלע מלמד איז געקומען אין לאַנד אַריין מיט זיין גאַנצער „עשירות“: מיטן אויסגעריבענעם טלית־זעקל, וואָס ווו־נישט־ווו איז נאָך דאָ אַ סימן פון אַמאָליקן גרינעם סאַמעט. דער טלית אינעווייניק איז מער לאַטעס, ווי טלית. פונקט ווי די קאַפּאָטע אויף אים, באַשטייט שוין מער פון פאַרשיידנקאָליריקע לאַטעס, ווי פון דעם אייגנטלעכן קאַפּאָטע־געוואַנט און עס איז שוין שווער צו טרעפן, וואָס פאַר אַ קאָליר עס האָט אַמאָל געהאַט... אין טלית־זעקל ליגן די צוויי פּאָר תפילין, דער מיט חלב פאַר־שמאָלצענער תהילים און דער סידור „אור הישר“, וואָס איז נאָך אַ ירושה פון זיידן, דעם אַלטן קוידאַנאָווער חסיד. אין אָט דעם סידור, צווישן די פאַרגעלבטע בלעטער, ליגן זשמעניעס גרויע האָר. ממש אַ באָרד אַ גאַנצע! יעדע זשמעניע האָר, דאַכט זיך, רעדט פאַר זיך און קען דערציילן גאַנצע געשיכטעס וועגן ר’ מעכעלעס אומגליקלעך לעבן... אין זיין „עשירות“ דאַרף מען אַריינרעכענען: זיינע קראַנקע לונגען, די פּאָר רויט־פאַרגאָסענע אויגן אין זיין דאַרן, צעקנייטשטן פּנים און דאָס גרויע, שיטערע קאָזע־בערדל אויף זיין סאַמע־שפּיץ גאָמבע. און כאָטש דאָס שטענדיק שיטערע בערדל איז שוין היינט אַ סך שיטערער ווי פאַר דער מלחמה, ממש די הערעלעך איבערצוציילן. — דאָך פאַרגלייכט עס ר’ מעכעלע צום הייליקן סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט...

— מען ציפּט עס. דאָס בערדל, און מען ציפּט עס... — באַרימט זיך ר’ מעכעלע — און דאָך בלייבט עס בערדל!...

מיט אים איז מיטגעקומען זיין אשת־חיל טויבע־שיינדל, וועלכע איז העכער פון אים מיט אַ קאָפּ און רופט אים כסדר „גזלן־רוצח!“. אָט די,

וועלכע צופּט אים טאַקע דאָס בערדל אויס און לייגט אים די לאַטעס אויפן טלית און אויף דער קאַפּאָטע.

זיין ערשטע, עליה השלום, האָט אים דאָס בערדל נישט געצופּט. זי איז געווען אַ צדקת. אַלע פלעגן איר טאַקע רופן „גיטעלע די צדקת" און וועגן אירע מעשים טובים און מידות טובות, האָט דאָס גאַנצע שטעטל גערעדט. אים, ר' מעכעלען, האָט זי געשעצט און ערלעך געהאַלטן, ווי אַ ידישע טאָכטער, אַן אשה־צנועה דאַרף עס טאָן. זי פלעגט אים שטענדיק טרייסטן און מונטערן: בטחון מעכעלע, נאָר בטחון!..." נעבעך פרי אַוועק אויפן עולם־האמת. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן!

טויבע־שיינדל, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין פון איר... (אַזוי ווינטשט ער זיך תמיד, ר' מעכעלע) איז אין גאַנצן דער היפוך פון גיטעלען ז"ל. און נישט נאָר מיט אירע אינערלעכע „מעלות", מיט אירע „מצוות און מעשים־טובים", נאָר אויך אויסערלעך: מיט איר איבערגעוואַקסענער הויך, מיט איר צעיוירענער ברייט, מיט איר שטימע, וו פון אַ פּאָס־אַרויס און מיט אירע אויגן, ווי פון אַ סאָווע.

זי איז נאָך קיינמאָל מיט גאָרנישט צופרידן געווען, טויבע־שיינדל. און איר צאָרן לאָזט זי שטענדיק אויס צו ר' מעכעלעס דאַר־געהויקערטע פּלייצעס און צו דער לעצטער שיטערקייט פון זיין גרוי און נעבעכדיק, מישטיינסגעזאָגט, בערדל...

אין די ערשטע יאָרן, נאָך זייער חתונה, איז עס נאָך דווקא געווען אַ גאַנץ לייטישע, אַ גאַנץ בכבודיקע באָרד. אָבער תיכף האָט זיך טויבע־שיינדל אַ נעם געטאָן צופּן עס גאַנצע הויפּנסווייז. אמת, דאַן זענען נאָך די האָר־וואָרצלען געווען שטאַרק, עקשנותדיק, זיך נישט אַזוי לייכט נאָכגעגעבן... אָבער טויבע־שיינדל איז אויך אַן עקשנטע! און דערצו זענען אויך שולדיק געווען מענטשן, שכנים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעלייגט אין מיטן, געוואָלט אָפּרייסן איינעם פון אַנדערן. טייל האָבן געשלעפּט ר' מעכעלען און טייל — טויבע־שיינדלען. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זיי טאַקע פונאַנדערגעריסן. נאָר ביי מעכעלען זענען געבליבן שטי־קער נאַקעטע, פּאַרבלוטיקטע גאָמבע און ביי טויבע־שיינדלען — שטיקער באָרד אין די פויסטן. דערפאַר אָבער, ספּאַזמען מיט חלשות האָט דאַן געמאַכט טויבע־שיינדל נעבעך און ער, ר' מעכעלע מלמד, דער „גזלן־

רוצח", האָט איר געמוזט מינטערן, איבערבעטן און צוזאָגן, אַז ער וועט שוין מער קיין שלים־מזל נישט זיין און אַז ער וועט שוין, אם־ירצה־השם און בלי נדר, געבן פּרנסה...

דאַן ערשט האָט אויך טויבע־שיינדל צוגעזאָגט: מער אים די באָרד נישט צו צופּן און האָט אים אַפילו צוריקגעגעבן די הויפּנס אויסגעפליקטע האָר, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין סידור „אור־הישר". ער האָט עס דאָרט געזאַמלט און געזאַמלט, ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ באָרד אַ גאַנצע. און וואָס געדיכטער די באָרד איז געוואָרן אין סידור, אַלץ שיטערער איז עס געוואָרן ביי ר' מעכעלען אויף דער גאָמבע...

אוןביידע האָבן זייערע הבטחות נישט דערפילט: ר' מעכעלע מלמד איז ווידער געבליבן אַ שלים־מזל אָן פּרנסה און טויבע־שיינדל האָט ווייטער געצופּט...

און ר' מעכעלע האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צום צופּעניש, אַז ווען טויבע־שיינדל האָט אים שוין אַמאָל, צופעליק, אַ טאָג נישט געצופּט, האָט עס אים שוין געפעלט...

אָבער אַזעלכע טעג זענען ווייניק געווען.

***

אַ דירה האָט ר' מעכעלע מלמד באַקומען אין פאַרלאָזענעם אַראַבישן דאָרף סלמה. טיף אַראָפּ, אין אַ שמאָל, לאַנג, זאַמדיק געסל. דאָס סאַמע לעצטע הייזעלע פון דעם געסל און פון דאָרף. ווייטער ציִען זיך שוין אַוועק, אויף מיילן ווייט, די פּרדסים.

די דירה, ווי די דירה. — ער האָט קיין מאָל קיין בעסערע נישט געהאַט. נישט אין דער היים, נישט אין טשאָרדזשוי, וואָס אין ווייטן טורקמעניסטאַן, נישט אין דעם דייטשן לאַגער פּאָקינג און נישט אין „עקזאָדוס"־לאַגער עמדען. דערפאַר אָבער, דאָס הויפעלע איז ממש אַ גן־עדן התחתון! אונטערן שאָטן פון אַ געדיכט־געצווייגטן פייגנבוים איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט צוויי בענק, ווי ספּעציעל צוגעגרייט פאַר ר' מעכעלען, אַז ער זאָל זיך מאַכן אַ חדר... פון וואַנען האָבן זיי עס געוווּסט, אַז ער, ר' מעכעלע וועט דאָ וווינען און אַז ער, ר' מעכעלע איז אַ מלמד?...

דאָס גאַנצע לעבן זיינס, האָט ער, ר׳ מעכעלע, געחלומט צו זיין אין היילקן לאַנד, צו זיצן אונטער אַ פייגנבוים, ווי אין חומש שטייט און לערנען תורה... און אָט איז עס, דאָס היילקע לאַנד פון די אבות און אָט איז ער, דער פייגנבוים פון חומש!... אָט־אָ דאָ־אָ, קען זיין, האָבן אַמאָל די אבות אַ סעודה געפּראַוועט און מלאכים האָבן זיך צו זיי באַוויזן... דאָס איז דאָך דאָס לאַנד פון נסים, פון נביאים און מלאכים. דאָ האָבן אַלע צוועלף שבטים געלעבט און... און...

און מעכעלע באַקומט אַ חשק צו זעצן זיך אויף אַן אייזעלע און רייטן און רייטן... צום כותל־מערבי, צו דער מוטער רחלס קבר, צו דער מערת־המכפלה און צו אַלע די ערטער, וועלכע האָבן, ביז איצט, נאָר געלעבט אין זיין דמיון. ווען ער פלעגט זמנען גאַנצע קנעלן וועגן זיי, מיט די תלמידים זיינע, ביי זיך, אין זיין שטעטלשן חדר...

— ...ארץ זבת חלב ודבש...

נאָר וואָס קומט אַרויס? אַז ער האָט שוין יאָ אַ דירה מיט אַ חדר אונטער אַ פייגנבוים, זענען קיין תלמידים נישטאָ! און אַז קיין תלמידים זענען נישטאָ, איז קיין פּרנסה נישטאָ. און אַז קיין פּרנסה איז נישטאָ, איז אַ טויבע־שיינדל דאָ, וועלכע קלאָגט און שעלט און צופּט אים דאָס בערדל אויס.

האָט זיך דער זבת חלב ודבש פאַרוואַנדלט אין מים. און דער מים איז געוואָרן: באו מים עד נפש! און טויבע־שיינדל איז שוין אין גאַנצן פון די כלים אַרויס און די לעצטע פּאָר הערעלעך, נעבעך, פון זיין מישטיינס געזאָגט קאָזע־בערדל אַרויסגעפּליקט. און דווקא דאָ, אין היילקן לאַנד פון די אבות, האָט זי אים אין גאַנצן מיט אַ נאַקעטער גאָמבע איבערגעלאָזט. ווי אַ גלוח רחמנה־לצלן! דאָס איז נאָך ווייניק, האָט זי אים פון שטוב אַרויסגעטריבן, דעם טלית־זעקל אין קאָפּ־אַריין נאָכגעשליידערט און נאָכגעדונערט מיט איר שטימע, ווי פון אַ פּאָס־אַרויס:

— אָן פּרנסה, זאָלסטו זיך נישט דערוועגן אין שטוב אַריין אומצוקערן! אויף דער שוועל זאָלסטו זיך מיר נישט ווייזן!

וווהין־זשע האָט ער געזאָלט גיין, ר׳ מעכעלע מלמד? אין בית־מדרש אַריין, זיך אויסצוקלאָגן זיין ביטער האַרץ? — ניין! מיט קיין נאַקעטער גאָמבע גייט מען נישט אין בית־מדרש אַריין! מיט אַ נאַקעטער

גאַמבע איז ער נישט נאָר אויס־ייִד, נאָר אַפילו אויס־מלמד! צו וואָס דאַרף ער שוין איצט דעם טלית מיט די תפילין, מיטן תהילים און „אור־הישר״־סידור? —

און ר׳ מעכעלע האָט זיך פּלוצלינג דערפילט פריי פון אַלע יאָכן און קלעמען, אָט ווי להבדיל אַ פערדל, וואָס איז אַנטלאָפן פון שטאַל און בלאָנקעט הפקר אַרום איבער פעלדער... לא מדובשך ולא מעוקצך: — אָן אַ ביסל שעטשקע און אָן דער בייטש מיט די לייצעס... אָן האָלאָבלעס און אָן גאַנצן געשפּאַן!... ער האָט עס אַליין נישט באַמערקט, ווי אָנשטאָט צו גיין אין דאַרף אַריין, האָט ער זיך גאָר פאַרנומען אויפן שמאָלן וועג, צווישן די פאַרלאָזענע פּרדסים, וועלכע ציִען זיך אַוועק ווייט־ווייט, ביז ערגעץ הינטער די הרי־חושך...

**
*

די נאָכמיטאָג־זון האָט נאָך אַלץ געגליט. צווישן די צווייגן פון די מאַראַנצן־ביימער, האָבן פייגעלעך געטשוויטשערט און ריחות האָבן זיך צעטראָגן, ווי פון גן־עדן אַליין. אַ ריח ווי פון טייערע, כשרע אתרוגים! ממש אַ באַלזאַם אויפן האַרצן... ר׳ מעכעלע מלמד האָט אַזש די אויגן פאַרמאַכט פון מתיקות. ער האָט טיף אַריינגעאָטעמט אין זיך אָט די בשמים־ריחות, זיך צוגעהערט, ווי די פייגעלעך, (אמתע ארץ־ישראל־פייגעלעך) זינגען שירה צום בורא עולם, ווי אַמאָל, מיט כמה־וכמה יאָרן צוריק, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען...

גרינגער און גרינגער ווערט אים דאָס געמיט. ר׳ מעכעלע מלמד איז נישט מער קיין מעכעלע־מלמד, קיין שלים־מזל אָן פּרנסה, וואָס זיין אשה־רעה האָט אים פון שטוב אַרויסגעטריבן. אָ, ניין! אַ פייגעלע ווערט ער איצט... ער הויבט זיך באַלד אויף און ער פליט!... ניין, פליִען, פליט ער נאָך טאַקע נישט, אָבער שירה זינגט ער שוין... ער קען נישט אַזוי טשוויטשערן, ווי די פייגעלעך, אָבער פון זיינע צעווייטיקטע לונגען קלאָגט אַרויס אַ געזאַנג, וואָס קרימט נאָך דעם יום־טובדיקן ניגון פון אַלטן קוידאַנאָווער, זכותו יגן עלינו... וואָס אַמאָל העכער און העכער צעזינגט ער זיך, ר׳ מעכעלע און הערט נישט אַפילו, ווי די פייגעלעך

זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן... שטיל איז אַרום. די מאַראַנצן־ביימער פון די פאַרלאָזטע אַראַבישע פּרדסים, שטרעקן זיך נענטער צו אים מיט שטוינונג און הערן זיך צו צום אויסטערלישן געזאַנג, צום קווידאַנאָווער יום־טוב־ניגון, מיטן קלאָגעדיקן קול פון ר׳ מעכעלע מלמדס פאַרשמאַכ־טער קעל... ער דאַרף שוין נישט קיין אייזל־וועגעלע, עס גייט זיך אים לייכט צופוס!... ער וועט אַזוי עולה־רגל זיין איבער דער גאַנצער מדינה, צו אַלע הייליקער ערטער פון תנ״ך... אויף אַלע אַלטע קברים פון די הייליקע וועט ער איבערלאָזן קוויטלעך און זאָלן זיי דאָרטן וויסן, אַז ער, ר׳ מעכעלע מלמד, איז שוין סוף־כל־סוף צוריקגעקומען פון וויטן גלות, ווו ער איז אויסגעריסן געוואָרן נע־ונד... זאָל טאָקע די מוטער רחל וויסן, אַז איר פאַרוואָגלט קינד, מעכעלע מלמד, איז שוין צוריקגעקומען אַהיים...

ווי לאַנג האָט ער אַזוי געזונגען, ר׳ מעכעלע מלמד? ווי ווייט איז ער שוין אָפּגעגאַנגען פון דאָרף, פון זיין ארורהס הויז? — ער ווייסט עס אַליין נישט. ער האָט זיך פּלוצלינג אַ וואַקל געטאָן ביי אַ בוים און זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון אַ זיסן חלום...

די זון האָט זיך שוין טיף געזעצט הינטער די פּרדסים. אַ מילד, ריח־נחוחדיק ווינטל האָט זיך שטיפעריש צעבלאָזן. און ר׳ מעכעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז נישט קיין פייגעלע, נאָר אַ ייִד, אַ מלמד און עס איז נישט קיין ענין פאַר אים דאָ צו פאַרבלייבן. מען דאַרף וואָס פריִער קומען צו אַ ישוב, איידער עס ווערט נאַכט. נאָר דאָ האָט ער דערפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אים. זיי זענען אים ווידערשפּעניק, די פיס, און זאָגן זיך אָפּ אים ווייטער צו טראָגן. דאָס האַרץ איז אים עפּעס מאָדנע שוואַך געוואָרן און אין מוח האָט עס אַ מיש געטאָן, ווי מוצאי־יום־כפּור, נאָך מנחה... ער וואָלט ערשט געדאַרפט, ר׳ מעכעלע, אָנשטאָט דעם ריח־נחוח פון די פּרדסים, בעסער אַ ביסל חלשות־טראָפּנס אַ שמעק צו טאָן, דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּן...

און אין ר׳ מעכעלען איז דאָס פריִערדיקע געזאַנג אַנטשטומט געוואָרן און דער חשק עולה־רגל צו זיין איבער דער מדינה איז אין גאַנצן אַוועק. דער הונגער אין אים האָט זיך צעשריִען און אַלע איינגעווייקדן האָבן זיך אין אים צעקלאָגט און צעכליפּעט.

— אוי, טאַטע זיסער! אויך דאָ, אין היילִיקן לאַנד, שטראָפסטו מיך אַזוי? בין איך שוין יאָ זוכה געווען צו באַטרעטן דיין הייליקע ערד, מאַכסטו מיך ווידער צו שאַנד און צו שפּאָט, מוז איך ווידער פאַרשטויסן זיין נע־ונד, אַ הוסר־לחם! — — און דאָ האָט זיך ר׳ מעכעלע אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט אָן בוים און מיט דער צווייטער געפאַכעט צום הימל, ווי ער וואָלט אים געוואָרנט און געדראָעט: — אשרי יושבי ביתך, אוד יהללוך סלה! — — — —

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער באָרד, — ערשט קיין באָרד איז נישטאָ! נישטאָ קיין באָרד, נישט קיין היים, נישט קיין ווייב, נישט קיין ברויט:

— טאַטע־פאָטער! מכלכל חיים בחסד! — — — —

די זון איז אין גאַנצן פאַרגאַנגען.

אַ סאַמעטענער חושך האָט פאַרהילט די פּרדסים מיט מעכעלען צו־זאַמען. אַ פּעכיקער הימל, אָן לבנה און אָן שטערן. אַן אומהיימלעכער הימל! עפּעס גאָרנישט קיין ארץ־ישׂראלדיקער! אַ חושכניש ממש פון מצרים! דאָס שטיפערישע ווינטעלע האָט זיך געשטאַרקט און אין אַ בייזן, שטורעמדיקן ווינט זיך פאַרוואַנדלט. די ביימער האָבן זיך צערוישט און צעקרעכצט און צעבייזערט. ר׳ מעכעלען איז אַ שוידער אַדורך איבערן לייב. האָט ער נאָך פעסטער צוגעדריקט דאָס טלית־זעקל צום האַרצן און געשעפּטשעט:

— שמע ישׂראל!

ערגעץ ווייט האָבן זיך שאַקאַלן צעקלאָגט. פריִער — פון גאָר ווייט, קוים צו הערן, שפּעטער — זיך דערנענטערט און דערנענטערט. און איצט דאַכט זיך אים, ר׳ מעכעלען, אַז זיי האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אין אָ קרייז און קלאָגן צו אים עפּעס אַ מאָדנעם געקלאָג, געזאָגט האָט מען אים אַמאָל, אַז שאַקאַלן קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש. אָבער ניין, נישט אַזוי באַקלאָגט מען אַ חורבן! עפּעס מאָדנע קולות זענען דאָס, וואָס פאַרוואַנדלען זיך יעדע ווײַלע אין עפּעס אַנדערש: פריִער אַ גע־קלאָג, ווי פון אַ ווייבער־שטיבל אין אַ בית־מדרש, בעת יזכור. און באַלד נאָכדעם — אַ זינדיק געלעכטער, ווי פון אויסגעלאַסענע פרויען... אָט דאַכט זיך אים, אַז טויזנט טויבע־שיינדלעך ליאַרמען איבער אים און

באַלד איז עס ווידער אַ רעווערײ פון חיות־רעות! ער איז דאָך אין אַ ווילדן וואַלד! און אפשר זענען דאָס נישט קיין חיות־רעות, נאָר די, וועמענס נאָמען ער וויל נישט אויף די ליפּן אַרויפברענגען??? וואָס טוט מען דאָ? וואָס טוט מען???

יאָ, ער האָט וואָס צו טאָן, ר׳ מעכעלע: ער וועט מעריב דאַווענען און דערמיט פאַרטרייבן די נישט־גוטע. און אפשר זענען דאָס גאָרנישט קיין נישט־גוטע, נאָר זינדיקע נשמות, וואָס בעטן זיך אַ תיקון? — — —

און אַז ר׳ מעכעלע האָט מעריב געדאַוונט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שאַקאַלן שרייען פריילעכער. און יעדער געשריי האָט געקלונגען אין זיינע אויערן, ווי:

— ברוך הוא וברוך שמו!... אמן!...

און ווי:

— קדוש, קדוש, קדוש!...

און תיכף נאָכן מעריב, זענען טאַקע די שאַקאַלן אַנטשוויגן געוואָרן. האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר ר׳ מעכעלעס קול, וואָס האָט נאָך טרויעריקער געקלאָגט, ווי זייערער? און דערפאַר זיך דערוויטערט? ניין! ר׳ מעכעלע איז איצט שוין זיכער, אַז דאָס זענען געווען זינדיקע נשמות. זיי זענען געלייטערט געוואָרן, אַ תיקון באַקומען און עולה געווען אין הימל אַריין...

ר׳ מעכעלע מלמד האָט איצט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, דעם טלית־זעקל אונטערן קאָפּ געלייגט און קריאת־שמע געלייענט. — — — — —

***

און ווי נאָר די אויגן־לעפלעך האָבן זיך אים גענומען צוקלעפּן, האָבן זיך באַלד ווידער דערהערט די קולות פון פריערדיקן כאָר. און ווידער האָבן זיי זיך כסדר פאַרוואַנדלט, ווי פריער: קודם־כל — ווי אַ בילן פון הינט, ווי אַ וואָיען פון אַ סטאַדע וועלף, ווי קליינע קינדער וואָלטן געקייכט, ווי היסטערישע פרויען וואָלטן געלאַכט און געוויינט און ווי חיות־רעות פון אַלדי וויסטע וועלדער וואָלטן זיך צערעוועט.

און שפּעטער גאָר, — ווי כהנים וואָלטן געדוכנט „יברכך!!!״, ווי אַן אײַנ־רייסן קברים, ווי אַ שפּעטעריי פון תלמידים־קונדסים און ווי אַ שרייען אין אַן אָפענעם ארון־קודש אַריין...

ר׳ מעכעלע האָט געשווידערט מיטן גאַנצן לייב, געקושט די ציצית פון זיין ארבע־כנפות, געשעפּטשעט „שמע־ישראל!״ און געפילט, ווי אַן אײַז־קאַלטער שווייס באַדעקט אים, ווי גרויס ער איז.

און ביסלעכווייז האָבן זיך די קלאָגנדיקע קולות פאַרוואַנדלט אין אַ געזאַנג. ר׳ מעכעלע האָט בפירוש געהערט:

— הללו־יה!

— הללו־יה! — — — — —

און באַלד האָט זיך דער כאָר געשפּאָלטן אויף צוויי באַזונדערע כאָרן: אַ כאָר פון זכרים און אַ כאָר פון נקבות. די פינצטערניש איז צערונען. אַ לויטערע, העלע בלויקייט איז אויפגעשווומען. אַ בלויקייט, ווי דאָס בלוי פון פסחדיקן כוס, וואָס פאַר אליהו־הנביא... און אין דער לויטערער בלויקייט, האָט ר׳ מעכעלע דערזען ווער עס זינגט: אַ כיתה מענער, זקנים מיט קיטלען, מיט לאַנגע, ווייסע, זיידענע בערד... זיי גייען אָפּ רעכטס, אין פּרדס אַריין און זינגען:

— „אליהו הנביא, אליהו התישבי, אליהו הגלעדי!...״ — — — — —

און נשים צדקניות, אויך אין קיטלען, נאָר מיט יום־טובדיקע הויבן, מיט שטערן־טיכלעך, מיט פּערל און דיאַמאַנטן־קרוינען, טאַנצן אַ מצווה־טענצל אַרום איינער אַ צדקת מיט אַ בריליאַנטענער קרוין... און עס שלאָגט פון איר אַזאַ ליכטיקייט, אַז ר׳ מעכעלע קען אַזש נישט קוקן צו איר... זיי פלאַטערן אַלע מיט די הענט און פאַרשטעלן זיך צניעותדיק די געזיכטער, ווי ביי ליכט־צינדן און זינגען:

— „גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב!...״ — — — — —

און פּלוצלינג ווערן זיי אַלע אַנטרונען. פּשוט ווי אויסגערונען געוואָרן אין בלויען, דורכזיכטיקן אַוויר... און בלויז די צדקת מיט דער בריליאַנטענער קרוין, אַרום וועלכער אַלע האָבן געטאַנצט — זי איז געבליבן. זי האַלט נאָך אַלץ די בלאַסע הענט מיט די לאַנגע פינגער אויפן פּנים, ווי זי וואָלט שבת־ליכט געבענטשט. און אַזוי, מיטן פאַרשטעלטן פּנים, דערנענטערט זי זיך לאַנגזאַם צו ר׳ מעכעלען... זי גייט נישט. זי שטעלט

נישט קיין טריט. זי שוועבט און דערנענטערט זיך צו אים שוועבנדיק, ווי אַ מלאך... האַרט נעבן אים בלייבט זי שטיין. נאָר ווי אַזוי שטיין? אין דער לופטן, אין אוויר שטייט זי, נישט אָנרירנדיק די ערד... און אַזוי הענגענדיק אין אוויר, צווישן הימל און ערד, וויגט זי זיך איבער אים, ווי איבער די געבענטשטע שבת־ליכט.

און ווי נאָר זי האָט די הענט פון פּנים אַוועקגענומען, ווי צו זאָגן „גוט־שבת!", אַזוי האָט זי ר' מעכעלע דערקענט... ער איז אַזש פּאַראַליזירט געוואָרן. יאָ דאָס איז זי! ער האָט זי תיכף דערקענט. כאָטש עס איז שוין באַלד אַ יאָר זעכצן, ווי זי איז אַוועק פון אים... זי שמייכלט צו אים אַ בלייכע, אַ ווייטע, אַ געלייטערטע און אַ הייליקע! די זעלבע גיטעלע, וואָס אַמאָל, כמעט נישט געענדערט... נאָר יינגער און שענער געוואָרן און צניעותדיק־חנעוודיק, ווי כלהוויז... איר פּנים שיינט מיט גוטסקייט און געטריישאַפט, מיט רחמנות און מיט טרייסט... אָט וויל ער שוין אָנרופן איר נאָמען און געבן איר די האַנט, — ווערט באַלד דאָס וואָרט אין זיין קעל פאַרגליווערט און די האַנט, — ווי געליימט: ער דערמאָנט זיך, אַז זי איז דאָך אָפּגעשיידט פון אים, אויפן עולם־האמת, שוין לאַנג אַ מת־טהור... און אַ בענקשאַפט נעמט אים אָן אויף דעם, וואָס זיי זענען צעשיידט. ווען ער וואָלט ערשט געווען צוזאַמען מיט איר!...

און אפשר?... און אפשר טאַקע איז ער שוין, ר' מעכעלע מלמד, אויך אַ מת? געשטאָרבן פון הונגער, אָדער פון חיות־רעות פאַרצוקט? און אפשר האָט ער זיך שוין טאַקע איצט געטראָפן מיט איר, מיט זיין ערשטן און אמתן זיווג, כדי זיך ווידער צו פאַרייניקן און אויף אייביק פאַרבלייבן צוזאַמען אין גן־עדן?... אוי, ווי גוט דאָס וואָלט געווען!... פּטור געוואָרן פון יענעם שלאַק! פון הונגער, נויט און דאגות פּרנסה!... וואָס איז? ער האָט עס דען נישט כשר און ערלעך פאַרדינט ביים רבונו של עולם? כל ימיו געזעסן און געקנעלט מיט יידישע קינדער, געלערנט זיין הייליקע תורה!... אָבער... עפּעס איז דאָ אַזוי אומהיימלעך, אַזוי אומעטיק, מרה־שחורהדיק!... עפּעס גאָר־גאָרנישט דאָסיג!... זאָל דאָס זיין דער עולם־האמת מיטן גן־עדן? — ניין, עס קען נישט זיין!... ער איז נאָך מסתמא נישט געשטאָרבן, ר' מעכעלע... און צוריק גערעדט: עפּעס אַזוי לייכט שטאַרבט זיך עס? ער האָט דאָך גאָרנישט געפילט! נישט קיין יסו־

רים, נישט קיין חבלי־מיתה, נישט קיין חיבוט־הקבר, גאָרנישט!... און ווען ער וואָלט געווען אַ געשטאָרבענער, וואָלט ער דאָך אויך געדאַרפט טראָגן אַ ווייסן קיטל. — און דאָ גאָר, ליגט ער אין זיין געלאַטעטער קאַפּאָטע מיטן טלית־זעקל צוקאָפּנס...

און ר׳ מעכעלע מלמד האָט געזען, ווי גיטעלע די צדקת האָט צעעפנט אירע הייליקע לעפצן און ער האָט דערהערט איר באַקאַנט קול... ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַנגסטן, ווי די יידן צופוסנס פון באַרג סיני, פון וועלכן עס האָבן זיך געטראָגן קולות וברקים...

און גיטעלע די צדקת האָט געטון טאָן זאָגן, מיט אַ ניגון, ווי אַמאָל, איבער דער צאנה־וראנה זיצנדיק, אַזוי־צו־זאָגן:

— מעכעלע, מעכעלע! איך האָב צוגעזען דיין גרויסע פּיין, וואָס דו פּייניגסט זיך, איך האָב געהערט דיין קלאָג, וואָס דו טוסט טאָן קלאָגן און באַנומען דיין תפילה און געבעט, וואָס עס האָט מיר נישט געלאָזן איינרוען אין קבר. און איך בין געקומען פאַרן כסא־הכבוד און איך האָב זיך געטאָן בוקן און בעטן רשות. דיר צו ברענגען אַ ישועה ונחמה. זיי־זשע וויסן, מעכעלע, מעכעלע: דיר איז נאָך באַשערט צו לעבן אויף דער וועלט אין עשירות און אין כבוד, כדי זאָלסט ווייטער קענען לערנען מיט יידישע קינדערלעך די הייליקע תורה און טאָן מעשים־טובים! אַז דו וועסט אויפשטיין פון דיין שלאָף, זאָלסטו דיך פּעדערן, וואַשן די הענט און תפילה טאָן און טועם זיין פון דער פּרוכט, וואָס איך וועל דיר געבן. און אַז דו וועסט זיך האָבן אונטערגעלענט דאָס האַרץ, זאָלסטו אויף יענעם אָרט, וווּ דו וועסט שטיין, נעמען גראָבן אין דער ערד. דו זאָלסט גראָבן לאַנג, ביז דו וועסט געפינען אַן אוצר!... דו מעגסט דעם אוצר נעמען אין שטוב אַריין, מעגסט די חפצים פאַרקויפן און האָבן חיונה דערפון. אָבער מענטשן זאָלן נישט וויסן, פון וואַנען דו האָסט דיין פאַרמעגן גענומען. אַ סוד זאָל עס בלייבן לעולם ועד! — — — — — —

און ר׳ מעכעלע האָט געזען, ווי גיטעלעס קיטל ווערט דורכזיכטיק און דורכזיכטיק, ווי קרישטאָל. דער קיטל צערינט און ווערט נישט... עס בלייבט נאָך בלויז איר בלייך פּנים, וואָס שמייכלט מיט גוטסקייט, מיט טריישאַפט און צער... אַ שמייכלענדיק פּנים בלויז, אָן אַ קערפּער... און אָט איז שוין אויך דאָס פּנים אויסגעלאָשן. עס פינקלען נאָך בלויז די

אויגן אירע און די ברילּיאַנטן פון איר קרוין... זיי פינקלען און דערוויי־טערן זיך און פאַרוואַנדלען זיך אין ליכטיקע שטערן פון לויטערן הימל!...

אַ לויטערע בלויקייט איז העננען געבליבן, ווי אַ דורכזיכטיקער שלייער און אַ וווּנדערלעכע, סאַמעטענע שטילקייט... אַ שטילקייט, וואָס איז מאה פעמים שטילער פון שטיל און דאָך זשומעט עס אין אויער ווי זילבערנע, דינע גלעקלעך... אַ סתירותדיקע שטילקייט, וואָס שווייגט אַ הייליקן שווייגן און שפּילט אויס עפּעס אַן אומהערבאַרן, הייליקן ניגון...

ר׳ מעכעלע מלמד האָט נאָך אַזאַ שטילקייט, עד היום, קיין מאָל נישט געהערט... — — — —

***

אויפגעכאַפּט זיך האָט ר׳ מעכעלע פּלוצלינג, ווי עמעץ וואָלט אים אין זייט אַ שטויס געטאָן.

ער האָט זיך געריבן די אויגן, געקוקט אין אַלע זייטן און קיינעם נישט געזען.

עס האָט שוין געהעלט אויף טאָג, כאָטש די זון איז נאָך נישט אויפ־געגאַנגען. אַ העלקייט פון ערב זון־אויפגאַנג.

איבער אים, אויף אַ בוים, האָט זיך אַ קראָ צעקראָעט. זיך צעפּאָכעט, צעפּאַטשט מיט די שוואַרצע פליגל. „קראַ־קראַ!״ און אַוועקגעפלויגן.

אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן. זיינע קליידער זענען פייכט געווען און ער האָט געשוידערט פון קעלט. און אפשר נישט בלויז פון קעלט...

ער האָט געוואָלט אָפּגיסן נעגל־וואַסער, נאָר קיין וואַסער איז נישט געווען. האָט ער דערזען טראָפּנס טוי אויף די בלעטער פון בוים און אויף די גראָזן אויף דער ערד, — האָט ער אָן זיי די הענט איינגענעצט און גענומען זאָגן „מודה אני״. נאָכדעם האָט ער דעם טלית־זעקל אויפגעעפנט, טלית־און־תפילין אָנגעטאָן און זיך דאַווענען געשטעלט. ער האָט געדאַוונט מיט כוונה, אָבער דערביי אויך קוקנדיק מיט אומרויִקייט און פחד אין דער טונקעלער געדיכטקייט פון פרדס. ווו־נישט־ווו האָט עפּעס אַ העל געטאָן, אַ שימער, אַ סקריפּ, אָדער אַ זיפץ... און ר׳ מעכעלען האָט זיך אַלץ גע־דאַכט, אַז ווייסע קיטלען פלאַטערן פאַרביי, פלאַטערן און פאַרשווינדן.

אַזוי ווי די לעצטע, פּאַרשפּעטיקטע נשמות, וואָס האָבן דאָ חצות אָפּגע־ריכט איילן אין זייער רו אַריין.

און ווי נאָר ער איז שמונה־עשרי אויסגעגאַנגען, האָט ער באַלד דערהערט אַ שטילן שאָרך צווישן די ביימער און ער האָט דערזען, ווי אַ גאָלדענער מאַראַנץ פלאַטערט צווישן די צווייגן און פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, אין פייכטן, שימערירנדיקן גראָז...

— דאָס איז זיכער די פּרוכט, וואָס זי האָט מיר געגעבן... — האָט מעכעלע אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און איז שטיין געבליבן ווי אַ געליימ־טער, נישט צו רירן זיך פון אָרט... אַזוי איז זיכער שטיין געבליבן משה רבנו, ווען ער האָט דערזען דעם ברענענדיקן סנה!...

און עס איז געווען, ווי אַ פרעמדער כוח וואָלט אים אַ שטויס געטאָן צום אָרט פון דעם אַראָפּגענידערטן מאַראַנץ... ער האָט אים אויפגעהויבן מיטביידע ציטערדיקע הענט, הויך, אויפן קול אַ ברכה געמאַכט און טועם געווען... די מחיה־נפשותדיקע זאַפטיקייט האָט אים דערפרישט און דערמונטערט. ער האָט געגעסן לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז די סעודה זאָל זיך קיין מאָל נישט ענדיקן... און זויגנדיק דעם זאַפט, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינטלעכער זאַפט און נישט קיין געוויינטלעכער מאַראַנץ! דער זאַפט איז לעבנס־יניקה און דער מאַראַנץ איז ווי דער עפל פון גן־עדן!... און ר׳ מעכעלע מלמד האָט זיך דערפילט געשטאַרקט און געקרעפטיקט. ער האָט זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, ווי „זי" עליה־השלום האָט אים אָנגעזאָגט און דערפילט אין זיך עפּעס אַ געוואַלדיקן כוח!... אַ גיבור איז ער איצט, ר׳ מעכעלע מלמד, מיט אַ טיגער, אָדער אַ לעמפּערט זיך צו פאַרמעסטן.

און אין זיינע אויערן האָבן זיך ווידער צעקלונגען די ווערטער:

„אויף יענעם אָרט, ווו דו וועסט שטיין, זאָלסטו נעמען גראָבן אין דער ערד. זאָלסט גראָבן אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט געפינען אַן אוצר!" — — — —

און ר׳ מעכעלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, מיט די בלויזע הענט, מיט די פינגער, מיט די נעגל, האָט ער גענומען גראָבן. הויפנווייז האָט ער די קילע, פייכטע ערד צעשאַרט און אַוועקגעשאָטן.

ער האָט געאַרבעט אימפּעטדיק און שנעל, מיט אַן איבערנאַטירלעכן כּוח. הייס איז אים אַזש געוואָרן און זיין לייב האָט זיך צעפּאַרעט.

דעם אוצר זעט מען נישט!

ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך די קאַפּאָטע, בלייבט שטיין אין אַרבע־כּנפות, הויבט אויף זיינע הענט צום הימל און זיינע אויגן זענען פול מיט געבעט:

— אָ, טאַטע האַרציקער! באַווייז מיר שוין דיין נס! — בעט ער זיך אָן אַ קול — אין זיך, אַלע אינגעווײדן בעטן זיך. כּל עצמותיו תאמרנה: — זאָל זיך שוין באַווייזן דער אוצר!

און דער נס איז געשען!...

ר׳ מעכעלע האָט אָנגעטאַפּט אַ ברעטל!... אַ ברעטל? — אַ ברעט! אַ הילצערנע דעק אַ גאַנצע!...

ער ווישט זיך מיטן אַרבל פון העמד דעם שוויס פון שטערן, קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט נישט און גראָבט ווייטער...

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן שוין אַפּירגעשפּיזט דורך דעם געדיכטן צווייגן־געפלעכט פון די פּרדסים. פייגעלעך האָבן זיך צעזונגען אין כאָר, ווי זיי וואָלטן שחרית געדאַוונט... און ווייטער אַרום, איז קיינער נישטאָ. ס׳איז שטיל. בלויז ר׳ מעכעלע מלמד אין טלית־קטן, ליגט אַליין אויף אַלע פיר, אין אַ פאַרלאָזטן אַראַבישן פּרדס, גראָבט מיט די בלויזע ידים אין דער פייכטער, קילער ערד און סאָפּעט. סאָפּעט און גראָבט ווייטער...

אָט איז שוין די גאַנצע ערד פון איבער דער הילצערנער דעק אַוועק־געשאַרט. ער רייסט איר אויף, דער הילצערנער דעק און... טאַטע זיסער, האַרציקער! עס האָט זיך אַן אַנטפּלעק געגעבן פאַר זיינע אויגן דער אוצר!...

אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון, האָט עס אַ בלענד געטאָן מיט ווייסן פאָרצעלאַן, מיט פינקלענדיקע קרישטאַלן, מיט זילבערנע און געגיל־דעטע חפצים, מיט... מיט... מיט...

— אַ דאַנק צו דיר און אַ לויב צו דיר, טאַטע זיסער אין הימל!... אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלסטו מיר האָבן, מיין טייערע גיטעלע צדקת!... איך בין געהאָלפן, אויס קבצן! ר׳ מעכעלע מלמד איז אַן עושר, אַ נגיד! אוי, מיין באָרד נעבעך, מיין טייער בערדל עליה־השלום! זי האָט עס נישט

דערלעבט... וואָלט איך דעם אוצר געפונען אַ ביסעלע פריִער, וואָלט מיין בערדל נישט אויסגעצופט געוואָרן און איך וואָלט געווען אַ ייִד מיט ייִדן גלייך...

און ר׳ מעכעלע וויל גאָרנישט איבערקוקן אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דעם אוצר, וויפל עס איז דאָ, ער וויל גאָרנישט ציילן, די מזל־ברכה זאָל נישט געמינערט ווערן!...

***

ווי אַזוי, מיט וועלכן כוח ר׳ מעכעלע מלמד האָט דעם אוצר אַהיים דערשלעפט, דאָס ווייסט ער, עד היום, אַליין נישט. און צי האָט ער דעם גאַנצן אוצר אַהיים געבראַכט, אָדער עפּעס איז נאָך דאָרט געבליבן? — דאָס געדענקט ער אויך נישט.

אין ר׳ מעכעלע מלמדס שטוב איז אַריין די מזל־ברכה. דאָס שטיבעלע האָט אויפגעלויכטן מיט אַלע חנען און זיך צעשמעקט מיט כל־מיני עשירותדיקע געקעכצן: געקאָכטס און געבראָטנס, געבאַקנס און גע־פּרעגלטס... מעדני־מלך מכל מטעמים!... ווי קומט עס גאָר צו טויבע־שיינדעלען אַזאַ בריהשקייט? אַז סך־הכל האָט זי נאָר געקענט מאַכן אַ קרופּניק, אַ פאַררייבטע גריץ און אַ פּאָסנע קאַרטאָפל...

און טאַקע טויבע־שיינדל אַליין איז געענדערט געוואָרן, גאָרנישט צום דערקענען. עפּעס גאָר אַן אַנדערע טויבע־שיינדל! אין גאַנצן אַן אַ גאַל. ווער האָט איר די גאַל אַרויסגענומען?... זי טראָגט אַ נייעם פאַרטוך מיט אַ בינט שליסלען פון פאַרנט און אַ געבלימלט טיכל אויפן קאָפּ. זי האָט באַקומען אַ זיס שמייכעלע אויפן ביטערן פּנים. זי האָט שמאָל צוזאַ־מענגעצויגן די ליפּן פון איר ברייט מויל, געמאַכט אַן אײדל שנעבעלע און רעדט עפּעס אַזעלכע פּאַסטעמפּאָווע רייד, ווי די נגידתטע פון שטעטל... ווי אַ פריש־געקרוינטע בת־מלכה זעט זי דאָך אויס!...

אים, ר׳ מעכעלען רופט זי שוין נישט מער „גזלן־רוצח!" אַ, ניין!... „מעכלשי" רופט זי אים און קעכלט אים מיט קאָמפּאָטעלעך און פלאָדן...

— מעכלשי... לאָז דיך נישט פאַרשמאַכטן דאָס האַרץ!... זיי עפּעס טועם, מעכלשי... — און שמייכלט מיט מתיקות...

אַפילו אין דער מקווה האָט זי שוין ווידער אָנגעהויבן צו גיין...

זי האָט זיך פאַרלייגט אַ געשטעל פון געפעסן, טויבע־שיינדל. פון עכטע פאַרצעלײַנען און קרישטאַלן. אַלע ווייסן, אַז ביי איר זענען טייערע אַנטיקן. פון תל־אביב קומט מען אַזש קויפן און מען צאָלט אין טאָג אַריין!... און טויבע־שיינדעלע קען זינגען אַ מקח!... קיינער האָט עס איר נישט געלערנט און זי קען!...

און ווען זי קומט אַהיים און זעט מעכעלען זיצן מיט תלמידים אונ־טערן פייגנבוים, רוקט זי אים אונטער נאָך אַ קאָמפּאָטעלע און נאָך אַ שטיקל קוכן... און קוקט אים אין די אויגן אַריין מיט אַזאַ גוטסקייט, צו וואָס מעכעלע איז שוין לאַנג נישט געוווינט און עס ווערט אים אַפילו נישט־דאָסיג...

אָבער איין זאַך קען זי ביי אים, בשום אופן, נישט פועלן: ער זאָל איר זאָגן, ווו ער האָט דעם פאַרמעגן גענומען... — ער שווייגט, ווי ער וואָלט דאָס לשון חלילה פאַרלוירן... ער באַקומט עפּעס מאָדנע גלאַנציקע אויגן און שווייגט, ווי אַ פיש!...

***

ווען דאָס פאַרצעלאַן־געפעס, קרישטאַלן און אַנדערע אַנטיקן, אויף טויבע־שיינדלס געשטעל, האָט זיך גענומען אויסלאָזן, איז זי צוגעשטאַנען צו אים, שוין אויף נישט־אָפּצושטיין. עס איז ווידער אַריין אין איר דער דיבוק און עס האָט זיך אַנטפּלעקט די זעלבע טויבע־שיינדל, וואָס פריִער. פאַר ר׳ מעכעלען האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער אַלטער גיהנום. אָבער ער איז געבליבן פאַרעקשנט ביי זיינס:

— כ׳האָב חלילה קיין קלויסטער נישט באַגנבעט! קיין מענטשן נישט באַראַבעוועט און קיינעם קיין עוולה נישט געטאָן!

האָט זי אים צום רב גערופן, די טענה אַרויסגעלייגט, געוויינט, גע־קלאָגט, געבעטן זיך. —

ר׳ מעכעלע האָט געשוויגן.

— אויב עס איז אַ נדר, ר׳ מיכאל, — האָט דער רב צום סוף גע־זאָגט, — בין איך דיר מתיר־נדר! אויב עס איז אַ שבועה, אַ תקיעת־כף,

מאַך איך עס בטול! פאַר שלום־בית, הייס איך דיר: זאָג דיין אשה דעם ריינעם אמת!

און דאָ האָט שוין ר׳ מעכעלע גענומען בעטן זיך:

— רבי, איך קען נישט! איך טאָר נישט, רבי! איך...

— איך בין גוזר אויף דיר!

און ר׳ מעכעלע האָט זיך איינגעבראָכן. ער האָט אויסגעזאָגט דעם אמת:

— ס׳איז אַן אוצר, רבי!... כ׳האָב געפונען אַן אוצר!...

— ווו???

— ווייט פון דאַנען. אין אַ פּרדס.

— האָסט אַלץ מיטגענומען פון געפונענעם?

— איך ווייס נישט, רבי. איך געדענק נישט.

— איז אפשר דאָרט נאָך עפּעס געבליבן?

— אפשר.

— איז דאָך דיין אשה גערעכט... ביי איר לאָזט זיך שוין אויס דאָס ביסל סחורה און דאָרט, קען זיין, ליגט נאָך דער אוצר אויף הפקר?!

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן, רבי?

— גיין אויף יענעם אָרט און נאָכאַמאָל בודק זיין!

— כ׳האָב מורא, רבי! — האָט מעכעלע אויפגעשווידערט מיט אימת־מות, דערמאָנענדיק זיך יענע נאַכט.

— האָב נישט קיין מורא. נאַ דיר מיין שטעקן פאַר אַ סגולה און גיי און זיי מצליח!

*****

און ר׳ מעכעלע איז געגאַנגען.

ער איז געגאַנגען, ווי צו דער עקדה. ווי עס גייט אַ ייִד אויף קידוש־השם.

געגוי, ווו דאָס אָרט איז, האָט ער נישט געדענקט. איז ער אַרויס אין דער זעלבער צייט, מיטן זעלבן וועג, וואָס דעמאָלט און באַשלאָסן צו גיין אַזוי לאַנג, ביז זון־פאַרגאַנג. וועט ער קומען אויף יענעם אָרט, ווו ער

האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען און שלאָפן געלייגט. און דאָרטן וועט ער שוין דערקענען דאָס אָרט פון אוצר.

ער האָט נישט געפילט אויף זיך די שרפנדיקע זון, די חמימה פון צעגליטן כאַמסין־טאָג. פאַרקערט: ער האָט כסדר געשווידערט אין פיבער, ווי ער וואָלט געווען נישט מיט אַלעמען, געהאַט היץ...

וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג וועט ער האָבן פאַר „איר", אויב ער זאָל „זי" נאָך דאָרטן טרעפן? — „זי" האָט דאָך אים בפירוש אָנגעזאָגט: „מענטשן זאָלן נישט וויסן, פון וואַנען דו האָסט דעם פאַרמעגן גענומען. אַ סוד זאָל עס בלייבן לעולם ועד!" — — —

ער האָט איר אָנזאָג נישט מקיים געווען. דעם הייליקן סוד אַנטפּלעקט. און איצט... טאָמער באַווייזט זי זיך! מיט וואָס פאַר אַ שטראָף וועט זי אים אַנטקעגן קומען? צי וועלן אים פאַרצוקן חיות־רעות און ער וועט צו קבר־ישראל נישט קומען? דער שטעקן, דעם רבס שטעקן... צי וועט אים דער שטעקן בכוח זיין מציל צו זיין? — אפשר יאָ? ער איז אַן ערלעכער ייד, דער רב, אַ בן־תורה און אַ צדיק!

ר' מעכעלע קלאַפּט מיטן רבס שטעקן אָן דער ערד, מאַכט זיך האַרץ און שפּאַנט מיט געבראָכענע טריט.

און וואָס טיפער די זון זעצט זיך אין מערב, אַלץ האַסטיקער קלאַפּט אים דאָס האַרץ. ער האַלט אַזש איין דעם אָטעם, קוקט זיך כסדר אַנגסטיק אַרום און שטעלט נאָך שטילער און געבראָכענער דעם טראָט...

און אָט איז די זון שוין פאַרגאַנגען.

עס איז נישט געוואָרן קיין פּעכיקע פינצטערניש, ווי דעמאָלט. פאַרקערט: עס איז אויפגעשווומען אַ פולע, העלע לבנה, וואָס האָט נאָך לויטערער געמאַכט די דורכזיכטיקע בלויקייט...

און פלוצלינג האָט עפּעס אַ שטאַרק געטאָן פאַר זיינע אויגן און ער איז שטיין געבליבן: אין דער לויטערער בלויקייט, אַנטקעגן דער ליכטיקער לבנה, האָבן געבלייכט די ברעטער פון צודעק, וואָס ער, ר' מעכעלע, האָט דעמאָלט פון גרוב אַרויסגעשלעפּט. די ברעטער שטייען אָן ביימלעך אָנגעשפּאַרט און שטאַרצן, ווי מצבות אויף קברים. און די אָפענע גרוב אַלייך, זעט אויס, ווי אַ פריש־אויפגעגראָבענער קבר! אַ קבר? פאַר וועמען?

ר׳ מעכעלע איז לאַנג געשטאַנען, ווי געליימט און נאָכדעם — קוים־קוים געהויבן זיינע פיס, ווי פרעמדע, ווי שווערע קלעצער.

און ווי נאָר ער האָט זיך צום גרוב דערנענטערט, האָט ער דערזען אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, אַ צעפּראַלטן פּיזק מיט צעשטשירעטע ציין און עפּעס גרויס און שוואַרצס און שרעקלעכס האָט מיט אימפּעט און גע־בריל אַ שפּרונג געטאָן אים אין פּנים אַריין און מיט אַ ווילדן כּוח אים אומגעשליידערט צו דער ערד.

ר׳ מעכעלע האָט קוים באַוויזן אַ פּאָכע צו טאָן מיטן רבס שטעקן און אויסצושרייען „שמע־ישראל!״ — — — — —

***

ווען צומאָרגנס האָבן חיילים, אויף אַ דזשיפּ, געבראַכט אין דאָרף אַריין אַ צעביסענעם, פאַרבלוטיקטן און פאַרחלשטן ייִדן, האָבן אַלע תיכף דערקענט:

— ר׳ מעכעלע מלמד!

דער דאָקטאָר האָט אים נישט געקענט דערמינטערן. נאָר ווען טויבע־שיינדל איז געקומען צולויפן מיט אַ קוויטש:

— מיין טייערער מאַן! מיין גאָלדענער מאַן! די קרוין פון מיין קאָפּ! אויף וועמען לאָזסטו מיר איבער? אַ וויסטע אלמנה אויף דער וועלט?! —

דעמאָלט ערשט האָט ר׳ מעכעלע האַלב־געעפנט זיינע אויגן. נאָר דערזעענדיק זעט אויס, זיין טייערן „אוצר״, האָט ער זיי תיכף געוואָלט צוריק פאַרשליסן לעולם־ועד! און זאָל זי דווקא יאָ ווערן אַ וויסטע אלמנה! און זאָל זי וויסן!...

אָבער טויבע־שיינדל האָט אים נישט געלאָזן צומאַכן די אויגן לעולם־ועד. זי איז אַן עקשנטע. זי האָט ווילדע קולות געמאַכט און וועלטן איינ־געלייגט, ביז זי האָט אויסגעפּירט אירס: ר׳ מעכעלע האָט ווידער געעפנט די אויגן...

דער רב האָט מיט אים גומל געבענטשט און טויבע־שיינדל האָט אים צוגעשווירן, ביים רב טאַקע: אַז זי וועט אים מער די יאָרן נישט דער־

גיין און די באָרד נישט צופּן! אַפילו ווען עס זאָל, חלילה, ווידער קיין פּרנסה נישט זיין...

און קיין פּרנסה איז טאַקע ווידער נישט געווען. אָבער טויבע־שיינדל האָט שוין איצט געהאַלטן וואָרט און האָט אים שוין מער דאָס בערדל נישט געצופּט.

עס איז שוין נישט געווען מער, וואָס צו צופּן...

נאכן שטורעם

פּיפּי, דאָס ליטעראַרישע קעצל...

— וויפל יאָר לעבט אַ קאַץ?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קעצישע פראַגע?..

— איך דאַרף עס וויסן.

— פון ווען־אָן פאַרנעמסטו זיך מיט קעץ?..

— פון זינט איך בין צוריקגעקומען, נאָך זיבן יאָר וואָגלעניש, אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ.

— וואָס פאַר שייכות האָט עס מיט קעץ?

— פון מיין גאַנצער סביבה אין וועלכער איך האָב אַמאָל געלעבט, האָב איך, אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ, געטראָפן איין לעבעדיק וועזן: דאָס קעצל פּיפּי, פון ליטעראַטן־פאַריין, אויף טלאָמאַצקע דרייצן...

— האָסט אַליין גערעדט מיט איר?..

— יאָ, מיר האָבן גערעדט...

— זי האָט זיך מסתמא אויסבאַהאַלטן און געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן...

— ניין. דווקא אויף יידישע...

— כאַכאַכאַ... אַ קעצישע פאַנטאַזיע פון אַ פּאָעט!...

— איר לאַכט, און איך בין נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון מיין באַגעגעניש מיט פּיפּין.

— נו, מיר זעען דאָך, אַז דו ווילסט עפּעס דערציילן... דו וואַרטסט נאָר, אַז מען זאָל דיך בעטן... מילא, נו, דערצייל...

— צווישן אַלע שטאַם־געסט, אין וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן־פאַ־

רייך אויף טלאָמאַצקע 13, איז אויך געווען אַ יונג, שטיפעריש, פולכנע קעצל; אַ פּשוט, פּירפּיסיק באשעפעניש, וואָס מען האָט א נאָמען געגעבן: פּ י פּ י.

נאָך אויף די סאמע ערשטע פאַמיליען־אָוונטן, וואָס דער ליטעראַטן־פאַריין האָט איינגעאָרדנט, ווען נאָמבערג און סעגאַלאָוויטש האָבן דעביו־טירט אלס.. טענצער — איז שוין פּיפּי געזעסן אויפן טישל, נעבן פּאַטע־פאַן, געקוקט אויף דער זיך־דרייענדיקער פּלאַטע, ווי זי וואָלט דאָרט געזען אַרומלויפן אַ מייזל מיט אַ לאַנגן עק און געזוכט צו דערגיין: פון וואַנען קומט ד'ער קוויטש...

פּיפּי איז געווען באַליבט ביים גרעסטן טייל פון דער שרייבער־משפחה און פּאָפּולער — אפילו אויסער די גרענעצן פון טלאָמאַצקע 13. עס זענען דאָרטן געווען פּאָעטן, וועלכע האָבן פּיפּין געמעגט מקנא זיין איר פּאָפּולאַ־ריטעט... מען האָט וועגן איר געשריבן און דער צייכענער חגי האָט איר פּאָרטרעט פאַראייביקט אין אַ הומאָריסטישער בראָשור.

דער עולם פון גאַס, וואָס פלעגט קומען אין ליטעראַטן־פאַריין הערן אַ פּאָרלעזונג אָדער א קאָנצערט און פלעגט, מיט נייגער און יראת־הכבוד, באטראכטן יעדן באַרימטן שריפטשטעלער, — פלעגט אויך טייטלען מיט די פינגער אויף דער פיר־פיסיקער בארימטקייט:

— זעסט, דאָס איז פּיפּי, דאָס ליטעראַרישע קעצל...

דער באַליבטסטער אָרט פּיפּיס, איז געווען ביים בופעט. צוזאַמען מיטן בופעט־אייגנטימער איז זי טעג אָפּגעזעסן, געקוקט צו די קאָנסומענטן ביי די טישלעך און עס האָט זיך געדאכט, אז אין זייערע בײדנס אויגן איז געווען איין פראַגע:

— וואָס באַשטעלט איר?..

אויסער דעם בופעט־אייגנטימער, האָט פּיפּי געהאַט נאָך צוויי אינטימע פריינט, וועלכע פלעגן איר אָפּט גלעטן די ווייסע, ווייכע פעל, קוקן איר אין די אויגן אַריין און רעדן.. לאַנג, לאַנג פלעגן זיי אַזוי אַריינרעדן אין איר. פּיפּי האָט געדולדיק געהערט, מיט פאַרגעניגן זיך געלאָזן גלעטן די פעל און שטיל, שטיל געמרוטשעט:

— מררראַמרראַמרררראַם...

די צוויי פריינט אירע זענען געווען: דער פאָלקס־דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש און דער איבערזעצער ש. זאַקס.

הערשעלע איז געווען אַ דאַרינקער, אַ קליינינקער, מיט אַ קינדעריש־פאַרשוירענער גזשיבקעלע פון פאָרנט, מיט יתומדיקע אויגעלעך, אין וועל־כע דו האָסט קיינמאָל נישט געקענט דערגיין, צי זיי לאַכן, צי זיי זענען אומעטיק. אַ שטימעלע האָט ער געהאט א קוויטשיקס, ווי פון אַ חדר־יינגל. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט שטיין געבליבן אינמיטן וואקסן. יאָר־צענדליקער זענען זיך דורכגעגאַנגען פארביי זיין נאָז און אים אַפילו נישט אָנגערירט, ווי זיי וואָלטן מיט אים קיין שייכות נישט געהאט... ער איז זיך געבליבן יינגליש ווי געווען. נישט מער, מיט דער צייט איז די קינדעריש־פארשוירענע גזשיבקעלע גרוי פארשטויבט געוואָרן און צו הערשעלען האָבן זיך צוגעטשעפּעט אַ ווייב מיט א שוויגער מיט אַ געוועלבל מיט ליי־דיקע פּאָליצעס, ערגעץ אין אַ קליין שטעטעלע הענריקאָוו, הינטער וואַרשע.

הערשעלע איז געווען קליין. זיין שטעטעלע הענריקאָוו איז געווען קליין. זיין געוועלבל איז געווען קליין. און געשריבן האָט ער קליינינקע לידעלעך, מיט דריבנינקע אותיותלעך, אין אַ פּיטשעמאָנטשיק ביכעלע, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אין זיין אויבערשטער וועסטל־קעשענע. אַלע זיינע „געזאַמלטע ווערק" זענען געווען אַריינגעשריבן אין אָט־דעם קליינינקן ביכעלע. אָבער דערפאר צרות האָט הערשעלע געהאט גרויסע... און אַלע צרות האָבן געשטאַמט פון איין־איינציקן מקור: קיין פּרנסה איז נישט געווען. און וואָס האָט הערשעלע אלץ נישט געטון, אז דאָס שטיקעלע פּרנסה זאָל יאָ זיין? — נאַכט־קאָרעקטורן אין אַ צייטונג, איבערגעשריבן אויף ריין מאנוסקריפּטן פון אנדערע שרייבער, אַוועקצושיקן אין אויסלענ־דישע רעדאַקציעס; איבערגעשריבן פּיעסן און צעשריבן די ראָלן פאַר יידישע טעאַטערן. מען האָט אים געשיקט אין שליחותן און ער האָט גע־פאָלגט א גאנג, ווי אַ געהאָרכזאם יינגל. אָבער פון דעם אַלעמען האָט ער זעלטן געהאט אוועקצופירן פון וואַרשע אַ קוישל סחורה פאר זיין געוועלבל אין הענריקאָוו.

איז דאָס קוישל סחורה יאָ געווען, איז אויך געווען ביי אים שלום־בית. אָבער אָפטער פלעגט הערשעלע קומען צום סעקרעטאַר פון ליטעראַטן־פאַריין, נאָך אַ הלוואה עד כשירחיב...

— איך קען נישט א היים פאָרן מיט לײדיקע הענט, אין אַ לײדיק געװעלבל.

— אָבער ס׳איז נישטאָ קײן געלט, הערשעלע.

— טאָר פאָר דו צו מײן שװיגער, זאָל זי דיך קנײפּן!

און מיט לײדיקע הענט איז ער טאַקע א היים נישט געפאָרן. ער איז געבליבן נעכטיקן אויף די שטולן פון ליטעראַטן־פאַרײן. געשלאָפן האָט זיך נישט, האָט ער געשריבן אַ הונגעריקער, דריבנינקע אותיותלעך אין זײן פּיטשעמאָנטשיקן ביכעלע אַרײן. אָבער אויך צו די לידער האָט ער קײן מזל נישט געהאַט. זעלטן האָט אים װער געהערט לײענען זײנע לידער און נאָך זעלטענער האָט מען אים געדרוקט.

פלעגט ער שטײן אזוי, אין אַ גרויען, הונגעריקן באַגינען, אין פוסטן זאַל פון ליטעראַטן־פאַרײן, מיט א געגרונצלט לײב פון נישט־אויסגעשלאָפנקײט. ער פלעגט שטײן אַנטקעגן פּיפּין און רעציטירן פאַר איר זײנע פאַלקסטימלעכע לידעלעך פון זײנע „געזאמלטע װערק“ אין פּיטשעמאָנטשיקן ביכעלע.

פּיפּי האָט אים געדולדיק אויסגעהערט און געענטפערט:

— מרראַמרראַמרראַם...

— נאָך מײן טויט, פּיפּי, װעט מען מיך אָפּשאַצן, נאָך מײן טויט! — פלעגט הערשעלע ארײנטענהן אין קעצל — דאַן ערשט װעט די װעלט זיך אַרומקוקן און זען װאָס זי האָט פאַרלוירן. דערװײל איז ביטער, פּיפּי, זײער ביטער. איך בין הונגעריק און קען מיט לײדיקע הענט א היים נישט פאָרן. די שװיגער קנײפּט, אז איך קום א היים מיט אַ לײדיקן קאָשיק. אוי, קנײפּט זי! מיר איז עס באַשערט אַ קנײפּנדיקע שװיגער. פאַרװאָס האָט נישט דער דאָקטער גאָטליב אַ שװיגער, װאָס זאָל אים קנײפּן? פאַרװאָס האָבן נישט אַנדערע? אַלע האָבן פרנסה. נאָר איך אײנער האָב אַ געװעלבל מיט לײדיקע פּאָליצעס און אַ שװיגער װאָס קנײפּט.

— מיאַאַאו־ו־ו־! — האָט פּיפּי אומעטיק און צעצויגן געענטפערט, װי זי װאָלט געזאָגט: אַזוי איז שוין די אומגערעכטע װעלט... זי האָט באַדויערנדיק און מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קעפּל — מרראַמרראַמרראַם...

און הערשעלע האָט זיך געפילט געטרײסט: אַ לעבעדיק באַשעפעניש האָט אים אויפמערקזאם אויסגעהערט....

איר צווייטער פריינט, דער איבערזעצער ש. זאַקס, פלעגט זעלטן־ווען אַריינגיין אין צווייטן, גרויסן זאַל פון ליטעראַטן־פאַריין. שטענדיק האָט מען אים געקענט זען אין ערשטן זאַל, ביי איינעם פון די שאַך־טישלעך. דאָרט האָט ער געגעסן, געשריבן, געלייענט אן אויסלענדישע צייטונג, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער רעדאַקציע, אָדער גלאַט געררויכערט, אַ פאַרטראַכטער. זיין צעבראָכענע, צעביסענע און האַלב־פאַרברענטע לולקע, וואָס איז תמיד געווען פאַרשטאָפּט.

ער האָט שוין לאַנג געהאַט צוגעמאַכט די טיר פון זיין פינפטן יאָר־צענדליק. אָבער אין זעקסטן האָט ער נאָך געשפּאַנט אַ קרעפטיקער, מיט הומאָר.

אַ ברייטלעכער, א ברייטביייניקער, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וווקס, מיט היפּש־באַזילבערטע האָר, שווארצע ברעמען און יונגע, ברענענ־דיקע אויגן, — איז ש. זאַקס געווען דער שטאַם־גאַסט, וועלכער פלעגט באַגינען דער ערשטער עפענען די טיר פון ליטעראַטן־פאַריין און דער לעצטער, שפּעט ביינאַכט, אַוועקגיין.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ער וווינט און ווי ער לעבט. צי האָט ער געלט אָדער נישט. מען האָט בכלל זייער ווייניק געוווּסט וועגן ש. זאַקסן, וועלכער איז דווקא געווען געניגט צו שמועסן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן זיך און זיין פאַרגאַנגענהייט. דאָס וואָס מען האָט וועגן אים יאָ געוווּסט, איז: אַז ער שטאַמט ערגעץ פון טיף רוסלאַנד, ווו ער האָט איבערגעלאָזן א פרוי מיט א טאָכטער; אַז ער האָט עפּעס איבער־געלעבט אַ גרויסע פאַמיליען־טראַגעדיע און איצט לעבט ער אַן איינזאַם בחוריש לעבן.

ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן רוסלאַנד. וועגן דער וואָלגאַ, וועגן די רחבותדיקע רוסישע סטעפּעס, וועגן דער רוסישער ליטעראַטור, אי־בערהויפּט — וועגן פּושקינען און לערמאָנטאָוון. ער האָט געקענט אויסנ־ווייניק דעקלאַמירן זייערע לידער, גאַנצע פּאָעמען און קאַפּיטלען פון גרע־סערע ווערק. און ווי ביי א שיכור, וואָס קריגט א טרונק בראָנפן, פלעגן זיך ביי ש. זאַקסן צעשטראַלן די אויגן, ווען ער האָט געקראָגן מיט וועמען אַ ביסל רוסיש צו רעדן...

פלעגט ער אויסטרינקען, באַגינען, די ערשטע גלאָז (אייגן־פאַרבריטע) טיי אין ליטעראַטן־פאַריין און נעמען פּיפּין אויף דער שויס:

— קאָשעטשקאַ מילאַיאַ... אומניצא טי מאָיאַ... פּאָסלושאַי קאַ סטיכאָט־וואָרעניע...

קעצעלע ליבינקע, קלוגיטשקע מיינע, הער אויס שאַפונגען.

פּיפּי האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין און ש. זאַקס האָט דע־קלאַמירט:

רָאָסיאַ —
דאָזשדי קאַסיע,
ליעסאַ גוסטיע,
מניע ניע זאַביט, וואס ניקגדאַ.
ראָסיאָ,
מאַטושקא ראַסיאַ,
מאָיא ראָדנאיא
רוסקאַיאַ
ז י ע מ ל י אַ ! — — — —

רוסלאַנד —
רעגנס משופּהדיקע,
וועלדער געדיכטע,
איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
רוסלאַנד,
מוטערל רוסלאַנר,
מיין מוטערלאַנד,
רוסישע ערד!

— מיאו־או־או! — האָט פּיפּי אויסגעצויגן, ווי אַנטציקט. אַ גלעט־געטון ש. זאַקסן מיטן פּוכענעם ווײדל איבער דער נאָז און אַוועק אין קיך נאָך איר פרישטיק.

קיינער געדענקט נישט, ווי לאַנג פּיפּי איז שוין דאָ אין ליטעראַטן־פאַריין, פון וואַנען זי האָט זיך דערנומען אַהער און ווער האָט איר דעם נאָמען געגעבן. צענדליקער אַנדערע קעץ האָט מען שוין פון דאַנען פאַר־טריבן. איבערהויפּט — די מענער... פּיפּי איז געבליבן אויף איר פּלאַץ און זיך געפילט היימיש מיט יעדן פון דער סביבה. און טרעפט, אַז פּיפּי ווערט אַמאָל ערגעץ פאַרפאַלן, פרעגט מען זיך אויף איר, ווי מען פרעגט זיך אויף יעדן אַנדערן שטאַם־גאַסט פון טלאָמאַצקע 13:

— ווו איז ערגעץ פּיפּי?

באַזונדערס קוקט מען־אויס פּיפּין ווען ס׳ווערט לאַנגווייליק. פּיפּי קען אויפהייטערן און מאכן פריילעך: אָט גיט זי זיך אַ צעלויף הין־און־צוריק איבער די פאַרגעלטע קלאַווישן פון אַלטן, אָפּגענוצטן פּאָרטעפּיאַן און עס

צעשיטן־זיך פריילעכע טענער... דער אַלטער כאָר־דיריגענט מ. שניאור, וועלכער שלאָפט, מיטן ברענענדיקן פּאַפּיראָס אין מויל, זיצנדיק אָנגע־שפּאַרט אָן הייסן אויוון, גיט זיך א ריס פון אָרט, אַ שאַר־אַרויף די צע־שאָטענע גרויסע פּאָלקע ווייבערשע האָר און צעשרייט זיך:

— פּאַלש! פּאַלש! קאַליקע, פּאַלש!

און דער גאַנצער עולם שיסט־אויס מיט אַ געלעכטער:

— חבר שניאור, אויף וועמען שרייט איר?... דאָס גיט דאָך פּיפּי קאָנ־צערט...

דער פרומער דיכטער ישראל שטערן שטייט אין אַ ווינקעלע און דאַוונט. ער דאַוונט מיט כוונה און שאָקלט זיך לאַנג בעת דער שמונה־עשרה. אָבער פּיפּי קען נישט זיין גלייכגילטיק צו דעם ווייסן גאַטקע־בענדל, וואָס שלעפּט־זיך אים נאָך פון אַ הויז־אַרויס... כאַפּט זי דעם בענדל מיט די ציינדלעך און ציט.. זי רייסט אים דעם אַראָפּגעלאָזטן שקאַרפּעט, שלעפּט אים ביי אַ פוס, ער זאָל שוין „אויסגיין"... און כאָטש ישראל שטע־רענען דענערווירט עס, לאָזט נישט דאַוונען מיט כוונה, איז ער דאָך גע־דולדיק און וועט מיט דער פוס נישט קיין באַוועג־טון, ביזן „עושה שלום"...

ווערט עס איר דערעסן, פּיפּין. זעט זי, אַז די בופעט־אייגנטימערין איז אַנדרימלט־געוואָרן שטריקנדיק אַ סוועטער און — פּיפּי יאָגט זיך שוין מיטן קנויל באַוול איבערן גאַנצן זאַל און פאַרפּלאָנטערט אים אָן די פיס־לעך פון די שולן און טישלעך און אָן די פיס פון די אין דיסקוסיעס פאַר־טיפטע שרייבער. אָבער נאָך דער דיסקוסיע, קען זיך קיינער פון אָרט נישט רירן: פּיפּי האָט זיי די פיס פאַרפּלאָנטערט און צום טישל און שטולן צוגעבונדן...

און אַוודאי מוז פּיפּי זיין אויף יעדן באַנקעט, אויף יעדער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג... זי דערשיינט פּלוצלונג אויפן פּרעזידיום־טיש, וואַרפט־אַראָפּ דעם גלאָק אויף דער ערד, קערט־אום א גלאָז וואַסער, גיט דעם פאָרזיצער א שמיר מיטן ווידל איבערן פּנים און נעמט א „וואָרט"... טאַקע איין־איינציקן וואָרט:

— מיאָו!..

הויבט זיך אויף דער פאָרזיצנדער און פרעגט:

— זענט איר מסכים מיט פּיפּיס פאָרשלאָג?...

און דער עולם לאכט:

איינשטיימיק!.. פּיפּיס פאַרשלאַג איז אָנגענומען!..

אַ יאָר פאַר דער מלחמה האָט זיך טלאָמאַצקע 13 ליקווידירט. דער ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן־פאַריין האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַ נייעם לאָקאַל, אויף אַ ווייטער גאַס.

דאָרט זענען שוין אַ סך אַלטע שטאָם־געסט נישט געקומען. מען האָט שוין נישט געקיבעצט גאַנצע טעג ביי די שאַך־טישלעך און נישט געהיצט־זיך גאַנצע נעכט ביי קאָרטן. דאָרט איז שוין פּיפּי אויך נישט געווען.

דער נייער לאָקאַל איז מערסטנטייל געווען פּוסטלעך, אָן דעם היימישן, ווארעמען געדרוך און גערודער. אַ שווייגנדיקע אָנגעצויגנקייט, אַ יחוסדיק־פּאַריסענע אָנגעברוגזטקייט איז דאָרט געהאַנגען אין חלל, צווישן די פּריש־רעמאָנטירטע, זויבערע ווענט. טלאָמאַצקע איז נישט געווען אַזוי זויבער, אַזוי ליכטיק העל. אָבער טלאָמאַצקע איז געווען היימיש, טלאָמאַצקע איז שוין געווען טראַדיציע און פאַר טלאָמאַצקע איז געווען סענטימענט. אין לאָקאַל „טלאָמאַצקע דרייצן" פלעגט אַ שרייבער אַריינקומען ווי אַ חסיד — צו זיך אין שטיבל אַריין... דערקעגן, דער נייער לאָקאַל, איז געווען ווי אַ קאָר־שול אינמיטן דער וואָך, ווו אַ נייגעריקן באַזוכער איז אומהיימלעך דער שאָרך פון זיינע אייגענע טריט...

און אַז מען איז שפּעטער אַמאָל, דורכגעגאַנגען פאַרביי טלאָמאַצקע דרייצן און מיט בענקשאַפט און סענטימענט — אַריינגעקוקט אין הויף, צו די טרעפּ... אַרויפגעקוקט צום ערשטן שטאָק, צו די פראָנט־פענסטער, צום באַלקאָן און מען פלעגט דאָרט דערזען זיצן אָן אומעטיקע, אָן איינזאַמע פּיפּין, — האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן און זיך מיט איר באַגריסן:

— פּיפּי... פּיפּי!..

— מיאַאַאַאו־ו־ו!! — — — האָט פּיפּי אומעטיק אַראָפּגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך פאַרקלאָגט: ווו זענט איר אַוועק? פאַרוואָס האָט איר מיך פאַרלאָזן? מיאַו־ו! — — — — — — — — — — — — — — — —

***

נאָך זיבן יאָר מהומהדיקע וואָגלענישן איבער די מרחקים פון רויטן

זעקסט־חלק פון דער ערד, בין איך צוריקגעקומען אַ היים. „אַ היים"... — אויף די חורבות פון מיין ייִדישער וואַרשע.

נישט נאָר קיין ייִד, נאָר אַפילו קיין היימישן גוי האָב איך נישט געטראָפן, צו פרעגן אים וועגן גורל פון קרובים און באַקאַנטע. פוסט און וויסט, ווי די מדבריות קאַראַ־קום און קיזיל־קום, פון וואַנען כ'האָב זיך אומגעקערט, איז דער שטח פון ייִדישן וואַרשע.

מיט אַ דראָשקע בין איך געפאָרן אָנקוקן מיינע אַמאָליקע היימישע, ייִדישע גאַסן. און געצויגן האָט מיך, מער ווי אַלץ, טלאָמאַצקע דרייצן. ווען מיר זענען שטיין געבליבן ביי אַ באַרג גרוז, אין מיטן מדבר פון חורבן־גרוז, האָב איך בשום אופן נישט געגלויבט דעם בגילופנדיקן דראָזשקאַזשס פאַרזיכערונג, אַז דאָ איז עס... אַז איך געפין זיך דאָרט, ווו איך האָב אַ יאָרצענדליק פאַרבראַכט, און אין וויטן מיטל־אַזיע געבענקט, כאָטש א בליק צו וואַרפן...

לאַנג בין איך אַרומגעקראָכן איבערן חורבן־באַרג, צווישן צעבראָכענע, פאַרברענטע שטיקלעך ציגל, צעבויגענע, פאַרזשאַווערטע אייזנס און בלעכן, שערבלעך, גלאָז און ווילד־געוויקסן. איך האָב געזוכט עפּעס כאָטש, וואָס זאָל מיר דערמאָנען אָן דער אמאָליקער היים פון ייִדישן שרייבער.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַן אימהדיקן:

— מיאַו־ו־ו — — — —

איך האָב זיך אנגסטיק אומגעקערט און דערזען אַן אַלטע, מאָגערע קאַץ, מיט אַן אויסגעקראָכענער, אָפּגעסמאַליעטער פעל, וואָס האָט געקוקט אויף מיר מיט ווילדע אויגן.

עס האָט מיך אָפּגעעקלט פון איר אויסזען און כ'האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין. נאָר דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אָן פּיפּין און אַ נאַרישער געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין, אַ רוף צו טון:

— פּיפּי! פּיפּי!

די מאָגערע, אַלטע קאַץ מיט דער אויסגעקראָכענער פעל, איז האַסטיק צו מיר צוגעשפּרונגען:

— מיאַאַאַו־ו־ו! — האָט זי מיר געשמעקט די שיך און געקוקט אין די אויגן אַריין פאַרוווּנדערט.

און איך האָב, אויסער־זיך, אַ טראַכט־געטון: נישט שוין־זשע איז דאָס פּיפּי? דאָס יונגע, פולכנע קעצל, וואָס האָט זיך שטיפעריש געלאָזט גלעטן פון די הענט פון אַ גאַנצן שרייבער־דור?

— פּיפּי, דאָס ביסטו? — — —

— מיאַו־ו... — האָט זי אומעטיק און דערשלאָגן געענטפערט, ווי ווענלדיק זאָגן: אַזוי בין איך פאַרשוואַרצט און פאַרוויסט געוואָרן, אַז עס איז שוין נישט צו דערקענען דער אַמאָליקער יונגער, פולכנער, שטיפעריי־שער פּיפּי... מיאַו־ו: נישטאָ די צייטן פון אַמאָל, ווען מען פלעגט מיך צערטלען און גלעטן. מיאַו־ו: נישטאָ די הענט און די מענטשן זענען שוין נישטאָ. מיאַו־ו: איינזאַם און פאַרלאָזט לעב איך דאָ, צווישן דעם ברוך און גרוז פון דער חורבה — — —.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב נישט געקענט אוועקגיין. די פיס האָבן מיך פשוט נישט געטראָגן. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין, גענומען באַטראַכטן די אַלטע, מאָגערע, אויסגעקראַכענע קאַץ און אָנגעהויבן צו דערקענען אין איר ענלעכקייטן צו דער אַמאָליקער יונגער, פולכנער פּיפּין...

און צוזאַמען מיט דער אַמאָליקער פּיפּין, האָב איך, אַנשטאָט דער חור־בה, דערזען דעם הימלעכן, טומלדיקן ליטעראַטן־פאַריין, די געשטאַלטן פון אַלע מיינע נאָענטע און ליבע חברים, קאָלעגן, פריינט און שטאַם־געסט.

— מיאַו־ו־ו! — ס׳איז שוין לאַנג פון קיינעם קיין זכר נישטאָ...

— פּיפּי, פּיפּי... געדענקסטו הערשעלען? שניאורן? זאַקסן? קאָשעטש־קאָ אומניצאַ טי מאָיאַ... (קעצעלע, קלוגינקע מיינע) און אַרנאָלד? און ריבאַייזן?

— מיאַו־ו־ו! — נישטאָ־אָ־אָ — — —.

איך האָב דערהערט טריט. צוויי יידישע יונגעלייט, לויטן אויסזען און הולך — אויך רעפּאַטריאַנטן פון רוסלאַנד, זענען פאַרבייגעגאַנגען. זיי גייען אויך ווי איך, אויף קבר־אָבות פון יידישן וואַרשע, פון דער אייגענער משפחה, פון אייגענעם נעכטן. זיי בלייבן אַ רגע שטיין, קוקן אויף מיר מיט דער אויסגעקראָכענער קאַץ, אויפן באַרג גרוז. איינער גיט דערביי אַ וויז

מיטן פינגער און אַ דריי מיט אים ביים אייגענעם שטערן, ווייזנדיק דער־מיט זיין חבר, אַז איך בין „געררירט אויפן קאַסטן", פון צרות — משוגע געוואָרן... דער צווייטער שאָקלט באַשטעטיקנדיק און באַדויערנדיק מיטן קאָפּ און זיי פאַרשווינדן צווישן די חורבה־לאַבירינטן פון ביעלאַנסקע־גאַס.

איך קוק זיך אום: פּיפּי איז פאַרשוווּנדן. רוף איך:

— פּיפּי! פּיפּי!

— מיאו־ו־ו־ו!

האָב איך דערהערט איר רוף פון דער ווייטנס.

איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג, פון וואַנען איך האָב דערהערט איר רוף און האָב זי געטראָפן ליגן נעבן אַ קופּע אַלטע פּאַפּירן. זי האָט געדרייט דאָס קעפּל צו די פּאַפּירן און געמיאַוקעט: זע, וואָס דאָ ליגט...

איך האָב גענומען עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר אין דער האַנט. די פּאַ־פּירן זענען געווען צעווייקט פון רעגנס און פאַרברענט פון זון. איך האָב קוים־קוים באַמערקט אויף זיי סמנים פון געשריבענע ייִדישע אותיות, אָפּגעשווענקטע, אָפּגעבליאַקעוועטע, פון דער צייט פאַרווישטע — שאָטנס פון געוועזענע אותיות...

מאַנוסקריפּטן... — האָב איך אַ טראַכט־געטון — ווער ווייסט וועמענס? נישט צו דערקענען קיין וואָרט, במילא — נישט קיין האַנטשריפט. די מענטשן זענען נישטאָ און דער אינהאַלט, דער סוד פון די פאַרשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר איז אַוועק מיט זיי אין דער פאַרגעסנקייט — — —

אָט דאָס זענען די ייִדישע פּאַפּירן, אויף וועלכע פּיפּי האָט געלעבט... נישט אויף קיין אַרישע פּאַפּירן, נאָר אויף מאַנוסקריפּטן פון אַ ייִדישן שרייבער.

און פּיפּי, דאָס ליטעראַרישע קעצל, האָט די ייִדישע מאַנוסקריפּטן ווי געפּילעוועט, ווי אָפּגעהיטן... ווי עס וואָלט איר טייער געווען דער איבער־בלייב, דער זכר פון ליטעראַטן־פּאַריך, דער אָנדענק פון איר אַמאָליקער סביבה, די ירושה פון אירן אַ פריינט...

— איך האָב געקוקט מיט ציטער און יראת־הכבוד אויף די הייליקע בלעטלעך, פון וועלכע מען קען גאָרנישט אַרויסבאַקומען, ווי זיי וואָלטן

דעם סוד אין זיך פֿאַרשלאָסן און פֿאַרזיגלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי בעטן אַ תּיקון. אַז זיי ווילן מער נישט פֿאַרשוועכט־ווערן אויף די חורבות, אַלס ווייכער געלעגער פֿאַר אַן אויסגעקראָכענער קאַץ — — —.

און... איך בין געשטרויכלט געוואָרן. איך בין באַגאַנגען די גרעסטע עוולה לגבי פּיפּין, וואָס איך קען זיך ביז איצט נישט מוחל זיין: איך האָב אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ פֿודעלע שוועבעלעך און אונטערגעצונדן דאָס קופּקעלע מאַנוסקריפּטן.

די דורכגעטריקנטע פּאַפּירן האָבן זיך שנעל אָנגעכאַפּט. דאָס פֿייער האָט זיך צעשפּרייט און אַ רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער דער חורבה.

צי ווייל פּיפּי האָט זיך דערשראָקן פֿאַרן פֿלוצלונגדיקן פֿייער, וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט און עס האָט איר דערמאָנט אָן די גרויסע שריפֿות, ווען די גאַנצע שטאָט האָט געברענט און זי האָט געזוכט אַ רעטונג און קוים דאַן אַרויס מיט דער אָפּגעסמאַליעטער פֿעל? צי ווייל דאָס פֿייער האָט איצט געמאַכט אָן אייגענער, וועלכן זי האָט אָנפּאַרטרויט און ער האָט איר פֿאַר־ראַטן? צי דערפֿאַר טאַקע, ווייל דאָס וואָס האָט איצט געברענט, איז איר אַזוי טייער געווען? — פּיפּי האָט אַרויסגעלאָזן אַזאַ אימהדיקן מיאַו־ו־ו!, אַזאַ נישט־קעצישן, נאָר מענטשלעכן קלאָג, אַ יאָמער וואָס האָט מיר דאָס האַרץ צעריסן. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר פֿאַרווירטע, רציחהשע אויגן און זיך פֿאַרמאָסטן, ווי אַ טיגער, אַ שפּרונג צו טון מיר אין פּנים אַריין. איך האָב זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און געכאַפּט אַ שטיק אייזן, זיך צו פֿאַרטיידיקן.

פּיפּי איז אַרומגעלאָפֿן רונד־אַרום דעם פֿייער, ווי וועלנדיק אַריינ־שפּרינגען, צעטאָפּטשען מיט די לאַפּקעס און פֿאַרלעשן..

נאָר דאָס פֿייער האָט זיך שוין אַליין גענומען לעשן. די פּאַפּירלעך האָבן זיך שוין געקורטשעט שוואַרץ־געוואָרענע, אַרויסגעלאָזן פֿון זיך די לעצטע דינע רויכלעך, ווי אויסגעהויכטן אָטעם.

פּיפּי איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפֿן אַרום דעם שוואַרצן, וואַרעמען אַש, געשמעקט און אימהדיק געמיאַוקעט.

— פּיפּי... — האָב איך זי צערטלעך גערופֿן. געוואָלט איר טרייסטן,

באַרויקן, מיט אַ גלעט — איבערבעטן, מכבד־זיין מיט עפּעס... איך האָב זיך געפילט שולדיק. די חרטה האָט מיך געפּייניקט.

נאָר פּיפּי האָט אויף מיר אַ קוק־געטון מיט א בליק, וואָס איך קאָן ביז איצט נישט פאַרגעסן: פול מיט ווייטיקדיקן האַס און פאַראַכטונג.

און זי איז אנטלאָפן ערגעץ אין אַ לאָך, צווישן די חורבות.

איך האָב זי נאָך לאַנג גערופן:

— פּיפּי! פּיפּי!

נאָר פּיפּי האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט...

חוהלע און חיהלע

עס טרעפט, אז דו באגעגנסט אין גאס אַן אלטן פריינט, וועלכן דו האָסט שוין לאַנג נישט געזען. דו לויפסט אים אַנטקעגן מיט אָפענע אָרעמס, גיסט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ אין פּלייצע, רופסט אים אָן ביים נאָמען און שטרעקסט אים אויס ביידע הענט. נאָר... ווי דערשטוינט בלייבסטו שטיין, ווען יענער קוקט דיך אָן מיט אַ פרעמדן בליק, רעדט מיט אַ פרעמ־דער שטים, וווּנדערט זיך אויף דיין היימישקייט און.. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז גאָרנישט דיין פריינט! ער איז בלויז ענלעך צו דעם, וועמען דו האָסט געמיינט... דו אַנטשולדיקסט זיך פאַרלעגן און באַמערקסט דערביי באמת פרעמדע שטריכן אין זיין פּנים. די שטריכן באַשטעטיקן, אַז כאָטש ער איז ענלעך, איז ער דאָך נישט דער... ביידע שמייכלט איר העפלעך און גייט זיך פונאַנדער אנטוישט...

און אַזוי האָט עס מיט מיר פּאַסירט אויפן מינכענער הויפּט־וואָקזאַל:

עס האָט אַ בלענד־געטון פאַר מיינע אויגן אַ בלאָנד־געקרויזטער קאָפּ, ווי די זון וואָלט אַראָפּגעגנידערט פון לויטערן הימל און זיך געלאָזן שווי־מען איבער דער כוואַליע קאָלירטע קאַפּעליושן מיט גרינע לענטעס און פעדערן פון די בייערישע פּאַסאַזשירן אין גרויען באַנהאָף־האָל.

דער בלאָנד־געקרויזטער קאָפּ האָט צוגעשמידט צו זיך די בליקן פון אַ סך מענער. נאָר מיך האָט ער אינגאַנצן צעמישט. נישט אַזוי די זוניקע בלאָנדקייט פון די רייצנדע קרויזן, ווי די טונקעלע ברעמען און שעלמיש־לאַכנדיקע אויגן. און דער גאַנג... דער עלאַסטישער, דער ווייבלעך־וויכער, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם... אַזאַ גאַנג דערמאָנט אָן צאַרטקייט פון אַ קעצל און אימפּעט פון אַ טיגער...

„ווו האָב איך זי אַמאָל געזען? פֿון וואַנען קען איך זי? אַהאַ!... דאָס איז...“

— חוהלע!... — בין איך איר אַנטקעגנגעלאָפֿן, פֿאַרצאַמט דעם וועג און שטיין געבליבן פּנים אל פּנים. — חוהלע, דו?!...

זי איז שטיין געבליבן אַנטקעגן מיר אַ שמייכלענדיקע. וויפֿל רייץ — אין אירע שעלמישע אויגלעך!.. אין איר אונטערשטער, נאַכלעסיק־אַראָפּגע־לאָזענער ליפּ. אין די חן־גריבלעך... זי איז דאָך נאָך יונגער און שענער געוואָרן!...

— וועלכע חוהלע מיינט איר?...

— וו־וו־וו־אָס הייסט, וועלכע?! — איך האָב געפֿילט, ווי פֿאַרפֿינס־טערט ווערט מיין געזיכט, אַנטקעגן דעם ליכט, וואָס עס האָט פֿון איר גע־שטראַלט. איך האָב קוים געשטאַמלט: — נישט־שוין־זשע זענט איר נישט חוהלע ווינאָגראַדאָוו?!

— ניין... אָבער איר האָט נישט ווייט געטראָפֿן: חוהלע ווינאָגראַדאָוו איז געווען מיין קוזינקע...

— געווען?!

— ליידער. זי איז נישטאָ.

— איר ווייסט עס באַשטימט?

— ליידער, יאָ.

„געווען“, „נישטאָ“ — שוין אַזויפֿיל מאָל געהערט די ווערטער און זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט. ביי יעדעס מאָל, גיט זיך דאָס האַרץ אַזאַ צאַפּל, ווי ביי אַ פֿרישן פֿאַרלוסט. ווי ביי אַ נאַר־וואָס געשעענעם אומגליק.

איך בין שטיין געבליבן פֿאַרגליווערט. נישט געפֿילט, ווי מען קלאַפּט מיר אָפּ די זייטן מיט רוקזעק און וואַליזן פֿון זיך דורכאיילנדיקע פּאַסאַ־זשירן. מיר זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אינמיטן דורכגאַנג און די „אייביק־העפֿלעכע“ דייטשן האָבן, זיך אָנשטויסנדיק אָן אונדז, גאַנץ אומהעפֿלעך געוואָרטשעט:

— די דומע אױסלענדער!

זי האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט:

— און מיין נאָמען איז חיהלע... ענלעך צו אירן... מיטן אונטערשייד,

וואָס ביי מיר האָט זיך צופעליק פאַרוואלגערט אַ ייִדעלע...

— צופעליק?..

— גלייכער, ווען ס'וואָלט נישט געווען... איר מיינט נישט אַזוי?..

— הם...

— איך פאָר איצט קיין רעגנסבורג. אויב איר איילט זיך נישט, באַגלייט מיך צום וואַגאָן.

— נישט נאָר צום וואגאָן, נאָר ביז קיין רעגנסבורג... איך פאָר אויך אַהין.

— איך ווין נישט אין רעגנסבורג גופא, נאָר אין אַ שטעטעלע דערנעבן — זאָגט זי ערנסט און באַלד, מיט א שמייכל: — חוהלע פלעגט זייער אָפט און פיל רעדן וועגן אייך... יאָ, יאָ... זי פלעגט אַזויפיל דערציילן, אַז כאָטש איך האָב אייך נישט געקענט, האָב איך שוין דאָך געוווּסט ווי איר זעט־אויס... הויך, שלאנק, ברונעט... געוווּסט אלע אייערע שוואַכקייטן און מעלות, וואָס איר האָט ליב און וואָס איר האָט פיינט. חוהלע פלעגט מיר אַלץ דערציילן... אַלץ!... זי איז דאָך געווען פאַרליבט אין אייך... און איך האָב איר מקנא געווען... — פּלאַפּלט זי ווי אַ זילבער־גלעקעלע און מיר דוכט זיך, אַז זי שפּאַסט פון מיר. — איך האָב נאָך דאַן קיינעם נישט געהאַט...

— דאַן... און איצט?..

— אָ, איר זענט נישט דיסקרעט!.. — לאַכט ז' מיר אין פּנים אַריין מיט אַ שעלמישער זוניקייט.

אין וואגאָן איז געווען ענג. מיר האָבן זיך קוים אַריינגעשטופּט אין אַ ווינקל, ביי דער טיר. פון ענגשאפט — צוגעפּרעסט איינער צום אנדערן. עס איז געווען אי אומבאַקוועם, אי אָנגענעם. זי האָט פאַרריסן דאָס קעפּל צו מיר און כסדר אַרויפגעשמייכלט. אָט דער שמייכל האָט מיך ווידעראַמאָל איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט חוהלע, — אַן אַנדערע, אַ פרעמדע: די קנייטשעלעך אין די אויגן־ווינקלען די נאכלעסיק־אַראָפּגעלאָזענע אונטערשטע ליפּ, די שיטערע, שארפע ציינדלעך...

— וואָס טראַכט איר?..

— וועגן דער גוואלדיקער ענלעכקייט... ווען האָט איר זי געזען דאָס לעצטע מאָל און פון וואַנען ווייסט איר, אַז...

— מיר זענען דאָך צוזאַמען געווען אין אוישוויץ! — גיט זי מיר אַ באַווייז דעם אויסטאַטויִרטן קאַצעט־נומער אויף איר האַנט.

פלוצלונג האָט זי געגעבן אַ כאַפּ־אַוועק די האַנט, ווי אַן אָפּגעבריטע. איר געזיכט איז געוואָרן ערנסט, פאַרכמורעט און פיינלעך־פאַרקרימט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיך גענומען טוליען און איינקורטשען, ווי עס וואָלט איר קאַלט געוואָרן. זי האָט אים קוים־קוים געענטפערט אויף מיינע פראַגן, אָן אַ שמייכל און אָן אַ ווילן. איך בין שוין בייז געווען אויף זיך אַליין: אַ מענטש זוכט צו פאַרגעסן די קאָשמאַרנע איבערלעבענישן און איך! איך האָב איר ווידער אויפגעריסן אַ קוים־פאַרהיילטע וווּנד. עובר־בטלדיק בין איך! אַנשטאָט צו פלירטעווען מיט אַזאַ רייצנד באַשעפעניש, ריר איך אָן די סטרונעס פון צער און צאָרן!

חיהלע איז דוכט זיך, אין משך פון די עטלעכע מינוט עלטער געוואָרן. אַ סך עלטער. אויף אַ פופצן יאָר! מיט מינוטן צוריק, איז זי דאָך געווען אַזוי יוגנטלעך, לעבנסלוסטיק, מיט א שמייכל פון אַ דערוואַקסן קינד, וואָס האָט נאָך קיין שום אנטוישונגען אין לעבן נישט געהאַט, קיין שום פאַרדרוסן!

האָב איך דאָך פריער נישט געזען אָט די קנייטשן אויף איר שטערן, אָט די פיינפולע גרימאַסע, ווי פון צאָן־ווייטיק, די אונטערגעפאַרבטע האָר, פון וועלכע עס רייסט זיך אַרויס אַ לצנותדיקער זילבער־בלישטש... די מידקייט, זויערקייט און אַפּאַטיע, די עלטערקייט מיט גאַנצע פופצן יאָר!

אָט, וואָס פאַר אַ סטעמפּל דער קאַצעט האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדזער יוגנט! — טראַכט איך — נישט אויף דער האַנט, נאָר אויך אויף דער נשמה! דאָס איז נישט אויסצובערענען! דאָס איז נישט צום פאַרהיילן. אייביק וועט א שאָטן, ווי א טונקעלער שלייער אונדז פארהילן. אין מוח וועט אַ פּיק־טון אַ דערמאָנונג, וועט זיך דאָס האַרץ אַ קלעם־טון, דער בליק וועט זיך אויסלעשן און דאָס געזיכט וועט זיך פאַרקרימען. יאָ, אַלע וועגן פירן קיין רוים און אַלע יִדישע געשפּרעכן פירן צו די אויוונס און גאַז־קאַמערן! — — —

חיהלע איז איצט געשטאַנען מיטן פנים צום פענסטער. איר פאַרלאָשענער בליק איז איצט געפאַלן אויף די פאַרבייטאַנצנדיקע פעלדער. אפשר דערקענט זי דאָ די וועגן פון איר לעצטן טויטן־מאַרש?

די רעדער פון וואַגאָן האָבן ריטמיש געקלאפּט. דער שנעל־צוג האָט אויסגעמיטן קליינע סטאַנציעס און זיך דערנענטערט צו רעגנסבורג.

אויסשטייגנדיק פון אַנגעשטיקטן וואַגאָן, אויף דער פרייער לופט, האָט אַ פריש ווינטעלע שטיפעריש צעשויבערט אירע קרויזן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן מיט די גינגאָלדענע שטראַלן פון דער זון.

חיהלע איז ווידער געוואָרן מונטער, ווידער געשמייכלט מיטן זעלביקן יוגנטלעכן, זאָרגלאָזן שמייכל, ווי פריער. ווו איז די צעקנייטשטע, פאַר־זויערטע יידענע, מיטן פיינפול־פאַרקרימטן פנים? — עס האָט זיך מיר געדאַכט... אלע בייזע חלומות אויף די דייטשע קעפּ! אַ וואָלקן, אַ כמאַרע איז אַריבער און שוין — דער הימל איז ווידער לאַכעדיק און לויטער!...

איצט בין איך שוין פּאָרזיכטיק, ווידער נישט־געשטרויכלט צו ווערן. איך פרעג שוין נישט מער וועגן חוהלען, וואָס עס ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק וויסן! איך וויל מער אָן גאָרנישט דערמאָנען! איך וועל רעדן וועגן צוקונפט.. צוקונפט איז דאָך אַ פריילעכע זאַך, וועגן דעם חלומט מען, פאַר דעם ראַנגלט מען זיך און דער עיקר: עס דערמאָנט דאָך אָן גאָרנישט...

— וואָס־זשע רעכנט איר ווייטער צו טון, חיהלע? קיין ארץ־ישראל, צי קיין אַמעריקע?...

חיהלע איז ווידער ערנסט. נישט טרויעריק. נאָר ערנסט און דעצי־דירט:

— ניין. נישט קיין פּאַלעסטינע און נישט קיין אַמעריקע. אומעטום מוז מען האָרעווען און מקריב זיין דאָס יונגע לעבן! איך האָב נאָך פון מיין לעבן נישט גענאָסן. איך וויל לעבן פריי און זאָרגלאָז!

— עס קומט אייך... אָבער איר וועט דאָך נישט בלייבן דאָ, אויף דער פאַרשאָלטענער ערד, ווו איר קוקט טעגלעך אונדזערע מערדער אין די אויגן אַריין!

— פאַרוואָס נישט? אַזוי לאנג ווי איך וועל קענען, וועל איך בלייבן דאָ. און וואָס שפּעטער וועט זיין, וויל איך איצט נישט קלערן! יעדער גוט־דורכגעלעבטער טאָג וואָס איך כאַפּ־אַריין, איז מיינער!...

— זענט איר זיכער, אז די נאציס טוען באמת תשובה און עס וועט זיך שוין מער נישט איבערחזרן די זעלבע געשיכטע?... מערדער בלייבן

מערדער! עס איז נאָר אַ זאַך פון געלעגנהייט... און אויף אַזאַ געלעגנהייט וואַרטן זיי ווידער!...

— נישט אַלע דייטשן זענען מערדער. איך זאָג אייך, אַז אַ סך ייִדן זענען ערגער. יאָ, ערגער!

— חיהלע! איר? איר רעדט עס אַזוי?! איר וואָס... — איך האָב דער־פילט, אַז איך בין רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און אַ הייסע כוואַליע האָט זיך מיר אַ יאָג געטון איבערן גאַנצן קערפּער.

חיהלע האָט געשמייכלט:

— איר, ייִדן צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, קענט עס נישט פאַרשטיין... מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם... איצט איַל איך זיך עפּעס צו דערליי־דיקן. איך וויל נאָך אָפּפאָרן אהיים מיטן ערשטן צוג. אויב איר וועט האָבן צייט, קומט צו מיר אין אָוונט... אַ הערלעכע געגנט, אַ באַקוועמע וווינונג... דאָס איז מיין אַדרעס.

זי האָט מיר געגעבן איר וויזיט־קאַרטל, דערלאַנגט איר ווייס הענטל מיט בלישטשענדיקע רינגען אויף די פינגער. דער שווערלעכער, מאַסי־ווער בראַנסלעט האָט זיך צעוויגט און צעפינקלט. איך האָב איצט אויך באַמערקט דעם מעדאַליאָן אין פאָרעם פון אַ האַרץ, וואָס בלוטיקט מיט קאָלירטע פייערן פון אַ פּאָר קאַראַט און טוליעט זיך אין טיפן שטעגל, צווישן אירע פולע בריסטן, וואָס פון נידעריקן דעקאָלט אַרויס...

„יאָ, עס לעבט זיך איר נישט שלעכט!... האָב איך אַ טראַכט געטון און אַפילו הנאה געהאַט, וואָס דער גורל באַצאָלט איר פאַר די שווידערלעכע טעג. — זאָל זי זיך אָנפרייען און פאַרגעסן!... זאָלן ייִדישע טעכטער זיך צירן, ווײלן זיך, יום־טובן, שוין צייט!"...

איך האָב צוגעזאָגט צו קומען. זי איז אַוועק. זיך איינִיקע מאָל אומ־געקוקט און מיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיט די צוויי פאָר אויגן פון די זילבערפונקטן, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף אירע פּלייצעס. איך האָב איר נאָכגעקוקט לאַנג, ביז זי איז פאַרשוווּנדן אין אַ ראָג.

— עמך? — האָב איך דערהערט אַן אויפגערעגטע מענער־שטים האַרט הינטער מיינע אויערן. — קענסט זי שוין לאַנג?

איך האָב זיך האַסטיק אומגעקערט און דערזען פאַר זיך אַ יונגנמאַן, וועלכן איך האָב, דוכט זיך, שוין פריער געזען אין וואַגאָן. אַ בלייך פּנים

מיט שאַרף־אַרויסשטאַרצנדיקע קין־באַקן און אַ פּאָר אומרויִקע און אומ־היימלעכע אויגן. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט בליקן, וואָס איך האָב אַמאָל געזען דורך קראַטן פון אַ משוגעים־הויז. מיר איז נישט געפעלן זיין אופן פון ווענדן זיך צו מיר אויף „דו" און דער טאָן זיינער, וואָס איז קריגעריש־אַרויסרופנד. איך וואָלט זיך אויסגעדרייט און אים נישט געענטפערט, נאָר די נייגעריקייט האָט מיך געשטויסן:

— ווער? חיהלע ווינאָגראַדאָוו?

— זאָל זיין חיהלע, זאָל זיין שמאַיעלע! ס'איז די אמתע חיה! יתרוס נעמען האָט זי! זי טוישט זיי, די נעמען אירע, ווי נאָז־טיכלעך... פּונקט ווי זי פאַרבט זיך יעדע ווילע די האָר אויף אַן אַנדער קאָליר, מען זאָל זי נישט דערקענען!...

—פאַר ווער האָט זי זיך דען צו באַהאַלטן און מורא האָבן, אַז מען וועט זי דערקענען?...

— פאַר ווער? פאַר מיר! עס וועט קומען איר טאָג, נישקשה! זעלטן ווען רוקט זי אַרויס די נאָז פון שטוב. און אַז זי גייט שוין יאָ אַרויס, איז עס מיט אָפּיצירן! אָבער נישקשה! איך וועל איר קאַלטמאַכן! אָט מיט די־אָ הענט וועל איך זי דערווערגן! — האָט ער געהויבן מיט צוויי שווערע הענט, ווי מיט קאָוואַדלע־האַמערס, געסאָפּעט ווי א בלאָז־זאַק און געציטערט פון אויפרעגונג. — דאָס כפּרהלע וועט שוין לאַנג נישט אַרומגיין!

איך בין געשטאַנען, ווי איינער וועלכן מען שלעפּט אַרויס ביים קאָל־נער פון אַ קאַלטער, בלאָטיקער קאַלוזשע און געשטאַמלט:

— וואָס האָט איר צו איר? און אפשר האָט איר גאָר א טעות? אפשר...

— איך האָב שוין קיין טעות! יאָלד דו איינער! האָסט דאָך גע־זען אין וואַגאָן, ווי זי איז פאַרציטערט געוואָרן און איינגענומען א שטומע־ניש, ווען זי האָט מיר נאָר באַמערקט!... א טעות הערסטו! צוזאַמען אין אוישוויץ געווען! זי, די בלאָק־עלטסטע, ווו מיין ווייב מיט מיין טאָכטער זענען געזעסן! זי האָט זיי דערהרגעט, זי! געשלאָגן מכות רצח! אפילו קיין קרובים נישט געשאַנעוועט, אָט די בעסטיע! אירע אַן אייגענע קוזינקע, חוהלע האָט זי געהייסן, האָט זי געצווונגען צו לעבן מיט אַ קאַפּאָ. יענע האָט ניט געוואָלט, האָט זי איר געממיתט מיט אַ שטעקן און דערנאָך דער־שטיקט! דערשטיקט פאַר מיר אין די אויגן! אַז איך זאָג ד־ר, זאָלסטו

גלויבן, יאָלד איינער! אָבער נישקשה! איך האָב זי געפונען! די בעסטיע וועט פאַר אַלעמען באַצאָלן! איך טשאַטעווע אויף איר שוין לאנג. זי ווייסט עס... די פעל ציטערט אויף איר און זי באהאלט זיך, די מכשפה!

איך האָב צוגעמאכט די אויגן פון שוידער און עקל. עס האָבן זיך געגומען וויקלען פאַר מיר די גוט־באקאנטע בילדער פון נאצי־גיהנום. איך האָב שוין מער נישט באנומען, וואָס ער רעדט און וואָס ער וויל פון מיר. כאָטש ער האָט נישט אויפגעהערט צו דונערן, און די ווערטער זיינע זענען געדיכט און שווער געפאַלן אויף מיר, ווי איך וואָלט פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל שטיינער. איך הויב אויף די אויגן, — ער רעדט נאָך אלץ:

— פאַר אַלע פרויען אין די אויגן, האָט זי אָרגיעס געפראַוועט. קאַפּאָס זענען געקומען צו איר, מען האָט געפרעסן, געזויפן און זיך געפּאָרט ווי הינט מיט צויגן. פאַר איר זענען דאָס געווען די גוטע זיבן יאָר! באַפרייט געוואָרן אַן אָנגעפרעסענע, אַ געזונטע און זיך אַוועקגעלאָזן נאָך רויב. איצט ווייסט זי אַליין נישט וויפל גאָלד און בריליאַנטן זי האָט! מיט דעם געלט וויל זי זיך איצט אויסקויפן... נישט ביי מיר! איך האָב איר אַרויס־געטראָגן אַ טויט־אורטייל און איך אַליין וועל זי דערווערגן! יאָ, דערווערגן! נאָר דערווערגן! אַזוי ווי זי האָט געוואָרגן!

פון זיין מויל האָט געזעצט אַ שוים. זיינע אויגן זענען אזש פון די לעכער אַרויסגעקראָכן, ווי ביי אַ ציווילדעוועטן אָקס. ער האָט אומגעלומ־פּערט געהויבן מיט די הענט, געסאַפּעט און געהויבן זיין ברוסטקאַסטן, ווי אַ בלאָז־זאַק. ענדיקנדיק דעם מאָנאָלאָג, האָט ער אויסגעשפּיגן, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אָן אַ „גוטן טאָג", זיך געלאָזן לויפן. ער איז גע־לאָפן אי״ן דער ריכטונג, וווהין חיהלע איז פריער אַוועק.

איך האָב זיך אַ גאַנצן טאָג קיין אָרט נישט געפונען. כסדר געזען פאַר זיך דעם אויפגערעגטן יונגנמאַן מיט די פאַרקראַמפּטע פויסטן און אין די אויערן האָט מיר כסדר געקלונגען זיין „נישקשה"!

און חוהלעס בלייך געזיכט מיט צעשראָקענע, רחמים־בעטנדיקע אויגן און מיט ווערגנדיקע פינגער אַרום איר שלאַנקן האלדז — האָבן נישט געוואָלט פאַרשווינדן פון מיר. וויפל מאָל איך האָב געפּרוווט טראַכטן פון עפּעס אנדערש, זיך פאַרנעמען אינטענסיווער מיט מיין אַרבעט, צוליב

װעלכער איך בין אײגנטלעך אַהערגעקומען — האָט אַלץ נישט געהאָלפן. די עקשנותדיקע בילדער זענען נישט אַװעק פון מײנע אױגן.

איך האָב איבערגעריסן מײן אַרבעט און אַרױס אין גאַס. געשפּאַנט גאַס־אײן, גאַס־אױס און זיך נישט געקענט בארויִקן. אין א רעסטאָראַן האָב איך באַשטעלט אַ מיטאָג, זיך נישט צוגערירט צו אים, באַצאָלט און אַרױס.

איך האָב געװאָלט נישט גלױבן די דערציילונג פון דעם היסטערישן יונגנמאַן. נאָר אײנצלנע פראַזן חיהלעס האָבן מיר, װי בינען געזשומעט אין די אױערן אַרײן און באַשטעטיקט:

— אמת! אמת! אמת!

„נישט קיין פּאַלעסטינע און נישט קיין אמעריקע!"

„מיר איז דאָ גוט!"

„אַ סך יידן זענען ערגער פון דייטשן!"

„איר, יידן צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד, װעט דאָס נישט פאַרשטיין!"

איך האָב דערטאַפּט אין קעשענע איר װיזיט־קאַרטל. עס האָט א בריגעטון אין מײנע פינגער. איך האָב עס צעקנײטשט און צעקנאַדערט אין מײן פויסט, געװאָלט צעפליקן אויף פּיץ־פּיצלעך. אָבער איך האָב עס װידער אױסגעגלײכט, איבערגעלײענט דעם אַדרעס און באַשלאָסן: איך מוז צו איר פאָרן! איך מוז איר אַרײנקוקן אין די אױגן אַרײן, — װעט זי דאָס אָפּלײקענען, צי נישט?

דער לאָקאָמאָטיװ פון הינטערשטאָטישן צוג האָט שװער געסאָפּעט, שלעפּנדיק די פּאָר װאַגאָנדלעך מיט פּאַסאַזשירן כסדר באַרג־אַרויף, לאָזנדיק הינטער זיך אַ גרינעם טאָל און אין דער לינקער זײט — א טיפן אָפּגרונט. די אָנדערטהאַלבן רייזע־שעהן, האָבן מיר זיך אויסגעװיזן װי אָנדערטהאַלבן אײביקייטן און קיינמאָל װעלן מיר נישט דערגרייכן דעם שפּיץ־באַרג, אויף װעלכן עס געפינט זיך דאָס שטעטעלע, װוּהין חיהלע האָט זיך פאַרקליבן.

אָבער ענדלעך האָט דער לאָקאָמאָטיװ אַרױסגעלאָזן א פּייף פון א זיגער און איז פּלוצלונג שטיין געבליבן, װי ער װאָלט געפאַלן א דערשעפּטער ביי זיין מעטע. די װאַגאָנדלעך האָבן זיך צעשטויסן אײנער אָן אַנדערן. דער עולם איז צוריקגעפאַלן אויף די בענק און באַלד, מיט א „דאָנערװער־

וועטערררר!״, זיך צוריק אויפגעשטעלט, גענומען אויף זיך די רוקזעק און זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג.

איך בין געגאַנגען איבער פוסטע, שטילע, פאַרשלאָפענע גאַסן פון דעם פרעמדן, דייטשן שטעטעלע און אַן אומהיימלעכקייט איז מיר באַפאַלן: איך בין איין ייִד אין דער גאַנצער געגנט, וואָס איז באַווינט מיט מענטשן־פרעסער; וואָס־זשע טוט דאָ חיהלע? פאַרוואָס איז זי אַוועק אַזוי ווייט פון אַ יידישן קיבוץ? פאַרוואָס האָט זי זיך פאַרקליבן אַזש אַהער, אויפן סאמע שפּיץ פון דעם שרעקלעכן באַרג? זי קומט דאָך פון אוישוויץ! ווי־זשע קען זי עס איצט, דאָ צוזאַמען מיט?...

איך בין געגאַנגען און געהערט, אַז מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, ווי מיינע טריט אויפן פוסטן טראָטואַר.

די גאַס־טיר האָט מיר געעפנט אַן עלטערע, גרויע דייטשקע, קיילעכ־דיק ווי אַ פעסל. איר העפלעכער „גריס־גאָט!״ איז אויך געקומען ווי פון אַ פאַרדומפּענער פאַס. זי האָט מיר געוויזן צו חיהלעס צימער. די טיר פון צימער איז געווען האַלב אָפן. חיהלע האָט מיין אַריינקומען נישט באַ־מערקט. זי איז געשטאַנען אַ פאַרטייעטע ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט. זי איז פאַרהילט געווען אין אַ שרייִיק־געבלימלטן זיידענעם שלאָף־ראָק און אירע אומרויִקע בליקן האָבן דורכגעשפּיזט דעם שווערן געדיכט־געפלאָכ־טענעם גאַרדין.

זי האָט זיך צוגעשלייכט צום טעלעפאָן־אַפּאַראַט, וואָס איז אויף אַ טישל, אין ווינקל ביים פענצטער, אָנגעדרייט אַ נומער און מיט אַ געדעמפּטער פחד־שטימע אַריינגעפליסטערט:

— דזשעק! דזשעק, ער איז ווידער דאָ! ער שטייט קעגנאיבער מיינע פענצטער און קוקט אַרויף! איך האָב מורא! דזשעק, נעם אים צו פון דאַ־נען! ראַמט אים אָפּ! ער וועט מיך דערהרגענען, דזשעק, איך האָב זייער מורא! שנעלער!

זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, ווידער געקוקט אין פענסטער, געבראָכן זיך די פינגער און טיף און אומרויִק געאָטעמט.

אומגערן האָב איך אַ שטויס געטון אַ טאַבורעטקעלע, וואָס איז אומ־געפאַלן. חיהלע האָט זיך האַסטיק אומגעקערט און אַרויסגעלאָזן אַ גרויליקן קוויטש.

די גרויע דייטשקע איז תיכף אַריינגעלאָפן און נאָך איר — אַן עלטע־רער דייטש אין אַ וועסטל, מיט לאַנגע וואָנצעס. ביידע האָבן זיי אויסגעזען, ווי צוויי ביר־פעסער אויף פיסלעך, מיט קעפּלעך פון אויבן. און די קעפּ־לעך האָבן זיך צעשריען:

— וואָס איסט לאָס??

חיהלע האָט זיך היסטעריש פונאַנדערגעלאַכט און זיך אַנטשולדיקט: זי איז געווען פאַרטראַכט... נישט געהערט מיין אַריינקומען... זיך דער־שראָקן... נאָר עס שאַדט נישט. זי בעט מיר זיצן. זי איז דווקא זייער צו־פרידן, וואָס איך בין געקומען...

גייענדיק צום אָנגעוויזענעם פאָטעל זיך זעצן, בין איך פאַרביי דעם פענסטער און געכאַפּט אַ בליק דורכן גאָרדין און איך בין אַליין פאַרצי־טערט געוואָרן: דער זעלבער יונגערמאַן פון וואַגאָן, מיט די אומהיימלעכע אויגן, שטייט קעגנאיבער, אויפן טראָטואַר, נעבן עלעקטרי־סלופּ און קוקט אַרויף מיט אַ פּאָר שטאָלענע בליקן...

איך האָב אַ קוק געטון אויף חיהלען און באַמערקט, אַז זי אָבסער־ווירט מיר, אַז זי פאַרשט... באַגעגענענדיק זיך מיט די בליקן, האָט זי אירע אַוועקגעכאַפּט און אַראָפּגעלאָזן צו די פעדיקירטע פיס־פינגגערלעך.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז חיהלע פילט זיך דאָ, ווי אַ פאַרפלאָגטע חיה אין אַ וועלדל, אַרומגערינגלט מיט יעגער. אָן רחמנות האָב איך אַק־צענטירט.

— דוכט זיך, דער זעלבער יונגערמאַן, פון וואַגאָן?..

זי איז נאָך בלייכער געוואָרן, מיט אַ נערוון־קורטש אין די באַק־מוסקולן.

— אפשר וועט איר טרינקען טיי? — האָט זי מיר געענטפערט... גע־הייסן דער דייטשקע דערלאַנגען טיי און ווידער געכאַפּט אַ בליק דורכן גאָרדין.

איר בליק האָט פּלוצלונג אויפגעלויכטן. זי איז פריילעכער געוואָרן, און מיך האָט עס אויך פאַרינטערעסירט אַ קוק צו טון דורכן פענסטער:

אַמעריקאַנער עם־פּי און דייטשע פּאָליציי האָבן אָפּגעשלאָסן דאָס געסל פון ביידע זייטן, אַרומגערינגלט די איינצלנע דורכגייער. מען קוקט אין דאָקומענטן, מען באַזוכט זיי. איך זוך דעם יידישן יונגנמאַן קעגנאיבער,—

ער איז נישטאָ!... אויך חיהלע קוקט אומרויק אין אלע זייטן, ווי זי וואָלט אים געזוכט. זי פאַרבייסט די ליפּלעך און טוט אזש א זעץ מיט א פויסטל:

— קוים ווי זיי רירן זיך! און ער איז ווידער נישטאָ!

— ווער? דער יונגערמאַן?...

— יאָ! — האָט זי זיך האסטיק געגעבן א דריי אויס צו מיר. דעצידירט און בייז: — איך האָב דאָך געזען, ווי ער איז, נעבן וואָקזאַל צוגעגאַנגען צו אייך און מיט אייך גערעדט. וואָס האָט ער אייך דערציילט?

— אַלץ...

זי האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אין וויג־שטול און באַקומען דעם אויסזען פון אַ פאַרמשפּטער אין איר צעלע ערב דער עקזעקוציע. נאָך אַ לאַנגן שווייגן האָט זי, מיט אַ שוואַכער שטים פון אַ קימפּעטאָרין, אַרויסגעשטאַמלט:

— און איר גלויבט אים?

— איך וואָלט זייער געוואָלט נישט גלייבן... איר אַליין זאָלט עס אָפּלייקענען. איר זאָלט מיר זאָגן, אַז עס איז אַ ליגן!...

זי האָט פאַרשטעלט מיט בײדע הענט דאָס פּנים, געצוקט מיט די שמאָלע אַקסלען און געכליפּעט. כליפּענדיק האָט זי דורך אירע שאַרפע ציינדלעך דורכגעזיפּט איינציקע ווערטער, אָפּגעהאַקטע פראַזן:

— עס איז געווען אַ קאָשמאַר. אַ פינצטערער חלום. איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס עס איז געווען! איך געדענק גאָרנישט. איך ווייס גאָרנישט. איך ווייס נאָר: עס איז געווען שרעקלעך! שוידערלעך! פאַרמשפּטן יענעם איז זייער לייכט. נאָר מען האָט באַדאַרפט דאָרטן אַליין זיין! דאָן וואָלט מען פאַרשטאַנען. איך האָב זיך געוואָלט ראַטעווען, איך האָב געוואָלט פאַר יעדן פּרייז לעבן! איך בין דאָך אַזוי יונג, נאָך גאָרנישט געלעבט! איך וויל לעבן!

און איך האָב זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, וואָס צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך אַזוי קאַלט און גלייכגילטיק געבליבן צום ספּאַזמאַטישן געוויין פון אַ יונגער, שיינער פרוי... ניין, נישט גלייכגילטיק, נאָר אפילו מיט אַ סאַדיסטישער הנאה.

— מען האָט דאָרטן געדאַרפט זיין, זאָגט איר? חוהלע איז דאָך דאָרטן

געוועזן. זי האָט זיך דאָך אויך געוואָלט ראַטעווען, געוואָלט לעבן, ווי איר... געוועזן אַזוי יונג!... ווי אַזוי איז זי דאָס אומגעקומען, האַ?

זי האָט אויפגעהערט צו כליפּען. געבליבן שטום און פאַרשטאַרט אין דער זעלבער פּאָזע.

מען האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר. חיהלע איז אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום שפּיגל, זיך אָפּגעפּרישט מיט אַדעקאָלאָן, אַ שמיר געטון די ליפּן, די ברעמען, זיך אָנגעפּודערט, אַ גלעט געטון די קרויזן, זיך אַנטשולדיקט און אַנטקעגנגעלאָפן צו דער גאַס־טיר. איך האָב געהערט ווי זי פרייט זיך דאָרטן מיט איר דזשעקן, פּלאַפּלט מיט אים אויף ענגליש און ווי זיי גייען אַריין אין אַ צווייטן צימער. נאָכדעם איז שטיל געוואָרן. פאַרדעכטיק שטיל.

לאַנג בין איך אַזוי געזעסן אין דער שטילקייט אַליין און געוואַרט. ענדלעך האָט אַ סקריפּ געטון די טיר פון יענעם צימער. טריט אין קאָר־רידאָר. אַ בגלופנדיק געלעכטערל, אַ קאָקעטיש קוויטשל, אַ פּעטשל, אַ קוש. די גאַס־טיר עפנט זיך און פאַרמאַכט זיך און חיהלע קומט אַריין אַ פאַררויטלטע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, מיט צעשמירטן ליפּן־שמינק אויף דער גאָמבע און מיט אַ פּאָר אויסגעלאָשענע בליקן.

זי אַנטשולדיקט זיך, וואָס זי האָט מיך צו־לאַנג געלאָזט אַליין. און גייט מיט מידע, צעציטערטע טריטלעך צו צום פענצטער. זי שטייט אָן אָנמעכטיקע און קוקט דורכן גאָרדין. איך קום צו און קוק אויך.

די גאַס איז אָוונטיק־טונקל, פּוסט און שטיל. זעלטענע דורכגייער איילן פאַרביי. עס פאַלט אַ דראָבנע רעגנדל. דריבניעט און זיפּט.

חיהלע צאַפּלט פלוצלינג אויף. אירע אויגן גיסן זיך אָן מיט אַנגסט־שרעק. וואָס איז דאָ געשען? וואָס אַזוינס האָט זי דערזען? איך שטרענג אָן מיין בליק אין דער טונקלקייט: אויפן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר, ביים עלעקטרי־סלופּ, שטייט ווי אַ דענקמאָל פון טונקעלן גראַניט, דער יונגער־מאַן פון וואַגאָן... יאָ, דער זעלבער!... ווו איז ער פריִער געווען בעת דער אַבלאַווע? ווען עם־פּי און פּאָליציי האָבן אים געזוכט? ער איז דאָן, ווי אויסגערונען... און איצט האָט ער צוריק, ווי פון אַ נעפּל, אַרויסגעטויכט... איך בין נישט קיין מיסטיקער, נאָר מיר דוכט זיך, אַז דער יונגערמאַן

איז פריִער נישט אַוועק און איצט נישט צוריקגעקומען. ער שטייט דאָ די גאַנצע צייט אַזוי און מיר האָבן אים נישט באַמערקט. ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ מיסטיש געשטאַלט, וואָס זעט און לאָזט זיך נישט דערזען, און באַווייזט זיך נאָר דאַן, ווען ער וויל עס... אָט שטייט ער דאָך אויפן זעלבן פּלאַץ וואָס פריִער, אין דער זעלבער פּאָזע, מיטן זעלבן אויסדרוק, ווי אַ פאַרשטיינערטער, אַ נישט־געריַרטער פון אָרט! און זיין בליק — דער זעלבער שטאָלענער בליק, וואָס קוקט עקשנותדיק אַרויף צום פענצטער...

חיהלע האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט. פאַרטייעט זיך הינטערן גאַרדין ווי אַ מייזל, וואָס באַהאַנדלט זיך פאַר דער קאַץ. געקוקט צום שוואַרצן דענקמאָל, וואָס שטאַרצט אויפן קעגנייבערדיקן טראָטואַר, געהילט אין אָוונט און אין דריבניענדיקן רעגן. שטאַרצט ווי אַ וואָרענונג, ווי אַ דראָונג.

אַזוי, אין דער פּאָזע, האָב איך אים איבערגעלאָזן.

און אומבאַמערקטערהייט ווי איך בין אַריין, אַזוי אומבאַמערקט בין איך אַרויס פון איר צימער. נאָר פאַרמאַכנדיק די גאַס־טיר הינטער זיך, האָב איך זי געגעבן אַזאַ טראַסק־צו, אַז די שויבן האָבן זיך אַזש צעקלונגען און ביידע ביר־פעסלעך האָבן זיך תיכף אַרויסגעקייקלט מיט אַן אויפגערעגטן:

— וואָס איסט לאָס?!

איך בין געלאָפן איבער די גאַסן און געטראַכט: חוהלע איז נישטאָ. נאָר דאָס חיהלע וואָס האָט איר פאַרצוקט האָט זיך דאָ פאַרטייעט אין מורא, נישט פאַרצוקט צו ווערן!...

**
*

אַ חודש שפּעטער בין איך ווידער געווען אין רעגנסבורג. די גאַנצע שטאָט איז אויפגעציטערט צוליב אַ רעטזלהאַפטן מאָרד, וואָס איז אויס־געפירט געוואָרן איבער אַן איינזאַם יִידיש מיידל, אין אַ דערבייִיקן דייטשן שטעטל.

מען דערציילט מיר:

אין אייגענעם לאַנד

אין איר וווינונג, נעבן פענצטער, אויף דער ערד, האָט מען געפונען ליגן אַ טויטע דאָס פריילין חיה ווינאָגראַדאָוו. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער טויט איז געקומען דורך דערשטיקן. עס זענען דאָ סמנים אויף איר האַלדז פון די וואַרגנדיקע פינגער. אין אירע הענט האָט זי געהאַלטן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, משמעות אין אָנבליק פון געפאַר האָט זי געפרוווט רופן הילף. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אירע באַלעבאַטים און אַ צענדליק פאַרדעכטיקע דייטשע שכנים. קיין רויב־אָנפאַל איז עס נישט געווען. אַלע ווערט־חפצים זענען געבליבן נישט גערירט. אויפן גאַרדין איז געווען מיט אַ שפּילקע צוגעטשעפּעט אַ בריוועלע מיט איין שורה:

„פאַר מיין ווייב, פאַר מיין קינד, פאַר מיין חוהלען".

אַ יידישע קאַץ

נאָך אַ וואָך פון אומויפהערלעכע, קאַלטע, האַסטיקע שלאַקס־רעגנס, איז דער שטאָל־גוס־קאָליריקער הימל העלער און מילדער געוואָרן, ווי גאָר אין פריִער האַרבסט. אַ קופּערנע סוף־אָקטאָבער־זון האָט זיך געשמאָלצן פון באַגינען־אָן און זיך צעפּלייצט איבער די פּאָדליאַשער וועגן, איבער די שפּעט־האַרבסטיקע פעלדער און לאָנקעס, אויף די געלב־רויטלעכע, שיטערע וואַלד־קרוינען און האָט זיך קוועקזילבערדיק צעריזלט אויף די שפּיגלדיקע פלאַכן פון פאַרכמורעטע טייכלעך, אָזיערעס און האַלב־אָפּגעדעקטע זומפּן.

די ברוקירטע שאָסייען און די בלאָטיק־צעקנאָטענע פּוילישע וועגן, וואָס ציִען זיך פון די אַרומיקע דערפער צום שטעטל סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק, זענען פון באַגינען אָן פאַרפולט מיט פּרייִלעך זיך־האָצקענדיקע פורלעך, וואָס ציִען זיך אין אומענדלעכע שורות. די פּויערים רויכערן מאַכאָרקע־טיטון, שפּייען און שרייען זיך אַריבער פון איין פורל צום אַנדערן, מיט בגילופֿנדיקע קולות. זיי זענען היינט אויפגעלייגט און הייטער, ווי זיי וואָלטן איצט פירן אַ באַזונדערס געראָטענע שפּע אויפן שטעטלשן יאַריד.

אָבער היינט איז אייגנטלעך אַ וואָכעדיקער טאָג. איינער פון יענע וואָכעדיקע, שפּעטע האַרבסט־טעג, ווען מען פאָרט נישט אין קאָשטשאָל אַריין און ווען קיין יאַרידן קומען שוין נישט פאָר. אויך זייערע פורלעך זענען פּוסט פון װעלכער עס איז סחורה. אין די פורלעך זיצן נאָר די באַבעס מיט די עלטערע קינדער, אונטערגעבעט מיט פּוסטע פּויערישע זעק. די קופּערנע שטראַלן פון דער סוף־אָקטאָבער־זון שפּיזלען זיך אין

זייערע צעשמייכלטע אויגן. מיידלעך פּלאַפּלען לוסטיקע און יונגען ווינקען זיך איבער, קייענדיק פון געוווינהייט לאַנגע שטרוי־זאַנגען.

אַזוי פּאַרט מען אויף אַ פּויערישער חתונה, אַזוי פּאַרט מען אויף דאָרפישע יום־טובים, מיט דער זעלבער לוסטיקייט און פרייד.

יאָ, אַ יום־טוב איז טאַקע היינט, און גאָר נישט קיין געוויינטלעכער!...

די פּויערים, וועלכע האָבן צוגעשטעלט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט דעם געפאָדערטן קאָנטינגענט תבואה, פאָרן איצט אָפּנעמען אַ באַ־זונדערס־צוגעזאָגטן לוין:

היינט וועלן געעפנט ווערן די טויערן פון אויסגעזידלטן יידישן געטאָ און עס וועט זיי פאַרטיילט ווערן דאָס האָב און גוטס, וואָס עס איז געבליבן נאָך די יידן.

הונדערטער, הונדערטער פורלעך שטייען שוין, ענג צוזאַמענגעדרענגט, ביי די איינגענג צום געטאָ. אַלע פּלעצער, גאַסן און געסלעך אַרום, זענען שוין פאַרפולט מיט פוסטע פורלעך, מיט הירזשענדיקע פערד און היר־זשענדיקע פּויערים. און פון די שאָסייען, וואָס פירן אין שטעטל אַריין, הערן נישט אויף אָנצוקומען נאָך און נאָך.

יעדער פּויער האָט שוין אַ פּאַפּירל אין האַנט, פאַרזען מיט אַ שטעמפּל און אונטערשריפט. אין פּאַפּירל איז אָנגעוויזן דער אַדרעס, די שטוב, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן צום אויסליידיקן.

אָבער שטיבער זענען דאָך דאָ פאַרשיידענע, ווייל יידן זענען דאָך געווען פאַרשיידענע: רייכע און אָרעמע... — זענען זיי נערוועז, די פּויערים: עס איז אַ גורל־זאַך. און ווער ווייסט, וועמען דאָס ריכטיקע מזל וועט צושפּילן?... איינער קען געפינען אַן אוצר און דער אַנדערער — אַלטע שמאַטעס!

— און דער עיקר: פאַרוואָס גיבן זיי אונדז אַזוי ווייניק צייט, די דייטשן, אויסצוליידיקן די וווינונג, אָנצולאָדן אויף דער פור און אָפּצו־פאָרן?!

— יידן זענען דאָך געווען כיטרע! ווער פון זיי עס האָט געהאַט געלט, דער האָט דאָך עס גוט פאַרשטעקט! פאַרמויערט, אָדער פאַרגראָבן! מען מוז ווי געהעריק זוכן און דאָ גיבן זיי אונדז אַזוי ווייניק צייט!

— ברידער! פּויערים! — שרייט אַלעמען איבער אַ הויך־וווקסיקער,

קאַסאַקער שגץ מיט אַ געשפּאָלטענער אויבערשטער ליפּ — ייִדן זענען טאַקע געווען כיטרע. דאָס איז אמת. אָבער ווו האָבן זיי געהאַט קאָפּ, צום באַהאַלטן? אַז מען האָט זיי געיאָגט, ווי צעטומלטע אָקסן צו דער שחיטה!... מען האָט זיי, ווי געהעריק איבער די קעפּ דערלאַנגט, פּאַרטויבט, פּריטש־מיעלעט און געקיילט, ווי די חזירים!... כאַכאַכאַכאַ... זיי האָבן זיכער אַלץ געלאָזן אויף הפקר!

— נו, אויב אַזוי — רופט זיך אָן אַ געשטופּלטע שיקסע מיט אַ פּאַרריסן נעזל — איז שוין נישטאָ וואָס צו זוכן! האָבן שוין די דייטשן אַרויסגערויבטע אַלע ווערטפולע זאַכן. זיי שלעפּן זיך דאָך דאָרט אַרום גאַנצענע טעג און גאַנצענע נעכט!

— וואָס דייטשן קענען שוין איבערלאָזן פאַר אונדז, אָרעמע פּויע־רים! — גיט אָן עלטערע פּויערטע אַ מאַך מיט דער האַנט און פאַרקרימט דאָס פּנים אין אַ פאַרביטערטער גרימאַסע.

די שטאָטישע קריסטן האַלטן זיך באַזונדער. זיי דערציילן זיך דער־וויל ווי ס׳האָט אויסגעזען די לעצטע אויסזידלונגס־אַקציע. די סאַמע לעצטע דריי טעג. ווי מען האָט עס געשאָסן גאַנצענע נעכט, ווי די גע־וואַלדן האָבן זיך געטראָגן פון געטאָ אַרויס, אַזעלכע גרויליקע, אַז זיי האָבן אַזש גאַנצע נעכט די אויגן נישט געקענט פאַרמאַכן און די קינדער האָבן געציטערט צו שלאָפן אַליין...

— דעם אמת געזאָגט, האָט אָפּט מאָל דאָס האַרץ פאַרקלעמט... שרעק־לעך אכזריותדיק האָבן זיי עס געמאַכט! אָבער אַז די דייטשן האָבן אונדז געזאָגט: „ביי זיי אַ קאָפּ ווייניקער — ביי אונדז אַ ברויט מער!״... זענען זיי דאָך פאַרט גערעכט געווען!...

— וואָס מיר גערעכט? אָט זענען שוין נישטאָ קיין ייִדן! קריגסטו דען איין גראַם ברויט מער?... מען לאַכט פון אונדז! דאָס געבליבענע ברויט פון די ייִדישע מײַלער פירט מען קיין בערלין! דאָרטן פרעסט מען! און דער פּויער דאָ, קריגט אין הינטן אַריין! אָט וואָס!...

די פּויערים פון די דערפער, וואָס צווישן סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק און טרעבלינקע, שטייען אין באַזונדערע גרופּקעלעך און קוקן מיט קנאה־בליקן צו די שטאָטישע: די שטאָטישע אײַנוווינער ווייסן געוויי, אין וועלכער שטוב עס לוינט זיך אַריינצוגיין. זיי האָבן געקענט יעדן ייִד, געהאַנדלט

מיט אים און ווייסן ווער עס איז געווען פאַרמעגלעך און ווער — נישט. די שטאָטישע האָבן אויך, מיט פּראָטעקציע צו דער מאַכט, אויסגעפּועלט מען זאָל זיי צוטיילן די הייזער, אויף וועלכע זיי האָבן שוין פון לאַנג אַן אויג... די שטאָטישע קוקן צוריק מיט שנאה־בליקן אויף די פּויערים פון אַרום, ווי אויף אַזעלכע, וועלכע האָבן בכלל קיין שייכות נישט צום גאַנצן ענין און האָבן נישט קיין רעכט אָפּצולעקן דאָ קיין ביינדל.

— דאָס פאַרמעגן פון סאָקאָלאָווער ייִדן, דאַרפן ירשענען סאָקאָלאָווער איינוווינער און נישט קיין פרעמדע!

— וואָס פאַר אַ שייכות האָבן פּויערים פון פרעמדע דערפער צו אונדזער שטאָט?

צווייִ מחנות האָבן זיך געשאַפן. איין מחנה איז אויפגעברויזט אויף דער אַנדערער. און וואָס לענגער עס דויערט דאָס וואַרטן, ביז מען וועט עפענען דאָס געטאָ־טויער, אַלץ גרעסער ווערט די שנאה און אַלץ שטאַרקער — די נערוועזיטעט.

די פּויערים פון די דערפער, צווישן סאָקאָלאָוו און טרעבלינקע, דערציילן זיך דערווײַלע ווי מען האָט די ייִדן געטריבן אין פאַרניכטונגס־לאַגער אַריין.

— דער רעגן האָט געכליאַפּעט און מען האָט זיי געטריבן. געטריבן צו פוס, ווי סטאַדעס שאָף, מיט אויטאָס און מיט באַנען. אויפן וועג האָט מען זיי געשלאָגן מיט די ביקסן־קאָלבעס, מיט דרענגער! אַ סך האָט מען אויפן וועג דערשאָסן.

— עך, ס'אַראַ געוואַלדן זיי האָבן עס געמאַכט! ביים האַרץ האָט געשניטן!

— נאָך אַ נס, וואָס עס האָט כסדר גערעגנט, האָט עס כאָטש דאָס בלוט אָפּגעוואַשן. ווען נישט דער רעגן, וואָלט נאָך איצט דער וועג סאָקאָלאָוו־טרעבלינקע רויט געווען פון „זייער" בלוט!

אַנדערע דערציילן וועגן איינציקע ייִדן, וועלכע לעבן נאָך, באַהאַלטן זיך אויס אין די אַרומיקע וועלדער, אין די זומפּן און קומען ביינאַכט קלאַפּן אין די כאַטעס און בעטן אַ שטיקל ברויט, אַ שוך, אַ שמאַטע צום פאַרדעקן דאָס נאַקעטע לייב.

— זיי וועלן סיי ווי אויסגיין! פגרן פון הונגער און קעלט! ביינאַכט נעמען שוין פרעסטלעך. זיי וועלן אין די זומפּן דערפרוירן ווערן!

איינער דערציילט:

— אין מיטן נאַכט, איך הער: די הינט בילן. איך קום אַרויס. קיינער נישטאָ. נאָר די הינט רייסן זיך צום שייער... איך קום צו, ערשט עס שטייען צווי יידישע טייוולאָנימלעך. אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען און אַ מיידל פון אַ יאָר זיבן, אַכט. זיי שטייען באָרוועסע, נאַקעטע, צעבלוטיקטע און ציטערן ווי די קראָליקעס... איך האָב געכאַפּט די גראַבליע, געוואָלט דערלאַנגען איבער די קעפּ און נאָך דעם איבערגעבן זיי צו דער פּאָליציי. די פּאָר קילאָ צוקער, וואָס איך וואָלט געקראָגן פאַר זיי, וואָלטן מיר גאַנץ גוט צונוץ געקומען... שוין לאַנג נישטאָ קיין צוקער ביי מיר אין דער כאַטע! נאָר מיין באַבע האָט נישט געלאָזן. זי איז מיר נאָכגעלאָפן, אָנגעכאַפּט די גראַבליע און נישט געלאָזן דערלאַנגען זיי איבער די קעפּ! באַבעס האָבן ווייכע הערצער... זי האָט זיי נאָך אַ שטיק ברויט און אַ קריגל זויער־מילך געגעבן! אַט אַ באַבע!...

און די באַבע, וועלכע שטייט טאַקע נעבן זיין זייט, פאַרענטפערט זיך:

— עס איז דאָך אַ זינד! אויך גאָטס באַשעפענישן!

— דעם טייוולס באַשעפענישן זענען דאָס! — שרייט אַ פלאַקס־האָרי־קער שגץ.

— אָבער יעזוס קריסטוס האָט נישט געהייסן הרגענען! — ענטפערט פרום די פויערטע. — דער ליבער יעזוס האָט אונדז געלערנט רחמנות האָבן.

— אויף די, וועלכע האָבן אים געקרייציקט? — לאָזט דער שגץ נישט אָפּ.

— פאַר דעם, וועט ער אַליין באַצאָלן. — זאָגט די פויערטע גלויביק. — פאַר דעם, וואָס די דייטשן טוען מיט די ייִדן, זענען מיר נישט שולדיק. אָבער די הענט פון גלויביקע קריסטן, דאַרפן זיין ריין פון בלוט!

— גערעכט, באַבאַ! — ווערט אַ צווייטער פויער ווייכער. — מיר זענען נישט שולדיק. אָט ביי מיר, צווישן די סנאָפּעס שטרוי, האָבן זיך אויך באַהאַלטן אַ פּאָר ייִדן מיט אַ קליין קינד אפילו, אַ שטשעניאַק ביי דער ברוסט. איך האָב זיי אויך געקענט איבערגעבן צו די דייטשן און

באַקומען צוקער. פונדעסטוועגן האָב איך עס נישט געטון. איך האָב זיי נאָר פאַרטריבן. אמת, ס׳האָט געכליאַפּעט אַ רעגן, ס׳איז געווען זייער קאַלט און זיי זענען געווען נאַקעט, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן. אָבער פאַרטרייבן זיי האָב איך געמוזט! כ׳וועל דאָך נישט גיין באַצאָלן מיטן קאָפּ פאַרן לעבן פון אַ פּאָר ייִדן! ברענגען אַן אומגליק אויף מיין גאַנצער כאַטע! זיי ווערט מען דאָך סיי ווי דערהרגענען. איר זעט דאָך, אַז עס איז פאַרפאַלן. דער דייטש האָט שוין באַלד אַלע אויסגעהרגעט. מען זאָגט, אַז אין גאַנץ פּוילן איז שוין באַלד נישטאָ קיין ייִדן. די קרעמאַטאָריע אין טרעבלינקע ברענט כסדר און עס שטינקט. און די, וועלכע באַהאַלטן זיך אין די וועלדער און זומפּן, וועלן סיי ווי פּגרן. זיי וועלן עס נישט אויסהאַלטן. איין לייטישער פראָסט און דערליידיקט! מסתמא וויל גאָט אַזוי. פּטור ווערן פון די זינדיקע. וואָס אמת איז אמת: אַ רחמנות איז. אָבער אויסבאַהאַלטן ייִדן האָב איך מורא געהאַט און פאַרטרייבן געמוזט!

— יאָ, יאָ, די ייִדן, ווי די ייִדן. ערגער זענען די פּאַרטיזאַנער! אַן אמתע פּלאָג! נאָך ווינציק האָבן מיר אויסצושטיין פון די דייטשן, איז צוגעקומען אַ נייע אַנשיקעניש: פּאַרטיזאַנער!

— די לעצטע קו האָב איך זיי געמוזט אַוועקגעבן! וואָס די דייטשן לאָזן שוין איבער, נעמען זיי צו. דאָס לעצטע פערד, דאָס לעצטע קעלבל!

— דעם לעצטן שטיקל ברויט באַראַבעווען זיי אונדז!

— אַלדאָס בייז גייט אויס צום פּויערס קאָפּ!

— צווישן צוויי פייערן זענען מיר!

— מען באַראַבעוועט אונדזער גאַנצעווירטשאַפט, מען נעמט צו דאָס לעצטע ביסל תבואה, כאַטש גיי אויס פון הונגער! און דערפאַר באַלוינט מען אונדז מיט אַ פּאָר ייִדישע שמאַטעס!

— זינדיקט נישט, פּויערים, זינדיקט נישט! — שרייט אַן עלטערע, דיקע פּויערטע — פונדעסטוועגן היט אונדז נאָך און באַשיצט אונדז דער זיסער יעזוס! ער וואַכט איבער אונדזערע דערפער און כאַטעס. ווען נישט דער ליבער יעזוס, וואָלטן מיר אפשר אויסגעזען היינט ווי די ייִדן! ווער וואָלט זיך עס אָנגענומען פאַרן אָרעמען פּויער? איך זאָג אייך, מענטשן, ס׳איז אַ זינד אומצוברענגען אַ גאַנצע נאַציע פון אונטערן הימל! אַ גרויסע זינד!

— און פונדעסטוועגן, באַבע, — רופט זיך אָן מיט אַ געלעכטער דער שגץ מיט דער געשפּאָלטענער אויבערשטער ליפּ און קאַסאַקע אויגן — ביסטו געקומען נעמען די געבליבענע שמאַטעס פון די ייִדן... אַ רחמנות אויפן פוקס, אָבער זיין טייער פעלעכל וואַרעמט אַ מחיה!... ווּעסט זיך גערן אָנטון אַ ייִדיש פוטערל און אויסזען מאָרגן ווי אַ באַרינייע!... כאַכאַכאַ!...

— בין איך דען שולדיק פאַר דעם, וואָס איז געטון געוואָרן מיט די ייִדן? — צלמט זיך די פּויערטע — די ייִדן זענען דאָך שוין נישטאָ! און זייערע זאַכן וואַלגערן זיך הפקר! איז דען נישט גלייכער, אַז אונדזערער אַ פּויער זאָל געניסן פון די זאַכן, איידער מען זאָל עס אַוועקשיקן קיין בערלין??!

— ריכטיק! — שרייט אַ רויט־אָנגעגאָסענער פּויער, וועלכער האָט פון זיין וואָגן אַרויס אַ האַלב פלעשל סאַמאָגאָן אויסגעטרונקען. — דאָס זענען דאָך עפּעס געווען אונדזערע ייִדן! — קלאַפּט ער זיך מיט אַ פויסט אין האַרצן אַריין. — אונדזערע ייִדן! און אַז אונדזערע ייִדן, געהערן זייערע זאַכן צו אונדז!

— זעט איר שוין! — זאָגט די פּויערטע — ווען מען וואָלט די ייִדן אַליין געפרעגט, פאַרן טויט, וואָלטן זיי אַליין געזאָגט: „זאָלן בעסער אונ־דזערע פּויערים געניסן, איידער די דייטשן וועלכע טויטן אונדז!"

— סוף־כל־סוף האָבן מיר דאָך מיט די ייִדן גוט געלעבט און גע־האַנדלט!

— זיכער קומט עס אונדז!

יעדע ווײַלע רופט־אָפּ אַן אַנדער פּויערטע איר מאַן און רוימט אים איין אַ סוד אין אויער:

— איך מיין, אַז מען דאַרף די קאַפּליעס פון די אויוונס אַרויסנע־מען... ייִדן באַהאַלטן שטענדיק אונטער קאַפּליעס פון אַן אויוון. און די ברעטער פון די פּאָדלאָגעס אָוועקרייסן. דאָס בעטגעוואַנט און די קליי־דער ווּעלן מיר שוין אין דער היים אַדורכנישטערן.

— גוט, באַבאַ, גוט! — שמייכלט דער פּויער אומגעדולדיק.

— זיי נישט אומגעדולדיק! בלויז איין מאָל מאַכט זיך אַזאַ געלעגנ־הייט! נישט אַלע מאָל הרגעט מען אויס די ייִדן! מיר מוזן געפינען אַן אוצר! הערסט??!

— איך הער!

— און קיין סך צייט איז נישטאָ. דאַרף מען זיך איינטיילן מיט דער אַרבעט. מאַריאַ און סטאַך וועלן קריכן אויפֿן בוידעם און אין קעלער. איך וועל דערוויל אַלץ צוזאַמענגעמען פֿון שטוב און דו וועסט צעלייגן דעם אויוון און אָוועקרייסן די ברעטער!

— געגוג שוין, באַבאַ! איך ווייס אַלץ!

די סוף־אָקטאָבער־זון שמייכלט מיט איר קופּערנער צעשייערטקייט און אירע מילדע שטראַלן ברעכן זיך אין די קנייטשן פֿון די צעאַקערטע פֿויערשע געזיכטער.

פּלוצלינג — אַ גערודער. העכער ווּקסיקע פֿויערים פֿאַררייסן די געמ־בעס איבער די קעפּ פֿון דער גרויער, טומלענדיקער מאַסע און זעען, אַז העט ווייט, ביים געטאָ־וואַנט, איז אַ שטאַרקע באַוועגונג. דאָס טויער איז שוין אָפֿן און פֿורלעך ווערן אַהין אַריינגעשלונגען איינס נאָכן אַנדערן. באַלד האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטון צו זייערע פֿערד און וועגענער. די פֿערד האָבן זיך צעהירזשעט, די קעפּ מיט די האָלאָבלעס געהויבן, געגלאָצט מיט די גרויסע, פֿייכטע אויגן און נישט געפֿונען קיין וועג צום פֿאָרן, סיידן אויפֿהייבן זיך מיט די פֿאָדערשטע פֿיס און אַרויף אויפֿן שכנס פֿור. האָט איין פֿויער דעם צווייטנס פֿערד געשמיסן, מכבד געווען זיין שכן אין דער מאַמען אַריין. די שכנות האָבן זיך אַריבערגעשפּיגן פֿון איין פֿור צום אַנדערן. און די דאָרפֿישע קולות מיטן הירזשען פֿון פֿערד האָט געדיכט געיווירט אין דער לופֿט צוזאַמען מיטן גילדענעם שטויב פֿון צעריבענער שעטשקע, וואָס איז מיט די קופּערנע זון־שטראַלן ווי מיט פֿינגער גע־קנאָטן געוואָרן.

ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע פֿורלעך גענומען רירן אין איין ריכטונג און גענומען שטראָמען וואָס אַמאָל שמעלער און שמעלער, ווי אַ פֿאַרפּליי־צונג איבער פּלאַכע לאָנקעס, וואָס ציט זיך צוריק און קערט זיך אום אין שמאָלן טייך־מולטער.

ביים אויפֿגעפּראַלטן געטאָ־טויער איז געשטאַנען אַ דייטשער פּאַטרול, וועלכער האָט קאָנטראָלירט די פּאַפּירלעך אין די פֿויערשע דלאָניעס. אַ בליק אין פּאַפּירל און אַ ווייז מיטן שטעקעלע אין טויער אַריין.

תיכף ביים אַריינפֿאָרן אין פּוסטן געטאָ אַריין, ביי די ערשטע הונדערט

מעטער, איז יעדן פּויער באַפֿאַלן אַ רעליגיעזער פּחד. אַ סך האָבן זיך טאַקע גענומען צלמען און פּרעפֿלען גאָטס נאָמען. די אומהיימלעכקייט האָט גרויליק געגלאָצט פֿון דער טונקלקייט אין אויפֿגעפּראַלטע טיר און פֿענצ־טער, פֿון דער טויבער פּוסטקייט אין יעדן הויף, פֿון די אַרויסגעשליידער־טע, צעבראָכענע שטיקער מעבל, קופּעס מיסט, צעפֿליקט בעטגעוואַנט און פֿאַרבלוטיקטע שמאַטעס, וואָס ליגן אָנגעהויפֿנט פֿאַר יעדן אַרײַנגאַנג. אַ שפּעט־האַרבסטיקער ווינט, וואָס זיי האָבן נישט באַגעגנט אין וועג און אויך נישט געפֿילט פֿריִער אין שטעטל, האָט זיך דאָ איצט אַרומגעיאָגט אַ דולער אין די פּוסטע געסלעך און געיאָמערט. דער ווינט האָט געקלאַפּט מיט די אָפֿענע טיר און פֿענצטער, געקלונגען מיט די אײַזערנע פּרענטן פֿון לאָדנס און געוועלבער־טירן, זיך געהוידעט אויף שטיקער אָפּגעריסענע דאַך־בלעכן, געקלימפּערט און געקלונגען. און די פּויערים האָט זיך גע־דאַכט, אַז דאָס זענען די נשמות פֿון די אויסגעקוילעטע ייִדן. די נשמות האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון טרעבלינקע צו זייערע אַלטע היימען און היטן זייער איבערגעלאָזטן פֿאַרמעגן. האָבן זיי זיך גענומען אין האַרצן פֿאַרענטפֿערן: „מיר זענען נישט שולדיק. אָרעמע פּויערים. מען גיט אונדז, נעמען מיר, לויטן געזעץ״.

אָבער צוזאַמען מיט דער גרויליקייט, האָט די טונקלקייט פֿון די ייִדי־שע פּוסטע וווינונגען, געלאָקט און געצויגן און דאָס לאָקעניש האָט גובר געווען דעם פּחד און די אומהיימלעכקייט. די פּוסטע געטאָ־געסלעך זענען פֿאַרהילכט געוואָרן מיט אײַזערנע רעדער אויף שטיינערנעם ברוק, מיט פּאָדקאָוועס, בייטשן־געשווישטש, הירזשערײַ פֿון פֿערד און פּויערשע קו־לות. מיט אימפּעט האָט זיך יעדערער געריסן צו זײַן ציל: וואָס שנעלער צו דערזען דאָס דאָברע־מזל, וואָס איז אים פֿון הימל באַשטימט געוואָרן. זיי האָבן זיך צעשאָטן אויף רעכטס און לינקס, אין די גאַסן און געסלעך פֿון געטאָ. ווו־נישט־ווו זענען שוין פֿורן געשטאַנען האַלב־אָנגעלאָדענע און פּויערים־משפּחות האָבן אימפּעטדיק געהאַלטן אין איין טראָגן פֿון די שטיבער אַרויס, אויף די פֿורן אַרויף. געלאָפֿן הין און צוריק פֿאַרשוויצט, פֿאַררויטלט און פֿאַרשמייעט.

ביסלעכווײַז האָט זיך יעדער פּויער אָפּגעזוכט זײַן באַשערטע כאַטע און דער גאַנצער געטאָ האָט באַקומען אַן אויסזען ווי אַ שטעטל, וואָס

עוואַקויִרט זיך אין איילעניש, אַנטלויפט פון אַ מגפה, פון אַ שרפה, אָדער פון אַ דראָענדיקער פאַרפלייצונג.

יעדע משפחה איז איצט פאַרנומען מיט זיך און מיט איר באַשערט־קייט. קיינער האָט איצט קיין אויער נישט פאַרן אָרעמען סטעפאַן, פון וועלכן דאָס מזל האָט חוזק געמאַכט: ער האָט געפונען די כאַטע, וואָס איז אַנגע־נויזן אין זיין צעטל און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָר אַ בית־מדרש. בלויז טישן, בענק און ספרים. דאָס וואָס ער האָט געפונען איז: אַ סאַמעטענער פאָרהאַנג (פּרוכת), אַ פּאָר מעשענע לייכטער און אַ קופּער־נער האַנט־פאַס. די סטעפּאַנעכע שלאָגט זיך קאָפּ און וואַנט אויף איר אומגליק, קלאָגט און יאָמערט. סטעפאַן שטייט אַ בלייכער, אַן אָפּגעגנאַרטער און ציטערט אין גאַנצן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער זידלט, שעלט און שפּייט. די קינדער וויינען. זיי דערנענטערן זיך צו אַנדערע כאַטעס, טרייבט מען זיי אַוועק. מען הייבט שטעקנס איבער זייערע קעפּ און מען וואַרפט זיי נאָך קללות, ווי שטיינער. מיט גרויס צער און פאַרדרוס, נעמט סטעפאַן צונויפקלייבן אין זיין וואָגן אַריין די הפקר־זאַכן, וואָס ליגן צעשפּרייט אויף דער גאַס: צעריסן בעטגעוואַנט, פאַרבלוטיקטע מלבושים און וועש, אַלטע שוכוואַרג, כלים און צעבראָכענע שטיקלעך מעבל. סטעפּאַנעכע מיט די קינדער טוען אויך דאָס זעלבע און הערן דערביי נישט אויף צו יאָמערן.

און קיינער האָט איצט נישט קיין צייט צו הילף צו קומען דער אלמנה ראַגאַזשקאַ מיט אירע יתומים. די ראַגאַזשקאַ האָט דווקא גע־פּאַקט אַ שטוב מיט כל־טוב. נאָר אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָט זי זיך, אין דער טונקלקייט, באַגעגנט מיט די שרעקלעכע, בייזע בליקן פון אַ גרויסער, שוואַרצער קאַץ. דאָס בלוט אין די אָדערן איז איר אַזש פאַר־גליווערט געוואָרן. די קאַץ איז געזעסן אויפן קרעדענץ, אַ גרויסע, אַ שוואַר־צע, אַ פעטע, מיט אַ פּאָר גרינע בלישטשענדיקע אויגן. אַז די ראַגאַזשקאַ האָט געוואָלט צוגיין, האָט די קאַץ זיך פאַרמאָסטן אַ שפּרונג צו טון איר אין פּנים אַריין. די קינדער זענען שטיין געבליבן בלייך און צעשראָקן און די ראַגאַזשקאַ האָט זיך אַזש עטלעכע מאָל איבערגעצלמט. די שוואַר־צע קאַץ האָט געקוקט מיט מענטשלעכע אויגן. מיט גרינע אויגן פון אַ פאַרצווייפלטער פרוי, וועלכע לאָזט זיך נישט באַראַבעווען, איז גרייט

אין די האָר אַריינצושפּרינגען און די אויגן אויסדראַפּען. ווי גרויס און פעט זי איז, האָט זי זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן, אויפגעהויקערט, אויסגעשפּיזט אירע שטעכיקע וואָנצעס, צעשטשירעט די ציין ווי אַ טיגער און אַרויסגעלאָזט פון זיך אַזאַ שרעקלעכן „מיאַ־ו!“, אַז די אלמנה מיט די קינדער האָבן אויפגעשוידערט און גענומען רופן הילף. אָבער קיינער האָט זיי איצט נישט געהערט.

די שרעקלעכע, שוואַרצע קאַץ איז נאָך גרעסער און ווילדער געוואָרן. זי איז געשפּרונגען פון קרעדענץ צו דער שאַנק, פון טיש אויף דעם בעט אַרויף, געגלאָצט מיט די גרינע, טיגערישע אויגן, געשפּיזט די וואָנצעס, געשטשירעט מיט די ציין און מוראדיק געמיאַוקעט.

— יעזוס, מאַריאַ! — האָט די אלמנה זיך געבעטן — וואָס בין איך ערגער פון אַלע פּויערים? וואָס בין איך שולדיק? לאָז, קעצעלע, נעמען... אַנישט וועלן דאָך די דייטשן.

די קאַץ איז אַלץ ווילד געשפּרונגען אויף יעדער זאַך, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט אָנרירן. זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע געדראָעט צו צערייסן. אין פאַרצווייפלונג האָט די ראָגאָזשקאַ געכאַפּט אַ לאָפּאַטע, גענומען יאָגן די קאַץ און באַפוילן די קינדער:

— נעמט און טראָגט!

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש איבער טיש און בענק. זי האָט איר עטלעכע מאָל מיט דער לאָפּאַטע דערלאַנגט. די קאַץ האָט אַ ווילדן מיאַוקע געטון, גענומען הינקען אויף אַ הינטערשטער פוס. אָבער זי איז נאָך ווילדער און צאָרניקער געוואָרן. ראָגאָזשקאַ האָט גענומען שליידערן אין איר געפעס און כלים. די קאַץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענצטער. ראָגאָזשקאַ האָט איר ווידער דערלאַנגט מיט דער לאָפּאַטע, אַרויסגעשטופּט און פאַרמאַכט דעם לאָדן. איצט איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרסאַפּעטע, אַן אַרויסגעשלאָגענע פון די כוחות און זיך געווישט מיט אַ שפּיץ פון קאָלירטן קאָפּ־טיכל דעם אַנגסט־שוויס פון צעפלאַמטן פּנים.

— אָט אַ טייוול, נו! קוים פאַרטריבן! און איצט, קינדער, שנעלער! גענומען זיך צו דער אַרבעט!

**
*

צו דער באַשטימטער צייט זענען שוין אַלע פורן געווען הויך אָנגעלאָדן מיט בעטגעוואַנט, מלבושים, געשיר און שטיקער מעבל. צו דער באַשטימטער צייט זענען זיי שוין אַלע געווען צונויפגעזאַמלט אויפן געטאָפלאַץ, וואָס פאַרן טויער, גרייט אַרויסצופאָרן מיטן רייכן פאַנג. די איבערגעלאָדענע וועגענער האָבן געשריִען מיט אַלע קאָלירן. פאַר די משפחות איז שוין נישט געווען קיין פלאַץ צום זיצן. יעדע משפחה איז געשטאַנען אַרום איר וואָגן, פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, ווי פאַר אַ בייז אויג פאַרשטעלט און אויפגערעגט געשמייכלט. כל־זמן זיי שטייען נאָך דאָ, אין געטאָ, זענען זיי נאָך מיט גאָרנישט זיכער. אַלעמענס אומגעדולדיקע אויגן זענען געווענדעט צום טויער. נאָר דאָס טויער איז ווידער פאַרמאַכט, ווי איידער מען האָט זיי אַהער אַריינגעלאָזן. דער דייטש איז פּינקטלעך: צו דער באַשטימטער צייט האָט ער אַריינגעלאָזן און צו דער באַשטימטער צייט וועט ער אַרויסלאָזן. קענען זיך עס טאַקע די פּויערים נישט שענקען, וואָס זיי פּטרן דאָ אומזיסט צייט. געקענט נאָך גראָבן און זוכן, האָט מען זיך געאיילט, נישט צו דערצערענען דעם דייטש און זיין פּינקטלעך. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אוצרות דאָרטן זענען נאָך געבליבן באַגראָבן?! ווער ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָרט נאָך איבערגעלאָזט? נאָך אַזאַ געלעגנהייט וועט שוין מער נישט זיין!

האַלטן עס טאַקע אייניִקע נישט אויס, לאָזן איבער די משפחה אַרום וואָגן און אַליין לאָזן זיי זיך ווידער איבער געסלעך, הייזער און הויפן, קריכן אויף בוידעמער און אין קעלערן און ברענגען טאַקע נאָך עפּעס צו שלעפּן. אין וואָגן צו לייגן איז שוין נישטאָ ווו, הענגט מען עס אָן, צוגעבונדענערהייט, אין דער דרויסנדיקער זייט פון די וואָגן־לייטערלעך. עס קלימפּערן סאַמאָווואַרן, ניי־מאַשינען, טשייניקעס און שטיוול. די שטיוול שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט שטעלן טריט, אַרויסרייסן זיך פון וואָגן און צוריקלויפן...

די זון שטייט הויך, אין מיטן הימל, שוין אין גאַנצן אַ צעגליטע. אַ היץ, ווי אין אַ מיטן־זומער טאָג. די פּויערים זענען צעפּאַרעט און מיט פייכטצעגלאַנצטע אויגן קוקט מען צום טויער, וועלכער איז נאָך אַלץ פאַרמאַכט.

וועגט מען דערווײַלע, מען מעסט מיט די אויגן און מען שאַצט די שכנישע פורן: וועמענס מציאה איז אַ גרעסערע? ווער האָט מערער און ווערטפֿו־לערס?

די איינציקע, וואָס זיצן אויף זייער וואָגן איז די פֿאַרשעמטע משפּחה פֿון אָרעמען סטעפּאַן. זיי קוקן מיט האַרצווייטיק אויף די פֿורן אַרום. און אַלע אַרומיקע שעמען זיך צו קוקן די סטעפּאַנס אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען אין די סטעפּאַנס אומגליק.

די אלמנה ראָגאָזשקאַ האָט זיך דווקא נישט וואָס צו באַקלאָגן. איר וואָגן איז אָנגעלייגט אַזוי, ווי דריי געזונטע מענער וואָלטן עס געדאַרפֿט טון. אָבער וואָס צום דערציילן האָט זי. שטייען טאַקע, אַרום איר, מענער און פֿרויען מיט נייגעריק צעגלאָצטע אויגן און הערן זיך צו פֿאַרגאַפֿט. יעדע ווײַלע צלמט זיך עמעץ איבער:

— יעזוס, מאַריאַ!

און ראָגאָזשקאַ, אַ צעפּלאַמטע, אַ צעשויבערטע, פֿאָכעט מיט די הענט:

—איך גיי צום קאָמאָד, זי שפּרינגט אויף מיר! גיי איך צום שאַנק, גיט זי אַ שפּרונג! גלאָצט מיט די אויגן און מיאַוקעט מיט אַ שטים פֿון אַ מענטש!

— אַט אַ טייוול! — זאָגט אַ פּויער.

— ניין. — שאָקלט אַן אַלטע באַבע מיטן קאָפּ — דאָס איז די נשמה פֿון אַ ייִד!

— גערעכט! די נשמה פֿון אַ ייִד! — חזרן אייניקע איבער.

— קען זיין דער באַלעבאָס, אָדער די באַלעבאָסטע פֿון דער שטוב!

— ריכטיק! — שרייט אַ הויכער, געשטופּלטער פּויער מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן אין זיין בלייכן פּנים — איך האָב שוין לאַנג געהערט, אַז ווען אַ ייִד שטאַרבט, גייט זיין נשמה אַריין אין אַ הונט, אָדער אין אַ קאַץ! ייִדישע נשמות האָבן קיין מאָל נישט קיין רו, זינט זיי האָבן יעזוסן געקרייציקט!

און פּלוצלינג האָבן אַלע אויפֿגעשווידערט און שטום געוואָרן. דאָס רעדל מענטשן האָט זיך אין פּאַניק גענומען דערווייטערן פֿון וואָגן, זיך הינטערוויילעכטס צוריקציִען אין אַן אויסגעברייטערטן קרייז. אַלע פּנימער

זענען פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן פֿון פּחד. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט גרויל.

— יעזוס, מאַריאַ!

מאַטקאָ באָסקאַ!

מען האָט זיך געצלמט און ציטערנדיקע ליפּן האָבן זיך צעפּרעפּלט מיט תּפֿילה.

— וואָס איז געשען? — האָבן זיך אַרומיקע נייגעריקע פּויערים געפֿרעגט.

נאָר די פֿון קרייז, האָבן קיין קלאַנג נישט געקענט אַרויסברענגען און נאָר מיט ציטערנדיקע פֿינגער געטייטלט צו דער פֿור.

אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דער אַלמנה ראַגאַזשקאַס אָנגעלאָדענעם וואָגן, איז געשטאַנען אַ גרויסע, שוואַרצע קאַץ, געגלאָצט מיט אַ פּאָר גרינע, גרויליקע אויגן און שווידערלעך געמיאַוקעט. די פֿון פֿריִער אָנגעשראָקענע ראַגאַזשקאַ און די, וועלכע זענען געווען אונטערן איינדרוק פֿון איר דערציילן, האָבן איצט נישט געקענט צו זיך קומען. דאַקעגן די אַרומיקע פּויערים, צעשטראַלטע פֿון שׂמחה, האָבן אין דער קאַץ געזען נישט מער ווי אַ פּשוטע קאַץ...

— איז וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן? באַבעס!...

— אַ ייִדישע קאַץ! — האָט אַ פֿרומע קריסטן געמורמלט — אַ ייִדישע נשמה! זעט נאָר, ווי אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע...

— טאַקע ווי אַ ייִד, אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע!... כאַכאַכאַ!...

— אַ ייִד אין אַ קאַפּאָטע!... כאַכאַכאַ!...

— אַ שוואַרצער טייוול! — האָט אַ היסטערישע פּויערטע זיך צעשריִען און געקושט דעם צלמל, וואָס אויף איר האַלדז.

די זון האָט געשיינט, די וועגענער זענען געווען פֿול און די הערצער ביי די אַרומיקע פּויערים — פֿריילעך און מונטער. די ווערטער „ייִדישע קאַץ", „ייִדישע נשמה" און „שוואַרצע קאַפּאָטע", האָט זיי נאָך מער לוסטיק געמאַכט און געריצט זיך צו געבן אַ שפּיל... אַ שטיף טון מיט דער „ייִדישער קאַץ"... האָט איינער געכאַפּט אַ דראַנג און זיך פֿאַרמאָסטן זי צו דערלאַנגען. די קאַץ האָט דאַן אַ ווילדן שפּרונג געטון גלייך דער ראַגאַזש-

קאַן אין פּנים אַריין. זי האָט קוים באַוויזן אַ געשריי צו טון „יעזוס!" און איז אומגעפאַלן אַ געשליידערטע צו דער ערד.

— ראַגאַזשקאַ חלשט! וואַסער!

די קינדער האָבן אויפגעהויבן אַ יאָמער. ווייבער האָבן זיך אין פּאַניק צעלאָפן. מענער האָבן געבראַכט וויאַדרעס וואַסער, געגאָסן אויף דער פאַרחלשטער, ביז זי האָט אויפגעשווידערט און באַקומען קאַנוולסיעס. דאַן ערשט האָט מען דערזען, אַז איר פּנים איז צעשונדן, פאַרבלוטיקט און דאָס לינקע אויג איז אין גאַנצן אויסגערונען.

— צום דאָקטאָר! צום דאָקטאָר! — האָבן איר עטלעכע מענער געגנומען שלעפן צום טויער.

אַנדערע האָבן געכאַפּט דרענגער, לאָפּאַטעס, לאָמען און העק און זיך אַ לאָז געטון זוכן די קאַץ.

— טוט דאָס נישט! — האָבן ווייבער היסטעריש געשריען.

און די מענער האָבן געווילדעוועט:

— אַ ייִדישער טייוול! נאָכן טויט איז ער זיך נוקם! נאָך וואָס דאַרף אַ טויטער ייִד זאַכן? וואָס אַרט אים, אַז אַ פויער וועט דאָס האָבן?

— לינטשן! כל־זמן זי לעבט, וועט זי אונדז שאָדן אָנטון! ממיתט איר!

— ברידער! יאָגט, ממיתט די ייִדישע קאַץ!

די שוואַרצע קאַץ איז געשפּרונגען פון איין פּור אויף דער אַנדערער. ווייבער זענען זיך צעלאָפן. מענער האָבן געקלאַפּט מיט די דרענגער. נאָר יעדע ווײַלע איז זי פלוצלינג פאַרשוווּנדן און פלוצלינג אַ שפּרונג אַרויס געגעבן פון אַן אָרט, ווו מען האָט זיך נישט געריכט.

— טוט דאָס נישט, קריסטן! — האָט זיך אַן אַלטיטשקע געבעטן — צוויי מאָל דערהרגענען טאָר מען נישט. זאָל זי לעבן אין אַ קעצישן גילגול!

אָבער די צעיושעטע פויערים הערן איר נישט. דאָס רוצחישע בלוט האָט זיך צעזידט. און דווקא ווייל ס'איז אַ ייִדישע קאַץ, מוזן זיי איר הרגענען! נאָר וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַזעלכע קלעפּ ווי זי האָט שוין אַריינגעקראָגן, וואָלט אַן אַנדער קאַץ, אַן אמתע, נישט אויסגעהאַלטן! מען האָט איר שוין דעם קאָפּ צעפּלעטט, די פּעל צעריסן, אַ פוס אונטערגעבראָכן און זי שפּרינגט אַלץ!!! דער קרייז באַוואָפנטע פויערים ווערט אַלץ ענגער,

דער וואַלד פון דרענגער — אַלץ געדיכטער. גרילציקע קולות שרויפן זיך אין דער לופט. די קאַץ הינקט מיט צעבראָכענע פיס, מיט דער צעשוני־דענער פעל און פאַרבלוטיקטן קאָפּ. און מאָדנע: קיין איין מיאַוקע האָט זי, פאַר דער גאַנצער צייט, נישט געגעבן. שטומערהייט אויפגענומען דעם האָגל פון שטיינער אויף זיך, זוכנדיק אַנטרינונג אונטער די וועגע־נער. אַ שוואַרצער ציגל האָט איר געטראָפן. זי האָט זיך איבערגעקייקלט און זיך ווידער געפּרוווט שטעלן אויף די פיס. נאָר דאָ איז אַ געוואָרפע־נער טיש געפאַלן אויף איר און זי צוגעדעקט. און איצט, צום ערשטן מאָל במשך פון גאַנצן קאַמף, האָט זיך דערהערט פון אונטערן טיש אַפּיר אַ יאָמערלעך־צעצויגענעם, גרויליקן „מיאַ־ו־ו!" וואָלט דאָ אַ ייִד געווען, וואָלט ער געמעגט שווערן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין קעצישער מיאַו, נאָר אַ ייִדישער „שמע ישראל"! ווען מען האָט דעם טיש אַוועקגעשאַרט, איז שוין די קאַץ געלעגן אַן אומבאַוועגלעכע מיט אַ פּאָר ברייט צעעפנטע גרינע אויגן.

ווען פון געטאָ־טויער זענען פויערים צוריקגעקומען מיט דער פינצ־טערער בשורה, אַז די ראָגאַזשקאַ איז געשטאָרבן ביים דאָקטאָרס שוועל, זענען אַלע פויערים עלעקטריזירט געוואָרן. זיי האָבן די היטלען אַראָפּ־גענומען, זיך געצלמט און שטיין געבליבן מיט געבויגענע קעפּ. זיי האָבן זיך דערביי קיין דין וחשבון נישט אָפּגעגעבן, אַז דאָס שטייען זיי אַזוי רונד אַרום דער געלינטשטער קאַץ, ווי זיי וואָלטן איר דעם לעצטן כבוד אָפּגעגעבן...

— נקמה!!! — האָט זיך אַ פויער ווילד צעשריגן.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען: אַן וועמען? קיין ייִדן זענען דאָך שוין נישטאָ! נאָר דאָס בלוט האָט זיך ווידער צעזאָטן מיט רציחה און ווידער איז אַ האָגל שטיינער געפאַלן אין דער טויטער קאַץ.

— פאַרברענען איר! ווי אין טרעבלינקע! זאָל זי האָבן דעם סוף פון אַלע זשידעס! — האָט די זעלבע שטים געשריִען.

באַלד זענען צונויפגעבראַכט געוואָרן ברעטער, לאָדנס און טירן. אַלץ איז אויף דער קאַץ געוואָרפן געוואָרן. עמעץ האָט מיט נאַפט באַגאָסן און אונטערגעצונדן און באַלד האָט זיך אַ שייטערהויפן צעפלאַקערט אין מיטן פלאַץ פון טויטן ייִדישן געטאָ.

דער טויער איז שוין לאַנג געווען אויפגעפראַלט און די איבערגעלאָ־דענע פורן האָבן זיך שוין געהאָצקעט און געקלימפּערט איבער די שטעטל־שע גאַסן, צו די שאָסייען צו. נישט נאָר די וועגענער, אויך די פויערשע הערצער זענען איצט שווער געווען. די שמחה איז אין גאַנצן געווען אַ פאַרשטערטע.

ווייט הינטערן שטעטל, האָבן זיי נאָך אַלץ געזען די פלאַמען און קנוילן רויך פון פלאַקערנדיקן שייטער.

נאָר די יתומים פון דער ראָגאָזשקאַ האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז נישט קיין שוואַרצע קאַץ סמאַליעט זיך דאָרטן, נאָר דער קערפּער פון זייער אָרעמער מאַמען.

אַ דיכטער פירט אונדז אין באָד אַריין

מיך מאַטערט כסדר אַ פראַגע, אויף וועלכער איך קען זיך קיין ענטפער נישט געבן און אפשר האָבן שוין געלערנטע, ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט, דעם ענין געפאָרשט און אַ קלאָרע תשובה יאָ געגעבן? — מיר איז זי אָבער אומבאַקאַנט.

די פראַגע איז פאָלגנדע:

צי ענדערט אַ סיטואַציע דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן, אָדער פאַרהוילענע נייגונגען פון זיין כאַראַקטער קומען צום אויסדרוק אין אַ פּאַר זיי געווונטשענער סיטואַציע?

קלאָרער:

צי שאַפן סיטואַציעס נאָבללייט און פאַרברעכער, אָדער סיי די נאָבלקייט און סיי די פאַרברעכערישקייט איז שטענדיק געלעגן באַהאַלטן אין זיין כאַראַקטער און געלויערט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט?

די פראַגע מאַטערט יעדן געוועזענעם קאַצעטלער, ווען ער טראַכט וועגן זיין „קאַפּאָ", וועלכן ער האָט, ביז דער מלחמה, געקענט אַלס אָנשטענדיקן מענטשן, אַלס זיידענעם יונגנמאַנטשיק, און אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער ערגסטער אויסוווּרף, שלעגער און מסור.

נאָר וועגן קאַצעט, זאָלן קאַצעטלער רעדן. מיר, וועלכע זענען אין אָט דער אָפּטיילונג פון גיהנום נישט געווען, דאַרפן טאָגטעגלעך מאַכן די ברכה: „אַ דאַנק צו דיר און אַ לויב צו דיר, וואָס דו האָסט אונדז נישט געשטעלט פאַר אַזעלכע נסיונות".

איך בין געווען אויף דער „פריי"... אַלנפאַלס — אין אַזעלכע סיטו־

אַציעס. אין וועלכע מען האָט נאָך געקענט נסיונות ביישטיין. און דאָך — איך האָב פיל פון מיינע קאָלעגן און פריינט נישט דערקענט.

וואָס איז דאָס געווען מיט זיי? וואָס האָט זיי דען געצוווּנגען אַזוי צו האַנדלען? — — —

אָט איצט, ווען איך טראַכט וועגן דעם, טויכן־אויף פאַר מיר צוויי געשטאַלטן, באַקאַנטע אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה: איינער — אַ דיכטער פון גאַליציע, אַ צאַרטער ליריקער, דער מחבר פון אַ בוך סאָ־נעטן. — גאַנצע הונדערט סאָנעטן!... און דער צווייטער — אַ פאַרלעגער. געוווינט האָט ער אין אָטוואָצק, און אין וואַרשע — אַרויסגעגעבן ייִדישע ביכער....

הינטער אָט די צוויי, שטייען נאָך און נאָך. איך זע אַצינד, ווי זיי באַהאַלטן די שולדיקע בליקן, ווי זיי רויטלען־זיך פאַרשעמט: „מיר זע־נען געשטרויכלט געוואָרן — — —. זיי מוחל, פאַרגעס — — —".

און איך אַליין וויל טאַקע פאַרגעסן, ווייל אומהיימלעך ווערט מיר אין מיין סביבה און פיינלעך — צו קוקן חברים אין די אויגן אַריין, ווען איך געדענק.

אָבער אָט די ערשטע צוויי, דער דיכטער און דער פאַרלעגער, זיי שטאַרצן תמיד פאַר מיינע אויגן מיט ציניש שמייכלען, מיט פרעכער, רשעותדיקער האָפערדיקייט. — ניין, זיי קען איך נישט פאַרגעסן!

איך בין געלאָפן פון דייטש. צוויי־און־צוואַנציק מעת־לעת בין איך גע־לאָפן צו־פוס פון וואַרשע, ביז קאָוועל. ווייטער האָב איך שוין לויפן נישט געקענט. יעדער פוס מיינער איז שוין געווען ברייטער, ווי איך אינגאַנצן... איך האָב זיי געמוזט אויסרוען, ווייקן און היילן די ווונדן. און צומאָרגנס נאָך מיין קומען קיין קאָוועל, איז שוין נישט געווען וווהין און נאָכוואָס צו לויפן: די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין שטאָט.

מיט די בהלה־וועגן זענען אָנגעקומען נאָך עטלעכע שרייבער פון וואַרשע. אין דער „טאַז"־געביידע האָט מען אונדז אָפּגעגעבן אַ זאַל מיט אַ ריינער פּאַדלאָגע צום ליגן. אַפילו שיעניקעס שטרוי און טעפּ מיט מאַרמעלאַדע האָט מען אונדז געבראַכט. האָבן מיר געגעסן זיסן מאַרמע־

לאַד מיט געזאַלצענע טרערן: „געכטן זענען מיר נאָך געווען מענטשן מיט מענטשן צוגלייך. געהאַט אַ היים, אַ ווייב, אַ קינד. היינט זענען מיר פּליטים, וואַלגערן־זיך אויף פרעמדע פּאָדלאָגעס און עסן פון פרעמדע טעפּ. און די ווייבער? די קינדער? — געלאָזן אויף הפקר אין תליונס הענט! ווי האָבן מיר עס געוואָגט? ווו איז אונדזער שכל געווען? — פאַר־נאַרט, צעטומלט געוואָרן אין דער וויסטער מהומה! וואָס וועט איצט זיין מיט זיי? און וואָס וועט דאָ ווערן פון אונדז? — — —". מיר האָבן גע־געסן מאַרמעלאַד און געגעסן זיך אַליין. מיר זענען געלעגן אויף די שיע־ניקעס איינער נעבן אַנדערן, פאַרזונקענע אין פינסטערע מחשבות. אָבער מיט יעדער נאַכט, האָט זיך איינער דערווייטערט פון אַנדערן, ווי די פּאָדלאָגע פון „טאָז"־זאַל וואָלט אַ ים געווען, און יעדער שטרוי־שיעניק — אַ זעגל־שיף...

לאַנג רוען אויף דער פּאָדלאָגע אין דער „טאָז"־געביידע האָט מען אונדז נישט געלאָזן. אין שטאָט האָבן שוין באלעבאַטעוועט נייע באלעבאַ־טים און אויך דער „טאָז" האָט באקומען אַ נייעם באלעבאָס. ביי די אַלטע באַלעבאַטים וואָלט עס אַזוי גיך צו קיין עקסמיסיע נישט געקומען. מען וואָלט זיך געקענט אָפּבעטן... אָבער אַז דער נייער באַלעבאָס האָט געהייסן גיין, זענען מיר זיך צעגאַנגען. ווער — קיין ביאַליסטאָק, ווער — קיין ווילנע און ווער — קיין לעמבערג.

איך בין אין די אַלע דריי שטעט געווען. אַ דאַנק חברים, בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַקיר, וועלכער לויפט אַ באָרוועסער איבער צעגליטע קוילן...

לעמבערג.

צענדליקער שרייבער פון וואַרשע זענען דאָ. אַז איינער קוקט־אָן דעם אַנדערן, דערזעט ער זיין אייגענעם קלאָגעדיקן אויסזען. די שיך צעפּליקט פון דעם הונדערט־־קילאָמעטערדיקן שפּאַצירל... די קליידער — שמוּר־ציק, צעקנייטשט, פון וואַלגערן־זיך אין סטאַדאָלעס, שייערן און אין די בלאָטיקע ראָוועס פון פּייכטע און ליימיקע פעלדער. די פּנימער — נישט־ראַזירטע, געגרונצלטע, בלייכע. די אויגן — אויגן פון צעשראָקענע האָזן, וואָס האָבן זיך, מיט פאַרסמאַליעטע פעלן, געראַטעוועט פון אַ ברענענ־דיקן וואַלד.

קיינער פון אונדז האָט נאָך נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ און ווייסט נישט, ווו ער וועט די נאַכט נעכטיקן. אָבער דאָך איז מען שוין האָפער־דיקער: ווייטער לויפן דאַרף מען שוין נישט... די דייטשישע באָמבאַרדי־רער פליען נישט איבער די קעפּ, פּוליעמיאָטעווען נישט מער מיט קיין געדיכטע סעריעס איבער די פעלדער מיט פּליטים פאַרזייט. מיר זענען אין לעמבערג און לעמבערג איז אַ שטאָט!... דאָ וווינען אויך קאָלעגן יידישע שרייבער. זיי וועלן נישט לאָזן קיינעם אויף דער גאַס. נאָך אַ קנאַפּן מאָנאַט וואַלגערן־זיך, ווי הפקרדיקע הינט הינטערוועגנס, וועט מען ענד־לעך אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער און זיך אַריינלייגן ערגעץ אין אַ מענטשלעך בעט...

יאָ, אָבער ווי קאָן מען זיך עס לייגן אין אַ ציכטיקער בעט, ווען אַליין איז מען אַזוי שמוציק? דאָס דורכגעשוויצטע אונטערוועש קלעבט־זיך צום לייב. די גאַנצע הויט סוועגדזשעט ווי ביי מאָזלען... — אַך, ווען מען קען זיך דאָס איצטער אַריינכאַפּן אין אַ הייסער באָד!... אויספּאַרען־זיך דאָס מידע לייב, אויסבריען־זיך די צעווייטיקטע ביינער, אַראָפּשווענקען פון זיך דעם שווייס, דעם שטויב, דעם שמוץ! — — —

ניין, צו קיין באָד איז פשוט נישט צוצוקומען. לעמבערג איז פאַר־פּלייצט מיט הונדערטער־טויזנטער פּליטים. ביי יעדער באָד איז שוואַרץ פון המונים. מעת־לעתן גאַנצע שטייט מען דאָרט.

נאָר אָט קומט צולויפן אַ חבר און זאָגט־אָן די גוטע בשורה:

— באַלד וועט מען אונדז פירן אין באָד־אַריין!..

— ווער?

— דער דיכטער ק.

דער דיכטער ק. איז אַ לעמבערגער. זיין בוך סאָנעטן איז זייער געליבט געוואָרן. ער איז געשעצט און געאַכטעט פון אונדז אַלעמען. די ראַטנמאַכט האָט אים אַרויסגעוויזן צוטרוי, געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער לעמבערגער שרייבער־גרופּע. אַ לעבן־לאַנג האָט ער געלעבט אין דחקות, אין נויט. אָבער איצט איז ער אויפן פערדל און אין זיינע הענט ליגן ברייטע מעגלעכקייטן. יאָ, קאָלעגע ק. פאַרשטייט אונדזער לאַגע. ער ווייסט וועלכע הילף עס דאַרף זיין די ערשטע, די דרינגענדסטע...

— ער גייט!..

— יאָ, ער גייט!...

מאַדנע: דער אייביק־העפּלעכער, פריינטלעכער, קאַלעגיאַלער דיכ־טער ק. האָט זיך מיט קיינעם פון די שרייבער־פּליטים נישט באַגריסט. ער איז אָנגעקומען אַ האָפערדיקער און אַ וואָרף־געטון מיליטעריש אַ קאָמאַנדע:

— אַלע נאָך מיר!

מיר האָבן זיך־איבערגעקוקט: „אַ פיינער קבלת־פּנים״!... מען האָט עס נישט געזאָגט, אָבער דאָס איז געלעגן אין יעדן ווייפּולן בליק. און יעדער איינער איז עפּעס קלענער, איינגעקורטשעטער געוואָרן, ווי דער צער וואָלט, ווי אַ שווערער שטיין געהאַנגען אויף יעדנס האַלדז און אים געצויגן צו דער ערד.

אָבער די קאָמאַנדע האָט מען געפאָלגט. מען איז געגאַנגען. צוליב אַ הייסער באָד, איז מען איצט גרייט געווען אַלץ אַראָפּצושלינגען.

דער דיכטער ק. האָט איצט אויסגעזען גאַרנישט ווי קיין דיכטער, — אַ גענעראַל איז ער! מיט צוויי אַדיוטאַנטן שפּרייזט ער פאָראויס און הינ־טער אים — אַ צעשאָטענע, צעשלאָגענע אַרמיי... דער דיכטער ק. שפּרייזט גיך און גרינג, מיט אויסגערוטע פיס, אויף די טראָטואַרן פון זיין היימ־שטאָט. און מיר — מיר האַלטן זיך־אָן איינער אָן אַנדערן און שטעלן קוים די טריט.

איך גיי און טראַכט, אַז איך וועל מוזן אַריין מיט די סקאַרפּעטן אין אַ וואַננע וואַסער, אַדער אין אַ וואַרעם שעפּל, אַנדערש וועלן זיך די סקאַרפּעטן נישט אָפּווייקן פון די פיס. זיי זענען דורכגעבלוטיקט, צוגע־קלעפּט, איינגעוואַקסן אין רויען פלייש און פאַרדאַרט...

ענדלעך — די באָד...

אונדזער „גענעראַל״ שטעלט זיך אוועק אויף אַ טרעפּל און מעלדעט:

— ווען איך וועל אויסרופן, זאָל צוגיין אַהער. ער וועט באַקומען אַ האַנטוך מיט אַ שטיקל זייף און אַריינגיין אין באָד.

ק. האָט אָנגעהויבן אויסצורופן. יעדער אויסגערופענער האָט זיך געלאָזן מיט שמחה נאָכן האַנטוך מיטן זייף און — אַריין אין באָד אַריין. מיר שטייען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און וואַרטן צו דערהערן אונדזערע נעמען. אָט באַלד — און איך וועל זיך פּליוסקען מיט הייסע שעפּלעך

וואַסער... אַט באַלד — און איך וועל שטיין אונטער אַ הייסן דוש... און אפשר וועט גאָר זיין אַ וואַנגע?!..

נאָר וואָס איז דאָס? ק. איז שטיל געוואָרן. וואָס רופט ער מער נישט אויס? אַט גרייט ער זיך דאָך אוועקצוגיין! — — —

— חבר ק. נו?..

— וואָס, נו? — דרייט ער זיך אויס אַ בייזער.

— נו, און מיר?...

— אי־י־י־י־י־יר? — ווונדערט ער זיך, ווי אויף אַן אומדערהערטער חוצפה — ווער זענט איר?! באַלעבעסלעך פון קליינבירגערלעכן, פאַרשטונקענעם טלאָמאַצקע 13! שונדיסטן פון דער וואַרשעווער געלער פרעסע! איר ווילט עס נאָך אַריינגיין אין אַ סאָוויעטישער באָד? באַקומען אַ מלוכהשן האַנטוך, מיט מלוכהשע שטיקער זייף? — אייער שמוץ איז סיי־ווי נישט אָפּצוואַשן!

די ווערטער זענען געפאַלן אויף אונדז, ווי אַ האָגל פון שטיינער. נישט קיין דיכטער — אַ פּראָקוראָר האָט געריידט צו באַשולדיקטע. אַ ריכטער האָט געלייענט דעם האַרבן אורטייל. עס האָט פאַר אונדז געקלונגען אַלץ איינס ווי: סיביר! קאַטאָרגע! שיסן! הענגען! — — —

איך האָב געטראַכט וועגן מיין שמוץ וואָס איז נישט אָפּצוואַשן: אין וועלכער געלער פּרעסע האָב איך עס געדרוקט שונד? מיט וואָס בין איך עס מער באַלעבעסל פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, דעם „פאַרשטונקענעם“ טלאָמאַצקע 13, פאַרן דיכטער ק., וועלכער איז דאָרטן געווען אַן עלטערער מיטגליד? פאַרוואָס קומט מיר נישט די זעלבע רעכט אריינצוגיין אין דער סאָוויעטישער באָד, מיט אַ מלוכהש שטיקל זייף, ווי ער און אַנדערע? פאַרוואָס? — — —

ווען מיר זענען צו־זיך געקומען און צוריקבאַקומען דאָס לשון, זענען די ערשטע ווערטער, פון איינעם צום אַנדערן, געווען:

— אַט האָבן מיר שוין געהאַט אַ באָד...

— שוין איינמאָל אַ באָד!.. ער האָט עס אונדז אָפּגעפּליוכעט מיט הייסע און קאַלטע שעפלעך וואַסער!..

— איינס איז אָבער קלאָר: מיר מוזן אַוועק פון דאַנען!

— יאָ, מען מוז זיך אָפּטראָגן און וואָס שנעלער.

— אָבער וווּהין?
— אלץ איינס. וווּ די אויגן וועלן טראָגן.
— נאָר אַוועק פון לעמבערג!
— וואָס ווייטער פון דעם דיכטער ק.!
איך האָב פארקויפט מיין גאָלדענע פעדער, זיך געשאַפט אויף א באַן־בילעט און בין אנטלאָפן פון לעמבערג.

ביאַליסטאָק.
איך קום אַראָפ פון וואָקזאַל און בלייב שטיין אויף דער רוישיקער הויפטגאַס, וואָס איז, ווי לעמבערג, פארפלייצט מיט הונדערטער־טויזנטער פליטים.
— וווּהין גייט מען?
עס איז טיפער האַרבסט. ווינטיק, קאַלט און נאַס. נאָך צוויי מעת־לעת שטיין אין אָנגעפּראָפּטן וואַגאָן, נאָך צוויי נעכט נישט שלאָפן און נישט פאַרזוכן קיין גלאָז וואַרעמס, זאַפט־זיך נאָך שאַרפער די פייכטע קעלט אין דיביינער אַריין. איך ציטער מיטן גאַנצן לייב און דער מידער קאָפ הערט נישט אויף איבערצוחזרן די פראַגן:
„וווּהין גייט מען פאָרט?"
„וועמען האָב איך דאָ אין דער שטאָט?"
„וווּ טוט מען זיך אַהין?"
איך דערמאָן זיך יאָ א פּאָר נעמען פון באַקאַנטע, אָבער איך געדענק נישט זייערע אַדרעסן.
— איר זענט נישט אַמאָל פערלאָוו?
איך קוק זיך־אום און דערזע פאַר זיך אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן, גוט געקליידעט, מיט אַ פוטערן היטל אויפן קאָפ, ווי עס טראָגט די סאָוועט־טישע עליטע.
— יאָ, איך בין פערלאָוו.
— איר דערקענט מיך נישט? איך בין זישע באגיש... מיר האָבן זיך שוין אַמאָל ערגעץ געזען...

איך דערמאָן זיך נישט ווו איך זאָל אים האָבן געזען. אָבער קענען קען איך אים. איך האָב אין פאַרשידענע צייטשריפטן, זיינע לידער גע־לייענט. א באַקאַנטער דיכטער.

— ווען זענט איר געקומען, חבר פערלאָוו?

— איך גיי איצט פון דער באַן.

— וווהין?

— כ'ווייס נישט... כ'האָב דאָ קיינעם נישט.

— און קיין געלט, מסתמאָ אויך נישט?..

— ווי איר וואָלט געווען אַ נביא...

— דאַרף מען אייך טאַקע געבן דעם ערשטן הונדערטער...

— אַ הונדערטער?! — בין איך איבערראַשט.

— נעמט דערווייל א הונדערטער — שטאָפּט ער מיר אין האַנט אַריין — שפּעטער וועט איר אַרויפקומען צו מיר אין דער ביוראָ, וועל איך אייך געבן נאָך צוויי...

— חבר באַגיש, אָבער...

— שאַדט נישט... שאַדט נישט... איך גיב עס אייך נישט פון מיין קעשענע. דאָס איז מלוכהש געלט. יעדער שרייבער־פּליט באַקומט די ערשטע הילף. זייט נישט געפאַלן ביי זיך, עס וועט נאָך זיין גוט!... גייט ערגעץ אַריין, וואַרעמט זיך־אָן, עסט עפּעס און שפּעטער זאָלט איר קומען צו מיר. קומט אומבאַדינגט! איך וועל אייך אויך געבן אַן אָרדער אויף אַ בעטל אין דער „אָבשטשעזשיטיע" (צוזאַמענוווינונג), ווו אַלע שרייבער שלאָפן. איך מוזט זיך דאָך אויסרוען, ביז איר וועט קריגן אַ שטיקל צימער... יאָ, און דאָס צעטעלע זאָלט איר ווייזן ביים אַרויפגיין צו מיר. דאָס איז אַ „פּראָפּוסק", אָן דעם וועט מען אייך צו מיר נישט אַרויפלאָזן... פאַרלירט עס נישט.

שטיי איך אַ צעטומלטער, מיטן הונדערטער אין איין האַנט און מיטן „פּראָפּוסק" — אין דער צווייטער און טראַכט:

„אַ דיכטער און אַ דיכטער... ביידע זענען עולה־לגדולה געוואָרן ביי דער ראַטנמאַכט. ביידע זענען האַלבע קאָמיסאַרן. אָבער איינער האָט אָנגע־שריבן גאַנצע הונדערט סאָנעטן און דעם צלם־מענטש פאַרלאָרן (אויב ער האָט אים אַמאָל געהאַט). פאַרטרייבט זיינע קאָלעגן פון דער „מלוכהשער

באַד״, גיט זיי נישט קיין „מלוכהשן האַנטוך מיט קיין מלוכהש שטיקל זייף״... און דער צווייטער, מיט ווינציקער ווי הונדערט סאַנטען, — טרייסט און מוטיקט א חבר, שטאָפּט אים אין האַנט־אַריין אַ מלוכהשן הונדערטער, וועט געבן נאָך.. און אפילו אַן אָרדער אויף א מלוכהש בעטל, אין דער מלוכהשער, ליטעראַרישער „אַבשטשעזשיטיע״ וועט ער געבן!..״

איך בין געזעסן אין אַ ביליקער קיך און געשלונגען אַ הייסע זופּ מיט הייסע טרערן. אַלץ האָט געטייעט אין מיר: די קעלט, דער הונגער, דער עלנט, די פאַרשעמטקייט און דער פּאַרדראָס.

שפּעטער בין איך געגאַנגען צו זישע באַגישן אין דער ביוראָ. אמת, אומהיימלעך איז מיר געוואָרן, ווען ביים אַריינגאַנג האָבן מיך באַוואָפנטע מיליציאָנערן פאַרהאַלטן און קאָנטראָלירט מיין „פּראָפּוסק״. דריי באַוואָפנטע וואַכן בין איך אַדורכגעגאַנגען, דריי שטרענגע קאָנטראָלן, ביז איך בין געקומען צו דער טיר פון דעם יידישן דיכטער... אָבער ביי זישע באַגישן אין קאַבינעט האָב איך זיך געפילט פריי און היימיש, ווי ביי אַ גוטן קאָ־לעגע. ער האָט מיר אַלע צוזאָגן תיכף רעאַליזירט. אָבער ער האָט מיך אויך נישט אָפּגעלאָזן: איך מוז צוזאַמען מיט אים אַ היים גיין עסן אָונט־ברויט... נאָכן אָוונטברויט וועט ער מיר אַליין אַוועקפירן אין דער „אַב־שטשעזשיטיע״ און באַזאָרגן מיר אַ באַקוועמען פּלאַץ.

אין זאַל פון דער ליטעראַרישער „אַבשטשעזשיטיע״ זענען געשטאַ־נען, ענג־צוזאַמענגערוקט, א פּאָר צענדליק בעטן. כמעט אַלע — שוין פאַרנומענע פון אַנגעקומענע שרייבער און זשורנאַליסטן פון וואַרשע און לאָדזש. אייניקע זענען דאָ געווען מיט זייערע פרויען און קינדער.

עס איז נאָך געווען אין די טעג, איידער מען האָט בודק געווען די פּאָליטישע כשרות פון יעדן איינציקן. קיינער איז נאָך נישט געווען זיכער מיט זיך. כאָטש יעדער איינציקער האָט שוין געזוכט זכותים און א כשרן פריינט, וועלכער זאָל זאָגן פאַר אים אַ גוט וואָרט... עס איז געווען נאָך פאַרן גרינדן דעם פאַריין פון „ווייסרוסישע שרייבער״. מען האָט דערווייל אַלעמען רעגיסטרירט און די רשימות — „ערגעץ״ אַוועקגעשיקט. דער־

ווייל האָבן נאָך אַלע געהייסן „שרייבער". געמעגט ליגן דאָ אויף די מלו־כהשע בעטלעך און קריגן אַ טאַלאָן אויף אַן אומזיסטן מיטאָג.

אָט אין די טעג האָט מען זיך נאָך געפרייט מיט יעדן ניי־געקו־מענעם, מיט יעדן גערעטעוועטן פון „דאָרטן". מען האָט זיך געהאַלטן אין איין אויספרעגן און אין איין דערציילן. האַלבע נעכט האָט מען גע־רעדט אויף די גלעגערס.

אָפיציעל האָט נאָך קיין ליטעראַטן־פאַריין נישט עקזיסטירט. אָבער אַ „פאַרוואַלטונג" איז שוין געווען. לויט זייער יחסנותדיקן גאַנג און פון אויבן־אַראָפּיקן בליק אויף אַלע, האָט מען דערקענט, אַז זיי זענען שוין פון „ערגעץ" באַשטימט... דאָס זענען געווען „יונגע" פון דער „לינקער שרייבער־גרופּע", פון וואַרשע, ווילנע און לאָדזש. זיי האָבן געפירט די רעגיסטראַציע, פאַרטיילט בעטלעך און שפּייז־טאַלאָנען. אין זייערע בליקן האָט יעדער איינציקער געפרווט אַרויסלייענען זיין גורל, זיין צוקונפט... דער, וועלכער האָט זיך דערפילט נישט זיכער, איז געוואָרן נידעריקער פון גראָז און שטילער פון וואַסער. ווי אַ שאָטן האָט ער זיך געשאַרט ביי די ווענט, נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן אַריין. אַ סך האָבן געזוכט וווהין צו אַנטרינען. מען איז ווידער געלאָפן: קיין ווילנע, קיין קאָוונע, צוריק קיין לעמבערג...

איך האָב אויף זיך קיין ספּעציעלע שולד נישט געפילט, בין איך געבליבן.

צווישן די מיוחסים איז אויך געווען דער וואַרשעווער פאַרלעגער מ. ר. וועלכער האָט געוווינט אין אָטוואָצק. אין וואַרשע איז ער געווען אַ גוטער ברודער, אַ פריינטלעכער, אַ געמיטלעכער, מיט הומאָר, מיט וויץ. איז מיר טאַקע באַזונדערס גרינג געוואָרן אויפן האַרצן, זעענדיק אים אין דער אָנפירונג. מ. ר. איז אַ סאָלידער מענטש, אַן ערלעכער, מיט פאַרשטענדעניש און באַציונג.

יענעם דינסטיק אינדערפרי (איך וועל יענעם דינסטיק אינדערפרי נישט פאַרגעסן) האָט אונדז פריינט מ. ר. געפירט אין אַ מלוכהשער שפּייז־קראָם נאָך אַ „פּאַיאָק" (צוטיילונג). צוליב דער גרויסער צאָל מיטגלידער האָט מען אונדז איינגעטיילט אין דריי פּאַרטיעס. איך בין צופעליק אַריינגע־פאַלן אין דער רשימה פון דער ערשטער פאַרטיע. מיר גייען נאָך פּראָדוקטן.

יעדערער האָט מיטגענומען אַ פלאַש אויף בוימל, אַ סלאָיִקל אויף מאַר־מעלאַד און זעקעלעך אויף צוקער און קאַשע.

און ווי דער דיכטער ק. וועלכער האָט אונדז אין לעמבערג געפירט אין באָד אַריין, אַזוי האָט איצט דער פאַרלעגער מ. ר. געשפּאַנט פאָרויס מיט אַ גענעראַלסקן גאַנג. הינטער אים האָט זיך געשאָטן די ליטעראַרישע אַרמיי, באַוואָפנט מיט פלעשער, סלאָיִקעס, טאָרבעלעך, זעקעלעך און אַנד. כלים. מיר גייען דורך דער הויפטגאַס סאָוויעטסקאַיאַ (פריִער: פּילסודס־קעגאָ), וואָס איז פאַרפלייצט פון רויטאַרמייער, אָפיצירן, קאָמיסאַרן ,נ. ק. וו. ד.־לייט און פּליטים. מיר שניידן זיך אַדורך אונדזער וועג צו דער מלוכהשער שפּייז־קראָם.

פּלוצלונג בלייבט מ. ר. שטיין. ער קערט זיך־אום און קוקט אויף דער גאַנצער גרופּע, ווי ער וואָלט געציילט, וויפל מענטשן ער פירט און צי פעלט נישט עמיצער צו דער צאָל.

זיין בליק פאַלט אויף מיר:

— און איר וואָס טוט דאָ?

— וואָס הייסט „וואָס"? דאָס וואָס אַלע...

איך זאָג עס מיט אַ שמייכל, אָבער אין האַרצן סירענעוועט שוין אַ טרעוואָגע. מיין עמפּינדלעכער באַראָמעטער זאָגט מיר־אָן אַ שטורעם.

— נישט קיין צייט געהאַט מיט דער לעצטער גרופּע צו גיין? איר שטופּט זיך אויך צווישן די ערשטע?

— נישט איך האָב זיך געשטופּט, נאָר איר האָט דאָך מיר גערופן... אָבער חבר מ. ר. וואָס איז דען? וואָס איז דען געשען?

— איר פרעגט נאָך?! — רופט ער אויס הויך אויפן קול, אַז מענטשן האָבן זיך אָזש אָפּגעשטעלט הערן — דערמאָנט־זיך וואָס איר האָט געזאָגט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַריין, ווען עס זענען אין מאָסקווע פאָרגע־קומען די פּראָצעסן קעגן זינאָוויעוו־קאַמעניעוו!..

— איך דערמאָן זיך גאָרנישט. וואָס האָב איך דען געזאָגט?

— איר האָט געזאָגט, אַז סטאַלין איז איוואַן גראָזני!!!

נישט מער און נישט ווינציקער...

אַ געבראַזג פון גלאָז האָט מיך צו־זיך געבראַכט. מיין פלאַש מיטן סלאָיִק זענען דאָס מיר פון די הענט אַרויסגעפאַלן און זיך צעשפּריצט

אויף פּיק־פּיצלעך. מ. ר. מיט דער שרייבער־גרופּע זענען שוין נישט געווען. דערקענען זענען געשטאַנען אַרום מיר צענדליקער פרעמדע, ניי־געריקע מענטשן. פינצטער איז מיר אין די אויגן. די קני ציטערן. עס האַמערט דאָס האַרץ, עס האַמערן די שלייפן. די שלייפן האַקן מיט אַ ווילדן טעמפּאָ, ווי די רעדער פון אַ שנעל־צוג. די רעדער דרייען זיך אויף פּאַר מיינע אויגן. איך זע זיך שוין אין אַן עשאַלאָן, וואָס איילט קיין סיביר, צו די ווייסע בערן — — — .

— וואָס שטייט איר, חבר פּערלאָוו?

איך דערזע פאר זיך א צווייטן פארלעגער פון ווארשע. איך וויל אים דערציילן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. די צונג פּלאָנטערט־זיך, איך שטאַמל.

— איך ווייס... איך האָב דאָך געהערט... געשטאַנען דערביי...

— איך האָב קיינמאָל אַזוי נישט געזאָגט! עס איז אַ ליגן!

— און אַפילו ווען ס׳איז אמת? איז איצט די צייט?... איז דאָ דאָס אָרט?..

— וואָס האָט ער צו מיר? פאַרוואָס האָט ער עס געטון?

— איך דערקען נישט דעם מענטשן... איך אַליין מייד אים שוין אויס... איך וואָלט עס אייך אויך געראָטן... און אַלע איבעריקע. קומט, מיר וועלן בעסער עפּעס אויסטרינקען...

מיינע פיס זענען געווען ווי געליימטע. איך האָב זיי נישט געקענט אָפּרייסן פון אָרט.

וואָס איז געוואָרן מיט די צוויי, מיט דעם דיכטער און מיט דעם פאַר־לעגער? — אַזוי גיך ווי זיי זענען עולה־לגדולה געוואָרן, אַזוי גיך איז געקומען זייער ירידה. דאָס איז דאָך פאָרגעקומען אין דעם לאַנד פון כסדרדיקן עולים־ויורדים... אָבער צו־הויך איז געווען זייער שטייגן און צו־טיף — זייער זינקען.

דעם דיכטער ק., וועלכער האָט אַ סך שפיכת־דמים פון קאָלעגן אויף זיין געוויסן, האָט מען שפּעטער געזען אין זיין אייגענעם לעמבערג, קערן דעם שניי פון די גאַסן און האקן דעם אייז... און כאָטש דאָס זענען געווען סאָוויעטישע גאַסן, סאָוויעטישער שניי און סאָוויעטישער אייז, איז ער גע־

וואָרן פאַרביטערט און אַנטוישט אין דער ראַטנמאַכט. ווען די לעצטע איז אָפּגעטראָטן פון לעמבערג — איז ער נישט מיטגעלאָפן. ער איז שוין בעסער געבליבן ביים דייטש.

דער פאַרלעגער מ. ר. האָט זיך יאָ עוואקויִרט מיט דער רויטער אַרמיי. ער איז אָבער אין וועג אַרעסטירט געוואָרן אַלס יאַפּאַנישער שפּיאָן.

ווי קומט דער אָטוואָצקער ייִדישער פאַרלעגער צו זיין א שפּיאָן פאַר דער ווייטער יאַפּאָניע?

אַ קלאַנג האָב איך געהערט, אַז: ביי מ. ר., דעם ליידנשאַפטלעכן זאַמלער פון געשטעמפּלטע פּאָסטמאַרקן, זאָל מען בעת אַ רעוויזיע האָבן געפונען אַ יאַפּאָנישע פּאָסטמאַרקע...

איך וויל נישט שטאַרבן!

ערב יום־כּפּור. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, איז אַוועק אין שול צו כּל־נדרי אויסצובעטן זיך אַ גוט יאָר. פאַרלאָזן און פּוסט איז איצט דער יפוער ים־ברעג, ווי אַן אומבאַוווינטער אינדזל. בלויז איינאיינציקער שאָטן טונקלט ביים ברעג, ווי פון אַ שיף־ברוך אַ געראַטעוועטער און פון ים אַן אַרויסגעשפּיגענער. ביים זון־פאַרגאַנג ווערט נאָך דער שאָטן שלאַנקער, עלנטער און קאָנוווּלסיוועך. דער ווינט רייסט זיינע פּאָלעס, די כוואַליעס רוישן צעבייזערט. אָבער דער איינזאַמער מאַן איז פאַרטון אין זיך. ער הערט נאָר די שטים וואָס קומט פון זיינע פאַרקראַמפטע אינגעווייזן. ער הערט ווי עס קלאָגט זיין געמיט.

ווער איז עס, דער איינזאַמער מאַן? און וואָס טוט ער דאָ, ביים פאַרלאָזטן ים־ברעג?

דאָס איז דער דיכטער ישראל ווײַמוט. אין דער נאַכט פון כּל־נדרי וויל ער אויך תפילה זאָגן און ווייסט נישט, צו וועמען: אַלע געטער זענען טויב געווען צו זיין ווײ־געשריי, שטום און געליימט — צו זיין בראָך און שאַנד. נאָר דאַן, ווען ער האָט זיך שוין אומקום געבעטן, האָבן זיי געשפּאָט פון אים און אים דווקא געראַטעוועט פון אַלע וועלט־קאַטאַסטראָפעס. איצט ווערגט ער זיך מיט זיך אַליין, ווי ער וואָלט ביי זיך אין האַלדז אַ ביין געווען. אָט זעט: זיינע הענט פלאַטערן פיבערדיק אויף, ווי מידע פליגל. מיט די שמאָלע דלאָניעס און לענגלעך־דינע פינגער פאַרשטעלט ער זיך דאָס פּנים, ווי זיין מאַמע פלעגט עס טאָן בעת ליכט־צינדן. און ווי ביי זיין מאַמען, בעת ליכט־צינדן, צעצוקן זיך זיינע שמאָלע

אַקסל. דער ווינט האַלט אײַן זײַן אָטעם. די כוואַליעס פאַרשלינגען זייער אייגענעם גערויש: ישראל ווײמוט קלאָגט, ווי אַ דין פידעלע וואָלט געכליפּעט.

*
**

— — — — ווי אַ קינד, וואָס איז אין פאַרניכטונגס־לאַגער געבוירן, כדי בלויז צו דערזען די „ליכטיקע" וועלט און, אַנשטאָט צו דערפילן דעם זיסן טעם פון מוטער־מילך, איז עס באַשערט צו זויגן דעם „ציקלאָן"־גיפט און פאַרגיין אין קרעמאַטאָריע־פלאַמען, — אַזוי בין איך צו דער יידישער ליטעראַטור געקומען אין טרעוואָגע־צייט פון אונטערגאַנג.

אַלע גלעקער קלינגען צו מײַן לוויה, כאָטש איך לעב נאָך. אַ גרויסאַרטיקע לוויה גרייט מען מיר, ווען איך זשיפּע נאָך. דאָס טוען שונאים און דאָס טוען פריינט, די נאָענטסטע פון דער משפּחה. ביי יידן האָט זיך קיין מאָל נישט געפירט, אַז מען זאָל אַ געפערלעך קראַנקן זאָגן „דו שטאַרבסט". פאַרקערט, מען האָט אים געטרייסט — „דער קריזיס וועט אַריבער, וועסט געזונט ווערן"... אַפילו ווען מען האָט שטאַרק געצווייפלט אין די רייד. און אויף מיר פאַלן היינט בליקן פון שטוינונג און פאַרדרוס: זע, ער לעבט דאָך נאָך! די לוויה איז דאָך שוין גרייט, די באַגרעבער וואַרטן!

און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך בין אַזוי מסוכן קראַנק. פאַרקערט: אויף מײַנע שמאָלע אַקסל, אויף די מידע, געבויגענע פּלייצעס, האָב איך דערפילט אַ זיסן יאָך. אַ יאָך אַ לעבעדיקער, וואָס רופט און מאָנט: „גיב אַ תּיקון!" — נאָר קוים האָב איך זיך צום שרייב־טיש געזעצט און די פעדער איינגעטונקען, אַזוי האָבן זיך אַריינגעריסן אין מײַן צימער די גלאָקן־קלאַנגען צו מײַן לוויה: „בים־באָם! אונטערגאַנג!" — — —

דאָס בלוט אין מיר האָט זיך צעיאָגט און צעבלעזלט, ווי אייז־קאַלטע זאָדע־וואַסער.

— איך וויל נישט שטאַרבן! איך וויל נישט אונטערגיין! רופט־אָפּ מײַן לוויה!

— בים־באָם! אונטערגאַנג! — — —

— גורל מיינער! צוליב וואָס האָסטו מיך אַרויסגעפּירט אַ געזונטן פון קאַלט־איווון? וואָס איז געווען דער זין פון מיין זיין? וואָס און צו וועמען — מיין שליחות?

די גלאָקן קלינגען:

— בים־באָם! — — —

די באַגרעבער ענטפערן:

— אונטערגאַנג! — — — — —

***

„היט מיך, גאָט, פאַר מיינע גוטע פריינט! פאַר די שונאים וועל איך זיך שוין אַליין היטן“... די שונאים — איך פאַרשטיי זייער מיין, איך ווייס וואָס זיי ווילן, אָבער די גוטע פריינט, די נאָענטסטע פון דער משפחה??? —

איינער לייגט־צו זיין אויער צו דער מדבר־פוסטקייט פון יידישן לעבן און הערט אַן עכאָ: פאַר־פאַ־לן!

אַ צווייטער, ווי אַ הייזעריקער חזן אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, ערב די ימים־נוראים, נעמט זיך אַ קאַמערטאָן און שטעלט פעסט, אַז עפּעס איז מיטן קאַמערטאָן נישט דאָסיק...

און דער ליבער, האַרציקער דוד איינהאָרן, וועמענס צאַרטע לידער עס האָבן מיר אינספּירירט און כ׳קען זיי אין צענדליקער אויסנווייניק, זאָגט: „איך גלויב שוין לאַנג נישט אין דער צוקונפט פון דער יידישער שפּראַך און קולטור“. און ווייל דוד איינהאָרן זאָגט עס, טוט עס נאָך מער וויי. עס נעמט מיך אַרום יענער ציטער, ווי דאַן, ווען עס איז ביי אים געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל דאַווענען אין שול. און נאָכמער שוידער איך אויף פון זיין עצה: אונדזער ירושה, צוזאַמען מיט די „כשוף־גערטנער פון יידישער פּאָעזיע“ אַריינ־צוגיסן אין „פילשפּראַכיקן אוצר“, איבערזעצן אויף ענגליש און דערמיט לאָזן די נשמה פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום ווייטער לעבן!“...

אויך שלום אַש אין זיין „קינה“ זאָגט דאָס זעלבע:

„ווו זאָל איך זיך באַהאַלטן, ווען נישט אין זייער אייגן בלוט? איך מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין קוועקזילבער און איינגעזאַפּט ווערן אין זייער פלייש. די וועלט באַדאַרף מיך: עס פעלט אין גויִשן בלוט דאָס זאַלץ, וואָס איך בין".

און ווייל דעם גויִשן בלוט פעלט זאַלץ און טעם און ווייל די גויִישע קולטורן פעלט דער טעם און דער זאַלץ, וואָס איך בין, דערפאַר דאַרף איך זיך פאַרוואַנדלען אין קוועקזילבער און איינגעזאַפּט ווערן אין זייער פלייש? קיין אַנדער זין פאַר מיין אייגן עקזיסטענץ איז נישטאָ? און מיט דעם כּוח פון מיר, דעם זאַלץ, זאָלן די אַנטיסעמיטן באַשפּייען מיין שארית־האומה? שעכטן מיין פרוי און מיין קינד?

האָט דען נישט דער ים־המלח דאָס רעכט צו עקזיסטירן באַזונדער מיט זיין געזאַלצנקייט און מיט זיינע אייגענע מינעראַלע ווערטן? מוז ער זיך מיט זיינע רייכטימער און אייגנאַרטיקייט צונויפגיסן מיט אַלע ימען און טייכן? מיט בלאָטעס, זומפּן און שמוציקע ריטשקעס, כּדי זיי צו געבן זאַלץ און טעם? — אַז אויסגעטריקנט זאָל שוין בעסער דער ים ווערן, אויב קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ!

איך וויל זיך נישט איבערגיסן. איך וויל אין גאַרנישט מגולגל ווערן! איך ווייס נישט אין וואָס מיר וועט באַשערט זיין מגולגל צו ווערן. אָבער מיר קען דאָך, פון פאָרויס, נישט ליב און טייער זיין מיין גלגול פון שפּעטער! מיר איז ליב און אייגן נאָר מיין איצטיק געשטאַלט.

יאָ, דער ליבער דוד איינהאָרן האָט געפונען נאָך אַ רפואה. די לעצטע קאָנפער־איינשפּריצונג: רעליגיע! דער רעליגיעזער (נישט דער נאַציאָ־נאַלער) כּוח האָט עס איינגעהיטן אונדזער עקזיסטענץ אין משך פון איבער דריי טויזנט יאָר.

זאָל איך ווידער פּרוּוון בעטן גאָט, אין מיין נויט? — די תּפילות פון זעקס מיליאָן האָט ער נישט געהערט און זייער פיזישע אויסראָטונג דערלאָזן. וועט ער איצט דערהערן מיין געבעט און נישט דערלאָזן מיין שפּראַך־ און קולטור־אונטערגאַנג?

און די רעליגיע אַליין גייט דען נישט אונטער? ווערט זי דען נישט פאַרביטן מיט שוואַרץ־רויטער געצנדינערייִ? זעט איר דען נישט די רע־ליגיעזע רעשטלעך, וואָס הענגען על כּלי מה? וועלכע קלאַמערן זיך אָן

גאַרנישט? וואָס פאַר אַ פּראָצענט איז דאָס הייפעלע רעליגיעזע אין אונ־דזער פאָלק? זעט איר דען נישט די טויזנטער ייִדן מיט בערד, פאַרמלחמה־דיקע בית־מדרש־ייִדן, וועלכע דאַוונען היינט שוין נישט מער?... זאָל איך אָנהענגען מיין עקזיסטענץ אין די לעצטע פּאָר ישיבות! וואָס זייער אייגענע נעבעכדיקע עקזיסטענץ, די דערווייליקע, פון זעלבן ערב־אונטער־גאַנג, הענגט אָפּ אָן געשנאָרעטע סענטן?

איך האָב געלייענט ב. שעפּנערס פּעליעטאָן וועגן דעם, אַז ייִדן אין אַמעריקע ווייסן נישט, אַז זיי ווייסן נישט אַ סך זאַכן, וואָס זיי האָבן געמעגט וויסן... איז צי ווייסט איר טאַקע נישט און צי מיינט איר, אַז אין יוראָפּ זענען נאָך דאָ וועלטן פון חסידים און מתנגדים? פון רביים און רבנים? אייערע אינקאַסענטן, בוכהאַלטערן און קאַסירער (פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און סאָסיעטעס) דאַרפן דאָך עס וויסן: מען בעט היינט ביי אייך אַ סך פאַר אַ נייעם דאַך אויף אַן אַלטן בית־מדרש? פאַר אַ כשרער מקווה?... די ייִדישע שפּראַך און קולטור, אַלס זיילן פון ייִדישן לעבן, פאַרלייקנט איר, פריינט איינהאָרן. נאָר אָט דעם אונטערגעפוילטן קלאָץ פון רעליגיע, האַלט איר פאַר דעם איינציקן פונדאַמענטאַלן אָנ־שפּאַר?

און געטראָפן האָב איך רעליגיעזע ייִדן אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן און פון פאַרשיידענע וועלט־טיילן. רעליגיעזע ייִדן אָן שפּראַך און אָן קולטור. איך האָב געטראָפן בוכאַרער, תימנער, קאַווקאַזער, אַביסיניער, מאַדזשאַרן, פּערסיאַנער און פיל, פיל אַנדערע. מיט פאַרשיידענע זיטן און מנהגים. מיר האָבן זיך נישט געקענט צוזאַמענריידן און פאַרשטיין (אַפילו אין דער רעליגיע זענען דאָ אונטערשיידן). פאַרפרעמדטע זענען מיר, ווי דער בוים מיטן פאַרטריקנטן צווייגל זיינעם, וואָס איז פון אַן אַמאָליקן שטורעם אָפּגעבראָכן געוואָרן...

אמת: רעליגיעזע ייִדן פון פּוילן רעדן ייִדיש. אפשר אין אַמעריקאַ־נער ישיבות אויך. אין ירושלים אויך. אין ירושלים האָב איך געטראָפן ייִדן, שוין עטלעכע דורות ירושלימער תושבים, איבער דריי הונדערט יאָר ירושלימער איינגעזעסענע. זיי רעדן אַ ליטווישן ייִדיש, אַ זאַפטיקן, אַ געשמאַקן. זיי ווייסן וועגן פּיפּערנאָטער, עקדיש און פאַרשלאָסענעם טראַכט. אָבער לייענען אַ ייִדישע צייטונג, אַ ייִדיש בוך, קענען זיי נישט און ווילן

נישט! זיי ווייסן אַלץ וואָס איז געווען ביזן חורבן בית שני און אַ ביסל וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך איצט אין לאַנד פון ישראל. נישט מער. אַפילו די שילער דאָ, אין אַלע שולן פון גאַנצן לאַנד, וועלכע לערנען תנ״ך, וואָס ווייסן זיי וועגן אונדזערע צוויי טויזנט יאָר יידישן גלות־לעבן?

יאָ, דער תנ״ך האָט איינגעהיטן דעם העברעיִש. אָבער נישט נאָר דער תנ״ך: יידיש האָט איינגעהיטן דעם העברעיִש. ער האָט אים געוואָרעמט און געצערטלט און געפלעגט מיט יידישע זאַפטן. און דאָס האָבן געטאָן נישט נאָר ישיבה־בחורים מיט פאות, נאָר אויך מיידלעך פון „בונד״, די גאַנצע יידישע אַרבעטער־יוגנט, די פאָלקס־מאַסן. יידיש איז געווען די מחיצה פאַר דער אַסימילאַציע, צו וועלכער איר רופט איצט. צווישן לשון קודש און לע״ז (פרעמדע שפּראַכן).

תנ״ך איז אַ פונדאַמענט. נאָר מוז זיך דער תנ״ך ענדיקן דאָרטן, ווו ער האָט זיך געענדיקט? פאַרוואָס זאָל מען דעם פונדאַמענט נישט אויסברייטערן? פאַרוואָס זעצט מען נישט פאָר דעם תנ״ך מיט צוויי טויזנט יאָר גלות־לעבן? ביזן אונטערגאַנג פון אייראָפּעיִשן יידנטום, ביזן אַנט־שטיין פון ישראל? און טאַקע אויף דער שפּראַך פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום! און לאָזט די נשמה פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום ווייטער לעבן, נישט אין פרעמד־שפּראַכיקן אוצר, נאָר אין אייגענעם, יידישן תנ״ך! האָט יאָ דער תנ״ך דעם כוח אויפצוהאַלטן טויזנטער יאָרן אַ פאַרלאָזענע שפּראַך, איז דאָך דאָס די אמתע רפואה פאַר אונדז. לאָמיר שאַפן אונדזער יידישן תנ״ך! און זאָל דער תנ״ך ווייטערדיקע טויזנטער יאָרן אויפהאַלטן יידיש!

און לאָמיר ווייטער באַאַרבעטן און אָפּהיטן אונדזער אייגענעם ווייַנ־גאָרטן, דעם „אייגענעם כשוף־גאָרטן פון פּאָעזיע״ און צונויפזאַמלען און אַרייַנברענגען אין אים די יידישע שיינקייטן, צעוואָרפענע איבער פרעמדע פעלדער. דאָס איז דאָך גלייכער, ווי אויסליפערן אים צו די גויִשע שכנים.

***

די סיבה פון אונטערגיין, זאָגט מען מיר, ליגט אין פאָלק גופא. די שולד ליגט אין שעפּסעלע אַליין, וואָס מען מאַכט דערפון אַ שעיר־

לעזאָזל. דאָס מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדנטום איז מסתמא אַלײן שולדיק געווען, וואָס מען האָט עס פיזיש אױסגעראָטן. און דאָס ייִדיש פאָלק איז איצט שולדיק אין אונטערגאַנג פון זײן שפּראַך און קולטור. די ייִדן אין רוסלאַנד זענען עס אַוודאי שולדיק געווען, וואָס מען האָט זײ אַ פערטל יאָרהונדערט געשפּײזט מיט אַ כּי־לעולם־חסדו־פּאָעזיע, מיט על־חטא־שחטאנו־לידער, מיט אַן אבינו־מלכּנו־פּראָזע און מיט אַ חד־גדיא־קולטור... (אַ ליטעראַטור פון אַ נײַער רעליגיע). די רוסיִשע ייִדן זענען אַוודאי שולדיק, וואָס מען האָט זײערע שולן, רעדאַקציעס, פאַרלאַגן און ביבליאָטעקן פאַרמאַכט און וואָס מען האָט זײערע שריפטשטעלער און שױשפּילער (זײ זענען אַ קאָפּעטשקע קראַנק געוואָרן, נעבעך) אַוועקגעשיקט ערגעץ אין אַ „סאַנאַטאָריע" אױף אַן אומבאַשטימטן טערמין... די ייִדן פון ישראל און די הונדערטער טױזנטער נײַ־אײַנגעוואַנדערטע זענען אַוודאי שולדיק אין דעם, וואָס מען דערלױבט זײ נישט צו האָבן קײן ייִדישן טעאַטער, קײן ייִדישע טאָג־צײַטונג, קײן ייִדישן בוך־פאַרלאַג און זענען דאָ טױב און שטום און ראַטעווען זיך דאָ מיט אַ דײַטשער צײַטונג, כּדי נישט אין גאַנצן פאַרפינצטערט צו ווערן?

נײן. נישט דאָס פאָלק איז שולדיק, נאָר אונדזערע מנהיגים! אָדער דאָס, וואָס עס איז געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפילה און ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל דאַווענען אין שול. קעגן פּאָליצײַיִשע רעזשימען, קעגן מלכות־גזירות און מיליטער, קענען מיר נישט קעמפן. אָבער אין דעמאָקראַטישע לענדער, ווו ס׳איז נאָך דאָ פרײַהײט פון וואָרט, איז אַ פאַרברעכן צו שלאָגן אַלײן אין די גלאָקן פון אונטערגאַנג! דאָס פאַרלײקענען זיך אַלײן און דאָס כּסרדיקע זאָגן ווידוי. ווען מען באַגײסטערט עס און ווען מען רײסט עס מיט?

מען האָט זיך געשראָקן פאַר אַסימילאַציע. נאָר נישט דאָס איז געווען אונדזער אומגליק. דאָס אױסשלאַכטן פון טלאָמאַצקע 13 איז מער אומגליק, ווי די גרעסטע מאַסן־אַסימילאַציע! דער אומגליק איז, וואָס דער „אונטערגאַנגס"־יאָמער האָט געבראַכט דערצו, אַז אין משך פון די לעצטע צען יאָר איז נישט צוגעקומען קײן אײן שרײַבער צו אונדזער ליטעראַטור און קײן אײן שױשפּילער צו אונדזער טעאַטער. קײן אײן נײַער נאָמען נישט! דער ייִנגסטער איז אַן אָנפאַנגער פון פאַר דער

מלחמה. די „אונטערגאַנג־מעלאָדיע״ האָט יעדן טאַלענטירטן נאָכוווקס (וואָס וויל זיך צעבליִען און נישט אונטערגיין), פאַרטריבן צו דעם „פּיל־שפּראַכיקן אוצר״ און געמאַכט אים פאַרן זאַלץ אין גויִשן בלוט.

שולדיק זענען אונדזערע מנהיגים. די פאַרשטייער פון אונדזער ליטעראַטור און קולטור. ווען אַ י. ל. פּרץ וואָלט היינט געווען, וואָלט ער אייך אַלעמען אַ ריס געטאָן צו אויפגאַנג. איר וואָלט מיטגעריסן געוואָרן און אויך מיטגעריסן מיט זיך די מאַסן. אַ שמשון הגיבור איז היינט נויטיק דער יִדישער ליטעראַטור. אַ בר־כוכבא איז נויטיק אונדזער קולטור. יִדיש דאַרף האָבן אַ פירער!

יִדיש אַליין ראַנגלט זיך קעגן אונטערגאַנג, שטרעקט אויס אַ האַנט נאָך הילף. ענטפערט איר:

— „איך גלויב נישט!

— פאַרפאַלן!

***

ישראל ווײַמוט האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי די פינצטערע יום־כּפּור־נאַכט איז צערונען. אויפן העל־גרינעם ים־פלאַך צעגיסט זיך און צעריזלט זיך אַ פיבערדיקער קוועקזילבער. ניין, נישט קיין קוועקזילבער, נאָר קוועקגאָלד... עס צעפּאַכען זיך די ערשטע ווײַסע פליגל פון די אויפגעוואַכטע מעוועס. נאָר ווײַמוטן, דעם אײַנזאַמען יִדישן דיכטער, דאַכט זיך, אַז דאָס זענען נישט קיין מעוועס, נאָר ווײַסע טויבן, וואָס ברענגען אַ ליכטיקע בשורה...

און די טויבן ווערן ביי אים באַלד אין מלאכים פאַרוואַנדלט. אַ נס איז געשען אין דעם יום־כּפּור־פרימאָרגן: דעם דיכטער ישראל ווײַמוטן האָבן זיך מלאכים באַוויזן... אפשר אין זכות פון דעם, וואָס ער פאַסט?... אמת, ער פאַסט נישט צוליב דעם יום־כּפּור, נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז אַ יִדישער שרייבער... גאַנץ אָפט פאַסט ער אַזוי. און איז אים שווער אַליין צו פאַסטן, העלפט אים מיט זיין משפחה...

ער האָט געהערט דעם פליגל־געראויש איבער זיין קאָפּ, ווי די מלאכים וואָלטן כסדר אַרומגעקרייזט, האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און אַנגסטיק אויסגעשריִען:

— איך וויל נישט שטאַרבן! לעבן וויל איך! עס איז דאָ צו וואָס און פאַר וועמען!

און די מלאכים האָבן אים געענטפערט:

— טרייסט צו דיר, זאָלסט זיין געטרייסט. טרייסט דיין פאָלק, זאָל זיין געטרייסט. עס קומען די צען צדיקים, וואָס צוליב זיי, וועט סדום נישט איבערגעקערט ווערן! — — — — — —

פראַגמענטן פון פרעסע־אָפּרופן וועגן די דערשינענע ביכער פון פאַרלאַג „יידבוך״

✶

וועגן **דר׳ שלמה סיימאָנס** בוך: אַמאַליקע יידן. (דר׳ א. מוקדוני, „מאָרגן זשורנאַל״, ניו־יאָרק, דעם 10טן אויגוסט 1952).

„...שלמה סיימאָן האָט אַן אַריינפיר צו זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״; אויסער צו דערציילן סתם אַ מעשה און איז שיין און רייצט די פאַנטאַזיע, האָט שלמה סיימאָן נאָך אַ כוונה, אַ טאָפּלטע כוונה — ראשית, מיר זאָלן פאַרשטיין ווי אַזוי מיר האָבן געקענט צווישן גויים שאַפן אַן אייגן לעבן און צווייטנס — מיר זאָלן עפּעס לערנען פון זיי, פון די שיינע יידן אין די מעשהלעך.

...אין שלמה סיימאָנס מעשהלעך זענען קיין ניסים נישטאָ, זיי זענען נישט קיין וווּנדער־מעשהלעך, זיי זענען פשוטע מעשהלעך פון פרומע און גוטע יידישע מענטשן.

מיינסטנס זענען די העלדן פון די מעשהלעך פשוטע יידישע מענטשן, פאָלקס־מענטשן, בעלי־מלאכות.

...זיי זענען בלויז פרומע יידן, זיי לעבן און פירן זיך אויף אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן לויט די געבאָטן פון דער יידישער מאָראַל און עטיק.

יעדער קלויבט זיך אַ מצווה און היט זי אָפּ מיט דער גרעסטער מסירת נפש״.

וועגן **פּראָפ׳ ליבמאַן הערשס** בוך: „אויף דער גרענעץ פון צייטן״. (י. באָטאָשאַנסקי אין „די פּרעסע״, בוענאָס איירעס פון 29סטן יולי 1952).

...דאָס בוך, וואָס האָט 300 זייטן און איז זייער שיין אַרויסגעגעבן, האָט אויסער דער הקדמה פינף אָפּטיילונגען וואָס הייסן: „אין נעפּל״, „בונד״, „דאָ און דאָרט״, „אין ליכט פון ציפערן״ און ביילאַגעס.

...מען קען דאָס בוך אויף „דער גרענעץ פון צייטן״ נישט נעמען באַ־

זונדער, מען דאַרף דאָס נעמען ווי אַ טייל פון דעם מחבר, וואָס איז אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג אין אונדזער לעבן, אַ פּראָפעסאָר אין זשענעווער אוניווערזיטעט און אַ פאָלקסטימלעכער ייִד, אַן אָרגאַניש־באַהעפטער צו אונדזער גאַנצן לעבן און צו אונדזערע ביידע לשונות.

...אינטערנאַציאָנאַל באַקענט און ייִדיש־נאַציאָנאַל געשטימט, אַן איי־גענער אין „בונד“ און אַזאַ איינער, וואָס איז מסכים מיט די דאָזיקע „וואָס זענען אין דער ייִדישער מדינה אַ באַזונדער וויכטיקן שוץ־מויער קעגן אַסימילאַציע און וואָס זאָגט: אין גלות מוז מען לייענען העברעיִש (ער גיט צו: און אין ארץ־ישראל האָט איר נישט קיין רעכט צו פאַרגעסן אייער מוטער־שפּראַך ייִדיש“).

...בכלל רעגט דאָס בוך פון פּראָ־פעסאָר הערש אָן צו געדאַנקען און עס איז ווערט געלייענט און שטו־דירט צו ווערן. און אויב ער בייגט אַריבער די רוט פון חסד מער אין זייט פון גלות, ווי פון מדינת יש־ראל, שטעקט אין דעם אויסהערן אַרויסברענגען אַזאַ געדאַנק נישט קיין סכנה פאַר דעם ייִדישן לעבן. עס מוז ביי אונדז אויך אין דעם פּרט איינגעשטעלט ווערן אַ טאָלע־ראַנץ, וואָרום אויב מען טאָלערירט אַזעלכע, וואָס זאָגן אָפּ דעם גאַנצן צדוק הדין נאָך דעם ייִדישן לעבן אין די תפוצות און וואָס זאָגן רבנן קדיש נאָך אַלע צען מיליאָן ייִדן פון דאָרט, איז נישטאָ פאַרוואָס צו אויפהויבן אַ געטומל קעגן איינעם, וואָס איז אַביסל מער גלותיסטיש ווי ציוניסטיש און וואָס זאָגט: „סיי דער ישוב (אין ארץ־ישראל, עס איז געזאָגט געוואָרן איידער עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה) און סיי די תפוצות וועלן קענען דערפילן זייער היסטאָרישע מיסיע פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק און זיין אַנטוויקלונג נאָר דאַן, ווען זיי וועלן באמת פאַרשטיין איינער דעם צווייטן און זיי וועלן נישט זיין אָפּ־געטיילט און אָפּגעפרעמדט צווישן זיך.

...פּראָפעסאָר הערש שרייבט אַ סינטעטישע שפּראַך, וואָס פאַר־מאָגט אי וויסנשאַפטלעכע פּינקט־לעכקייט, אי פאָלקסטימלעכע זאַפ־טיקייט און מען לייענט אים מיט פאַרגעניגן. ער איז אויסער גע־לערנטער אַ טאַלאַנטירטער פּובלי־ציסט.

...עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מיר האָבן אין „אויף דער גרענעץ פון צייטן“ וויכטיקע און וואָגיקע אַרבעטן פון אַ געלערנטן און גע־טרייען ייִדן“.

מ. שענדעריי אין „די אידישע צייטונג", ב' איירעס פון 20סטן יולי 1952.

...דאָס בוך לייענט זיך געשמאַק. עס איז אַ וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צו אַ רייע יידישע פּראָבלעמען, עקספּאָנירט אויף אַ קלאָרן, פּאָפּולערן אופן, צוגענגלעך פאַרן מער־ווייניקער אינטעליגענטן לייענער, אפילו פאַרן סאמע פשוטן „עמך".

...פּראָפעסאָר הערש איז נישט נאָר אַ וויסנשאַפטלער און אַ סאָציאַליסט, נאָר אויך א מאַן פון יושר און דערצו נאָך אַ גוטער ייד; און קאָן ביי אַ געלעגנהייט פילן און אָנערקענען, אַז ער איז געווען אומגערעכט. און דאָס איז גאָר א הויכע מדרגה ——— —.

...דאָס בוך פון פּראָפ. ליבמאַן הערש איז אַדורכגעדרונגען מיט א טיפן געפיל פון אהבת ישראל, און ליבן הייסט פאַרשטיין. דערפאַר דרינגט ער אַרויס פון דער דיסקוסיע אַרום דעם, צי יידן זענען יאָ, אָדער נישט קיין פאָלק, אַז: „מיין איך דעריבער, אַז מיר זענען מער ווי אַנדערע אַ פאָלק. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין, מער אָדער ווייניקער, זענען מיר אָבער אַנדערש אַלס פאָלק".

וועגן ח. ש. קאַזדאַנס: „מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור". (פּ. ביזבערג — „נייע צייט", ב' איירעס, 1950.12.8).

...דאָס אַרויסגעבן ח. ש. קאַזדאַנס מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור איז זייער אַ וויכטיקער אויפטו פון דעם פאַרלאַג „יידבוך", וואָס איז ווערט צו באַגריסן פאַר דער מאַטעריעלער אָנשטרענגונג אַרויסצולאָזן אויפן יידישן ביכער־מאַרק אַ ווערק, וואָס איז זיכער פון די ערשטע פון דעם מין. אונדזער פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור איז נישט צו רייך און נישט צו מעטאָדיש. מ'קען דרייסט זאָגן, אַז קאַזדאַן איז איינער פון די וויכטיקסטע פּאָרגייער אויף דעם געביט און דער באַרופנסטער און באַהאַוונטסטער אויף דער ספּעציאַליטעט.

...„יידבוך" אין ב. איירעס האָט אַרויסגעגעבן קאַזדאַנס לערנבוך מיט צוגאָבן, אַקטואַליזירונגען צוגעפּאַסט צו דערווירקלעכקייט פון די אַמעריקעס.

...דערפאַר איז קאַזדאַנס מעטאָדיק אַ מוסטער, ווי אַזוי מ'דאַרף אָנשרייבן אַזאַ בוך, וואָס כאָטש ס'איז

וויסנשאַפטלעך פּלאַנמעסיק, ציט עס אָבער צו מיט זיין פשטות, אָבער איז בשום אופן נישט פלאַך־פּאָפּולער, נאָר טיף און פאַרשטענדלעך. דאָס בוך לייענט זיך לייכט און מיט פאַרגעניגן און מען ציט תיכף די פּראַקטישע מסקנות פון יעדן קאַפּיטל.

...ס'איז אַ ניי וויכטיק ווערק פון ערשטער מדרגה, און מ'מוז נאָך אַמאָל איבערחזרן: וויסנשאַפט געפּאָרט מיט פשטות, מיט זאַפטיקער שפּראַך, מיט קלאָרע הסברה, דאָס אַלץ איז אַ גורם פון אַ פאַרגעניגן מעין צו זיין און צו לייענען דאָס דאָזיקע בוך. מכל שכן נאָך פאַרן יידישן לערער, פאַר וועמען אַ סך זאַכן וועלן ווערן קלאָרער, צוגענגלעכער, אויסגעלייטערטער; ער, דער יידישער לערער, דער סעמינאַריסט, דער פּראָפעסאָר, פון וועלכער קאַטעגאָריע ער זאָל נישט זיין, איז מחויב צו האָבן פאַר זיך כסדר אויף זיין שרייב־טיש קאַזדאַנס „מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור", וואָס איז אַ גאָר וויכטיק בוך אין אונדזער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור"...

וועגן **טרונקס**: „כעלעמער חכמים". (ש. סוסקאָוויטש אין „דווקא", נומ' 8, יולי־אויגוסט, ב. איירעס, סעפּטעמבער 1951).

„...די כעלעמער חכמים" שטילן אין גאָר אַ גרויסער מאָס אונדזער אינטימען באַגער צו אַנטלויפן פון דער זינדיקער וועלט מיט אַלע אירע חכמהדיקע דערפינדונגען און זיך אומקערן צום קינדערשן „ערגעץ־לאַנד", ווו מען ווייסט נישט וואָס עס איז קלוג און וואָס עס איז נאַריש. דערפון אַזאַ תמימות אין די אַלע כעלעמער אַוואַנטורעס, אַזאַ חן אין זייער „געניאַלע" איינפאַלן.

...טרונק האָט זיך דאָ אַרויסגעהאָלפן מיט דער הבל הבלים־שטימונג וואָס די חורבן־יאָרן האָבן געמוזט איבערלאָזן ביי אַזאַ עמפינדלעכן יידן. דאָס דערלויבט אים צו זאָגן, אַז „כעלם איז דאָס משל פון דער וועלט".

...דאָס זעט מען אויך פון זיין הומאָר, הגם ער איז פאָלקסטימלעך, איז ער דאָך אַדורכגעדרונגען מיט אַ ביטערן סקעפּטיציזם, דאָס איז נישט קיין הומאָר, וואָס שפּראָצט אַרויס פון אַ ברויזנדיקן געזונטן לעבן, נאָר אַ הומאָר, וואָס קומט אַרויס פונעם קרומען שפּיגל, אין וועלכן די געשעענישן ווערן איינגעפּאַסט...

...כעלעמער חכמים איז זייער פּראַכטפול אַרויסגעגעבן. ברענגט זייער טרעפלעכע אילוסטראַציעס פון יחזקאל שלאָס. די צייכענונגען גיבן צו אַ ספּעציעלן חן און פּאַסן זיך זייער גוט אַריין צום אינהאַלט.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פאַרלאַג „יידבוך“, פאַר־וואָס עס קומט אים אַ יישר־כוח“.

אין פאַרלאַג „יידבוך" ביז איצט דערשינען

און פאַראַן אין פאַרקויף:

י. ל. פּרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאַרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום. — לוקסוס־באַנד.

ח. ש. קאַזדאַן — מעטאַדיק פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)

י. י. טרונק (ניו־יאָרק) — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קלוגסטער שטאָט אין דער וועלט).
לוקסוס־אויסגאַבע, מיט קאַריקאַטורן, געצייכנט פון י. שלאָס, ניו־יאָרק. — 300 זייטן.

אַלבום־קאַריקאַטורן —
טיפּן לויט כעלעמער חכמים פון י. י. טרונק. — פּרעכטיקע צייכענונגען. — אַ צירונג אין יעדער יידישער שטוב. — מאָלער יצחק שלאָס.

ד״ר שלמה סיימאָן (ניו־יאָרק) — אַמאָליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה. 190 זייטן.

פּראָפ. ליבמאַן הערש (שווייץ) — אויף דער גרענעץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס, דערשינענע זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. — 304 זייטן, לוקסוס־אויסגאַבע.

יצחק פּערלאָוו (ישראל, יפו) — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת־ישראל. — דערציילונגען פון „נאָכן שטורעם" — פּראַכט־אויסגאַבע. — 352 זייטן.

עס גרייט זיך צום דרוק:

י. י. טרונק — הערשעלע אָסטראָפּאָליער
ד״ר ש. סיימאָן — יידישקייט, וווהין?

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג, זיך ווענדן:
Editorial "I D B U J"
Boulogne Sur Mer 671/75 T. E. 62-9566
Buenos Aires — República Argentina

Este libro se terminó de imprimir el
día veinte de Octubre de 1952, en
los Tall. Gráficos Zlotopioro Hnos.
G a s c ó n 1 2 3 1
Buenos Aires

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיוראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס